STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08318

LEBENSBESHRAYBUNGEN FUN BERIHMTE MENER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבענסבעשרייבונגען

פון

בעריהמטע מענער

א גרויסע זאמלונג ביאגראפיעס פון די גרעסטע מענער פון אלע פעלקער אין אלע צייטען.

באנד IV

וועלטליכע העלדען

ליטעראַרישער פערלאג

256 איסט בראדוויי, ניו־יארק.

1916

אינהאלט:

פיליפ קראנץ. יאזעפוס פלאוויאוס.
זיין לעבען און זיינע שריפטען.

פיליפ קראנץ. בר כוכבא.
און זיין לעצטער אויפשטאנד פון די אידען.

פיליפ קראנץ. דון יצחק אברבנל און זיינע זיהן.
זייער לעבען און טהעטיגקייט און פערבינדונג מיט דער גע־שיכטע פון גלות שפאניען.

מאריס ראזענפעלד. היינריך היינע.
דייטשלאנד'ס גרעסטער ליריקער, זיין לעבען און זיינע שריפ־טען.

פיליפ קראנץ. פאמיליע ראטשילד.
זייער לעבען און פינאנציעלע טהעטיגקייט.

פיליפ קראנץ. מעערבער.
דער אפערא קעניג, זיין לעבען, זיינע אפערן און מוזיקא־לישע אויפטהואונגען.

JEWISH HISTO

לעבענסבעשרייבונגען
פון בעריהמטע מענער.

יאזעפוס פלאוויוס

(יוסף בן מתתיהו)

זיין לעבען און זיינע שריפטען אין
פערבינדונג מיט דער געשיכטע פון
דעם קאמפף צווישען אידען און רוי־
מער און פון צווייטען חורבן ירושלים

פון פיליפ קראנץ.

Copyright, 1905

By The International Library Publishing Co.

יאזעפוס פלאוויוס.

איינלייטונג.

דיא פארטייען אין ארץ ישראל פאר חורבן בית שני.

ווען יוסף בן מתתיהו וואלט געווען אזא גוטער קריעגספיהרער ווי א שרייבער, ווען ער וואלט געהאט אזוי פיעל פאטריאטיזמוס ווי פיעל שכל, אזא בראווע הארץ וויא א שארפען קאפ, וואלט מלכות יהודה פילייכט ניט צושטערט געווארען אין דעם שרעקליכען קאמפף מיט מלכות רומא. אין זיינע אדערן האט אפילו געפלאסען דאס בלוט פון דיא חשמונאים, אבער עס איז שוין געווען פערוואַ־סערט און אויך פערגיפטעט דורך דיא פערדארבענהייט פון דיא קינדער פון יענע העלדען. צו זיין אונגליק און אויך שאנדע און יעדענפאלס צום אונגליק פון אידישען פאלק האט מען איהם גראַ־דע אנפערטרויט צו פערטהיידיגען גאנץ גאלילעא (גליל) געגען דיא אטאקעס פון דיא רוימישע לעגיאנען; אבער, וויא מיר וועלען עס זעהען, האט ער צוטהיילט דיא פאטריאטישע קרעפטע אנשטאט זיי צו פעראייניגען און האט אזוי געהאנדעלט, דאס מען קען איהם רעכענען איינפאך פאר א פערדטהער.

דיא פעסטונגען פון גליל זיינען געווען פון דער גרעסטער וויכ־טיגקייט פאר דיא פערטהיידיגונג פון ירושלים און איבערהויפט פאר גאנץ ארץ ישראל. דיא רוימישע ארמעע האט זיי געמוזט פריהער איינעהמען איידער זיא האט זיך געקענט אריינרייסען אין ארץ יהודה. ווען אזא גענעראל וויא יהודה המכבי וואלט דארט קאמאנדירט, קען זיין, אז טיטוס וואלט גאר קיין מאל ניט צוגעַ־קומען צו ירושלים. עס איז אמת, אז דער קאמפף איז געווען א

אונגלייכער. דיא רוימישע אימפעריע האָט דאן בעהערשט דיא גאנ־צע וועלט ארום דעם מיטעלמעער, און אלע האָבען געציטערט פאר איהרע מעכטיגע לעגיאָנען. ארץ ישראל איז געווען א קליינע פּראָווינ׳ז פון דיזער ריזיגער אימפעריע, און דאָס אידישע פאָלק איז דערצו נאָך גאָר ניט געניט געווען אין פיהרען מלחמות. דאָס איז געווען א קאמפּף פון א ריעז מיט א קארליק, פון א לייב מיט א לעמעלע.

אָבער אין דערגעשיכטע געפינען מיר ניט ווייניג ביישפּיעלען, וויא קליינע און שוואכע פעלקער האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון גרויסע און שטארקע. אין פערגלייך מיט דער שפּאַ־נישער אימפעריע אין 17־טען יאָהרהונדערט איז האָלאנד געווען קלענער וויא ארץ יהודה אין פערגלייך מיט דער רוימישער אימ־פעריע, דאָך האָט האָלאנד געוואונען איהר אונאבהענגיגקייט. אין אונזער צייט האָט עס ניט פיעל געפעהלט, אז דיא הייפעלע בורען זאָלען געווינען דעם קאמפּף מיט דער ריזיגער ענגלישער אימ־פעריע. דיא אידען זעלבסט האָבען שוין איין מאָל געציינט, אז זיי האָבען געקענט פערטהיידיגען זייער לאנד און אָנהאלטען זייער אונאבהענגינגקייט געגען א גרויסען און מעכטיגען שונא. דאָס איז געווען מיט א יאָהר 210 פאר דעם צווייטען חורבן בית המקדש, נאָך א לאנגען און א שרעקליכען קאמפּף מיט דער גריכיש־סירישער מלוכה.

ווען דיא חשמונאים זיינען ארויסגעטראָטען מיט א הייפעלע נאכפאָלגער געגען אנטיוכוס עפּיפאנעס, איז ארץ יהודה געווען שוואכער אין פערגלייך מיט דער גריכיש־סירישער מלוכה וויא אין דער צייט, ווען דער קאמפּף האָט זיך אָנגעפאנגען געגען דעם רוימישען יאָך. אין דיא 200 יאָהר, וואָס זיינען פאָריבער זייט שמעון, דער לעצטער פון דיא 5 העלדישע חשמונאים ברידער, איז אנערקענט געוואָרען אלס אונאבהענגיגער קעניג, ביז דעם אויפ־שטאנד געגען רוים אונטער נירון׳ס הערשאפט איז ארץ ישראל גע־שטיגען אין רייכטהום און מאכט, טראָץ אלע מלחמות, וואָס מען האָט געפיהרט, און טראָץ דיא פערשיעדענע צרות, וואָס מען האָט דורכגעמאכט. דיא בעפעלקערונג האָט זיך שטארק פערמעהרט. אין

גליל, וואו עס האָבען געוואָהנט איבער 3 מיליאָן נפשות, וואָלט מען געקענט ארויסשטעלען ביז 200 טויזענד מאן געגען דיא רוימישע ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון אספּסינוס, ווען נאָר מען וואָלט געהאט א ריכטיגען און ענערגישען אָנפיהרער. מיט אזא ארמעע וואָלט מען געקענט צוקלאפּען און זאָגאר פערניכטען דיא רוימישע לעגיאָנען, וועלכע האָבען אזוי אויך געהאט גרויסע שוועריגקייטען און פערלוסט איידער זיי האָבען בייגעקומען דיא צוטהיילטע און צו־וואָרפענע קרעפטע פון דיא אידען. איידער מען וואָלט געקענט ארויסשיקען פון רוים און פון דיא פּראָווינצען נייע לעגיאָנען, וואָלט פּאָראיבער א לאנגע צייט, און דיא אידען וואָלטען ווידער געקענט אויסהאלטען אטאקעס אין די בערג און טהאָלען פון גליל, וועלכע זיינען וויא געשאפען געוואָרען פיר זעלבסט פערטהיידיגונג. ווען עס וואָלט שליסליך געלינגען א רוימישער ארמעע זיך דורכ־צורייסען דורך גליל, וואָלט זיא צוגעקומען צו ירושלים אין א זעהר אָבגעשוואכטען צושטאנד, און דיא פּאטריאָטישע פּארטיי וואָלט געהאט מעהר צייט זיך צוצוגרייטען צו אן אָפענע שלאכט אָדער צו א בעשיצונג פון דיא פעסטונגען ארום דיא הויפּשטאָט; דאָס גאנצע פאָלק, אפילו דיא יעניגע וואָס האָבען געציטערט פאר דיא רוימישע מאכט, וואָלטען געקראָגען א האָפנונג צו געווינען דעם שווערען קאמפּף. דאָס וואָלט זיכער פערשטארקט דיא פּארטיי פון דיא קנאים (אייפריגע) און פערדאָבעלט דיא ווידערשטאנדס־קראפט פון אידישען פאָלק.

דער פאקט, אז אן ארמעע פון 30 טויזענד מאן אונטער דער קאָמאנדע פון סעסטיוס גאלוס, דעם רוימישען גובערנאטאָר פון סיריען איז בעזיעגט און פערניכטעט געוואָרען פון א גאנץ קליינע צאָהל קנאים, צייגט, אז עס איז נאָך אלעמען גאָר ניט אזוי אונמעג־ליך געוועזען פאר אידען אויסצוהאלטען דיא אטאקעס פון דיא רוי־מישע לעגיאָנען, וויא מען דיינקט עס געוועהנליך.

אָבער דער אונגליק פון דיא אידען איז געווען, וואָס זיי זיינען געווען צוטהיילט אין פיעלע פיינדליכע פּארטייען. ניט טיטוס מיט זיינע לעגיאָנען האָבען צושטערט ירושלים און געמאכט א סוף

פון דער אידישער טעאָקראטישער מלוכה, זאָנדערן דער ביטערער אינערליכער קאמפף, דיא מערקווירדיגע אונאייניגקייט, וועלכע האָט געהערשט אין ירושלים אפילו אונטער דיא אויגען פון דעם מעכטיגען שונא, ווען דער רוימישער גענעראל האָט נאָר געווארט אויף א גינסטיגע געלעגענהייט זיך אריינצורייסען אין שטאָט.

שוין ניט רעכענדיג דיא פארטיי, וואָס איז געווען פאר פריעדען מיט רוים אום יעדען פרייז און וואָס איז מייסטענס בעשטאנען פון אריסטאָקראטען, און אויך אזעלכע, וואָס האָבען געזוכט צו מאכען א פשרה מיט דיא רוימער, זיינען דיא רעוואָלוציאָנערען אָדער פאטריאָטען געווען צוטהיילט וויינינגסטענס אין דריי פארטייען: דיא מעסיגע און דיא פרושים, וועלכע האָבען געשטיצט דעם גרויסען סנהדרין, דיא זאָ־גענאנטע קנאים, וועלכע זיינען מייסטענס געווען פאנאטישע אָנהענגער פון בית שמאי, און דיא ווילדע פאטריאָטען אָדער מעסער־העלדען, וועלכע זיינען בעקאנט אונטער דעם נאָמען סקריקין (פון דעם לאטיינישען וואָרט „סיקא,“ וואָס בעדייטעט א קורצער שפיז).

דיזע פארטייען האָבען אזוי ווייט ניט געקענט שטימען צווישען זיך און וועגען א בעסערע פערטהיידיגונג פון לאנד, אז עס איז געקומען צו א ווילדען בירגער־קריעג מיט געגענזייטיגע אויסשלאכטונגען. אין דער צייט, ווען מען האָט בעדארפט אָנשטרענגען אלע קרעפטע געגען דיא מעכטיגע רוימישע אימפעריע, האָט מען זיך ארומגעשלאָגען אין דיא גאסען און אפילו אין בית המקדש זעלבסט. אין איינע פון דיזע שרעקליכע פארטיי־שלאכטען, ווען די אידומעער (אדומים) זיינען געקומען צו הילפע דיא קנאים, וועלכע זיינען געווען אונטער דער פיהרונג פון יוחנן פון גיסכאלא (גוש חלב) און אליעזר בן שמעון, געגען דיא אָנפיהרערס פון גרויסען סנהדרין, אום זיך אריינצורייסען אין ירושלים און אין בית המקדש, זיינען 8000 אידען אויסגעשלאכטעט געוואָרען. דיא בעזיעגטע אנפיהרערס פון סנהדרין און פיעלע אריסטאָקראטען זיינען בארבאריש היינגעריכטעט געוואָרען. דער האס פון דיא קנאים צו דיא הויפטפיהרערס פון סנהדרין און פון דיא מעסיגע פארטיי איז גע־

ווען אזוי ווילד, דאָס דיא קערפּערס פון אנון און ישוע בן גמלא האָט מען געוואָרפען צו הינט. דיא פיהרערס פון דיא קנאים האָבען ווידער געקעמפּפט צווישען זיך, און געגען זיי אלעמען זיינען ארויסגעטראָטען דיא סקריקין אונטער דער פיהרונג פון דעם פּיי־ערדיגען און העלדישען שמעון בר גוריא, וועלכער האָט געשפּיעלט איינע פון דיא גרעסטע ראָלען אין דעם שרעקליכען קאמפּף מיט דיא רוימער און איז געבליעבען זייער ביטערסטער פיינד ביז זיין לעצטען אָטהעם, ווען זיינע זיעגערס האָבען איהם געבראכט גע־שמידט אין קייטען צו בעצירען דיא טריאומף־פּראָצעסיאָן פון טיטוס אין רוים און האָבען איהם נאָכהער ארונטערגעשליידערט פון טארפּעיער פעלז אלס א קרבן צו זייערע אבגעטער.

אכפּסינוס און זיין זוהן טיטוס האָבען נאטירליך מיט פער־גניגען געקוקט אויף דיזען בירגער־קריעג, וועלכער האָט אָבגע־שוואכט דיא קרעפטע פון דיא אידען. זיי האָבען געווארט, אז דיא פערשיעדענע פּאטריאָטישע פּארטייען: דיא קנאים פון ירושלים אונטער דער פיהרונג פון אליעזר בן שמעון, דיא קנאים פון גליל אונטער דער פיהרונג פון יוחנן פון גיסכאלא, די סקריקין, דיא אנהענגער פון שמעון בר גוריא און דיא אדומים זאָלען זיך איינע דיא אנדערע אויסשלאכטען, אום נאָכהער לייכטער אָדער זאָגאר גאָר אָהן ווידערשטאנד צו פערנעמען ירושלים. אלע צוזאמען האָבען דיזע קריעגס־פּארטייען געצעהלט 24 טויזענד מאן, און יעדערער פון זיי איז פערטיג געווען זיך מקריב צו זיין פיר זייער גאָט און פאטער־לאנד, וויא זיי האָבען עס אויך בעוויזען מיט זעלטענע העלדישקייט, ווען דיא לעצטע שטונדע פון בעלאגערטען ירושלים האָט געשלאָ־גען; אָבער צוזאמען האָבען זיי ניט געקענט האנדלען אפילו, ווען טיטוס האָט שוין צושטערט דיא ערשטע ווענט פון דער הויפּט־שטאָדט. זיי האָבען אויך ניט געהאט אזא פיהרער, וואָס זאָל זיי קענען פערבינדען און אויספיהרען א געמיינשאפטליכע אטאקע אויף דעם מעכטיגען און גוט־אָרגאניזירטען שונא, וועלכער איז קאָ־מאנדירט געווען פון דיא פעהיגסטע און געניטעסטע קריעגס־פיהרער.

דאָ איז ניט דער אָרט צו ערקלערן דיא אורזאכען פון אזא זעלבסטפערניכטענדע אונאייניגקייט, פון אזא בלינדען פארטיי־פאנאטיזמוס — דאָס וואָלט אונז אוועקגעפיהרט גאנץ ווייט פון אונזער ענין, דען מען וואָלט דארפען בעטראכטען דיא געשיכטע פון ארץ ישראל אין דיא פינף הונדערט יאָהר, וואָס דער צווייטער בית המקדש האָט עקזיסטירט. פארבייגעהענדיג וועלען מיר נאָר בעמערקען, אז דיא הויפט־אורזאכע פון אלע אידישע צרות אין דער גאנצער צייט איז געווען, וואָס דער אידישער שטאאט איז געווען א שטרענג טהעאָקראטישער, דאָס הייסט, וואָס ער איז צו ענג פערבונדען געווען מיט דער תורה, מיט דעם בית המקדש און דיא כהנים. דאָס האָט געפיהרט צו דער אויבערמאכט פון כהן־גדול, צו א רעליגיעזע געזעצגעבונג, וועלכע איז אין בעסטען פאל געווען א זעהר בעלעסטיגענדע, און צו אן אָפּזונדערונג פון אלע פעלקער ארום. דער בוכשטאב פון דער תורה, וויא ער איז פארטייטשט געוואָרן פון אלטע צייטען, איז געוואָרן העכער פאר דיא העכסטע און וויכטיגסטע אינטערעסען פון שטאאט. דיא בוכשטעבליכע אָבהיטונג פון שבת איז געוואָרן א קוואל פון אונגליקען אין דער צייט פון מלחמה. ניט איין מאָל זיינען דיא אידען בעזיגט און פער־אונגליקט געוואָרן דורך דעם, וואָס זייערע שונאים האָבען גראדע געזוכט זיי אָנצוגרייפען אום שבת, ווען דיא פאנאטישע אנהענגער פון אלטע מנהגים און פון טרוקענעם בוכשטאב האָבען ניט געוועלט פערטהיידיגען זייער לאנד און פערמעגען, ווען זיי פלעגען זוכען זיך צו בעהאלטען, אום דער שונא זאָל זיי ניט בעפאלען.

דיא חשמונאים האָבען געזוכט אָבצוטהיילען א ביסעלע דיא שטאאטס־אינטערעסען פון דער רעליגיאָן, אום צו האָבען א פרייערע האנד אין דער פערגרעסערונג און פערשטארקונג פון זייער מלוכה; אָבער דאָס איז זיי לײדער ניט געלונגען. זיי האָבען בלויז ארויסגערופען א שארפען קאמפף צווישען דיא צדוקים און פרושים, א קאמפף, וועלכער האָט אָנגעמאכט גרויסע צרות אין לאנד. ניט אכטענדיג אויף דיא פיעלע אונגליקען, וואָס זיי האָ־בען געליטען דורך דיא טעאָקראטישע אָרגאניזאציאָן, ניט אכטענ־

דיג אויף דעם, דאָס זיי האָבען צוליעב דעם זיך אָבגעזונדערט פֿון אַלע פּעלקער ארום, אפילו פון אזעלכע, וואָס האָבען זיך געוועלט מיט זיי פערבינדען, וויא, צום ביישפּיעל, דיא סאמאריטאנער (שמרונים) און אדומים; ניט אכטענדיג אויף דעם האס פֿון אַלע פעלקער צום גאנצען אידישען פאָלק — א האס, וועלכען מען האָט ארויסגערופען נאָר דורך דעם נארישען אתה־בחרנו'ניזמוס — ניט אכטענדיג אויף דעם אַלען, האָבען דיא פרושים און ספּעציעל שמאי'ס בלינדע נאָכפאָלגער געזוכט אַלץ מעהר ארומצוריינגלען דיא אידען מיט זייערע פאַרשריפטען, אז עס זאָל זיין וואָס שווערער אפילו אויפצונעהמען גרים. דיא פערביטערסטע פאנאטיקער פון בית שמאי זיינען עס געווען דיא קנאים, וועלכע האָבען זיך אזוי העלדיש אויסגעצייכענט אין דער פערטהיידיגונג פון ירושלים. זיי זיינען געווען מוטהיגע מענער און פייערדיגע פּאטריאָטען, אָבער זייער פּאטריאָטיזמוס איז געווען מעהר א רעליגיעזער, וויא א פּאָליטישער. דער גאָטעס־דיענסט אין בית המקדש איז געווען העכער און וויכטיגער אין זייערע אויגען וויא דיא אונאבהענגיגקייט פון זייער לאַנד. אין זייער פאנאטיזמוס האָבען זיי ניט געזעהען ווייטער ווי זייער נאָז און האָבען שליסליך ניט נאָר אומזיסט פערגאָסען זייער בלוט, זאָנדערן אויך געבראכט צרות אויף אַלע אידען.

מיט אזעלכע בלינדע פאנאטיקער, וועלכע האָבען ניט געזאָרגט וועגען קיין זאך אויסער דעם בית המקדש און האָבען ניט געוואָלט מאכען אירגענד וועלכע פשרות מיט דיא מעסיגע פּארטייען, האָט מען גאָר ניט געקענט מאכען. זייער בלינדע אמונה האָט זיי אויך געטריבען צו גלויבען אין א נס, ווען עס איז שוין קלאָר געוואָרן, אז ירושלים וועט באלד אריינפאלען אין דיא הענד פון דיא גרויזאמע לעגיאָנען, וועלכע טיטוס האָט צוזאמענגעקליבען אונטער זיין קאָמאנדע.

נאָר א געוויסע צייט האָט זייער פייערדיגער פּאטריאָטיזמוס מיטגעשלעפּט אפילו אזעלכע, וואָס האָבען פון אָנפאנג ניט געגלויבט, דאָס מי וועט עפּעס קענען אויספיהרען אין א קאמפּף מיט רוים. צווישען אזעלכע איז אויך געווען יאָזעפוס פלאוויוס, פאָר

ווענען עס וואָלט פיעל בעסער געווען ער זאָל זיך גאָר ניט אריינ־מישען אין דעם פּארטיי־קאמפּף און ניט אָננעהמען דעם פּאָסט פון א מיליטערישען קאָמאנדיר.

אלס א מיטגליעד פון דער העכסטער אריסטאָקראטיע און אלס א רייכער מאַן, האָט ער געהערט צו דער מעסיגער פּארטיי; נאָר פון דער אנדער זייט האָט ער זיך אָנפאנגס א לאָז געטאָן מיט דעם פּאטריאָטישען שטראָם. ער איז אויך געווען זעהר שטארק צוגע־בונדען צו דער אידישער רעליגיאָן און צום פּאָטערלאנד. דאָס האָט ער בעוויזען, ווען ער האָט זיך ענדליך גענומען צו זיין בעסטע און שארפסטע געוועהר — דיא פעדער. ניט נאָר מיט גרויסע פעהיג־קייט און מיט טאלאנט האָט ער פערטהיידיגט זיינע אונגליקליכע ברידער געגען דיא אטאקעס פון גריכישע און רוימישע שרייבערס — מען קען זאָגען דיא ערשטע אנטיסעמיטישע שרייבערס — זאָנ־דערן אויך מיט א פּאטריאָטישע הארץ, אָבוואָהל אלע אידען האָבען איהם געהאלטען פאר א פעררעטהער און שרעקליך געהאסט.

ער איז קיין מאָל ניט געווען א מאַן מיט פעסטע פּאָליטישע איבערצייגונגען. ער האָט זיך געוואָרפען אהין און אהער. זיין הארץ האָט איהם געצויגען צו דער פּאטריאָטישער פּארטיי, זיין קאָפּ האָט איהם אָבער געפיהרט צום שלום, אז דער קאמפּף מיט רוים וועט נאָר רואינירען זיין פאטערלאנד. דאָס ערקלערט זיינע צווייזייטיגע האנדלונגען אין דער צייט, ווען דער גרויסער סנהדרין האָט בעגאנגען דעם גרויסען פעהלער איהם צו שיקען נאָך גליל אלס קאָמאנדיר; דאָס ערקלערט אויך זיין איבערגאנג אויף דער זייט פון דיא רוימער, ווען מען האָט איהם געפאנגען.

וויא ווייט מען קען איהם בעשולדיגען אין פעררראטה, ווען מיר זעהען, ווען מיר ווענען בעשרייבען זיין טהעטיגקייט אין גליל, הינטער דיא ווענט פון ירושלים און אין רוים. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז ווען ער וואָלט קיין אנטהייל ניט גענומען אין דיא שלאכ־טען מיט רוימער, וואָלט מען איהם ניט געהאלטען פאר א פער־רעטהער, דען פיעלע מיטגליעדער פון דער פרידליכער פּארטיי האָ־בען זיך געפונען אונטער דעם שוץ פון דיא רוימער, ווען ירושלים

איז צושטערט געוואָרן. א סך האָבען געזוכט זיך צו רעטען בע־
ציטענס. ווען דיא קנאים און אנדערע העלדישע קעמפפערס
וואָלטען ניט בעוואכט דיא טויערן פון ירושלים, וואָלטען זיך טויזענדער אָפגעטראָגען און געבעטען גנאדע ביי דיא רוימער.

וויא בעוואוסט, האָט יוחנן בן זכאי, דער גרינדער פון דער ישיבה און סנהדרין אין יבנה, קיין אנדער מיטעל געפונען זיך ארויסצו׳גנב׳ענען פון ירושלים, וויא אין א טרונע, וועלכע זיינע צוויי שילער אליעזר און ישוע האָבען אוועקגעטראָגען גלייך צום רוימישען לאגער, וואו טיטוס האָט איהם זעהר פריינדליך אויפ־
גענומען. ער איז געווען א מיטגליעד פון גרויסען סנהדרין און פון דער פרידליכער פארטיי. דיא רוימישע שפיאָנען אין ירושלים האָבען גאנץ גוט געוואוסט, אז ער איז געווען געגען דיא קריעגס־
פארטיי. און דערפאר האָט איהם טיטוס אזוי גוט אויפגענומען, ווען ער איז אנטלאָפען. קיינער האָט איהם פון דעסטוועגען ניט גערופען פעררעטהער; פארקעהרט, ער ווערט פערעהרט פון אלע אידען אלס א גרויסער תנאי.

עס איז מעגליך, אז יאָזעפוס פלאוויוס וואָלט ניט געקראָגען אזא שענדליכען שם פון א פעררעטהער, ווען ער וואָלט ניט אָנ־
געשריעבען זיין אָטאָביאָגראפיע, אין וועלכער ער האָט זיך ארויס־
געגעבען ערגער וויא ער איז געווען אין דערווירקליכקייט. ער האָט זיך יעדענפאלס גאָר ניט געשאנעוועט און ניט געזוכט צו בעהאלטען דיא פאקטען, וועלכע פערדאמען איהם און ציינען איהם ארוים אין א זעהר דונקעלען ליכט. נאָר דאָס איז ער געצוואונגען געווען צו טאָן, אום צו רעטען זיין קאָפּ פון דער בלוטיגער האנד פון דעם טיראנישען קייזער דאָמיציאן. זיינע פיינדע, ספּעציעל יוסטוס פון טבריה, וועלכער האָט אויך אָנגעשריעבען א געשיכטע פון דער אידיש־רוימישער מלחמה, האָבען איהם פאָרגעשטעלט אלס א פיינד פון רוים, און אזוי וויא ער האָט מורא געהאט, אז דאָמיציאן וועלכער איז געווען דער קייזער נאָך דעם טויט פון זיין ברודער טיטוס, וועט איהם אָן צערעמאָניעס אומברענגען, האָט ער זיך גע־
מאָלען אין זיין לעבענסבעשרייבונג מיט דיא שווארצעסטע פאר־

בען, אום צו צייגען, אז ער איז שטענדיג געווען א געטרייער דינער פון רוים. זיינע האנדלונגען אין גליל האָט ער פאָרגעשטעלט אזוי, אז מען מוז ציהען דעם שלוס, דאָס ער איז געווען א פערר־עטהער פון דעם שענדליכסטען סאָרט.

מיט זיין אָטאָביאָגראפיע האָט ער זיך אליין געשאפען אזא מאָנומענט פון שאנדע, וועלכען ער האָט העכסט וואהרשיינליך ניט פערדיענט, נאָר די אידען מעגען עס איהם פערצייהען, דען מיט זיינע געשיכטליכע שריפטען האָט ער זיי פערשאפט עהרע און געבראכט פיעל נוצען. דורך דיזע שריפטען איז דיא גריכיש־רוימישע וועלט, וועלכע איז געווען זעהר פיינדליך צום אידישען פאָלק, ווייל זיא איז געווען פערנארט און פערפיהרט פון פאלשע בעריכטען און אזעלכע געמיינע סאָפיסטען, וויא דער גריכיש־אלעקסאנדרינער פאסקוויל־שרייבער אפיאָן — ענדליך בעקאנט געוואָרן מיט דעם כאראקטער און דיא שטרבונגען פון אידישען פאָלק.

זיינע פאָליטישע געגנער, דיא אידען, וועלכע האָבען איהם בעשולדיגט אין פערראטה און אויס האס צו איהם אפילו געלייקענט זיין אָפּשטאמונג פון דיא חשמונאים, האָבען איהם געצוואונגען זיך צו נעהמען צו זיין גלענצענדער פעדער, אום זיך צו פערטהיידיגען. זיי האָט זיך געוויס ניט גע'חלום'ט, אז דערמיט האָבען זיי געטאָן א גרויסע טובה אלע אידען און אויך דער גאנצער ציוויליזירטער מענשהייט, דען זיינע שריפטען זיינען דער בעסטער קוואל פאר דיא געשיכטע פון דער אידישער נאציאָן. אָהן זיין „געשיכטע פון אידישע אלטערטהימער" וואָלטען מיר געוואוסט גאנץ ווייניג וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דיא 500 יאָהר פון צווייטען בית המקדש. אין תלמוד זיינען געשיכטליכע פאקטען צוזאמענגעמישט מיט נסים און זייטיגע מעשיות. דיא תנאים מיט זייערע שילער זיינען אזוי פארנומען געווען מיט רעליגיעזע פלפולים, אז זיי האָבען גאָר פערגעסען אָן דיא געשיכטע פון זייער פאָלק. זיי האָבען זיך איבערהויפט גאנץ ווייניג אינטערעסירט מיט וועלטליכע זאכען. עס האָט זיך זאָגאר ניט געפונען איינער צווישען זיי, וואָס זאָל אָנשרייבען א געשיכטע פון דעם קאמפף מיט רוים און פון דיא

צערשטערונג פון ירושלים. דיא עטליכע געשיכטליכע פאקטען, וואָס געפינען זיך אין תלמוד, זיינען אָהן שום צוזאמענהאנג, צו־וואָרפען אין פערבינדונג מיט גאנץ זייטיגע זאכען און צוזאמענגעמישט מיט באָבע־מעשיות.

איבערהויפט קען מען זאָגען, אז ווען ניט דיא אידען, וועלכע האָבען געלערנט דיא גריכישע פילאָזאָפיע און האָבען אויך געקענט שרייבען גריכיש, וואָלט מען יעצט גאנץ ווייניג געוואוסט פון דער אידישער געשיכטע אין אלגעמיינען און בעזונדערס פון דער אידיש־רוימישער מלחמה. דער וויכטיגסטער, פעהיגסטער און געלערנטעסטער פון דיזע געשיכטע־שרייבערס איז געווען יאָזעפוס פלאוויוס, מיט וועמעס לעבען און טהעטיגקייט מיר וועלען דאָ בעקאַנט מאכען דיא אידישע לעזער.

ערשטער קאפיטעל.

יאָזעפוס׳עס אבשטאַמונג און ערשטע ערציהונג. — זיין לעבען צווישען די עססעער. — שטודירט די גריכישע ליטעראטור און פילאָזאָפיע. — אויסגעקליבען אלס שליח צום רוימישען קייזער צו פערטהיידיגען אידען.

יוסף בן מתתיהו, וועלכער איז אין דער וועלט בעקאנט אונטער זיין לאטיינישען נאָמען יאָזעפוס פלאוויוס, איז געבאָרן אין ירושלים אין 37טען יאָהר נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג. זיין פאָטער האָט געהערט צו איינער פון די העכסטע כהן־פאמיליעס און זיין מוטער האָט געשטאמט פון די חשמונאים, נעמליך פון יוהנן׳ס טאָכער. זיין ערשטע ערציהונג איז געווען אן עכט־אידישע נאָך יענער צייט. זיין פאָטער האָט וואהרשיינליך געהערט צו דער פארטיי פון די פרושים. ער האָט יעדענפאלס געזאָרגט, אז זיינע צוויי זיהן, יוסף און מתתיהו, זאָלען גוט קענען די העברעאישע שפראך און די תורה. וועגען יוסף׳ס ברודער ווייס מען גאנץ ווייניג, נאָר דער צוקינפטיגער געשיכטע־שרייבער פון זיין פאָלק האָט זיך נאָך אלס אינגעל אויסגעצייכענט מיט זיינע גלענצענדע פעהיגקייטען און קענטניסע אין אלעס, וואָס מען האָט דאן געלערנט אידישע קינדער.

ער האָט אויך אין דער זעלבער צייט ארויסגעוויזען א זעלטענע זעלבסטשטענדיגקייט אין זיינע געדאנקען און שטרעבונגען, דען צו 16 יאָהר איז ער געוואָרן א שילער פון איינעם פון די בעוואוסטע פיהרערס פון דער מערקווירדיגער סעקטע עססעער (אסיים), וועלכע ער האָט נאכהער בעריהמט געמאכט אין זיינע שריפטען. זיין וואונש צו בעקענען זיך מיט די לעהרען פון אלע סעקטען און פארטייען פון זיין צייט האָט איהם וואהרשיינליך געפיהרט אוועקצוגעהן אין דער ווילדערניס און צו לעבען נאָך די שטרענגע פאָרשריפטען פון די עססעער, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט פון

דער חסידים־סעקטע אין דער צייט פון דעם קאמפף געגען דיא גריבען אונטער דיא חשמונאים און וועלכע האָבען געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער ענטשטעהונג פון קריסטענטהום. דיא אסיים זיינען געוועזן זעהר רעליגיעזע מענשען, וואָס האָבען געלעבט אזוי אָבגעזונדערט פון דער אויסערער וועלט, וויא וויט דאָס איז נאָר מעגליך. אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען האָבען זיי זיך קיין מאָל ניט געמישט. אלע פּאָרשריפטען וועגען שבת און ריינליכקייט האָבען זיי אָפּגעהיט מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט. זיי האָבען געהאלטען פאר א גרויסע עבירה אפילו איבערצושטעלען שבת א כלי פון איין אָרט אויפ'ן אנדערן. דורך אָפטע בעדער און טבילות האָבען זיי געזוכט צודערגרייכען אויך א ריינקייט פון גייסט. זיי האָבען געלעבט אין שטענדיגער פורכט פעראונרייניגט צו ווערן דורך א פערקעהר מיט מענשען, דארום האָבען זיי געזוכט איינזאמע ערטער, מייסטענס היילען אין דער וויסטעניס, וואו זיי האָבען זיך געקענט אָפּהיטען און פיהרען א הייליגען לעבען, וויא זיי האָבען עס פערשטאנען. זייער שפּייז איז געוועזן זעהר אן איינפאכע, אבי נאָר צו דערהאלטען דיא נשמה אין גוף. אין אלגעמיין האָבען זיי ניט געזאָרגט וועגען וועלטליכע זאכען און אויסגעמיידעט קערפּערליכע פערגניגען. דארום האָבען זיי אויך ניט חתונה געהאט.

אין זייערע איינזאמע ערטער פלעגען זיי געוועהנליך זיך פערטיעפען וועגען גאָט און דיא סודות פון דער נאטור, גראדע וויא דיא בודדיסטישע און נאכהער דיא קריסטליכע רעליגיעזע ענטהוזיאסטען. דורך דיזען לעבען זיינען זייערע נערוועז צורודערט געוואָרן און זיי האָבען געליטען פון ספּאזמען און איינבילדונגען. זיי האָבען אויך געגלויבט, אז דורך זייער ריינעם און גאָטספאָרכטיגען לעבען קענען זיי האָבען א מאכט איבער דיא בייזע גייסטער, איבער דיא שדים. דארום האָבען זיך פיעלע פון זיי אָבגעגעבען צו היילען קראנקע דורך אָפּשפּרעכונגען און פעריאָגען שדים. דערביי האָבען זיי זיך אויך בענוצט מיט געוויסע קרייטיכער אלס רפואות. זיי האָבען דארום ביסלעכווייז געקראָגען א שם אלס דאָקטוירים

און דערפון, רעכענט מען, שטאמט עס זייער נאָמען אסיים. זייער אויסגעווערטיגער צייכען איז געווען, וואָס זיי האָבען שטענדיג געטראָגען ווייסע לייווענדענע קליידער, א לאַפּעטקע צו בעשיטען מיט ערד דיא אונרייניגקייטען און א מין פארטוך אום זיך אָפּצוּווישען נאָך זייערע אָפטע טבילות. אום צו זיין געזיכערט געגען אונריינע מענשען, האָבען זיי געלעבט צוזאמען אין געמיינדעס און האָבען געפיהרט א קאָמוניסטישען לעבען און געמאכט געמיינשאפטליכע סעודות.

דיזע אלע פיהרונגען פון דיא אסיים האָבען זעהר פעראינטערעסירט דעם יונגען אריסטאָקראט, וועלכער האָט ארום זיך מייסטענס געזעהען וועלטליכע מענשען, רייכע צדוקים און אויך פערעהרער פון דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאציאָן. ער איז אוועק צו איינע פון זייערע חברות אין דער ווימטענעם הינטער דעם טויטען ים און האָט דאָרט פערבראכט 3 יאָהר, פיהרענדיג א שטרענגען לעבען נאָך דיא פאָרשריפטען פון דיזע רעליגיעזע ענטהוזיאסטען, באָדענדיג זיך טעגליך אין קאלטע וואסער און עסענדיג דיא ווילדע פרוכטען פון דער ערד. דיא גאנצע צייט האָט ער פערבראכט אין לערנען דיא תורה און דעם מיסטיציזמוס (סתרי תורה) פון דער סעקטע. נאָר ענדליך האָט עס איהם דערעסען. ער איז ניט געשאפען געוואָרן צו אן איינזאמען פרוש־לעבען, ער האָט זיך ניט געקענט אין גאנצען אָפּגעבען צו א גייסטיג־רעליגיעזען לעבען; ער איז געווען צו יונג זיך אָפּצוזאָגען פון וועלטליכע פערגניגען און זיך צו בעגראָבען אין דער ווימטענעם, וויא זיינע ענטהוזיאסטישע און פאנאטישע חברים.

עס קען זיין, אז ער האָט זיך ארומגעזעהען, דאָס מיט פייניגען דעם קערפער און אָפטע טבילות רייניגט מען נאָך ניט דיא נשמה און מען פערשטארקט יעדענפאלס ניט דעם גייסט. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז וויא נאָר ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דער ווימטענעם אין ירושלים, האָט ער זיך מיט היץ אָבגעגעבען צו גאנץ אנדערע לעהרען און צו א וועלטליכען לעבען. ער האָט זיך א נעהם געטאָן צו שטודירען גרינדליך דיא גריכישע ליטעראטור אין

דיא גריכישע פילאָזאָפיע, וועלכע איז אימער געווען א וועלטליכע, בעגרינדעט אויף דעם מענשליכען פערשטאנד. דיא גריכישע פי־לאָזאָפיע האָט מעהר געשטימט מיט זיין גייסט, דיא גריכישע קונסט האָט איהם צוגעצויגען וויא פיעלע אנדערע געבילדעטע אי־דען זייט אלכסנדר מוקדון׳ס צייטען.

אין זיין וויטערען לעבען און אין זיינע שריפטען איז ניט צו בעמערקען, אז דיא לעהרען און פיהרונגען פון דיא עסעער האָבען גע־האט אווירקונג אויף איהם. ער האָט זיך נאָר בענוצט מיט זיין נעהענטערע בעקאנטשאפט מיט דיזער סעקטע, אום איהר צו בע־שרייבען. פון זיינע בעשרייבונגען איז עס דיא וועלט בעקאנט געוואָרען מיט דיזע רעליגיעזע ענטהוזיאסטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך בעוויזען דיא ערשטע קריסטען און צו וועלכע יעזוס קריסטוס זעלבסט האָט געהערט. וויא וויית מען קען יעצט דערגעהן פאָזיטיווען וועגען דעם לעבען פון יעזוס אויף דער זינדיגער ערד, מוז מען צוגעבען, אז ער איז געווען אן עססעער; אָבער יאָזעפוס פלאוויוס, וועלכער האָט אזוי גוט געקענט דיא פארטייען פון זיין צייט און דיא פאסירונגען אין זיין פאטערלאנד, האָט דאָך פון איהם גאָר ניט געהערט, דען זאָנסט וואָלט ער איהם זיכער דערמאָנט אין זיינע שריפטען.

דיא גריכישע פילאָזאָפיע האָט ניט אָבגעשוואכט זיין אידישע רעליגיאָן, ער איז געבליעבען טריי צו דיא רעליגיעזע אנזיכטען פון דיא פאריסעער (פרושים) ביז צו זיין טויט. אין דיזער בעצי־הונג האָט ער זיך ווייניג וואָס געענדערט אפילו ווען ער האָט געלעבט וויא א פרינץ אין דעם קייזערליכען הויף פון רוים נאָך חורבן ירושלים. ער האָט דארום געהאלטען מיט דיזער פארטיי אויך אין פאָליטישע פראגען, נאָר ער האָט דאָך צייטענווייז זיך געוואָרפען אויף דער זייט פון איהרע געגנער, וועלכע האָבען גע־פרעדיגט מלחמה געגען רוים.

ווען ער איז אלט געווען 26 יאהר, האָט ער שוין געקראָגען אזא שם אלס קענער פון אידישען געזעץ און פון גריכישע חכמות, דאָס מען האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט שאלות וועגען פער־

שיערענע פראגען און מען האָט איהם אויסגעקליבען אלס שליח צום רוימישען קייזער נעראָן צו פערטהיידיגען עטליכע כהנים, וועל־כע דער גרויזאמער רוימישער גובערנאטאָר פעליקס האָט ארעס־טירט, איינגעשמידט אין קייטען און אוועקגעשיקט נאָך רוים מען זאָל זיי דאָרטען בעשטראפען נאָך דיא רוימישע געזעצע. דאָס צייגט אויך, אז יאָזעפוס האָט שוין צו דער צייט אנטהייל גע־נומען אין פאָליטישע אנגעלעגענהייטען און געוואונען דעם צו־טרויען פון גרויסען סנהדרין וועלכער איז דאן געווען דער פארלא־מענט און רעגירונג פון אידישען פאָלק, און פון אנדערע פאָרשטעהער אין ירושלים. עס איז ניט געווען א לייכטע אויפגאבע צו פערטהיי־דיגען אידען אין רוימישען הויף, וואו מען איז זעהר אויפגערעגט געווען אויף זיי צוליעב פערשיעדענע אורזאכען, ספּעציעל רע־ליגיעזע. עס איז אויך געווען א געפעהרליכע אויפגאבע, דען מען האָט געהאט צו בעטען ביי אזא שרעקליכען און משוגענעם טיראן וויא נעראָן. אָבער יאָזעפוס פלאוויוס איז דאן אזוי אויפגעבראכט געווען דורך דיא רוימישע גובערנאטאָרען, דאָס ער האָט בעשלאָסען ארויסצוטרעטען אלס מליץ יושר פאר זיינע פערפאָלגטע ברידער ביי דעם קייזער זעלבסט.

צווייטער קאַפּיטעל.

דיא קייזערינע פּאָפּעא. — דער איינדרוק פון רוים. — **יאָזעפוס און דיא קנאים.** — דער גובערנאַטאָר פלאָרוס. — יאָזעפוס בעהאלט זיך אין בית המקדש. — דער זיעג איבער דיא רוימער. — יאָזעפוס אויסגעקליבען פאַר דעם קאָמאַנדיר איבער גליל. — דער גרויסער סנהדרין.

דיזע רייזע נאָך רוים האָט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף זיין ווייטערען לעבען. מען קען זאגען, אז יאָזעפוס האָט זיך אין גאנצען אומגעביטען, ווען ער האָט דערזעהן דיא מעכטיגע און ריעזיגע שטאדט, וועלכע האָט דאן בעהערשט דיא גאנצע וועלט.

אויפ'ן וועג האָט עס איהם געגליקט. דיא שיף אויף וועלכער ער איז געפאָהרען איז אונטערגעגאנגען אין דער צייט פון א געוואלדיגען שטורם, בלויז 80 פון דיא 600 פאסאזשירען האָבען זיך געקענט רעטען. צווישען זיי איז געווען יאָזעפוס פלאוויוס, ווייל ער איז געווען אן אויסגעצייכענטער שווימער. דעם צוועק פון זיין רייזע האָט ער אויך גליקליך דערגרייכט. מען האָט איהם שנעל צוגעלאָזען צום קייזער'ס פּאלאַץ, וואו ער איז זעהר פריינדליך אויפגענומען געוואָרען פון נעראָן'ס געליעבטע פּאָפּעא. דיזע אויסגעלאַסענע פרוי, וועלכע איז געוואָרען דיא קייזערינע און האָט א געוויסע צייט געפיהרט דיא אימפּעריע דורך איהר איינפלוס אויף דעם משוגענעם נעראָן, איז גראדע געווען א בעשיצערין פון אידען, מען ווייס ניט ווארום. עס איז איבערהויפּט א פאקט, אז פיעלע הויכגעשטעלטע רוימישע דאמען זיינען געווען פריינדליך צו אידען און צו זייער רעליגיאָן. זיא האָט שוין פריהער אמאָל אויסגעפיהרט, אז מען זאָל בעפרייען כהנים, וועלכע זיינען ארעסטירט געוואָרען פון דיא רוימישע גובערנאַטאָרען. ווען יאָזעפוס פלאוויוס האָט איהר איבערגעגעבען זיין בקשה און ערקלערט, וויא דיא אידען ווערען פערפאָלגט, האָט זיא ניט נאָר געהייסען ארויס־

לאָזען דיא געפאנגענע כהנים, זאָנדערן האָט איהם נאָך געגעבען זעהר טהייערע מתנות.

ער האָט אלזאָ געמעגט זיין פאָלשטענדיג צופריעדען מיט זיין רייזע און אויך דאנקבאר, וויינינגסטענס צו דער קייזערינע. נאָר דאָס וואָלט אויף איהם ניט אזוי שטארק געווירקט, וויא דיא וועלט־שטאָט זעלבסט. ער איז נאטירליך נייגיריג געוועזען צו בעטראכטען דיא הויפּטשטאָט פון דער מעכטיגער אימפּעריע, וועלכע האָט גע־דריקט און געשטיקט זיין קליינעם פאָטערלאנד. אין פערגלייך מיט רוים און ירושלים געוועזען א דאָרף. דער גלאנץ פון נעראָן׳ס הויף, דיא גרויסקייט אין רייכטהום פון דיא פּאלאצען און עפענטליכע געביידעס, דיא גבורה פון דיא לעגיאָנען, דיא מאסען מענשען פון אלע עקען וועלט, דאָס רוישענדע לעבען פון דער גאנצער ריזיגער בעפעלקערונג — דאָס אלעס האָט ניט נאָר פערשטארקט זיין גלוי־בען אין דער מאכט פון דער אימפּעריע, זאָנדערן האָט איהם אויך ארויפגעבראכט אויף דיא געדאנקען, אז עס איז גאנץ נוצלאָז און נאריש פאר זיין פאָטערלאנד צו קעמפּפען געגען דיא איבערמאכט פון דיא רוימער.

ער האָט ניט געזעהען, אז דער קערפּער פון דער ריזיגער אימ־פּעריע איז שוין אינווייניג פערפוילט געוועזען, דאָס האָבען דאן ווייט־זעהענדערע מענשען אויך ניט בעמערקט. זיינע אויגען זיינען פערבלענדעט געוואָרען פון דעם אויסערן גלאנץ, און ער איז גע־וואָרען א פערעהרער פון דער רוימישער אימפּעריע. ער האָט גע־גלויבט, אז אזוי איז עס בעשערט, אז דיא געטליכע השגחה האָט בעשטימט, דאָס רוים זאָל בעהערשען ארץ ישראל און דיא גאנצע וועלט. דארום איז ער אָפען ארויסגעטראָטען געגען דיא קנאים און אלע דיא יעניגע, וועלכע האבען געפּרעדיגט צו קעמפּפען גע־גען דיא געצענדינערישע אימפּעריע און געטרוימט צו בעפרייען ארץ ישראל פון דעם פערהאסטען יאָך. ער האָט זיך אָפען אויס־געלאכט פון זייערע רייד און האָפנונגען, ער האָט ערקלערט, אז עס איז איינפאך א משוגעת צו דיינקען, אז דיא אידען קענען זיך מעסטען מיט אזא מעכטיגע אימפּעריע וויא רוים. ער האָט דער־

צעהלט וואָס ער האָט געזעהען אין רוים און וויא ער איז געקומען צו דער איבערציייגונג פון איהר געוואלדיגע אויבערמאכט.

אָבער אלע זיינע רייד האָבען קייןווירקונג געמאכט. דיא פיי־ערדיגע פּאטריאָטען האָבען נאָר אויפגעבראכט דיא קריעגערישע פּארטיי אויף איהם. זיי האָבען איהם אריינגערעכענט אין דיא רייהען פון דיא אריסטאָקראטען און פון אזעלכע, וועלכע האָבען זיך פערקויפט צו דיא רוימער אָדער וועלכע האָבען קיין מוטה געהאט צו קעמפּפען פאר זייער פאטערלאנד. דיא קנאים האָבען אזוי היים געהאסט דעם רוימישען יאָך, אזוי טיעף געגלויבט, דאָס גאָט וועט ניט פערלאָזען זיין אויסערוועהלטע פאָלק, דאָס קיינע ארגומענטען געגען א׳ן אויפשטאנד האָבען אויף זיי ניט געקענט ווירקען. זיי האָ־בען געפיהלט, אז מען קען דאָך לויז ווערן פון די רוימער אזוי וויא מען איז לויז געוואָרען פון דיא גריכען אין דער צייט פון דיא חשמונאים, ווען מען זאָל נאָר אויפהייבען און בעגייסטערן דאָס גאנצע פאָלק, און זיי האָבען געהאנדעלט נאָך זייערע געפיהלען.

דער רוימישער גובערנאטאָר פלאָרוס האָט אין דער צייט איינ־פאך געזוכט ארויסצורופען מיט זיינע רציחות אן אויפשטאנד, אום זיך נאכהער נאָך גרויזאמער אָפּצורעכענען מיט דיא אידען. ער איז געוועזן א ווילדע און בלוטיגע בעסטיע (ארץ ישראל האָט איבערהויפּט געהאט דעם פינסטערן מזל בעהערשט צו ווערען פון דיא ערגסטע רוימישע גובערנאטאָרען). דיא אידען האָט ער נאָך דערצו ביטער געהאסט און האָט זיך געמאכט ניט זעהענדיג, ווען דיא גריכען און אנדערע געצענדיענערס און דיא כסריה און אנדערע פּאָרט־שטעט פלעגען בעפאלען און בערויבען דיא אידען. אום נאָך מעהר זיי צו אונטערדריקען און צו בערויבען האָט ער גע־שטיצט דיא רויבערישע באנדעס, וועלכע האָבען זיך צו דער צייט שטארק פערמעהרט אין ארץ ישראל און האָבען ניט איין מאָל פערוויסטעט דערפער און אפילו גאנצע שטעט. ער פלעגט איינ־פאך נעהמען א טהייל פון דעם רויב. פיעלע אידען זיינען זיך צוליעב דעם צולאָפען אין זיכערערע ערטער אָדער האָבען גאָר אויסגעוואנדערט.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז דיא קנאים און אנדערע פאטריאָטען ניט שווער געווען ארויסצורופען אן אויפשטאנד. דיא אנפיהרערס פון דער קריעגס־פארטיי האָבען אזוי פערהאסט יאָזעפוס'ן פאר זיין פערעהרונג פון רוים'ס מאכט, דאָס זיי וואָלטען איהם פיעלייכט געטויטעט, ווען ער וואָלט זיך ניט בעהאלטען מיט עטליכע אנהענגער אין בית המקדש. ווען דיא ערשטע אטאקע אויף דיא רוימער האָט זיך אָנגעפאנגען. וויא נאָר ער האָט דערהערט, אז א רוימישע ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון דעם סירישען גובערנאטאָר סעסטיוס גאלוס מארשירט צו בעשטראָפען דיא רעוואָלוציאָנערען אין ירושלים, איז ער ארויס פון זיין בעהאלטונגס־אָרט.

אין דער צייט האָבען דיא אויבערהאנד אין ירושלים געקראָגען דיא מעסיגערע מיטגליעדער פון דער פאטריאָטישער פארטיי. דאָס האָט איהם געגעבען מוטה צו צייגען זיך; אָבער אזוי וויא ער האָט דאָך מורא געהאט, אז מען וועט איהם פערפאָלגען פאר זיין בעקאנטע פריינדשאפט צו רוים, האָט ער אָנגעפאנגען זיך צו חנפה'נען צו דיא מעסיגערע קנאים. דיא פריעדליכע פארטיי האָט גערעכענט, אז סעסטיוס וועט אונטערדריקען דעם אויפשטאנד, נאָר ווען דיא פאטריאָטען האָבען איהם פעריאָגט מיט זיינע לעגיאָנען, איז יאָזעפוס פלאָוויוס אויך ארויסגעטראָטען פאר'ן קריעג. ער האָט גאָר ניט ערווארטעט, אז א קליינע צאָהל אידען זאָלען אין שטאנד זיין צו בעזיעגען 30 טויזענד רוימישע סאָלדאטען, און ער האָט הפנים אויך געקראָגען האָפנונגען אין דיזער מינוט, אז מען קען נאָך עפעס אויספיהרען מיט דעם אויפשטאנד געגען דיא רוימער.

נאָך דעם זיעג איבער סעסטיוס גאלוס האָט שוין גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען פריעדען מיט רוים. מיט זעהר וויינינע אויסנאהמען איז דאן דאָס גאנצע אידישע פאָלק געווען פאר מלחמה, און יאָזעפוס איז אויך אויפגעמונטערט געוואָרען. ער האָט וואהרשיינליך אפילו אין דיזער הייסער מינוט ניט געגלויבט, דאָס דיא אידען קענען אין גאנצען זיך בעפרייען פון רוימישען

יאָך, נאָר ער האָט גערעכענט, אז מען וועט קענען צווינגען דעם קייזער צו געבען דיא אידען זעלבסטפערוואלטונג אָדער צו אנער־קענען אגריפּוס דעם צווייטען, דעם לעצטען קלעגליכען פערטרעטער פון דער פערדאָרבענער הורדוס־פאמיליע, פאר דעם קעניג איבער גאנץ ארץ ישראל.

נאָר וויא ער האָט ניט געטראכט ביי זיך אין הארצען, זיכער איז עס, אז ער האָט אָנגעפאנגען צו שפּיעלען דיא ראָלע פון א היי־סען פּאטריאָט און האָט שליסליך געוואונען אזוי פיעל צוטרויען, דאָס אויף א פאָלקספערזאמלונג אין דעם גרויסען הויף פון בית המקדש האָט מען איהם אויסגעקליבען פאר דעם קריעגספיהרער אין גאלילעא (אין נאָוועמבער פון 66 יאָהר).

דאָס האָט ער געהאט צו פערדאנקען אייניגע זיינע אריסטאָ־קראטישע פריינד, בעזאָנדערס דעם געוועזענעם כהן גדול יהושע, וועלכער האָט געהאט א גרויסען איינפלוס אין סנהדרין. טראָץ דעם, וואָס דיא פייערדיגסטע קנאים, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט דעם אויפשטאנד, זיינען ארוים דיא זיעגערס אין דיא שלאכטען מיט דער ארמעע פון סעסטיוס, האָבען זיי דאָך ניט געהאט א גרויסע דעה אין דעם סנהדרין. דיא מייסטע מיטגליעדער פון סנהדרין האָבען געהערט צו דער מעסיגער פּארטיי. אייניגע, דיא פערטרעטער פון דיא אריסטאָקראטיע, זיינען געווען ניט נאָר פאר פריעדען, זאָנדערן אפילו פריינדע פון רוים. זיי האָבען שטילער־הייט אינטריגירט און געשטערט אָנצונעהמען ענערגישע מיטעל, וועלכע דיא פּאטריאָטען אָדער קנאים האָבען פערלאנגט. אנדערע מיטגליעדער זיינען סתם געווען שוואכע מענשען און האָבען זיך געוואָרפען אויף אלע זייטען. צוליעב דעם האָט דער סנהדרין זעהר וויייניג גוטעס געקענט אויפטאָן פאר'ן פאָלק. דיא קריעגערישע פּארטיי האָט איהם בעטראכטעט אלס א שטערונג און האָט נאָך א בלוטיגען קאמפף פעריאָגט און געטויטעט דיא פיהרערס פון דער מעסיגער פּארטיי; אָבער דערוויילע זיינען פאָראיבער צוויי יאָהר און עס איז שוין צו שפּעט געווען צו אָרגאניזירען דאָס פאָלק געגען דיא רוימישע לעגיאָנען אונטער דער קאָמאנדע פון טיטוס.

דריטער קאַפּיטעל.

גוטער אָנפאנג. — יוחנן פון גיסכאלא. — אונצופרידענהייט מיט יאָזעפוס'עס צווייזייטיגער האלטונג. — זיין צוזאמענשטוים מיט דיא פּאַטריאָטען אין טראבעא. — פערקלאָגט פאר דעם סנהדרין און אראָפּ־געזעצט. — זיינע אינטריגען געגען דיא שליחים פון סנהדרין. — געמיינע אטאקע פון זיינע אנהענגער אין טבריה. — בלייבט גובערנאָ־טאָר. — דיא פּאַטריאָטישע קרעפטע צוברעקעלט.

אן ערגערע אויסוואהל איז שווער געוועזן צו מאכען פאר אזא וויכטיגען אמט וויא א קאָמאנדיר איבער דיא מיליטערישע קרעפ־טע אין גליל. עס איז אמת, אז דיא מאיאָריטעט פון סנהדרין האָט געזוכט צו שטיצען דיא מעסיגע פיהרערס, ניט אכטענדיג אויב זיי זיינען ווירקליך פעהיגע קאָמאנדירען און אדמיניסטרא־טאָרען; אָבער עס איז זיכער, אז יאָזעפוס פלאוויוס וואָלט ניט געשיקט געוואָרען נאָך גליל, ווען מען וואָלט געהאט דיא מינדעסטע אהנונג, אז ער וועט אָנמאכען אזעלכע גרויסע צרות. דער סנהדרין אונטער דער לייטונג פון רבי שמעון בן גמליאל (הלל'ס אן אור־אייניקעל) האָט בעגאנגען זעהר פיעל פעהלערען, אָבער מען קען איהם דאָך ניט בעשולדיגען, דאָס ער האָט אבזיכטליך אויסגע־קליבען יאָזעפוס פלאוויוס אלס זיין פערטרעטער אין גליל, אום אָפּצושוואכען און צו צוטהיילען דיא פּאַטריאָטען פון דיזער וויכ־טיגער פּראָווינץ. מען דארף אויך נעהמען אין אנבעטראכט, אז מען האָט צו פיעל געגליובט אין זיינע פעהיגקייטען און אז דאָס פּאָלק איז איבערהויפּט גענייגט געוועזן צו געבען דיא העכסטע שטעלען צו אריסטאָקראַטען און כהנים.

אָנפאנגס האָט יאָזעפוס זיך גענומען צו זיין שווערע ארבייט זעהר ענערגיש. ער האָט געהאט דיא פּאָלמאכט צו האנדלען וויא ער פערשטעהט. דער סנהדרין האָט אפילו בעשטימט, אז ער זאָל זיך בעראטהען מיט זיינע מיטהעלפערס, אָבער זיי זיינען געוועזן

בעוואוסטע רבנים, וועלכע האָבען גאנץ וויניג פערשטאנען אין וועלטליכע זאכען און זיינען איבערהויפּט געווען שוואכע מענשען. זיי האָבען איהם יעדענפאלס ניט געשטערט אויסצופיהרען זיינע פּלענער. גלייך וויא ער איז אָנגעקומען אין גליל, האָט ער צוזאמענגערופען אין טבריה א מין סנהדרין נאָך דעם מוסטער פון דעם גרויסען סנהדרין אין ירושלים. ער האָט אויסגעקליבען 70 פּערזאָן פון דיא פּאָרנעהמסטע פאמיליען אלס הויפּטריכטער. זיי האָבען אויך בעדארפט איהם מיטהעלפען אין דער פערוואלטונג פון דער פּראָווינץ. נאכהער האָט ער בעשטימט קלענערע ריכטער אין דיא שטעט. דערמיט האָט ער איינגעפיהרט א געוויסע אינערליכע אָרדנונג.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געזאמעלט מיליטערישע קרעפטע און בעשטימט צו בעפעסטיגען געוויסע שטעט. ער האָט אזוי טיכטיג געארבייט, אז אין א קורצער צייט האָט ער צוזאמענגעקליבען אן ארמעע פון 100 טויזענד מאן און אויך געשאפען א קאָרפּוס פון קאוואלעריע, וועלכע ער האָט אויפגעהאלטען אויף זיין אייגענעם חשבון. פיעלע שטעט האָט ער בעפעסטיגט, ארומגערינגעלט מיט וועגט און גראבענס און אויך זיי פערזאָרגט מיט פּראָוויאנט, אום צו קענען אויסהאלטען א לאנגע בעלאגערונג. זיין ארמעע האָט ער דיסציפּלינירט נאָך דעם רוימישען מוסטער און האָט אין דעם אביסעל איבערגעטראָפען דיא מאָס. ער האָט ניט פערשטאנען, אז ער האָט צו טאָן מיט אן ארמעע פון פאטריאָטישע וואָלאָנטירען, וועלכע קענען פיעל מעהר אויפטאָן מיט ענטהוזיאזמוס וויא מיט דער דיסציפּלין פון א רעגולער ארמעע.

נאָר דאָס וואָלט ניט אזוי וויכטיג געווען און ניט געבראכט צו געפעהרליכע שטרייטען, ווען יאָזעפוס וואָלט געקענט שטימען מיט דיא פּאטריאָטישע פיהרערס און ספּעציעל מיט יוחנן פון גיסכאלא, וועלכער איז געווען דיא נשמה פון דעם אויפשטאנד אין גליל און איינער פון דיא בעסטע, מוטהיגסטע און פעהיגסטע פיהרערס פון דער קריעגס-פּארטיי. דיזער יוחנן וועלכער האָט דיא גאנצע צייט געקעמפּפט וויא א העלד, האָט גלייך דערפיהלט, אז

יאָזעפוס איז ניט געגוג פּאטריאָטיש און ענערגיש. ער האָט איהם זאָגאר פערדעכטיגט אין פערראטה. נאָך איידער יאָזעפוס איז גע־קומען אין גליל, האָט יוחנן, וועלכער איז געווען אַן עיל־הענדלער, אָרגאניזירט דעם אויפשטאנד אין זיין געבורטסשטאָט, א וויכטיגע סטראטעגישער פּונקט אין נאָרד פון גליל. ער האָט אויסגעגעבען זיין גאנצען פערמעגען צו אונטערשטיצען דיא אָרימע וואָלאָנטי־רען און האָט צוזאמענגעקליבען ארום זיך 4000 פּאטריאָטען פון גליל און פון סיריען. ער האָט הפּנים גערעכענט, אז ער וועט ווערען דער קאָמאנדיר פון אלע פּאטריאָטען אין גליל, און ער האָט ווירק־ליך געהאט דיא פעהיגקייט דערצו; אָבער דער אָנקומען פון יאָ־זעפוס האָט געמאכט א סוף צו זיינע רעכנונגען.

ווען יאָזעפוס וואָלט ווענינסטענס געזוכט איהם ניט צו שטערען, וואָלט עס וואהרשיינליך ניט געקומען צו אזעלכע טרויעריגע שטרייטען, דען יוחנן איז געווען א צו עהרליכער מאן און פייערדיגער פּאטריאָט צו אינטריגירען אין דער צייט, ווען מען האָט בעדארפט אָנשטרענגען אלע קרעפטע צו רעטען דאָס פאטערלאנד פון אונטערגאנג. יאָזעפוס האָט גלייך געזעהען, אז יוחנן איז אזוי פעהיג און ענערגיש, דאָס ער קען ווערן דער הויפּטפיהרער. דאָס האָט ער ניט געוואָלט דערלאָזען און האָט גענומען שטעלען הינטערפיסלאך דעם פייערדיגען פּאטריאָט. צום ביישפּיעל, ער האָט ניט ערלויבט, אז יוחנן זאָל פערקאפען דיא תבואות, וואָס דיא רוימער האָבען צוזאמענגעקליבען אין אייניגע פּונקטען פון גליל. יוחנן האָט געוואָלט פערקויפען דיזע תבואות, אום צו האָבען מיטעל בעסער צו בעפעסטיגען זיין געבורט־שטאָט. ער האָט אין דעם אזוי רעכט געהאט, דאָס יאָזעפוס האָט איהם שליסליך גע־מוזט נאָכגעבען. דערביי האָט יוחנן זיך איבערצייגט, אז מען טאָר זיך ניט פערלאָזען אויף יאָזעפוס'ן. ער האָט אויך אויסגעפונען, אז יאָזעפוס האָט מעהר אין זינען דיא אינטערעסען פון דעם קעניג אגריפּוס דעם צווייטען, וויא פון פאָלק.

דאָס לעצטע איז געווען ריכטיג. יאָזעפוס האָט טאקע גע־רעכענט, אז צוזאמען מיט אגריפּוס וועט ער קענען קומען צו א

פשרה מיט דיא רוימער. עס קען זיין, אז ער האָט גערעכענט צו ווערען דער הויפּטמיניסטער, ווען דיא רוימער וועלען אנערקענען אגריפּוס'ן פאר דעם קעניג איבער גאנץ ארץ ישראל. וויא עס ווייזט אויס, האָט ער נאָר אָרגאניזירט א גרויסע ארמעע און בע־פעסטיגט עטליכע שטעט, אום צו קענען ארויסקריגען בעסערע בעדינגונגען ביי דיא רוימער. דאָס איז געווען געגען דיא שטרעבונג פון דיא פּאטריאָטען, און זיי האָבען גענומען פערשפּרייטען קלאג־גען, אז ער מיינט נאָר זיך אונטערצוגעבען צו דיא רוימער. דאָס האָט נאטירליך אויפגערעגט דאָס פאָלק געגען איהם. יעדענפאלס האָט ער פערלאָרען דעם צוטרויען פון אלע דיא יעניגע, וועלכע האָבען געקעמפּפט פאר דיא אונאבהענגיגקייט פון זייער פא־טערלאנד.

ביי איין פאל איז עס געקומען אזוי ווייט, אז מען האָט איהם איינפאך געוואָלט אומברייננגען. לעבען א געוויסען דאָרף האָבען עטליכע יונגע לייט בערויבט דיא פרוי פון א זעהר רייכען און וויכ־טיגען אנהענגער פון קעניג אגריפּוס, וועלכער האָט נאָר אינטריגירט צו קריגען מעהר לאנד און מאכט ביי דיא רוימער דורך דעם אויפ־שטאנד. אלע גערויבטע זאכען האָבען זיי געבראכט צו יאָזעפוס'ן פיר דיא קריעגס־קאסע, אבער ער האָט געוואָלט צוריקשיקען דיא זאכען, אום נאָך מעהר חן צו געווינען אין אגריפּוס'עס אויגען. דעם עולם האָט ער אָנגעזאָגט, אז ער וועט אלעס אוועקשיקען נאָך ירושלים צום סנהדרין. ווען מען האָט זיך דערוואוסט פון דיזע פאלשקייט, האָט א מענגע בעלאגערט זיין הויז מיט געשרייען, אז ער איז א פעררעטהער. איינער פון דיא אנפיהרערס איז ארומגע־גאנגען מיט א ספר תורה אין האנד און האָט פערלאנגט צו בע־שטראָפען יאָזעפוס'ן אין נאמען פון הייליגען געזעץ אלס א פער־רעטהער.

א טהייל פון דער מאסע האָט זיך געקליבען אונטערצוציג־דען דיא הויז, אין וועלכער יאָזעפוס האָט זיך פערשפּאַרט מיט עטליכע פון זיינע טרייעסטע אנהענגער; נאָר ער האָט זיך גע־רעטעט דורך א נייע פאלשקייט. ער האָט איבערהויפּט געהאט

זעהר גוטע איינפעלע, וועז איהם איז אויסגעקומען זיך ארויסצו־דרעהען פון א געפעהרליכער אָדער אן אונאנגענעהמער לאגע. דיזע איינפעלע האָבען איהם ניט איין מאָל גערעטעט פון טויט. דיזעס מאָל האָט ער אויף זיך צוריסען דיא קליידער, בעשאָטען זיין קאָפּ מיט אש, אויפגעהאנגען זיין שווערד אויפ׳ן האלז און איז אזוי ארוים צו דער צוקאָבטער מאסע און פערלאנגט מען זאָל איהם אויסהערען איידער מען וועט איהם אומבריינגען. וועז מען האָט בעוויליגט זיין בעגעהר, האָט ער ערקלערט, אז דיא גערויבטע זאכען האָט ער גאָר בעשלאָסען צו געברויכען פיר דיא בעפעסטי־גונג פון דער שטאָט טראכעא, וואו דער אויפרוהר איז פאָרגעקו־מען. דיא איינוואָהנער פון דער שטאדט זיינען צופריעדען געבליעבען מיט דיזער ערקלערונג, אבער דיא צוזאמענגעלאָפענע פון דיא דערפער ארום האָבען זיך ענטזאגט איהם צו גלויבען און האָבען פערלאנגט ער זאָל גלייך אוועקשיקען דיא זאכען נאָך ירושלים.

דורך דעם איז ענטשטאנען א שטרייט, מיט וועלכען יאָזעפוס האָט זיך בענוצט, אום זיך אָפּצוטראָגען צוריק אין זיין הויז. וועז פיעלע פאטריאָטען האָבען ניט געוואָלט אָפּטרעטען און האָבען געסטראשעט אונטער צו צינדען דיא הויז, איז ער ארוים אויפ׳ן דאך און האָט איינגעלאדען דיא פיהרערס אריינצוקומען, אום זיך דורכצוריידען מיט זיי. א געוויסע צאָהל פאטריאָטען האָבען אָנגענומען דיא איינלאדונג, אָבער וויא נאָר זיי זיינען אריין אין הויז, זיינען זיי גלייך בעפאלען געוואָרען פון יאָזעפוס׳עס בע־האלטענע אנהענגער, וועלכע האָבען זיי געשמיסען, איסקאליטשעט און נאכהער ארויסגעשליידערט. דיא מענגע האָט געמיינט, אז יאָזעפוס האָט א סך אנהענגער אין הויז און איז זיך צולאָפען מיט ראכע־געשרייען.

נאָך אזעלכע פאלשקייטען און פעררעטהערישע האנדלונגען האָט יאָזעפוס אויף אימער אָפּגעשטויסען פון זיך דיא פאטריאָ־טען און האָט נאָר אריינגעבראכט אלץ גרעסערע און געפעהרלי־כערע שטרייטען צווישען דיא איינוואָהנער. דיא פריעדענס־פאר־

טיי, וועלכע איז אָנפאנגס ניט געווען צופריעדען מיט איהם, ווייל ער האָט זיך צו אייפריג גענומען צו מיליטערישע פאָרבערייטונגען, האט איהם יעצט גענומען שטיצען געגען דיא קריעגס־פּארטיי, וועלכע האט אויסגעוועהלט דעם ענערגישען יוחנן פון גיסכאלא פאר דעם קאָמאנדיר.

אום פּטור צו ווערען פון יאָזעפוס'ן, וועלכער האָט אלץ מעהר אויפגערייצט געגען זיך דאָס פאָלק, ווייל ער האָט געשטיצט דיא אריסטאָקראטען, דיא אנהענגער פון אגריפּוס און דיא פּערעהרער פון רוים, האָט יוחנן געשיקט זיין ברודער און 100 פון זיינע טרייעסטע אנהענגער צום סנהדרין אין ירושלים מיט קלאגען און מיט א פערלאנג איהם אראָפּצוזעצען פון זיין אמט. דיא קלאגען זיינען געווען אזעלכע וויכטיגע און ריכטיגע, דאָס שמעון בן גמליאל און פיעלע איינפלוסרייכע מיטגליעדער פון סנהדרין, וועלכע האָבען פריהער געשטיצט יאָזעפוס'ן, זיינען ארויסגעטראָטען געגען איהם און האָבען אויסגעפיהרט, אז מען זאָל איהם ענטזאגען און ברענגען לעבעדיג אָדער טויט נאָך ירושלים. פיער פערטרעטער זיינען געשיקט געוואָרען נאָך גליל אויסצופיהרען דיזען בעפעהל פון גרויסען סנהדרין, וועלכער האָט אויך געהייסען דיא וויכטיגסטע שטעדט אין גליל צו פעריאָגען יאָזעפוס'ן און צוזאנערקענען יוחנן פון גיסכאלא פאר דעם גובערנאטאָר און קריעגספיהרער.

נאָר יאָזעפוס האָט אין דער צייט ניט געדרימעלט. ער האָט געשיקט זיינע אגענטען אין ירושלים, אום איהם ריין צו וואשען און אויסצוגעפינען, וואָס זיינע געגנער טהוען. אין דיא גרעסערע און רייכערע שטעדט פון גליל האָט ער געזוכט צו צוציהען אויף זיין זייט וואָס מעהר אנהענגער און האָט אויך גענומען ווידער מאַכען גרויסע מיליטערישע פאָרבערייטונגען, אום אָפּצונארען זיינע געגנער. וויא נאָר ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם בעפעהל פון סנהדרין געגען איהם, האָט ער ערקלערט, אז ער וועט פאָלגען און וועט אליין קומען אין ירושלים. נאָר דאָס איז געווען א נייע פאלשקייט, דען שטילערהייט האָט ער אויפגערייצט זיינע אנהענ־

גער געגען דיא שליחים פון דיא סנהדרין, אז מען זאָל זיי שטערען אויף יעדען שריט. אין אייניגע ערטער זיינען זיי זאָגאר געוועזן אין לעבענסגעפאהר. זעהענדיג, אז יאָזעפוס נארט זיי נאָר און זוכט זייער פערניכטונג, האָבען זיי אויף דעם ראטה פון יוחנן בע־שלאָסען ארויסצושיקען געהיימע אגענטען מיט א בעפעהל צו ער־קלערען איהם אויסערהאלב געזעץ אין נאָמען פון סנהדרין. ער האָט זיך אָבער דערוואוסט דערפון בעצייטענס און האָט צושיקט זיינע לייט, וועלכע האָבען געפאנגען דיא גרעסטע צאָהל פון דיא אגענטען.

וואו נור דיא שליחים פון סנהדרין פלעגען זיך בעווייזען, פלעגען זיי זיך אָנשטויסען אָן חברה, וועלכע יאָזעפוס פלעגט ארויסשיקען אום זיי נאָכצושפּיאָנירען. אויף דיזער וויזע האָבען זיי גאָר ניט געקענט אויפטאָן געגען איהם און נאָר אומזיסט פערשארפט דיא שטרייטען, וועלכע האָבען געפיהרט צו א בירגער־קריעג. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין טבריה, וואו יוסטוס, וועלכער האָט שפּעטער אָנגעשריעבען אויף גריכיש א געשיכטע פון דער אידיש־רוימישע מלחמה זעהר פיינדליך צו יאָזעפוס'ן, איז געוועזן דער פיהרער פון דיא פּאטריאָטען, האָבען זיי בעפוילען דעם עולם צו פאסטען א טאָג און צו בעטען גאָט פאר שלום אין לאנד און פאר א זיעג איבער דיא רוימער. א מאסע מענשען האָבען זיך אין דעם טאָג צוזאמענגעקליבען, אום צו בעשפּרעכען דיא לאגע. מען האָט אָבגעמאכט, אז אלע זאָלען קומען אונבעוואפענט; נאָר יאָזעפוס'עס אנהענגער האָבען דאָך בעהאלטען געוועהר אונטער זייערע מאנטלען. ווען מען האָט געענדיגט דיא תפילות און עס האָ־בען זיך אָנגעפאנגען דיסקוסיאָנען, האָבען יאָזעפוס'עס אנהענגער פּלוצלונג ארויסגעכאפּט זייערע געוועהר און האָבען פעריאָגט זייערע געגנער.

יאָזעפוס איז נאָך דיזער געמיינער אטאקע געבליבען דער הערשער אין טבריה. פיעלע פון זיינע טרייעסטע אדיוטאנטען און אנגעזעהנע בירגער, וועלכע האָבען נאָך אין איהם געגלויבט, האָט ער אוועקגעשיקט נאָך ירושלים איהם צו פערטהיידיגען. זיי האָבען

אזוי לאנג געארבייט ביז זיי איז געלונגען אויסצופיהרען, אז דער סנהדרין זאָל צוריקרופען דיא שליחים און בעשטימען, דאָס יאָזעפוס בלייבט גובערנאטאָר פון גליל. יאָזעפוס האָט זיך דאַן אָפּגערעכענט מיט דיא שליחים זעהר געמיין, ער האָט געהייסען זיי איינשמידען אין קייטען און אזוי אוועקפיהרען נאָך ירושלים.

ער האָט זיך אזוי ווידער אויסגעדרעהט פון א גרויסע געפאהר. ווען ער וואָלט גלייך אָפען ארויסגעטראָטען געגען דעם סנהדרין׳ס בעפעהל, וואָלט ער זיכער ניט געבליבען גובערנאטאָר, אויב ער וואָלט איבערהויפט געבליבען לעבען. נאָר דיא שטרייטען האָבען זיך ניט געענדיגט מיט דעם זיעג פון יאָזעפוס איבער דיא שליחים פון סנהדרין. דאָס פאָלק איז ניט נאָר געווען צוטהיילט אין א פריעדענס־פארטיי און א קריעגס־פארטיי וויא אין גאנץ ארץ ישראל, זאנדערען דיא פאטריאָטישע קרעפטע זיינען צוברעקעלט געוואָרען. זיי זיינען געבליבען אָהן אן אנערקענטען הויפּטפיהרער און אָהן א פעסטען צוזאמענהאנג. יעדע שטאָט, יעדע פעסטונג האָט געהאט צו פערלאָזען זיך אויף איהרע אייגענע קרעפטע.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז עס נאָר א וואונדער, וואָס דיא פאטריאָטען האָבען זיך געקענט האלטען א לאנגע צייט געגען דיא רוימישע לעגיאָנען אונטער דער קאָמאנדאָ פון אספּסינוס.

פערטער קאַפּיטעל.

אספּסינוס אין גלי'. — דיא שוואכקייט פון יאָזעפוס'עס ארמעע. — דיא פערניכטונג פון גאבארא. — יאָזעפוס'עס בעריכט צום סנהדרין. — דיא העלדענמוטהיגע פערטהיידיגונג פון יאָטאַפּאַטאַ. — יאָזעפוס געצוואונגען מיטצוקעמפּפען. — וויא ער האָט זיך ארויסגעדרעהט פון טויט און האָט זיך אונטערגעגעבען צו דיא רוימער.

דיא טרויעריגע פּאסירונגען, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אין פאָריגען קאפּיטעל, זיינען געשעהען אין פערלויף פון 5 מאָנאט איידער דיא רוימישע לעגיאָנען זיינען אָנגעקומען. אנשטאָט צו פעראייניגען אלע קרעפטע, האָט יאָזעפוס נאָר אָנגעמאכט מחלקות און צוטהיילונגען. מען וואָלט גאָר ניט געקענט גלויבען, אז ער האָט בעגאנגען אזוי פיעל געמיינהייטען און אָנגעמאכט אזוי פיעל צרות, ווען ער וואָלט עס אליין ניט דערצעהלט מיט פיעלע איינצעלהייטען אין זיין אָטאָביאָגראפיע.

נעראָן האָט זיך דערוואוסט פון דעם אויפשטאנד אין ארץ ישראל, ווען ער איז געווען אין גריכענלאנד, וואוהין ער איז געקומען צייגען זיין קונסט אלס זינגער, שפּיעלער און פאָהרער אויף א רייט־וואָגען. דאָס איז געווען איינער פון דיא משוגעת'ן פון דיזען טיראן. דיא נידערלאגע פון דיא לעגיאָנען אונטער דער קאָמאנדע פון סעסטיוס גאלוס האָט איהם זעהר איבערגעשראָקען און ער האָט דארום אויסגעקליבען אספּסינוס'ן פאר דעם קאָמאנדיר געגען דיא אידען, אָבוואָהל ער האָט גאָר ניט געגליכען דיזען בעריהמטען גענעראל. ער האָט קיין אנדער ברירה געהאט, דען אספּסינוס איז גערעכענט געווען פאר דעם בעסטען גענעראל אין דער רוימישער אימפּעריע און געגען דעם אויפשטאנד פון דיא אידען האָט מען געמוזט געברויכען דיא בעסטע קרעפטע פון דער רוימישער ארמעע.

אספּסינוס האָט געלאנדעט אין דעם פּאָרט פּטאָלעמאיד (עכו)

אין ווינטער פון 67טען יאָהר. זיין זוהן טיטוס האָט ער געשיקט נאָך אלעקסאנדריא צו ברענגען פון דאָרטען דיא צוויי שטארקע און ערפאהרענע לעגיאָנען, וועלכע האָבען שוין בעוויזען זייער גרויזאמקייט צו אידען אין דער צייט, ווען דיא גריכען זיינען דאָרטען בעפאַלען דעם אידישען קווארטאל. א סך רייכע און אריסטאָקראטישע אידען זיינען גלייך געקומען ערקלערן דעם רוימישען גענעראל זייער טרייהייט צו רוים. צווישען זיי איז אויך געווען אגריפוס דער צווייטער, וועלכער איז ניט נאָר געווען פערדאָרבען וויא אלע מיטגליעדער פון דער הורדוס פאמיליע, זאָנדערן אויך אונפעהיג, און זיין שוועסטער וועראָניקא, א בעריהמטע שעהנהייט, אין וועלכער טיטוס האָט זיך גלייך פערליעבט און מיט וועלכע ער האָט געוועלט חתונה האָבען, ווען ער איז געוואָרן קייזער. אום צו צייגען, אז ער האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער קריעגס־פארטיי, איז אגריפוס געקומען מיט זיינע סאָלדאטען העלפען דיא רוימער.

אין א קורצע צייט האָט אספסינוס צוזאמענגעקליבען אן ארמעע פון 50 ביז 60 טויזענד מאן, נאָר אום אויסצומיידען דיא מפלה פון סעסטיום גאלום, האָט ער מארשירט זעהר פאָרזיכטיג, זוכענדיג אָפצוהאקען דיא פערבינדונגען פון די אידישע פאטריאָטען, וועלכע זיינען אזוי אויך געווען צוטהיילט און אָפגעזונדערט דורך דיא אינטריגען און פאלשקייטען פון יאָזעפוס פלאוויוס. ער האָט גלייך געצייגט, אז ניט אומזיסט האָט ער געהאט אזא גרויסען נאָמען אלס גענעראל און אז ניט אומזיסט האָט דיזער נאָמען ארויפגעיאָגט א שרעק אויף אלע פעלקער ארום און אויך אויף פיעלע אידען.

פריהער האָט ער ארויסגעשיקט אָבטהיילונגען צו פעריאָגען דיא קליינע טהיילען פון אידישע פאטריאָטען אויפ'ן וועג דורך גליל, דען ער האָט טאקי אויסגעקליבען, וויא מען האָט גערעכענט, דיזען סטראטעגישען וועג, אום צוצוקומען צו ירושלים. דאָ האָט זיך באלד ארויסגעצייגט, אז דיא סאָלדאטען אונטער יאָזעפוס'עס קאָמאנדע זיינען ניט אין שטאנד געווען אפילו צו שטערען דעם

מארש פון דיא רוימער. יאָזעפוס אליין האָט נאָר הפנים גע־קעמפפט צום שיין, דען ער איז אלץ צוריק געטראָטען. ווען ער האָט ניט געקענט אויסמיידען א צוזאמענשטויס מיט דיא רוימער, איז ער אלע מאָל שנעל געשלאָגען געוואָרן, דען זיינע סאָלדאטען האָבען קיין צוטרויען געהאט צו זיין פערזאָן און נאָך וויניגער צו זיינע מיליטערישע פעהיגקייטען.

א גאנץ אנדערער גייסט האָט געהערשט צווישען דיא פאַ־טריאָטען, וועלכע האָבען אנערקענט יוחנן פון גיסכאלא פאר זייער פיהרער. זיי האָבען געקעמפפט וויא לייבען אפילו געגען פיעלע גרעסערע צאָהלען פון רוימער.

דיא ערשטע פעסטונג פון גליל, וועלכע איז צושטערט געוואָרן פון דיא רוימער, איז געווען גאבארא. דיא הייפעלע פאטריאָטען האָבען ארויסגעצייגט פיעל העלדענמוטה, אָבער זיי האָבען ניט געקענט לאנג אויסהאלטען דיא רוימישע אטאקעס, ווייל דיא פאָ־זיציאָן איז ניט געווען גוט בעפעסטיגט. אום צו נעהמען נקמה פאר דיא נידערלאגע פון סעסטיוס גאלוס'עס לעגיאָנען לעבען ירושלים, האָבען דיא רוימער אויסגעשלאכט דעם גאנצען גארני־זאָן פון גאבארא און דיא גאנצע שטאָט פערברענט. דאָס איז גע־ווען דער אָנפאנג פון דיא שרעקליכע אויסשלאכטונגען אין דיזען קאמפף אויף לעבען און טויט צווישען דיא אידען און דיא רוימער. דיא איינוואָהנער אין דער אומגעגענד פון גאבארא זיינען אָדער אויסגעשלאכטעט געוואָרן אָדער פערקויפט געוואָרן אין שקלאַ־ווערייי.

דיא נעכסטע פעסטונג אויפ'ן וועג פון דיא רוימער איז געווען יאָטאפאטא. ווען אספסינוס האָט מארשירט אהין, איז יאָזעפוס געווען אין טבריה, וואוהין ער איז געקומען צו לויפען מיט זיינע דעמאָראליזירטע און צושראָקענע סאָלדאטען. ער האָט אזוי וויט פערלאָרען מוטה און האָט אזוי וויניג געדענקט וועגען ווי־דערשטאנד, דאָס אין א בעריכט צום סנהדרין וועגען דעם טרויעריגען צושטאנד אין גליל האָט ער אָנגעפרעגט, אויב ער זאָל פאָרטזעצען דעם קאמפף אָדער פערהאנדלען מיט אספסינוס וועגען

פריעדען. אין פאל מען וועט איהם הייסען פיהרען מלחמה, האט ער אָנגעזאגט, אז מען זאָל איהם צושיקען פערשטערקונגען. ער איז שוין אלזאָ גלייך אין אָנפאנג געבליבען אָהן סאָלדאטען, אָבגלייך ער וואָלט געקענט האָבען ניט ווייניגער וויא 100 טויזענד מאן אונטער זיין קאָמאנדא, ווען ער וואָלט אנדערש געהאנדעלט און געווען אויפריכטיג פיר א קאמפף מיט רוים. נאָר עס איז מעגליך, אז ער האט אבזיכטליך פערלאנגט פערשטערקונגען, אום צו האָבען א תירוץ זיך אונטערצוגעבען. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעהמט אָדער, גיכער, ווען ער וואָלט ניט מורא געהאט פאר דיא פאטריאָטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין אלע טהיילען פון גליל, וואָלט ער זיך וואהרשיינליך באלד אונטערגעגעבען.

אויף יעדען פאל איז ער אוועק נאָך יאָטאפאטא, וואו פיעלע פאטריאָטען האָבען זיך פערזאמעלט צו בעשיצען דיזע פון דער נאטור שטארקע פעסטונג. ער האט אפילו איבערגענומען דיא קאָמאנדא איבער דעם גארניזאָן, אָבער זיין צוועק איז הפנים געווען ניט צו קעמפפען, נאָר צו קומען צו א פשרה מיט אספסינוס. אָבער דיא פערטהיידיגער זיינען געווען זעהר מוטהיגע פאטריאָטען און האָבען גוט אויפגעפאסט אויף זייער קאָמאנדיר ער זאָל זיך ניט אָפטראָגען אין דער שטיל צו דיא רוימער. דיא פעסטונג איז פון 3 זייטען געווען ארומגערינגעלט פון בערג און אָבגרונדען. נאָר פון איין זייט האָט מען געקענט צו איהר צוקומען; אָבער דאָרטען האָט מען איהר בעשיצט מיט א שטארקע וואנט און פיעלע טהורמען, וואו מען האָט צוזאמענגעקליבען אלערליי דאמאָלסדיגע געוועהר צו פעריאָגען דיא רוימער. געגען דיזע וואנט האָט אספסינוס אויסגעשטעלט 60 קאטאפולטען און אנדערע שטורם־מאשינען, וועלכע האָבען געשליידערט מאסען שטיינער, שפיזען און ברענענדע מאטריאלען. דיא פאטריאָטען האָבען עטליכע מאָל ניט נאָר צוריקגעשטויסען דיא רוימער, טויטענדיג א סך פון זיי, זאָנדערן האָבען נאָך געמאכט אטאקעס און צושטערט דיא רוימישע מאשינען. פערציג טעג האָט געדויערט דיזע בעלאגערונג, ווען

דיא פאטריאָטען האָבען געצייגט וואונדער פון מוטה און האָבען אויסגעמאטערט דיא רוימער. זיי וואָלטען זיך נאָך געקענט האַל־טען א לענגערע צייט, ווען זיי וואָלטען ניט פערראטהען געוואָרן פון איינעם, וואהרשיינליך א פריינד פון דיא רוימער, וועלכער האָט אָנגעצייגט אויף דעם געהיימען דורכגאנג צווישען די בערג, דורך וואנען דיא בעלאגערטע פלעגען קריגען שפייז פון דיא אי־דען פון ארומיגע דערפער.

וויא יאָזעפוס דערצעהלט אליין, האָט ער אין דער צייט, ווען דיא בעלאגערטע האָבען שוין געליטען הונגער, זיך געקליבען צו מאכען פלטה אין געהיים. נאָר דיא פאטריאָטען האָבען זיך דער־וואוסט דערפון און האָבען איהם געסטראשעט מיט'ן טויט, אויב ער וועט ניט בלייבען. ער האָט זיי געוואָלט איינרריידען, אז ער וועט זיי בעסער העלפען, ווען ער וועט ארויס אין לאנד און צוזאַ־מענקלייבען סאָלדאטען, אום צו פעריאָגען דיא בעלאגערער. אָבער קיינער האָט איהם ניט געגלויבט. זעהענדיג, אז ער האָט קיין אנדער ברירה ניט וויא צו קעמפפען, האָט ער מיט פערצווייפ־לונג אויסגעשריען: „אויב אזוי, לאָמיר קעמפפען ביז'ן לעצטען אָטהעם און טהייער פערקויפען אונזער לעבען, לאָמיר צייגען א ביישפיעל פאר אנדערע, אז מיר קענען מוטהיג שטארבען“.

עטליכע טעג נאָכדעם האָט ער ווירקליך העלדענמוטהיג גע־קעמפפט. א פּאָר מאָל איז ער ארויס מיט דיא מוטהיגסטע פאטריאָטען און האָט פעריאָגט דיא פאָרדערסטע אבטהיילונגען פון דיא רוימער. איין מאָל איז ער צוגעקומען צו דעם רוימישען לאגער און האָט אונטערגעצונדען פיעלע מאשינען און דיא דעכער, וואו סאָלדאטען און ערד־גרעבערס האָבען זיך געפונען אונטער בעשיצונג. יאָזעפוס איז געווען אן ערפינדערישער מאן און האָט בעזאָנדערס ארויסגעצייגט זיין פעהיגקייט אין דער קורצער צייט פאר דעם פאל פון דיזער פעסטונג.

אלע זיינע איינפעלע האָבען אָבער גאנץ ווייניג געהאָלפען, ווען דער הונגער פון איין זייט און דיא שטענדיגע אָנשטרענגונג פון דער אנדער זייט האָבען אויסגעמאטערט דיא פערטהיידיגער,

וועהרענד אספסינוס האָט אַליין געקענט צושיקען פרישע קרעפטע און צורוקען נייע מאשינען אַלייז נעהנטער צו דער וואנט. שליסליך האָבען דיא רוימער איינגעבראָכען דיא וואנט און מיט דיא הילפע פון א פעררעטהער האָבען זיי זיך אריינגעריסען אין דער פעסטונג און אָנגעמאכט א שוידערליכען חורבן. דיא צוקאָכטע סאָלדאטען האָבען זיך צולאָזט איבער דער שטאָט און האָבען געשלאכטעט רעכטס און לינקס יעדען ווער עס האָט נאָר געהאט דעם אונגליק אריינצופאלען אין זייערע הענד. פיעלע פאטריאָטען האָבען אליין געזוכט דעם טוידט, שפּרינגענדיג פון דיא ווענט און דיא בערג אין אָבגרונדען אָדער דורכשטעכענדיג זיך מיט זייערע שווערדען. זיי האָבען געוואוסט, אז זיי קענען קיין גנאדע ניט ערווארטען פון דיא רוימער און האָבען אויך ניט געוועלט איבערלעבען זייער ני־דערלאגע. דיא רוימער האָבען מיט ווילדער גרויזאמקייט זיך אָפּ־גערעכענט מיט דיא העלדישע פערטהיידיגער פון יאָטאפּאטא. אספּסינוס האָט געהייסען צושטערען דיא פעסטונג און אַלעס פער־ברענען. דיא וואָס זיינען לעבען געבליבען, זיינען פערקויפט גע־וואָרן אין שקלאווערייא, בעזאָנדערס פרויען און קינדער.

א טהייל האָבען זיך בעהאלטען אין היילען און קעלערס. צווי־שען אַזעלכע איז געוועזען יאָזעפוס פלאוויוס. ווען דיא רוימער האָבען אויסגעפונען דעם אָרט, וואו ער האָט זיך בעהאלטען מיט 40 קעמפּפערס, האָט אספסינוס געשיקט צוויי אָפיציערען איהם אָנ־צוזאָגען, אז אויב ער וועט זיך אונטערגעבען, וועט מען איהם בע־גנאדיגען. ער דערצעהלט, אז ער האָט אָנפאנגס ניט געגלויבט דיא פערשפּרעכונגען פון דיא רוימער, נאָר ווען אספסינוס האָט צו איהם געשיקט זיין פריהעריגען פריינד ניקאנאָר, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען, אז דיא רוימער בעגעהען זיך גוט מיט דיא געפאנגענע און בעזאָנדערס מיט מוטהיגע קעמפּפערס, האָט ער, נאָך א ביטערען קאמפף מיט זיך זעלבסט, בעשלאָסען זיך צו פערלאָזען אויף ניקאנאָר׳ס פערשפּרעכונגען אין נאָמען פון אספסינוס.

נאָר אום צו קענען ארויסגעהן פון הייל, האָט ער בעדארפט

קריעגען דיא צושטימונג פון זיינע חברים אין אונגליק. זיי האָט מען אויך פאָרגעשלאָגען גנאדע, אויב זיי וועלען זיך אונטערגעבען; אָבער זיי האָבען זיך ענטזאגט. דאָס לעבען האָט אין זייערע הערצער פערלאָרען יעדע אנציהונג, און זיי האָבען ניט געוועלט זיך אונטערגעבען לעבעדיגערהייט אין דיא הענד פון זייערע אונ־טערדריקער, וועלכע זיי האָבען געהאסט ביז'ן טויט. זיי האָבען דארום בעשלאָסען בעסער צו בעגעהן זעלבסטמאָרד איידער צו פערטראָגען דיא שאנדע אלס געפאנגענע אין רוימישע הענד. ווען יאָזעפוס האָט אָנגעפאנגען זיי צו ערקלערן, אז מיט זייער זעלבסטמאָרד וועלען זיי קיינעם קיין נוצען ניט בריינגען, האָבען זיי אויסגעשטעלט זייערע שווערדען און געענטפערט, אז וויא נאָר ער וועט פרובירען ארויסגייען, וועלען זיי איהם דערשטעכען.

ער גיט איבער דיא רעדעס, מיט וועלכע ער האָט זיי געזוכט איבערצוריידען. „עס איז פיין צו שטארבען אויפ'ן שלאכטפעלד", האָט ער גע'טענה'ט, „אָבער עס איז א פייגהייט צו בעגעהן זעלבסטמאָרד. ווען איך וואָלט אנטלאָפען פון שלאכטפעלד, וואָלט איך ווירקליך פערדיענט דעם טויט, נאָר דאָ זיינען מיר וויא געפאנגענע. מיר דארפען זיך ניט שעמען אָנצונעהמען דיא גנאדע פון אונזערע פיינדע, דען מיר האָבען זיי געצייגט אונזער מוטה. אויב עס בלייבט אונז יעצט צו שטארבען, זאָל עס בעסער זיין דורך דיא הענד פון אונזערע זיעגערס. איך וועל שטארבען מיט פריידע, ווען מען וועט מיך הינריכטען טראָץ דעם פערשפרעך פון גנאדע". ווייטער האָט ער זיי אָנגעצייגט פון דער ביבעל, אז מען טאָר ניט בעגעהן זעלבסטמאָרד.

אָבער אלע זיינע טענות זיינען געווען ארויסגעוואָרפען. קיי־נער האָט ניט געוועלט הערען פון אונטערגעבען זיך צו דעם פער־האסטען שונא. מען האָט דאן בעשלאָסען, אז איינער זאָל דער־שטעכען דעם אנדערן און דער לעצטער זאָל אליין זיך טויטען. אלע האָבען פייערליך געשוואָרען אויסצופיהרען דיזען שרעקליכען בעשלוס, יאָזעפוס אויך. מען האָט געוואָרפען גורל, און גראדע איז עס אויסגעקומען, אז יאָזעפוס איז געבליבען איינער פון דיא

גֿעצֿטע. אלע האָבען געהאלטען זייער שבועה, נאָר ווען דיא רייהע איז געקומען צו יאָזעפוס'ן, האָט ער גענומען איינריידען זיין חבר, אז מען זאָל זיך בעסער אונטערגעבען. ער האָט אזוי לאנג גע'טענה'ט ביז ער האָט אויסגעפיהרט זיין וואונש. ביידע זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרן אין רוימישען לאגער, וואו יאָזעפוס איז גאנץ פריינדליך אויפגענומען געוואָרן פון אספּסינוס און אויך פון טיטוס. אספּסינוס האָט איהם געוועלט אוועקשיקען נאָך רוים צום קייזער, אָבער יאָזעפוס האָט זיך אָבגעבעטען, מען זאָל עס ניט טאָן, דען ער האָט מורא געהאט, אז דער טיראן וועט מאכען מיט איהם א קורצען סוף. מען האָט איהם אפילו געהאלטען אונטער א וואך, אָבער דאָס איז נאָר געוועזען צום שיין. אספּסינוס האָט איהם געגעבען א סך מתנות, מען האָט איהם ערלויבט צו טראָגען עהרען־קליידער און אויך זיך אויסצוקלייבען א ווייב פון דיא געפאנגענע אידישע טעכטער. בעזאָנדערס האָט ער געפונען חן אין דיא אויגען פון טיטוס, מיט וועלכען ער פלעגט פיהרען געשפּרעכען און וועלכער איז געבליבען זיין בעשיצער דיא גאנצע צייט פון זיין לעבען.

פינפטער קאַפּיטעל.

דער לעצטער ווידערשטאַנד פון דיא פּאַטריאָטען אין גליל — יוחנן פון גיסכאלא אנטלויפט נאָך ירושלים. — אספּסינוס און דער בירגער־קריעג אין ירושלים. — יאָזעפוס אין רוימישען לאגער. — דער האַס פון דיא פּאַטריאָטען צו איהם. — זיינע צורופען צו דיא בעלאַגערטע זיך אונטערצוגעבען.

אווי האָט זיך געענדיגט דיא מיליטערישע קאריערע פון יאָזעפוס פלאוויוס. נאָך דיא צערשטערונג פון יאָטאפּאטא האָבען זיך איינינע פלעצער פרייוויליג אונטערגעגעבען. דיא איינוואָהנער פון טבריה, דיא הויפּט־שטאָט פון גליל, זיינען אזוי ענטמוטהיגט געוואָרן, אז זיי האָבען געעפענט דיא טויערן, וויא נאָר דיא רוימער האָבען זיך בעוויזען. אספּסינוס האָט ביסלעכוויין איינגענומען איין פעסטונג נאָך דיא אנדערע און פערוויסטעט א גרויסען טהייל פון דיזער פראכטפאָלער פּראָווינץ. נאָר אין נאָרד זיינען נאָך פערבליבען דריי פעסטונגען, וועלכע אספּסינוס האָט געקענט איינגעהמען ערשט נאָך א ביטערען קאמפּף מיט א גרויסען פערלוסט.

דאָס זיינען געוועזן גיסכאלא (גוש חלב), הר תבור און גמלא, וואו דיא נאָכפאָלגער פון דעם העלדישען יוחנן האָבען געקעמפּפט וויא לייבען. גמלא איז דריי מאָנאט בעלאגערט געוועזן פון דיא סאָלדאטען פון אגריפּוס, וועלכער האָט געהאָלפען דיא רוימער צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד; נאָר ער האָט גאָר ניט געקענט אויספיהרען ביז אספּסינוס איז צוגעקומען. אויך דאָן האָט זיך דיזע פעסטונג געהאלטען א מאָנאט געגען אלע רוימישע אטאקעס. דיא פּאטריאָטען פון גמלא האָבען זי פערטהיידיגט מיט אזא פערצווייפעלטען העלדענמוטה וויא זייערע ברידער אין יאָטאפּאטא. ווען דיא רוימער האָבען מיט זייערע מאשינען דורכגעבראָכען א לאָך אין דער וואנד פון דער פעסטונג און זייערע ערשטע רייהען

האָבען זיך אריינגעריסען אין דער שטאדט, האָט מען זיי אזוי אטאקירט מיט שטיינער פון אלע זייטען, אז קיין איינציגער פון זיי איז שוין ניט ארויס א לעבעדיגער. דיא רוימער האָבען ערשט געקענט איינגעהמען דיא פעסטונג, ווען עס איז זיי געלונגען איהר אונטערצוגראָבען אין איין אָרט, וואוהין זיי האָבען פערנארט דיא פאטריאָטען מיט א פאַלשע אטאקע. דיא ווענט זיינען דאן איינגעפאַלען אונטער דער מאסע פון דיא קעמפפער און דיא מייסטע פון זיי האָבען דאָרטען געפונען זייער קבר. דיא רוימער האָבען נאכדעם אויסגעשלאכטעט, ווענען זיי האָבען נאָר געטראָפען אויפ׳ן וועג. מען רעכענט, אז 5000 נפשות האָבען זיך אליין גענומען דאָס לעבען. פון דער גאנצער בעפעלקערונג פון גמלא זיינען נאָר געבליעבען 2 יונגע מיידלעך....

אלע פאטריאָטען פון גליל, וועלכע עס איז געלונגען זיך צו רעטען, האָבען זיך א לאָז געטאָן נאָך ירושלים, אום צו העלפען דאָרט דיא קעמפפערס. צווישען אזעלכע איז אויך געווען יוחנן פון גיסכאלא. ער האָט זיך געהאלטען ביז דער לעצטער מינוט אין זיין קליינער געבורטס־שטאָט מיט א הייפעלע פאטריאָטען. ווען טיטוס איז צוגעקומען, האָט יוחנן געבעטען מען זאָל איהם געבען 24 שטונדען צייט ביז ער וועט עפענען דיא שטאָט פאר דיא רוימער. דער תירוץ איז געווען, אז ער וויל אָבהיטען שבת. נאָר ווען טיטוס האָט בעוויליגט זיין פערלאנג, האָט ער זיך אָבגעטראָגען מיט זיינע נאכפאָלגער און א סך איינוואָהנער, ווייל עס איז שוין גאנץ אונמעגליך געווען אויסצוהאלטען אן אטאקע פון טיטוס׳עס לעגיאָנען. טיטוס האָט געהייסען נאָכיאָגען זיי, אבער יוחנן האָט זיך גערעטעט מיט יי טהייל פון זיינע סאָלדאטען. ער האָט נאכהער געשפיעלט א זעהר וויכטיגע ראָלע ביי דער פערטהיידיגונג פון ירושלים.

נאָך דעם פאל פון גיסכאלא איז דער וועג נאָך ירושלים געווען אָפען פאר דיא רוימישע לעגיאָנען. פיעלע ערטער פון גליל זיינען אין גאנצען פערוויסטעט געוואָרן. דאָרט, וואו עס זיינען ערשט מיט עטליכע מאָנאט צוריק געווען בליהענדע שטעט, האָט

יעצט געהערשט דיא שטילקייט פון טויט. דיא אידען, וואָס זיינען ניט אויסגעשלאַכטעט געוואָרן, האָבען געשמאַכטעט אין קייטען אָדער זיינען פערקויפט געוואָרן פאר שקלאַווען.

אָבער דיא רוימער זיינען אין דער צייט אזוי אויסגעמאַטערט געוואָרן און אספּסינוס האָט פערלאָרען אזוי פיעל סאָלדאַטען, דאָס ער איז געצוואונגען געווען אָפּצו־ווארטען ביז ער וועט צו־זאַמענקלייבען נאָך סאָלדאַטען, ביז ער וועט קענען בעפאַלען א״ץ יהודה און בעלאַגערן ירושלים. גאַנצע צוויי יאָהר האָט ער צו־רוהע געלאָזען ירושלים; אָבער דיא פּאַטריאָטען האָבען זיך ליי־דער גאָר ניט בענוצט מיט דיזער צייט. פערקעהרט, זיי האָבען נאָך אָבגעשוואַכט זייערע קרעפטע דורך א ווילדען קאַמפף מיט דער פריעדענס־פּאַרטיי און דורך געגענזייטיגע רייסערייען.

אספּסינוס האָט אזוי געהאַנדעלט ניט צוליעב דעם, ווייל ער האָט זיך געפיהלט שוואַך צו שטורמען ירושלים, זאָנדערן ווייל ער האָט אויסגעקוקט, אז דורך דעם בירגער־קריעג וועט איהם פּילייכט געלינגען צו פערכאַפּען דיא אידישע הויפּט־שטאָט מיט דער הילפע פון דער פריעדענס־פּאַרטיי אָהן לאַנגע בעלאַגערונגען און אָהן גרויסע בלוטפערגיסונגען. פון דער אנדער זייט האָט עס גע־טראָפען, אז דער טיראַן נירון (נעראָן) איז געשטאָרבען און דיא רוימישע לעגיאָנען אין פערשיעדענע פּונקטען האָבען אויסגעקלי־בען זייערע קאָמאַנדירען פאר קייזערס. אין איין יאָהר האָבען דריי גענעראַלען פערנומען דעם רוימישען טהראָן ביז ענדליך דיא לעגיאָנען אין ארץ ישראל, אין סיריען און אין עגיפּטען האָבען געשוואָרען טרייהייט צו אספּסינוס, וועלכער איז פערבליבען קיי־זער ביז זיין נאַטירליכען טויט און האָט אויך געקענט אָהן שטע־רונגען איבערלאָזען דעם טהראָן צו זיין זוהן טיטוס.

אין דער צייט, ווען ער מיט זיין זוהן זיינען פערנומען געווען צו בעהערשען דיא גאַנצע רוימישע אימפּעריע, האָבען זיי נאַ־טירליך ניט געקענט פיעל אין זינען האָבען דעם אויפשטאַנד פון דיא אידען. ערשט אין פעברואר 70טען יאָהר איז טיטוס ערשיע־נען מיט זיינע לעגיאָנען לעבען ירושלים.

דאָ איז ניט דער אָרט צו בעשרייבען דיא געשיכטע פון חורבן ירושלים, ווייל דיזער העלדישער קאמפף פון אידען פאר זייער אונאבהענגיגקייט האָט שוין ניט צו טאָן מיט יאָזעפוס'ן. דיא גאנצע צייט האָט ער זיך געפונען אין דער רוימישער ארמעע און האָט נאָר צוגעזעהען, וויא זיינע ברידער זיינען געפאלען אין דעם אונגליקליכען קאמפף, וויא דער בית המקדש איז פערברענט געוואָרן און וויא דיא הייליגע שטאָט איז צושטערט געוואָרן. ער איז געוועזען אן עדות פון דיא שרעקליכסטע פסירונגען ביי חורבן ירושלים, זאָ דאָס ער האָט נאכהער געקענט אלעס ריכטיג בעשרייבען אין זיין געשיכטע פון דער אידיש־רוימישער מלחמה.

ווען מען האָט ערהאלטען אין ירושלים דיא ערשטע בעריכטען וועגען דיא צערשטערונג פון דער פעסטונג יאָטאפאטא, האָט מען גערעכענט, אז יאָזעפוס איז אויך געפאלען אונטער דיא רוימישע שווערדען און מען האָט זעהר בעדויערט זיין טויט, אָבוואָהל דיא פאטריאָטען זיינען געוועזען אויפגעבראכט געגען איהם פאר זיינע אינטריגען און געמיינע האנדלונגען אין גליל. אָבער וויא נאָר מען האָט זיך דערוואוסט, אז ניט נאָר ער לעבט אין רוימישען לאגער, זאָנדערן ווערט נאָך בעהאנדעלט אזוי, וויא ער וואָלט שטענדיג געוועזען א הייסער פריינד פון רוים, האָט מען איהם פערהאסט און פערשאָלטען וויא א פעררעטהער. אלע פאטריאָטען האָבען דאָס איהם ניט געקענט פערגעבען, און דיא הייסעסטע קנאים זיינען נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרן געגען דיא מעסיגע און האָבען גענומען קוקען אויף יעדען איינעם פון אנדערע פארטייען, וויא אויף פעררעטהער און געהיימע אגענטען פון רוים. יאָזעפוס האָט אלזאָ אויף דיזער ארט אריינגעבראכט פערדאכט און מיסטרויען צווישען דיא קעמפפערס פון ירושלים.

נאָר דער האס פון דיא קנאים האָט איהם ווייניג וואָס געקימערט. ער האָט זיי געצאָהלט מיט דער זעלבער מטבע. יעדענפאלס איז ער געוועזען זייער ביטערער געגנער זייט זיין שטרייט מיט יוחנן פון גיסכאלא. נאָר פאר דעם גאנצען פאָלק

און איבערהויפט פאר זיין געבורטס־שטאָט און דעם בית המקדש
האָט ער געוויס ניט ווייניג געזאָרגט. ער איז געווען נאָך אלעם
א פרומער איד און האָט געליעבט זיין פאָטערלאנד. אויב ער
האָט פריהער אמאָל געטרוימט און געהאָפט, אז מען קען געווינען
עפּעס דורך דעם אויפשטאנד געגען רוים, האָט ער יעצט פערלאָ־
רען יעדע האָפנונג. צוקוקענדיג זיך צו אלעס, וואָס עס איז פאָר־
געקומען אין דעם רוימישען לאגער, וויא שטארק דיא רוימישע
לעגיאָנען זיינען און וויא זיי זיינען פערזאָרגט מיט דיא בעסטע
געוועהר פון יענער צייט און ווערן קאָמאנדירט פון פעהיגע גע־
נעראלען, האָט ער נאטירליך בעסער וויא יעדער אנדער איד גע־
קענט זעהען, אז יעדער ווייטערער קאמפף איז נוצלאָז און אז דער
סוף וועט זיין א שרעקליכער פאר זיין פאָלק.

זיין הארץ האָט געבלוטעט, ווען ער האָט געזעהען דיא צרות
פון זיין פאָלק. ער דערצעהלט, אז ער פלעגט אָפט צוגעהן צו
דיא וואנט פון ירושלים און מיט טרערען אין דיא אויגען בעטען
זיינע ברידער איפצוהערען צו קעמפפען געגען רוים, וויל זיי
וועלען נאָר ברענגען צו דער צערשטערונג פון דער היילינער
שטאָט, וועלכע איז דאן בעלאגערט געווען פון 80 טויזענד סאָל־
דאטען. נאָר זיינע רייד האָבען קיין ווירקונג געהאט. מען
פלעגט איהם פעריאָגען מיט זידלערייען, מיט געשרייען: „פער־
רעטהער, רוימישער הונד!“ איין מאָל האָט מען איהם געטראָפען
אין קאָפּ מיט א שטיין און ער איז אנידערגעפאלען בעוואוסטלאָז.
דיא רוימישע סאָלדאטען, וועלכע פלעגען איהם בעגלייטען, האָבען
איהם אוועקגעטראָגען און אָפּגעמינטערט, און ער האָט נאכהער
ווייטער פאָרטגעזעצט זיינע צורופען מען זאָל זיך אונטערגעבען,
אום צו רעטען דיא היילינע שטאדט. מען רעכענט, און דאָס איז
גאנץ נאטירליך, אז טיטוס פלעגט איהם שיקען איינריידען דיא
פּאטריאָטען אויפצוגעבען דעם נוצלאָזען קאמפף, דען עס איז בע־
וואוסט, אז טיטוס האָט נאָר געוועלט וואָס גיכער מאכען א סוף
פון דעם אויפשטאנד און זיך צוריק קעהרען נאָך רוים אלס זיע־
גער מיט א טריאומפף. ער האָט געוועלט צייגען, אז ער איז א

גוטער גענעראל, אום צו פערשטארקען זיין פאמיליע אויף דעם רוימישען טהראָן, און האָט דארום געזוכט צו ברעכען דעם ווי־דערשטאנד פון דיא אידען מיט גוטע פערשפרעכונגען, אונטער־קויפונגען און אנדערע אזעלכע מיטעל. ער האָט אויך אָנגעהאל־טען א סך שפיאָנען אין ירושלים, וועלכע פלעגען איהם לאָזען וויסען פון אלעם אויף שטיקלעך פאפיר, וועלכע זיי פלעגען שליי־דערן פון פייל־און־בויגענס.

קיין וואונדער דארום, אז טיטוס האָט זיך געוועלט בענוצען מיט דער הילפע פון אזא וויכטיגע פערזאָן וויא יאָזעפוס פלאוויוס; אָבער אין דיזען פאל, מוז מען צוגעבען, האָט יאָזעפוס געהאנדעלט גאנץ אויפריכטיג, ניט אום צו קויפען זיך חן אין דיא אויגען פון דיא רוימער. פאר זיינע דרשות צו דיא בעלאגערטע, וועלכע האָ־בען געקעמפפט מיט א בלינדען פאנאטיזמוס, קען מען איהם ניט בעשולדיגען, דען ער האָט געזאָגט, וואָס ער האָט ווירקליך גע־פיהלט, און האָט מיטלייד געהאט מיט זיינע אונגליקליכע ברידער. ער גיט איבער איינגע פון זיינע צורופען צו דיא בעלאגערטע.

ווען דיא צוויי אויסערע ווענט פון ירושלים זיינען שוין געווען דורכגעבראָכען פון דיא רוימער און דיא דריטע און לעצטע וואנט האָט זיך געטרייסעלט אונטער דיא קלעפ פון דיא שטיינער־שליי־דערנדע מאשינען; ווען אלע האָבען אזוי געהונגערט, אז דיא קעמפפערס אויף דיא וואנט האָבען געקייט דיא פעל פון זייערע שילדען און מוטערס האָבען געפרעסען זייערע אייגענע קינדערלעך; ווען טויזענדע טויטע קערפערס האָבען זיך געוואלגערט אין דיא גאסען און דיא לופט איז געווען פערפעסטעט — אין דיזער שויי־דערליכער צייט האָט ער געשריען צו דיא פערצווייפעלטע קעמפפערס אויף דער לעצטער וואנט:

„האָט רחמנות אויף זיך זעלבסט און אויף אייער פאָלק, דער־בארעמט זיך אויף אייער הויפטשטאָט און אויף דעם בית המקדש! איהר זעהט דאָך: דיא צוויי שטארקסטע ווענט זיינען שוין צו־שטערט, דיא לעצטע וועט ניט לאנג בלייבען גאנץ. לייגט אוועק

אייער געוועהר, האָט רחמנות אויף אייער האלב־צושטערטען פאָ־טערלאנד! קוקט אייך ארום! זעהט וואָס פאר א פראכטפאָללע שטאָט, וואָס פאר א בית המקדש איהר ווילט אויפאָפּפערן. עס איז נאָך צייט חרטה צו האָבען, צו רעטען דאָס, וואָס עס איז דיא הייליגסטע זאך פאר אידען. נאָר אויב איהר ווילט צומאכען אייערע אויגען אויף אלעס ארום זיך, דערמאָנט זיך אָן אייערע עלטערן, פרויען און קינדער, וועלכע וועלען באלד פאלען אונטער דיא שווערדען פון דיא רוימער. איך וויים, אז מיין מוטער, מיין פרוי און מיין גאנצע פאמיליע זיינען אין לעבענסגעפאהר. אָבער מיינט ניט, אז איך בעט אייך אוועקצולייגען דיא געוועהר וועגען זייערטוועגען. ניין! טויטעט זיי, נעהמט אויך מיין אייגענעם לעבען. איך בין בערייט צו שטארבען, ווען איהר וועט נאָר קו־מען צום שכל נאָך מיין טויט...... און וואָס פערלאנגען דען דיא רוימער? זיי פאָרדערן נאָר דיא שטייערן, וועלכע מען האָט פריהער געצאָהלט. וויא נאָר מען וועט זיי דאָס נאָכגעבען, וועלען זיי אייך ניט ריהרען, און דיא שטאָט מיט דעם בית המקדש וועלען בלייבען גאנץ, דיא הייליגע געזעצע וועלען אויך בלייבען אין קראפט"....

דערביי האָט ער זיי אויך געזוכט צו ערקלערן, אז דיא מאכט פון אידישען פאָלק ליעגט ניט אין שווערד, זאָנדערן אין דער תורה. „דיא מאכט פון געוועהר", האָט ער געזאָגט, „איז קיין מאָל ניט געווען דיא שטיצע פון אונזער פאָלק, דען מלחמה האָט אימער גע־בראכט נאָך זיך אונטערדריקונג. דיא אמת'ע קראפט פון אידי־שען פאָלק ליעגט ניט אין שווערד, זאָנדערן אין גלויבען און האָפ־נונג אויף גאָט".

אָבער דיא פאטריאָטען אונטער דער פיהרונג פון יוחנן פון גיסכאלא, שמעון בן גוריא און אליעזר בן שמעון זיינען געבליבען טויב צו אלע צורופען ניט נאָר פון יאָזעפוס פלאוויוס, זאָנדערן אויך פון יוחנן בן זכאי און פון אנדערע פיעל געאכטעטע רבנים אָן חכמים. זיי האָבען בעשלאָסען צו קעמפפען ביז דעם לעצטען אָטהעם פאר דיא בעפרייאונג פון זייער אונגליקליכען פאָטערלאנד.

דאָס לעבען אָהן אונאבהענגיגקייט איז פאר זיי געווען ביטערער וויא דער טויט, און זיי האָבען זיך מקריב געווען מיט זעלטענעם העלדענמטוה. דיא, וואָס זיינען ניט אויסגעגאנגען פון הונגער אָדער זיינען ניט געטויטעט געוואָרן פון רוימער, האָבען אליין געמאכט א סוף פון זייער לעבען, אום ניט צו זיין אונטער דעם רוימישען יאָך. א פאנאטישער גלויבען האָט בעזעעלט דיזע פייערדיגע פאטריאָטען. ווען טיטוס האָט זיך דרעוואוסט, אז מען האָט אויפגעהערט צו ברייננגען קרבנות אין בית המקדש, ווייל עס איז שוין ניט געווען וואָס צו ברענגען, האָט ער זיך בענוצט דער־מיט נאָך א מאָל אויפצופאָרדערן דיא פאטריאָטען זיך אָונטער־צוגעבען; אָבער יוחנן האָט געענטפערט, אז דיא הייליגע שטאָט קען ניט צושטערט ווערן, ווייל גאָט האלט איהר שיקזאל אין זיינע הענד.

אזעלכע מענשען האָבען נאטירליך נאָר געקענט קוקען מיט האס און פעראכטונג אויף יאָזעפוס'ען און אויף אלע דיא יעניגע, וואָס האָבען געזוכט דיא שטיצע פון דיא רוימער.

אין איינע פון זיינע אויפרופען, דערצעהלט יאָזעפוס, האָט ער אויסגעשריען: „קיין מאָל וועל איך זיך ניט אָבזאָגען פון מיין פאָלק; איך וועל ניט פערגעסען אָן מיין פאָטערלאנד, וויא לאנג איך זאָל ניט לעבען אין א פרעמדע לאנד אלס געפאנגענער!“ דיזע שבועה האָט ער עהרליך געהאלטען, וויא זיינע שריפטען צייגען עס.



זעקסטער קאַפּיטעל.

יאָזעפוס ביי דיא טריאומף־פּראָצעסיאָנען פון טיטוס. — זיין האס צו דיא קנאים. — זיין האַלטונג צו דיא גרים. — דאָמיציאַן'ס פערפאָל־גונגען. — יאָזעפוס פערמישט אין דעם פּראָצעס פון דעם גר פלאוויוס קלעמענס. — זיינע ביטערע שונאים און פערפאָלגערס. — זיין שרעק פאַר דאָמיציאַן און זיין טויט.

יאָזעפוס איז אויך געווען אַן עדות פון דעם לעצטען אקט אין דער שרעקליכער טראגעדיע: דיא טריאומף־פּראָצעסיאָנען פון דיא זיעגערס אין רוים. ער האָט געזעהען, וויא זיינע אונ־גליקליכע געפאנגענע ברידער האָבען זיך געשלעפּט געשמידט אין קייטען הינטער דיא טריאומף־וועגען פון אספּאסינוס מיט זיינע זיהן טיטוס און דאָמיציאַן. ער האָט געזעהען, וויא שמעון בן גוריא איז געשלעפּט געוואָרן דורך דיא גאסען פון רוים מיט א שטריק ארום האלז און איז נאכהער ארונטערגעשליידערט גע־וואָרן פון טארפּעער פעלז אלס קרבן צו דיא רוימישע געטער; ער האָט געזעהען, וויא זיין גרעסטער געגנער, דער פעהיגסטער אידי־שער קריעגס־פיהרער יוחנן פון גיסכאלא, האָט קוים כח געהאט צו שלעפּען זיין אויסגעדארטען קערפּער אין דיא קייטען פון דיא זיעגערס; ער האָט געזעהען, וויא דיא בעסטע קעמפּפערס פון זיין פאָלק זיינען אויסגעשלאכט און ערנידעריגט געוואָרן פון דיא פערדאָרבענע מאסען אין רוים; ער האָט געזעהען, וויא דיא גאנ־צע געצענדיענער־וועלט האָט זיך געפרעהט מיט דעם אונגליק פון אידישען פאָלק און מיט דער צערשטערונג פון בית המקדש; ער האָט געזעהען, וויא מען האָט אויפגעבויט דיא טריאומף־ארקע לכבוד טיטוס, וועלכע שטעהט נאָך ביז יעצט אין רוים.

אזא טריאומף־פּראָצעסיאָן האָבען שוין דיא רוימער לאנג ניט געזעהען. אספּסינוס און זיינע זיהן האָבען געזוכט וואָס מעהר צו צייגען זייער גבורה און צו געבען וואָס מעהר פערגניגען דיא

מאסען, אום זיי צוצוציהען צו דער נייער קייזערליכער הויז. דיא מלחמה אין ארץ ישראל האט אויך צו פיעל געקאסט דיא רוימער. דאס קליינע פאלק האט אזוי העלדענמוטהיג און לאנג געקעמפפט, אז דיא עקזיסטענץ פון דער גאנצער אימפעריע איז געוועזן אין געפאהר. ווען דיא אידען וואלטען געזיעגט און גע־קראגען אונאבהענגיגקייט, וואלטען אנדערע פעלקער געוויס נאכ־געפאלגט זייער ביישפיעל, און דיא אימפעריע וואלט צופאלען גע־וואָרן. דיא הערשער פון רוים האבען עס גאנץ גוט געפיהלט און דארום האבען זיי זיך אזוי געפרעהט מיט זייער זיעג איבער דיא אידען. אום צו פייערן דיזען זיעג, האבען זיי אויך אויסגעשלאגען נייע מטבעות מיט א צייכנונג פון א טרויערנדע פרוי אונטער א פאלם־בוים און מיט דער אונטערשריפט „געפאנגענע יודעא“.

וואס האט יאזעפוס געפיהלט, ווען ער האט דאס אלעס צו־געזעהען? „מיין הארץ איז צובראכען“, האט ער געשריעבען, „ווען איך זעה דיא אונגליקען פון מיין פאלק, דעם אונטערגאנג פון מיין פאטערלאנד און דיא צערשטערונג פון בית המקדש. אלע פערגניגען פון לעבען און אלע אוצרות זיינען מיר ווידערווערטיג“. אבער אזוי האט ער וואהרשיינליך נאר געפיהלט, ווען ער האט בעטראכט זיין צושטערטע געבורטסשטאט; אבער ניט ווען מען האט געשלעפט דיא געשמידטע געפאנגענע פאטריאטען אונטער דיא יובעל־געשרייען פון גאנץ רוים; דען מען וויים, אז ער האט קאלטבלוטיג געקוקט אויף דיזע אפפער און האט זיך זאגאר גע־פרעהט מיט דעם טויט פון יוחנן פון גיסכאלא און אנדערע העל־דען. דיא קנאים האט ער געהאסט און האט קיין מיטלייד צו זיי בעוויזען, ווען דיא רוימער האבען זיך מיט זיי שרעקליך גרויזאם אפגערעכענט. פאר אייניגע געפאנגענע אריסטאקרא־טישע אידען און אויך פאר א געוויסע צאהל פרויען און קינדער האט ער זיך אנגענומען און אויסגעפיהרט, אז מען זאל זיי בע־פרייען. ער וואלט זעהר פיעל געקענט העלפען זיינע אונגליקליכע ברידער, ווען ער וואלט ניט מורא געהאט פאר זיין אייגענע הויט, דען אספסיגוס האט איהם געאכטעט און קייזערליך בעלוינט פאר

זיין פריינדשאפט צו דיא רוימער. ער האָט איהם ניט נאָר געשאָנ־קען גרויסע לאנדגיטער, זאָנדערן אויך א פאלאץ אין רוים און דאָס רעכט פון א רוימישען בירגער. מען האָט איהם אויך ער־לויבט צו טראָגען דעם קייזערליכען פאמיליען־נאָמען „פלאוויוס", אונטער וועלכען ער האָט זיך אונשטערבליך געמאכט מיט זיינע שריפטען.

אין רוים, וואו ער האָט געענדיגט זיינע יאָהרען, האָט ער זיך ענדליך גענומען צו זיין גלענצענדע פעדער, מיט וועלכער ער האָט זיך אזוי ערליך בענוצט צו פערטהיידיגען זיין פאָלק געגען גרי־כישע און רוימישע פערלוימדערם און אָנצושרייבען זיינע בע־ריהמטע געשיכטליכע ווערק. ער האָט זיך פריי געקענט אָבגע־בען צו זיינע היסטאָרישע נאָכפאָרשונגען, דען ער האָט געהאט גענוג מיטעל צו לעבען אין לוקסוס וויא א פרינץ. ער האָט אָבער אויך, רעכענט מען, געזוכט צו בעקעהרען מיטגליעדער פון דער רוימישער אריסטאָקראַטיע צום אידישען גלויבען.

עס איז א מערקווירדיגער פאקט, דאָס טראָץ דעם האס פון געצענדיענערם צו אידען פאר זייער רעליגיאָן, טראָץ דיא פער־לוימדונגען פון זייערע שונאים, טראָץ זייער שרעקליכער נידער־לאגע און צערשטערונג פון בית המקדש, האָבען זיך דאָך געפונען רוימער און גריכען, וועלכע האָבען זיך מגייר געווען. דיא צאָהל פון אזעלכע גרים האָט געמוזט זיין ניט קליין, דען דער קייזער דאָמיציאן האָט ארויסגעלאָזען זעהר שטרענגע געזעצע געגען זיי. דער רוימישער היסטאָריקער טאציטוס האָט זיך זעהר געוואונדערט, וויא אזוי רוימישע בירגער האָבען זיך געקענט אָבזאָגען פון זייערע פאמיליען און אפילו זיך מל זיין, אום איבערצוגיין צום אידישען גלויבען. יאָזעפוס דערצעהלט, אז פיעלע געצענדינער האָבען פער־עהרט דיא אידישע רעליגיאָן און האָבען געהאלטען פון שבת, חנוכה און פון כשרות. „אויב יעדערער, שרייבט ער, וועט דיינקען וועגען זיין לאנד און פאמיליע, וועט ער געפינען, דאָס מיין בעהויפּטונג (אז פיעלע קריסטען האָבען זיך בעקעהרט צום אידישען גלויבען) איז ריכטיג."

אום צו קריגען וואָס מעהר גרים, האָבען אייניגע רבנים ערקלערט, אז עס איז גראדע ניט נויטווענדיג זיי צו בעשניידען און אז טויפע אָדער טבילה איז גענוגענד. מען רעכענט, אז א טהייל פון דיא פיעלע גרים אין רוים זיינען יוצא געווען מיט טבילה אָנשטאָט מילה. יאָזעפוס זעלבסט האָט ניט געהאלטען, אז מילה איז נויטווענדיג פאר א גר. אין דער צייט זיינען שוין אויך געווען אין רוים מיטגלידער פון דיא ערשטע קריסטליכע סעקטען, נאָר אלע דיעזע סעקטען זיינען בעשטאנען פון אידען און, מיט אויסנאהמע פון דיא אנהענגער פון דעם היילינגען פאול (שאול פון טארסוס), האָבען זיי זיך אויך שטרענג געהאלטען אָן אלע פאָרשריפטען פון דער אידישער רעליגיאָן.

צוליעב איינעם פון דיא רוימישע גרים האָט יאָזעפוס געליטען און פיעלייכט אויך זיין לעבען פערלאָרען. גאנץ רוים איז אויפגע־רודערט געוואָרען, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אז פלאוויוס קלע־מענס און זיין פרוי פלאוויא דאָמיצילא האָבען זיך בעקעהרט צום יודענטהום. ער איז געווען א שוועסטערקינד פון דעם קייזער דאָמי־ציאן, און זיא איז אויך געווען א נאָהענטע קרובה פון דעם קייזער. זייערעביידע זיהן זיינען ערקלערט געוואָרען פאר דיא יורשים פון קייזערליכען טראָהן. אזוי הויך האָט דאן דערגרייכט דיא רעליג־יאָן פון דעם אונטערדריקטען קליינעם פאָלק, וועלכען דיא רוימער האָבען בעזאָנדערס געהאסט. פלאוויוס קלעמענס האָט געהאלטען בסוד זיין בעקעהרונג צום אידישען גלויבען.

וויא אזוי מען איז דערפון דערגאנגען, ווייס מען ניט אויף זיכער, נאָר וויא דאָמיציאן האָט עס דערהערט, האָט ער גאָר ניט געאכטעט אויף פערוואנדשאפט און געהייסען איהם פעראורטהיילען צום טויט. דיעזער דאָמיציאן, וועלכער האָט אָנפאנגס נאָכגעפאָלגט זיין ברודער טיטוס און האָט אויך ארויסגעצייגט א פריינדליכקייט צו אידען, איז געוואָרען אזא בלוטיגער טיראן וויא קאליגולא און נעראָן. ער האָט גענומען פערפאָלגען אידען און זעהר שטרענג פאָרדערען דיא ספּעציעלע אידישע טאקסע. נאָר מיט בעזאָנדערע רציחה פלעגט ער פערפאָלגען דיא גרים. ער האָט געהייסען בעשטראָ־

פען אזעלכע מיט'ן טויט נאָך דיא רוימישע געזעצע געגען גאָטלאָזע אָדער שענדער פון דער אָפיציעלער רעליגיאָן. זייער אייגענטהום האָט מען אויך קאָנפיסצירט.

פלאוויוס קלעמענס איז פּראָצעסירט געוואָרען צוזאמען מיט נאָך גרים און איז פעאורטהיילט געוואָרען צום טויט. זיין פרוי איז פערשיקט געוואָרען אויף דעם אינזעל פאנדאטאריא. דיא פיער פּאָרשטעהער פון סנהדרין אין יבנה: גמליאל, אליעזר, יהושע און עקיבא, וועלכע זיינען געקומען נאָך רוים בעטען גנאדע פאר דיזען וויכטיגען גר און פאר דיא אידען בכלל, האָבען גאָר ניט אויסגע־פיהרט און זיינען געווען עדות פון זיין הינריכטונג. דאָמיציאָן איז אזוי אויפגעבראכט געוועזן אויף זיין שוועסטער קינד, דאָס ער האָט אויף קיינע גנאדע ביטעס ניט געאכטעט.

יאָזעפוס איז געווען פערמישט אין דעם פּראָצעס געגען פלאוו־יוס קלעמענס. מען האָט איהם זאָגאר בעשולדיגט, אז ער האָט עס אראָבגעפיהרט דעם קייזער'ס שוועסטער קינד פון „גלייכען וועג" און בעקעהרט צום יודענטהום. עס איז וואהרשיינליך, אז מען האָט איהם דערפאר פערפאָלגט און אויך אומגעבראכט. אונטער דער הערשאפט פון אזא ווילדען טיראן, וויא דאָמיציאָן איז געוואָרען, איז יאָזעפוס'עס לעבען שטענדיג געהאנגען אויף א האָאָר. אָנפאנגס האָט איהם דאָמיציאָן בעהאנדעלט אזוי פריינדליך וויא זיין פאָ־טער און ברודער. אויך דיא קייזערינע האָט איהם הויך געשעצט און געשטיצט. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך דער טיראן גענומען צו־צוהערען צו יאָזעפוס'עס שונאים, וועלכע האָבען איהם בעשולדיגט אפילו אין א פערשווערונג געגען דעם קייזער'ס לעבען.

דיא אידען האָבען איהם אזוי געהאסט, אז פיעלע פון זיי פלע־גען איהם פערמסר'ן, דאָס ער איז גאָר ניט טריי צו רוים און דאָס ער האָט זעהר פיעל צרות אָנגעמאכט דיא רוימער, ווען ער איז געווען דער קריעגס־קאָמאנדיר אין גליל. נאָך ווען טיטוס איז געווען קייזער, האָט א געוויסער יונתן, איינער פון דיא לעצטע קעמפּפערס געגען דיא רוימער, אָנגעצייגט אויף יאָזעפוס'ען און אויף אנדערע רייכע אידען פון דער פריעדנס־פּארטיי אלס זיינע מיטהעלפערס,

ווען מען האָט איהם געבראַכט אין קייטען נאָך רוים. ער האָט עס געטאָן אוים האס צו יאָזעפוס'ן אלס אן אלגעמיין אנערקענטען פעררעטהער, אָבער טיטוס האָט זיך ענטזאגט צו גלויבען אין אזא בע־שולדיגונג און האָט פערטהיידיגט יאָזעפוס'ן (דעם בעשולדיגער האָט מען פריהער געשמיסען און נאכהער פערברענט לעבעדיגערהייט).

אָבער דאָמיציאן איז ניט געווען געראָטען אין זיין ברודער, וועלכער איז זעהר גליעבט געווען פון רוימישען פאָלק און וועל־כער איז ווירקליך ניט געווען א רשע, וויא דיא אידען שטעלען זיך עס פאָר. ער איז אלץ פערדעכטיגער געוואָרען דורך דיא אָפטע קלאָ־גען און בעשולדיגונגען אויף יאָזעפוס'ן. ווען יוסטוס פון טבריה האָט אָנגעשריעבען א געשיכטע פון דעם אויפשטאנד אין ארץ ישראל און האָט דירעקט בעשולדיגט יאָזעפוס'ן אין פערראטה גע־גען רוים (דיעזער יוסטוס איז אויך געווען א זעהר זינדיגער מענש), האָט זיך יאָזעפוס אזוי דערשראָקען פאר זיין לעבען, אז ער האָט אָנגעשריעבען זיין „אָטאָביאָגראפיע," אין וועלכער ער האָט זיך אליין ארויסגעשטעלט אלס פאלשער מענש און פעררעטהער געגען אידען. ווען ער האָט איהר געשריעבען, האָט ער הפנים נאָר אין זינען געהאט זיך ריין צו וואשען אין דיא אויגען פון דעם טיראן דאָמיציאן.

נאָר דיא געשיכטע מיט פלאוויוס קלעמענס האָט געווים אויפ־געבראכט דעם טיראן אויף יאָזעפוס'ן. מען וויים ניט, אויב יאָזע־פוס איז געשטאָרבען מיט א נאטירליכען טויט אָדער אויף דאָמיצ־יאנ'ס בעפעהל. דאָס איז געשעהן אין 85 יאהר, ווען ער איז אלט געווען 58 יאָהר. דער האס פון דיא אידען און בעזאָנדערס פון דיא קנאים צו איהם איז געווען אזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, אז קיינער האָט ניט בעדויערט זיין טויט, אָבוואָהל מען האָט אנערקענט, אז מיט זיינע שריפטען האָט ער נאָר געבראכט עהרע און נוצען זיין פאָלק.

עס קען זיין, אז דיזער פערשריענער פעררעטהער, וועלכער איז יעדענפאלס שולדיג אין פיעלע פאלשקייטען און געמיינהייטען און האָט א סך צרות געבראכט זיין פאָלק, וויא מיר האָבען עס געזעהען, איז נאָר געשטאָרבען וויא א מארטירער פאר דעם אידישען גלויבען.

זיעבּטער קאַפּיטעל.

יאָזעפוס נעהמט זיך צו זיין פעדער צו פערטהיידיגען זיינע פערלוימ־דעטע ברידער. — זיין געשיכטע פון דער אידיש־רוימישער מלחמה אונטער אַ קייזערליכער צענזור. — זיין געשיכטע פון אידען. — זיין בוך געגען אַפּיאָן און אנדערע שונאים פון אידען.

אין א גאנץ אנדערען שיין שטעהט יאָזעפוס, ווען מען לעזט זיינע שריפטען, וועלכע זיינען גליקליכערווייזע ניט פערלאָרען גע־גאנגען. דאָרט צייגט ער זיך ארויס פאר א הייסען פריינד פון זיין פאָלק און פאר א גלויביגען איד. ער פערטהיידיגט דיא אידען און זייער רעליגיאָן מיט היץ, מוטה און טאלענט.

דיא אידיש־רוימישע מלחמה האָט אָנגעמאכט א גרויסען גע־רודער אין דער גאנצער אימפּעריע און אויך אין דיא עטליכע לענ־דער, וועלכע זיינען נאָך געבליעבען אונאבהענגינג. אלע האָבען זיך אינטערעסירט מיט איינצעלהייטען וועגען דיעזען מערקווירדיגען קאמפּף, און פיעלע שרייבערס האָבען זיך א נעהם געטאָן צו פער־פאסען געשיכטען פון דער מלחמה. אָבער אזוי וויא זיי זיינען מייס־סטענס געווען פיינדליך צו דיא אידען און האָבען זיך אויך געוואָלט אונטער׳חנפ׳נען צו דיא רוימישע גענעראלען, וועלכע זיינען גע־וואָרען קייזער׳ס האָבען זיי פערלוימדעט און בעשמוצט דיא בעזיעג־טע. דער העלדישער ווידערשטאנד פון דיא אידען איז פאַרגעשטעלט געוואָרען אין א פאלשען ליכט, מען האָט זאָגאר בעשולדיגט דיא אי־דישע קעמפּפער אין פייגהייט. אום צו פערטהיידיגען זיינע ברי־דער געגען זייערע פערלוימדערס און אויך צו שרייבען א ריכטיגע געשיכטע פון אידישען פאָלק, האָט יאָזעפוס גענומען זאמלען פאק־טען און שריפטען און האָט אָנגעשריעבען דיא געשיכטע פון דער אידיש־רוימישער מלחמה צוערשט אין כאלדעאיש און נאכהער אין גריכיש (ארום דעם 79 יאָהר).

ליידער איז זיין געשיכטע אין כאלדעאיש פערלאָרען געגאנגען.

דאָרטען האָט ער זיך זיכער געקענט ערלויבען מעהר פרייהייט, וויא אין דער גריכישער שריפט, וועלכע ער האָט געמוזט צייגען טיטוס'ן און בעטען ערלויבנים איהר צו פערעפענטליכען. וואהרשיינליך וואָלט זיך פון זיינע אידישע שריפטען ארויסגעוויעזען, אז ער איז געווען א בעסערער מענש, וויא ער האָט זיך אליין אָבגעמאָלען אין זיינע גריכישע שריפטען.

אויך האָט ער זיך געוואָלט פערטהיידיגען געגען דיא בעשולדיגונגען פון יוסטוס פון טבריה, וויא מיר וויסען עס שוין. זיין געשיכטע אונטער דעם נאָמען „דיא אידישע מלחמה" איז א גרויסע ווערק פון 7 ביכער. ער בעשרייבט אין א גלענצענדער גריכישער שפּראך, מיט פיעל טאַלענט און אויך מייסטענס מיט ריכטיגע פאַרבען און היסטאָרישע וואהרהייט דיא גאנצע מלחמה זייט דעם אָנפאנג פון דעם אויפשטאנד און גיט א גרינדליכע ערקלערונג פון איהרע אורזאכען. דערביי האָט ער אויך איבערגעגעבען דיא אורזאכען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דעם אויפשטאנד פון דיא אידען געגען דיא גריכען אונטער דער פיהרונג פון דיא חשמונאים. דיא פאקטען האָט ער איבערגעגעבען ריכטיג, נאָר ער האָט זיי אָפט פאַלש בעלויכטען, בעזאָנדערס אין דיא פעלע, וואו ער איז זעלבסט פערמישט געווען. טראָץ זיין האס צו דיא קנאים און איבערהויפט צו דעם ראדיקאלסטען טהייל פון דער קריעגס־פּארטיי, האָט ער דאך זעהר עהרליך פאָרגעשטעלט זייער העלדענמוטה און זעלבסט־אויפאָפּפערונג. וויא ער האָט ניט געהאסט זיין הויפּטגעגנער יוחנן פון גיסכאלא, האָט ער דאך אזוי איבערגעגעבען דיא פאסירונגען ביי דער בעלאגערונג און פערטהיידיגונג פון ירושלים, אז ניט ווילענדיג מוז מען בעוואונדערען דיא ענערגיע און דיא פעהיגקייט פון דיעזען פיזיש־שוואכען אָבער מאָראליש גרויסען מאן. ווען ניט יאָזעפוס, וואָלט מען גאנץ ווייניג געוואוסט וועגען אזעלכע מערקווירדיגע אידישע העלדען, וויא דיעזער יוחנן פון גיסכאלא און שמעון בר גוריא, וועלכע וואָלטען איהם גליך היגעריכטעט, ווען ער וואָלט נאָר אריינגעפאלען אין זייערע הענד. ער האָט זיי אונשטערבליך געמאכט.

נאָר יעדעס מאָל, ווען ער בעשרייבט א העלדענטהאט פון זיינע פּאָליטישע געגנער, בעזאָנדערס פון דיא קנאים, זעצט ער צו, אז זיי זיינען געווען ניעדעריגע מענשען, זאָגאר איינפאכע רויבער. ער ווארפט זיי אויף, אז זיי האָבען פעראונגליקט דאָס אידישע פאָלק. זיך זעלבסט שאנעוועט ער אויך גאר ניט. ווען ער דערצעהלט נאָר וועגען זיין אנטהייל אין דעם קאמפף, זוכט ער צו פערקלענערען דיא וויכטיגקייט דערפון און צו צייגען, אז ער איז ארויסגעטראָטען געגען רוים ניט אויס סימפּאטיע צו דער מלחמה, זאָנדערן אויס פורכט פאר דיא קריעגס־פּארטיי.

מען דארף אבער נור פערשטעהן צו לעזען צווישען דיא שורות, אום צו זעהען, אז דאָס זיינען אלץ דריילעך, אום זיינע פיינד זאָלען איהם ניט קענען בעשולדיגען אין צו גרויסע פריינדשאפט צו אי־דען און אין פיינדשאפט צו דיא רוימער. מען דארף ניט פערגעסען, אז זיין געשיכטע האָט בעדארפט דורכגעהן דיא צענזור פון אספּסינוס און טיטוס. אָהן זייער ערלויבנים וואָלט זיין בוך קיינמאָל ניט געזעהען דיא ווייסע וועלט, און זייער ערלויבנים האָט עס נאָר געקענט קריגען דורך אזא בעלייכטונג פון פאקטען, וואָס זאָל זיי געפעלען ווערען און שמייכלען זייער אייגענליעבע.

זיין טרויער וועגען דיא צערשטערונג פון ירושלים האָט ער דאָך קיין מורא ניט געהאט אויסצודריקען מיט דיא טיעפסטע געפיהלען. „דערמאָנענדיג זיך אָן דיא לעצטע פאסירונגען אין מיין פאטער־לאנד, שרייבט ער אין דער הקדמה, און אויסדריקענדיג דיא טרויער־געפיהלען, וואָס דיא אונגליקען פון מיין פאטערלאנד רופען ארויס אין מיר, בעפרידיג איך דערמיט א בעדירפנים פון מיין צו־וויטאגטער נשמה". אין א'ן אנדער אָרט בעמערקט ער: „קיינע פון דיא שטעדט אונטער דער הערשאפט פון רוים האָט ניט דער־גרייכט צו אזא הויכע שטופע פון הצלחה וויא ירושלים; אבער קיינע פון זיי איז ניט געפאלען אזוי טיעף אין דעם אבגרונד פון אונגליק, וויא אונזער הויפט־שטאדט. קיין אונגליק זייט דעם אָנפאנג פון דער וועלט קען זיך ניט פערגלייכען מיט דעם, וואָס האָט געטראָפען דיא אידען".

אין איינִיגע קאפיטלעך שילדערט ער אויך מיט א קינסטלערי־שע האנד דיא אָרגאניזאציאָן פון דיא רוימישע לעגיאָנען, זייער כאראקטער און לעבען, וויא זיי געהען אין שלאכט, פיהרען מלחמה, לעבען אין לאגער, און ווארום זיי האָבען בעזיעגט דיא גאנצע וועלט.

ווען ער איז פערטיג געוואָרען מיט דיזער געשיכטע, האָט ער זיך פלייסיג גענומען צו זיין הויפּט־ווערק, וועגען וועלכען ער האָט שוין לאנג געטראכט; דאָס איז זיין געשיכטע פון אידישען פאָלק, דיא „אידישע אלטערטהימער". דאָ איז ער אַ'ן אמת'ער און עהר־ליכער היסטאָריקער. דאָ האָט ער שוין קיין אינטערעס ניט גע־האט צו פאלשעווען, צו שרייבען אונטער א מאסקע, און ער האָט איבערגעגעבען דיא געשיכטע פון זיין פאָלק נאָך דיא אידישע און ניט־אידישע קוועלען, וועלכע ער האָט צוזאמענגעקליבען און קרי־טיש נאכגעפּאָרשט.

דיזע געשיכטע בעשטעהט פון 20 ביכער און גיט אַ'ן ערקלעה־רונג איבער דיא דונקעלסטע צייטען. אין אָנפאנג האָט ער זיך נאטירליך בענוצט מיט דיא הייליגע שריפטען (קיינע אנדערע קוועלען האָט מען דאן ניט געהאט); אבער וואָס נעהנטער צו זיין צייט האָט ער געברויכט וועלטליכע היסטאָרישע ווערק און אויך איבערגעגעבען דיא טראדיציאָנען פון אידישען פאָלק. בעזאָנדערס וויכטיג איז זיין געשיכטע וועגען דיא צייטען פון צווייטען בית המקדש און וועגען דיא חשמונאים, ווייל אויסער דיא לעגענדארישע מעשיות מיט נסים אין דיא תלמודישע שריפטען האָט מען וועגען דעם זעהר ווענִיג אנדערע היסטאָרישע קוועלען. מיר וואָלטען יעצט, צום ביישפּיעל, גאנץ ווייניג געוואוסט וועגען דיא ריכטיגע געשיכטע פון חנוכה, ווען יאָזעפוס'עס ווערק וואָלט פערלאָרען געגאנגען.

מיט דיזער געשיכטע האָט ער ניט נאָר זיך אונשטערבליך גע־מאכט, זאָנדערן אויך געשאפען א הויכען מאָנומענט פיר זיין פאָלק. דורך זיין געשיכטע, וועלכע איז מעהר געלעזען געוואָרען פון קריס־טען וויא פון אידען, האָט ער בעקאנט געמאכט דיא ניט־אידישע

וועלט מיט דער אידישער. זיא איז איבערזעצט געוואָרען אין אַלע שפּראַכען, וויא אויך זיין „אידישע מלחמה“.

זעהר אינטערעסאַנט איז אויך, אַז דיא פאַטערס פון דער קריסטליכער קירכע האָבען אין איהר געזוכט עפּעס אַ בעווייז וועגען דיא עקזיסטענץ און דיא וואונדער פון יעזוס קריסטוס, וויא זיי זיינען בעשריעבען אין עוואַנגעליום. ער האָט אבער אין ערגעץ אַפילו ניט דערמאָנט וועגען דעם קריסטליכען משיח. אַזוי ווי ער האָט געלעבט אין אָנפאַנג פון קריסטענטהום און וואָלט נאַטירליך געמוזט הערען וועגען דעם פּראָצעס און דיא קרייציגונג פון יעזוס, האָט מען זיך שטאַרק געוואונדערט, ווארום ער האָט עס פערשוויגען אין גאַנצען. אייניגע האָבען אויף דעם גרונד ערקלערט, אַז דיא געשיכטע מיט יעזוס'ען איז גאָר ניט אַ היסטאָרישע, עפּעס אַ ווידערהאָלונג פון לעגענדען וועגען בודאה, אַנדערע האָבען איינפאַך געפעלשט יאָזעפוס'ס שריפטען אין אייניגע ערטער, אַז מען זאָל מיינען, דאָס ער האָט געוואוסט פון דעם קריסטליכען משיח.

וועגען דיא עסעער (אסיים), צווישען וועלכע עס זיינען אויפגעקומען דיא ערשטע קריסטען, האָט ער גראַדע זעהר פיעל געשריעבען, וויא מיר ווייסען עס שוין.

ווען ער האָט געענדיגט זיין גרויסע געשיכטליכע ווערק, האָט ער זיך געמוזט נעהמען צו דער פעדער צו פערטהיידיגען זיך געגען זיינע שונאים, וועלכע האָבען געזוכט אויפצוהעצען אויף איהם דעם טיראַן דאָמיציאַן. דאַן האָט ער עס אָנגעשריעבען זיין „אָטאָביאָגראַפיע“, פון וועלכער עס איז גערעט געוועזן אין דיא פאָריגע קאַפּיטלאַך.

אַלס פערטהיידיגער פון אידען האָט ער זיך בעזאָנדערס ארויסגעוויזען אין זיינע צוויי ביכער געגען דעם גריכיש־עגיפּטישען יודענפרעסער אַפּיאָן, מיט וועלכען פילאָ, דער אַלעקסאַנדרינער, איינער פון דיא גרעסטע, טיעפסטע דענקער און נאָבעלסטע מענשען פון זיין צייט, האָט אויך געהאַט צו פיהרען אַ קאַמפּף.

דיזער אַפּיאָן האָט זיך ניט בעגנוגענט בלויז מיט שריפטען, אין

וועלכע ער האָט געשענדעט דיא אידען, ער האָט אויך געהעצט צו בעפאלען דעם אידישען קווארטאל אין אלעקסאנדריא און איז אויסגעקליבען געוואָרן פון דיא גריכען אלס דעפוטאט צום קייזער קאליגלא, דאָס מען זאָל אוועקנעהמען ביי אידען דיא בירגער־רעכטע, וועלכע יוליוס צעזאר און זיינע נאָכפאָלגער האָבען זיי בעוויליגט.

יאָזעפוס איז ארויסגעטראָטען ניט נאָר געגען אפיאָן, זאָנדערן געגען פיינדע און פערלוימדערס פון אידען. ער ערקלערט דיא אי־דישע רעליגיאָן, דיא אידישע מאָראל, דיא אידישע פיהרונגען, דיא אידישע געזעצע, און צייגט אָן, אז זיי שטעהען העכער וויא אפילו דיא גריכישע. ער בעווייזט אויך, אז דיא אידישע נאציאָן איז א זעהר אלטע און אז משה'ס געזעצע שטימען מיט דער העכ־סטער מאָראל. ער לייקענט אלע בעשולדיגונגען פון דיא אידישע געגנער און ווייזט וויא פאלש זיי זיינען.

אין דיזען בוך ערקלערט ער עס מיט פריידע, אז פיעלע גריכען און רוימער אנערקענען דיא אידישע רעליגיאָן, פערעהרען דעם אידישען גאָט און דיא פאָרשריפטען פון דער תורה און ווערן גרים. אייניגע שטעללען פון דיזען בוך, וועלכען מען קען אויף אונזער יעצטיגער שפראך אָנרופען: „אַן אנטוואָרט צו אנטיסעמיטען", צייגען קלאָר, אז ער האָט אויך געהאט אין אויג צו בעקעהרען גע־צענדיענערס צום יודענטהום.

יעדענפאלס האָט ער מיט דיזע פאָלעמישע ווערק פערדיענט דעם דאנק פון אלע אידען. מען מעג איהם דערפאר מוחל זיין פיעלע פון זיינע זינד אין דער צייט פון דער אונגליקליכער מלחמה. פאר דיא פערפאָלגטע און נידערשלאָגענע אידען אין דער רוימישער אימ־פעריע איז עס זעהר וויכטיג געווען, אז דיא געצענדיענערס און בע־זאָנדערס דיא גריכען, וועלכע זיינען נאָך געבליבען דיא גייסטיגע פיהרערס, זאָלען זיך בעקענען מיט דער אידישער רעליגיאָן און מיט דער אידישער געשיכטע. מען האָט פאָרשפרייט וועגען זיי אזעלכע אונזינניגע, אָבער זעהר שעדליכע געשיכטען, דאָס זיי פארעהרען אַן עזעל אין בית המקדש (דיזע פערלוימדונג שטאמט פון אנטיוכוס

עפּיפאנעס, וועלכער איז בעקאנט צווישען דיא אידען אונטער דעם נאָמען אנטיוכוס הרשע און וועלכער האָט ארויסגערופען דעם אויפשטאנד פון דיא חשמונאים).

דער בוך געגען אפּיאָן איז געוועזען יאָזעפוס'עס לעצטע ליטעראַרישע ווערק (ערשינען ארום דעם 94טען יאהר). ער האָט דאן פערשפּראָכען אָנצושרייבען א פילאָזאָפישע בעטראכטונג איבער דיא אידישע געזעצע און דיא שעפּפונג פון דער וועלט, אָבער ער האָט עס ניט געקענט אויספיהרען, ווייל דער טיראן דאָמיציאן האָט וואהרשיינליך געמאכט א סוף פון זיין פיעל געפּרופטען לעבען, וועלכער איז ניט איין מאָל געהאנגען אויף א האָאר.

ע נ ד ע

לעבענסבעשרייבונגען
פון בעריהמטע מעננער.

בר־כוכבא

דער העלדישער קריעגספיהרער און
קעניג פון אידען אין זייער לעטצטען
גרויסען אויפשטאנד געגען רוים.

פון פיליפ קראַנץ.

Copyright, 1905

By The International Library Publishing Co.

בר־כוכבא

איינלייטונג.

געשיכטע און תלמוד.

נאָך דער צערשטערונג פון מלכות יהודה, נאָך דעם שרעקליכען חורבן ירושלים, האָט זיך דער פייערדיגער און בלוטיגער קאמפף פון אידען געגען דיא רוימישע אונטערדריקער ניט געענדיגט. מען קען זאָגען, אז דיזער נאציאָנאל־רעליגיעזער קאמפף, וועלכער האָט קיין גלייכען צו זיך אין דער וועלט־געשיכטע, האָט זיך געצויגען אונגעפעהר הונדערט יאָהר נאָך חורבן ירושלים, דען אויך אין דער צייט, ווען אנטאָניוס פיוס איז געווען קייזער פון רוים, האָט אין ארץ ישראל אויסגעבראָכען א נייער אויפשטאנד. דאָס איז געווען ארום 165—161, ווען דיא פארטהען אָדער פערסען, וועלכע זיינען אייגענטליך קיין מאָל ניט אין גאנצען בעהערשט געווען פון דיא רוימער, האָבען זיך ארייגעריסען אין סיריען און האָבען בעזיעגט דיא ארמעע פון דעם רוימישען גובערנאטאָר קאָרנעליאנוס.

ירושלים איז געלעגען אין שטויב. אויף דעם אָרט פון א גרויסער און רייכער שטאָט זיינען געלעגען חורבות צוזאמענגעמישט מיט דיא ביינער פון העלדישע קעמפפערס. מען האָט דאָרט אויפגעבויט א געצענדיענערשע שטאָט אונטער דעם נאָמען עליא קאַפּיטאָלינא. דאָרט וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען האָט מען אוועקגעשטעלט א הערליכען טעמפעל לכבוד יופיטער. אָבער דאָס האָט ניט געבראָכען דעם נאציאָנאל־רעליגיעזען גייסט פון אידישען פאָלק.

ליידער אָבער האָבען מיר זעהר וועניג ריכטיגע היסטאָרישע

קוועלען וועגען דיזע שרעקליכע און העכסט אינטערעסאנטע פעריאָדע. אין דיא הונדערט יאָהר נאָך דעם חורבן, ווען אידען זיינען צייטענווייז פערפאָלגט געוואָרען אין ארץ ישראל פיליייכט נאָך גרויזאמער וויא דיא שפאנישע אידען אין דיא צייטען פון דער אינקוויזיציאָן, האָט זיך ניט געפונען איינער, וואָס זאָל אלעם פער־צייכנען און בעשרייבען פאר דיא צוקינפטיגע דורות, וויא יאָזעפוס פלאוויוס האָט עס געטאָן ביז זיין צייט. עס איז מעגליך, אז אידען האָבען עפּעס אָנגעשריעבען אין לשון קודש וועגען דיא אויפשטאנ־דען פון זייערע ברידער און דיא שריפטען זיינען פערלאָרען גע־גאנגען; נאָר ווען זיי וואָלטען געברויכט דיא גריכישע שפּראך, וואָלט געוויס עפּעס פערבליבען דערפון. דיא היסטאָרישע ווערק פון יאָזעפוס פלאוויוס זיינען דאָך ניט פערלאָרען געגאנגען.

אין תלמוד געפינט מען נאָר, און דאָס אויך צו־וואָרפען, אייניגע זייטיגע איינצעלהייטען און לעגענדארישע געשיכטען. פיעלע תנאים זיינען געווען פערמישט אין דעם קאמפּף געגען דיא רוימער, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט אָפּגעגעבען צו א גרינדליכע און ווירקליך היסטאָרישע בעשרייבונג אפילו פון דיא וויכטיגסטע פּא־סירונגען, וועלכע זיינען פערצייכענט געוואָרן מיט בלוט אונטער זייערע אויגען. זיי האָבען זיך אינטערעסירט פיעל מעהר מיט זיי־ערע רעליגיעזע פּלפּולים, מיט חקירות וועגען קלייגליכע און אָפט גאנץ לעבערליכע זאכען, וועגען אן אויסגעבלאָזענע איי, וויא מיט דיא וויכטיגסטע וועלטליכע פּאסירונגען, אפילו אזעלכע, פון וועל־כע דיא צוקונפט פון זייער פאָלק און זייער גאנצע תורה איז גע־ווען אָפּהענגיג. פארבייגעהענדיג ווערען אין תלמוד איבערגעגע־בען מעשה׳לעך וועגען אידישע העלדען און קעמפּפערס, אָבער גע־וועהנליך צוזאמענגעפּלאָכטען מיט נסים און סתם פאנטאזיעס. פון כראָנאָלאָגיע האָבען דיא תנאים איבערהויפּט ניט געהאלטען. דיא צייט, ווען א געוויסע פּאסירונג האָט געטראָפען, האָט זיי גאנץ ווייניג אינטערעסירט. אויך האָבען זיי ווייניג וואָס זיך גע־קימערט וועגען דיא אורזאכען פון יעדען בעזונדערן אויפשטאנד, אויסער נאטירליך דיא רעליגיעזע זייט פון דעם גאנצען קאמפּף.

קורץ, פון תלמוד קען מען אזוי פיעל וויסען וועגען אידישע געשיכטע, וויא פון פאָלקס־לעגענדען. נאָר אין פערבינדונג מיט אנדערע קוועלען קען מען זיך בענוצען מיט דיא תלמוד׳ישע מעשה׳לעך און בעמערקונגען ביי אן ערנסטע היסטאָרישע נאָכפאָר־שונג. אָבער אזוי וויא אויך דיא איבערגעבליבענע גריכישע און רוימישע היסטאָרישע שריפטען ענטהאלטען גאנץ ווייניג וועגען אידען, זאָ בלייבען פיעלע פונקטען זעהר דונקעל.

אפילו וועגען בר־כוכבא געפינען מיר אין תלמוד מייסטענס וואונדערליכע געשיכטען. אָהן רוימישע בעריכטען וואָלט מען זאָגאר ניט געוואוסט, ווען ער האָט אָנגעפאנגען דעם אויפשטאנד און ווען ביתר איז צושטערט געוואָרען. נאָך אלע גרינדליכע היסטאָרישע נאָכ־פאָרשונגען פון אונזער צייט בלייבט זיין פערזאָן א לעגענדארישע, וויא מיר וועלען עס זעהען.

נאָר איידער מיר וועלען איבערגעבען אלעס, וואָס מען קען יעצט וויסען וועגען דיזען זאָנדערבארען אידישען העלד, וועלען מיר אין קורצען שילדערן דיא געשיכטע פון דעם קאמפף נאָך חורבן ירושלים ביז זיין צייט, וויא אויך דעם דאמאָלסדיגען צושטאנד פון אידישען פאָלק.

ערשטער קאַפּיטעל.

דער אלגעמיינער אויפשטאנד פון אידען אין דער רוימישער אימפעריע.

נאָך דאָמיציאן'ס טויט אין 96טען יאָהר איז אויפ'ן רוימישען טהראָן ארויף נערווא, וועלכער האָט בלויז געהערשט 16 מאָנאט זיין טויט איז בעדויערט געוואָרען פון אידען און קריסטען, וועלכע ער האָט צורוה געלאָזען. ער איז געווען גראדע דער היפוך פון דעם קאפריזנעם טיראן דאָמיציאן, טיטוס'עס ברודער, וועלכער האָט גרויזאם פערפאָלגט אידען, אידישע קריסטען און בעזאָנדערס גרים(*). ער האָט ערלויבט יעדען איינעם אָנצונעהמען דעם אידישען גלויבען און האָט אויך פערקלענערט דיא ספּעציעלע טאקסע אויף אידען. צום אנדענקען פון דיזער טאָלעראנץ האָט מען ארויסגעלאָזען א ספּעציעלע מטבע, אויף איין זייט פון וועלכער עס איז פאָרגעשטעלט געוואָרען דער קייזער נערווא און אויף דער אנדער זייט א פאלם־בוים (דאָס איז איבערהויפּט דער צייכען פון ארץ־ישראל) מיט דער אויפשריפט: „אלע קלאגען וועגען דיא אידישע טאקסע זיינען צו ענדע".

אָבער באלד נאָך נערוואַ'ס טויט האָט זיך אָנגעפאנגען, קען מען זאָגען, אן אלגעמיינער אויפשטאנד געגען דיא רוימישע אימפעריע. נערווא'ס נאָכפאָלגער איז געווען דער גענעראל טראיאנוס, וועלכער האָט געוואָלט נאָך ווייטער פערשפּרייטען דיא הערשאפט פון רוים איבער אזיען. ער האָט געטרוימט צו דערגרייכען ביז אינדיען, אזוי

(*) זעה דיא לעבענסבעשרייבונג פון יאָזעפוס פלאוויוס (יוסף בן מתתיהו), ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאָנאלער לייברערי פּובלישינג קאָמפּ.

וויא אלכסנדר מוקדון. ער האט דארום אנגעפאנגען א נייע מלחמה מיט דיא פארטהען (פערסען). אין דער צייט האבען אין דיא לענדער צווישען דיא טייכען עפראטוס (פרת) און טיגרים געלעבט א סך גריכען און אידען. נאך חורבן ירושלים זיינען פיעלע אידען געקומען אהין און האבען זיך בעזאנדערס בעזעצט אין בבל און אין דער געגענד אדיאבענע לעבען דעם טייך טיגרים (פריהער איז דארטען געווען דיא אסירישע מלוכה), וואו דיא הערשענדע פאמיליע האט זיך א מאל בעקעהרט צום יודענטהום. דיא אלטע פערסישע מלוכה איז געווען צוטהיילט, צוברעקעלט און האט ניט געקענט אויסהאלטען דיא אטאקע פון דיא רוימישע לעגיאנען אונטער דער קאמאנדע פון טראיאנוס. אבער דיא דארטיגע אידען האבען ניט געוועלט צולאזען, אז דיא רוימער, דיא צערשטערער פון בית המקדש, זאלען ווידער ווערן זייערע הערשער. זיי האבען זיך דארום בעוואפענט וויא פאר א הייליגע מלחמה און בעשלאסען צו קעמפפען אזוי וויא זייערע ברידער אין ירושלים געגען טיטוס׳עס לעגיאנען.

נאך אזוי וויא דיא אידען זיינען געווען צוזאווארפען אין פערשיעדענע ערטער און האבען זיך אויך ניט פערבונדען וויא געהעריג, זיינען זיי בעזיגט געווארן. דיא שטאט ניזבים, וואו עס האבען זיך געפונען א סך אידען, האט זיך בעזאנדערס מוטהיג פערטהיידיגט. טראיאנוס האט איהר געקענט איינגעהמען ערשט נאך א לאנגע בעלאגערונג. דער קעניג פון אדיאבענע האט זיך זעהר בראוו געוועהרט געגען דעם איבערפאל פון דיא רוימער, אבער ער האט זיך שליסליך אונטערגעגעבען. דערמיט איז אבער דיא מלחמה נאך וויים ניט געווען צו ענדע. דיא רוימער האבען ניט איין מאל בעזיעגט דיא פארטהען, אבער דיא לעצטע פלעגען זיך אין א קורצער צייט אויפהויבען און פעריאגען דיא זיעגערס.

נאך זיינע ערשטע זיעגען האט טראיאנוס, וועלכער איז שוין געווען אן אלטער מאן (ער איז אלט געווען 60 יאהר, ווען ער איז געווארען קייזער), זיך אבגערוהט אין אנטיאכיא אין ווינטער פון 115; אבער וויא עס איז געקומען פריהלינג, האט ער זיך ווידער

א לאַז געטאַן, אום צוצוקומען צו אינדיען און אויפ'ן וועג זיך אָפּ־צורעכענען מיט דיא אידען, וועלכע האָבען בעזאָנדערס געקעמפּפט געגען איהם און וועלכע האָבען גענומען א גרויסען אנטהייל אין דעם אויפשטאנד פון דיא פּארטהען.

אין דער צייט זיינען דיא אידען ארויסגעטראָטען געגען רוים כמעט אין אלע ערטער, וואו זיי האָבען זיך נור געפונען. זייער אויפ־שטאנד האָט זיך פערשפּרייטעט איבער אזיען און אפריקא, פון בבל ביז מצרים און ליביא (אזוי האָט מען דאן גערופען גאנץ נאָרד־אפריקא פון מצרים ביז דעם אטלאנטישען אָקעאן). וויא אזוי דיעזער אויפשטאנד האָט זיך אזוי שנעל און וויט פערשפּריי־טעט און ווער עס האָט איהם אָרגאניזירט, ווייס מען ניט, נאָר ער איז געוועזען א שרעקליך בלוטיגער.

דער צענטער פון דיזען אויפשטאנד איז געוועזען ארץ ישראל, וואו עס זיינען אויפגעוואקסען נייע קרעפטע אין דיא 45 יאָהר נאָך חורבן ירושלים. דיא אָנפיהרערס, רעכענט מען, זיינען געוועזען צוויי אלעקסאנדריינער אידען מיט דיא נעמען פּאפּוס און יוליאנוס. זיי זיינען געוועזען זעהר רייך און האָבען געהאט א גרויסען איינפלוס אויף זייערע ברידער.

דיא אידען אין מצרים, וועלכע זיינען געוועזען טריי צו דיא רוי־מער אפילו אין דער צייט פון חורבן ירושלים, אום צו האָבען א שטיצע אין זיי געגען דיא גריכען, האָבען זיך דיזעס מאָל פער־בונדען מיט זייערע ברידער אין ארץ ישראל און אין אנדערע ער־טער. זיי האָבען זיך הפנים אנפאנגס גוט אָרגאניזירט, דען זיי האָבען ניט נאָר אטאקירט עטליכע שטעט, וואו זיי האָבען אויסגע־שלאכטעט דיא רוימער און דיא גריכען, זאָנדערן זיינען אויך בע־פאלען דיא רוימישע ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון דעם גע־נעראל לופּוס. דיזער אויפשטאנד איז שנעל אומגעוואנדעלט גע־וואָרען אין א שוידערליכען ראסען־קאמפּף. דיא רוימער האָבען זיך פערבונדען מיט דיא גריכען און אלע געצענדיענערשע פעלקער געגען דיא אידען, און ביידע זייטען האָבען פערגאָסען טייכען בלוט.

ווען דיא ארמעע, וועלכע דיא אידען האָבען צוזאמענגעקליבען,

האָט בעזיעגט לופוס'עס לעגיאָנען, האָבען דיא גריכען און רוימער צוזאמענגעקליבען זייערע קרעפטע און זיינען בעפאלען דעם אידישען קווארטאל אין אלעקסאנדריא, וואו זיי האָבען בעגאנגען דיא גרעסטע גרויזאמקייטען. דיא אידישע סאָלדאטען האָבען זיי גענצאָהלט מיט דער זעלבער מטבע. זיי זיינען בעפאלען אנדערע שטעט, וואו זיי האָבען אָהן ערבארמען געשאָכטען דיא רוימער און גריכען. דער גריכישער היסטאָריקער אפיאן, וועלכער האָט איבערגעלאָזען א קורצע בעשרייבונג וועגען דעם אויפשטאנד פון דיא אידען אין מצרים, וואָלט וואהרשיינליך ערמאָרדעט געוואָרען פון אידישע סאָלדאטען, אזוי וויא טויזענדע אנדערע גריכען, ווען איהם וואָלט ניט געלונגען צו אנטלויפען ביי נאכט אויף א שיפעל אויף דעם נילוס. ער דערצעהלט, אז אידישע סאָלדאטען האָבען זיך נאָכגעיאָגט נאָך דיא שיפלאך, אויף וועלכע דיא גריכען האָבען געזוכט רעטונג, און אז זיי פלעגען אויסשלאכטען אלע געפאנגענע. ער דערצעהלט, אז דער האס פון דיא אידען צו דיא רוימער און גריכען איז געווען אזוי גרויס, דאָס זיי פלעגען זאָגאר פרעסען דיא פלייש פון דיא גפאנגענע, זיך אויסשמירען אין זייער בלוט און זיך ארומוויקלען אין דיא הויט, וואָס זיי פלעגען אראָפּרייסען פון זייערע געטויטעטע שונאים.

נאָר דאָס איז געוויס איבערטריבען. זיכער איז אָבער, אז דיא אידען זיינען בעגאנגען אזעלכע רציחות, וויא דיא רוימער און גריכען. מען רעכענט, אז דיא אידען האָבען אויך געצוואונגען זייערע געפאנגענע שונאים זיך צו ראנגלען אין צירקען מיט ווילדע חיות, גראדע וויא אספּסינוס און טיטוס האָבען עס געטאָן מיט דיא געפאנגענע אידען נאָך חורבן ירושלים.

וויא ווייט מען ווייס פון דיא גריכישע בעריכטען, האָבען דיא אידען אויסגעשלאָכטעט 200 טויזענד גריכען און רוימער אין דער געגענד סירענאיקא (צום וועסטען פון מצרים). פילע ערטער אין ליביא זיינען אזוי פערוויסטעט געוואָרן דורך דיזען אויפשטאנד, אז עטליכע יאָהר שפּעטער האָט מען געשיקט מענשען צו גרינדען קאָלאָניעס דאָרטען.

אויך אויף דעם אינזעל סיפּרוס, וואו אידען האָבען זיך זייט לאנג בעזעצט, האָט אויסגעבראָכען א בלוטיגער אויפשטאנד געגען רוים. מען האָט בעהויפּטעט, אז דיא אידען האָבען דאָרטען צו־שטערט דיא הויפּטשטאָט סאלאמיס און געטויטעט איבער 200 טויזענד גריכען.

אין דער צייט האָט זיך טראיאנוס געפונען מיט זיין ארמעע אין בבל. ווען נאָר ער האָט דערהערט פון דעם אויפשטאנד אין מצרים, סירענאיקא און סיפּרוס, האָט ער געשיקט איינעם פון זיינע בעסטע גענעראלען, מארציוס טורבאָ, צו מאכען א סוף פון דיא אידען אום יעדען פּרייז. דעם זעלבען בעפעהל האָט ער אויך געגעבען דעם גע־נעראל קוויעטוס, וועלכען ער האָט בשטימט פאר זיין נאָכפאָלגער.

דער לעצטער גענעראל האָט געהאט צו פיהרען א לאנגען און שווערען קאמפף מיט דיא באבילאָנער אידען. וועגען דיזען קאמפף ווייס מען כמעט גאָר ניט אויסער, אז קוויעטוס האָט אומגעבראכט טויזענדער אידען און האָט צושטערט דיא שטעט ניזבים און עדעסא, וועלכע דיא אידען האָבען פערטהיידיגט מיט פערצווייפ־לונג. עס איז זאָגאר אונבעקאנט, ווער עס האָט אָנגעפיהרט דיא אידען אין בבל. פון איין גרויסע שלאכט ווייס מען נאָר אזוי פיעל, אז דער רוימישער גענעראל מאקסימוס איז דאן געטויטעט געוואָרן. אויב אידען פון בבל האָבען איבערגעלאָזען בעריכטען וועגען דיזען אויפשטאנד, זיינען זיי פערלאָרען געגאנגען. דיא רוימער האָבען דאן געהאט צו אונטערדריקען אזוי פיעל אויפשטאנדען, אז זיי האָ־בען זיך ניט געקימערט וועגען איינצעלהייטען אין יעדען פאל.

וועגען דיא אונטערדריקונג פון דיא אויפשטאנדען אין מצרים, סירענאיקא און סיפּרוס זיינען אויך געבליבען זעהר קורצע בע־ריכטען. מארציוס טורבאָ האָט געצייגט זיינע פעהיגקייטען אלס גע־נעראל און זיין ווילדע גרויזאמקייט ביי דער אונטערדריקונג פון דיזען אויפשטאנד. ער האָט אטאקירט מיט א שטארקער ארמעע יעדען פּלאַץ בעזונדער. דיא אידען האָבען זיך פערצווייפעלט פער־טהיידיגט, אָבער האָבען אויך איבעראל פערלאָרען. טייכען אידישע בלוט זיינען דערביי פערגאָסען געוואָרען. דיא געפאנגענע פלעגט

מען צוהאקען אין שטיקער. דיא פּראכטפאָלע אלקעסאנדריער סינאגאָגע איז דאן אויך צושטערט געוואָרן.

ווען טורבאָ האָט איינגעשטילט דיא אידען אין מצרים און סירענאיקא, האָט ער זיך א נעהם געטהאָן צו סיפּרוס. וואָס עס איז דאן דאָרטען פּאָרגעקומען, ווייס מען גאָר ניט. וואהרשיינליך איז דאָרטען איין איד ניט לעבעדיג געבליבען, דען מען האָט נאכהער ארויסגעלאָזען א געזעץ, אז קיין איד טאָר ניט צוקומען נאָהענט צו דיא ברעגעס פון דעם אינזעל, אפילו אזעלכע, וואָס וועלען צושווימען פון אונטערגעגאנגענע שיפען אין צייט פון א שטורם. אזוי אונמענשליך איז מען געוועזן צו אידען.

צווייטער קאפיטעל.

אדריאן'ס פערשפרעך צו לאָזען בויען א בית המקדש.

טראיאנוס האָט דאָך ניט געקענט אויספיהרען זיין פּלאן איינצונעהמען דיא לענדער פון דיא פּארטהען. ער האָט שליסליך געמוזט אָפּטרעטען פון בבל. פון ערגערנעס איז ער קראנק געוואָרן און אין עטליכע מאָנאט געשטאָרבען אין סיריען. זיין נאָכפאָלגער האָט געזאָלט זיין קוויעטוס, וועלכער האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאנד פון אידען אין בבל און וועמען ער האָט נאכהער געשיקט, אלס בעלוינונג, נאָך פּאלעסטינא צו שטיקען און ווערגען דיא דאָרטיגע אידען. נאָר זיין ווייב פּלאָטינא האָט אויסגעפיהרט, אז אדריאן (אדריאנוס), איהרער א נאָהענטער קרוב, זאָל ערקלערט ווערן פון דער ארמעע פאר דעם קייזער.

דאָס איז געווען אין 117טען יאָהר נאָך דער קריסטליכער צייטרעכענונג. קוויעטוס איז שוין דאן געווען אין ארץ ישראל, וואו דיא אידען האָבען זיך אָרגאניזירט צו א גרויסען אויפשטאנד. ווען דיא אידען וואָלטען אין אלע פּונקטען גלייכצייטיג ארויס מיט אלע זייערע קרעפטע געגען דיא רוימער און וואָלטען געווען שטארק פערבונדען, קען זיין, אז זיי וואָלטען געבראָכען דיא רוימישע אימפעריע, וועלכע האָט זיך אלץ מעהר געטרייסעלט. נאָר נאכדעם, וויא טורבאָ האָט זיי אונטערדריקט אין אפריקא און קוויעטוס אין בבל, האָבען זיי שוין גאנץ ווייניג געקענט אויפטהאָן אין פּאלעסטינא. וועגען דיא אונטערדריקונג פון דיזען אויפשטאנד וויים מען אויך זעהר ווייניג. וואהרשיינליך, האָבען דיא אידען זעהר שטארק געליטען, וויא נאָר קוויעטוס איז אָנגעקומען, דען צו דער צייט האָט מען איינגעפיהרט נייע טרויער-טעג. מען האָט אויך גרינדע צו רעכענען, אז קוויעטוס האָט אונטערדריקט דעם סנהדרין פון יבנה.

עס איז שווער צו זאָגען, וויא פיעל צרות קוויעטוס וואָלט נאָך אָנגעמאכט דיא אידען, ועלכע ער האָט געוועלט איינפאך אויסראָ־טען אויף דעם בעפעהל פון טראיאנוס, ווען דער נייער קייזער וואָלט איהם אליין ניט געשיקט אויף יענער וועלט. אדריאן איז געוועזן א זעהר זאָנדערבארער מענש. ער האָט ניט געקענט רוהען און בלייבען אויף איין אָרט. ער האָט אויך ניט געקענט צושטעהן צו אירגענד וועלכע פילאָזאָפישע לעהרע; ער האָט זיך געסטארעט, אז מען זאָל איהם ניט נאָר פערעהרען אלס קייזער, זאָנדערן אויך בעטראכטען פאר א פילאָזאָף און א ליעבהאָבער פון קונסט. אָבער וואָס לענגער ער האָט געהערשט, אלץ טיראנישער איז ער געוואָרען. דיא אידען האָבען יעדענפאלס געליטען פון איהם מעהר צרות וויא פון אלע אנדערע רוימישע קייזערס צוזאמען.

אָנפאנגס האָט ער זיך ארויסגעצייגט זעהר פריינדליך צו אידען, אבער דאָס איז הפנים נור געוועזן א דיפּלאָמאטישער שריט. וויא נאָר דער טויט פון טראיאנוס איז בעקאנט געוואָרען, האָבען פיעלע פעלקער זיך אויפגעהויבען ארויפצושליידערן פון זיך דעם רוימישען יאָך. אין בבל און דיא לענדער ארום, וויא אויך אין עטליכע געגענדען פון קליין־אזיען און אין בריטאניען (ענגלאנד) האָט מען זיך בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט צו ווערען אונאבהענגיג. עס האָט אויסגעוויזען, אזוי וויא דיא גאנצע ריעזיגע געביידע פון דער רוימישער אימפעריע וועט צופאלען ווערען אויף שטיקער. אונטער אזעלכע אומשטענדען האָט אדריאן געפונען, אז עס איז בעסער און זיכערער אָנצוגיין מיט גוטען און נאָכגעבען א ביסעל, איידער צו אונטערדריקען מיט מיליטערישע מאכט אזוי פיעל אויפשטאנדען מיט איין קלאַפּ. ער האָט דאן געצייגט, אז ער איז א בעסערער פּאָליטיקער וויא א גענעראל און האָט דערמיט גערע־טעט דיא אימפעריע.

דיא פּערסען האָט ער גליך בעוויליגט אלע זייערע פאָרדערונגען. ער האָט געמוזט אנערקענען דיא אונאבהענגיגקייט פון דיא מלוכות אין דיא פּארטהאנער לענדער, ווייל ער האָט גוט געזעהען, דאָס ער איז נימ אין שטאנד זיי איינצונעהמען. ער האָט אויך בעוויליגט

פיעלע פאָרדערונגען אין אנדערע פראָווינצען. וואָס אנבעלאַנגט צו דיא אידען פון פאלעסטינא, האָט ער ניט נאָר פערשפּראָכען אראָפּ־צוזעטצען דעם גרויזאמען קוויעטוס, זאָנדערן אויך צו לאָזען אויפ־בויען א נייעם בית המקדש. דאָס לעצטע איז נאטירליך געוועזען דיא הויפּטפאָרדערונג פון דיא אידען.

מיט דיזע פערשפּרעכונגען האָט אדריאַן גלייך בערוהיגט אלע אידען. עס איז שווער צו זאָגען, אויב ער האָט אין דער צייט אויפ־ריכטיג געדיינקט אויסצופיהרן זיין פערשפּרעך וועגען בית המקדש, נאָר זיכער איז עס, אז ער האָט זיך באלד אָבגעזאגט דערפון און האָט נאָך אויף דער ערגסטער ארט גענומען פערפאָלגען דיא אידען. זיין פערשפּרעך וועגען אראָפּזעצען דעם גובערנאטאָר קוויעטוס האָט ער אויף׳ן אָרט אויסגעפיהרט, אָבער דאָס האָט ער געטאָן ניט אוים פריינדשאפט צו דיא אידען, זאָנדערן אוים האס צו זיין מעג־ליכען קאָנקורענט, צו א מאן, וועלכער איז געוועזען א געוויסע צייט טראיאנוס׳עס יורש.

נאָך אידישע בעריכטען, האָט קוויעטוס געקראָגען אדריאַן׳ס בעפעהל צו פערלאָזען פאלעסטינע גראדע אין דעם טאָג, וויא דיא אָנפיהרערס פון דעם אויפשטאנד, פאפוס און יוליאנוס, זיינען געפיהרט געוואָרען צום עשאפאָט. יעדענפאלס האָט מען דעם טאָג פון דער בעפרייאונג פון דיזע צוויי פיהרערס געפייערט מיט גרוים שמחה. דאָס איז געוועזען דעם 12טען אדר (מערץ 118), און דיזער יום טוב האָט געטראָגען דעם נאָמען „יום טראיאנוס“. א קורצע צייט נאָכדעם האָבען דיא אידען געהאט דיא צופרידענהייט, דאָס קוויעטוס איז היינגעריכטעט געוואָרען אויף אדריאַן׳ס בעפעהל.

אבער זייערע האָפנונגען אויף דער אויפבויאונג פון בית המקדש זיינען געבליבען א זיסער טרוים. זיי האָבען זיך אומזיסט געפרעהט, דאָס איידער עס וועלען פאָראיבער 50 יאהר נאָך דעם צווייטען חורבן, וועט מען אָנפאנגען צו בויען א נייעם בית המקדש, דען וויא נאָר אדריאַן האָט זיך גענומען פיהלען פעסטער אויף זיין טהראָן, האָט א דרעה געטאָן דאָס רעדעל צוריק. גלייך אָפּזאָגען זיך פון זיין פערשפּרעכען האָט איהם ניט געפּאסט, נאָר ער האָט אלץ

אָבגעלייגט. איינמאָל, ווען דיא אידען זיינען שטארק צוגעשטאנען צו איהם, האָט ער געגעבען צו פערשטעהן, דאָס ער וויל, אז דער בית המקדש זאָל ניט געבויט ווערען אויף דעם פריהערן אָרט. א׳ן אנדערם מאָל האָט ער ערקלערט, אז דער נייער בית המקדש דארף זיין קלענער וויא דער אלטער.

אזוי זיינען פאַראיבער צעהן יאהר. דיא אידען האָבען גאנץ גוט פערשטאנען, אז אדריאן זוכט נאָר תירוצים זיך ארויסצודרעהען און זיי אָפּצונארען. נאָך איין בעריכט האָבען דיא סאמאריטאנער (שמרונים) אונטערגעהעצט דעם קייזער ניט נאָכצוגעבען דעם פערלאנג פון דיא אידען. זיי האָבען איהם ערקלערט, אז וויא נאָר דיא אידען וועלען האָבען א בית המקדש, וועלען זיי גלייך אנפאנגען א׳ן אויפשטאנד צו געווינען אונאבהענגיגקייט. אבער אדריאן זעלבסט האָט גוט געוואוסט, דאָס דער בית המקדש איז פאר דיא אידען ניט נאָר א רעליגיעזער טעמפּעל, זאָנדערן אויך א פּאָליטישע קראפט, דארום האָט ער בעשלאָסען ניט צו האַלטען זיין פערשפּרעכען.

א גרויסער טהייל פון דיא אידען אין פּאלעסטינא איז אזוי אויפגערעגט געוואָרען דורך דיא דריידלעך פון דעם קייזער, דאָס זיי האָבען גלייך געוואָלט מאכען א׳ן אויפשטאנד. א סך האָבען זיך בעוואפענט און האָבען זיך צוזאמענגעקליבען אויף א פעלד לעבען רמון און זיי וואָלטען וואהרשיינליך אָנגעפאנגען א נייעם קאמפף געגען רוים, ווען דער תנאי יהושע, וועלכער איז צו דער צייט געווען דער ראש הסנהדרין, וואָלט ניט מיט נאָך אנדערע וויכטיגע מיטגליעדער פון דער פרידענס-פּארטיי זיי אָבגעהאלטען פון אזא געפעהרליכען שריט.

אין 130טען יאהר האָט אדריאן, וועלכער האָט ארומגערייזט צו זעהען אלע פּראָווינצען פון זיין ריעזיגע אימפעריע און צו בעפריעדיגען זיין נייגיעריגקייט און ליעבע צו ענדערונגען און נייעסצענען, אויך בעזוכט פּאלעסטינע. ער האָט אויפגענומען פערטרעטער פון רוימער, גריכען, אידען, קריסטען, שמרונים און אנדערע פעלקער, וועלכע האָבען דאן דאָרטען געלעבט, און האָט אויסגעהערט

זייערע מיינונגען. אלע פעלקער האָבען זיך געבוקט צו איהם אזוי ווייא זיי וואָלטען איהם געהאלטען פאר א גאָט. זיי האָבען אויך געבעטען, ער זאָל ניט נאָכגעבען דעם פערלאנג פון דיא אידען.

וויא דיא אידען האָבען איהם אויפגענומען, ווייס מען ניט, וואהרשיינליך, ניט פריינדליך, דען זיי האָבען איהם נאטירליך ניט געקענט פערגעבען, דאָס ער האָט ניט געהאלטען זיין וואָרט. ער פון זיין זייט האָט אָפען ארויסגעצייגט זיין פיינדשאפט צו זיי, דען עס האָט איהם געערגערט, וואָס ער איז פריהער געצוואונגען געוועזן זיך צו בויגען פאר זיי. ער האָט זיך געזעהען מיט איינינע אידישע פערטרעטער, ספעציעל מיט דעם תנאי יהושע, וועלכער איז געוועזן געאכטעט פון גאנצען פאָלק און האָט אָנגעווענדעט זיין גאנצען איינפלוס אבצוהאלטען זיינע ברידער פון א'ן אויפשטאנד. נאָר וועגען זיינע געשפרעכען מיט דיא אידישע פערטרעטער ווייס מען גאָר ניט, אויסער לעגענדען.

דער רעזולטאט פון אדריאן'ס רייזען איבער פאלעסטינע איז יעדענפאלס געוועזן, אז ער האָט געלאָזט וויסען דעם סענאט אין רוים, דאָס דיא אידען זיינען פריעדליך און דאָס מען דארף גאָר ניט מורא האָבען פאר זייערן א'ן אויפשטאנד. צו דער צייט האָט ער זיך איינגערעדט, אז ער וועט קענען אויסגלייכען אלע פעלקער און גלויבענס און זיי צוזאמענשמעלצען מיט דיא רוימער. ער האָט זיך הפנים גערעכענט פאר א גאָט, ווען ער האָט געקענט טרוימען, דאָס דיא אידען און אויך דיא קריסטען וועלען קענען לעבען פריינדליך מיט דיא געצענדיענערס און דאָס דיא אידען וועלען אין גאנצען פערגעסען, וואָס זיי האָבען אויסגעליטען פון דיא רוימער.

אין דער ווירקליכקייט האָבען דיא אידען נאָר געווארט אויף א געלעגענהייט אָנצופאנגען א נייעם אויפשטאנד. זאָ לאנג אדריאן איז פערבליבען אין סיריען (ארום 131טען יאָהר), האָבען דיא פיהרערס פון דער קריעגס-פארטיי זיך צוריקגעהאלטען; נאָר וויא ער איז אוועק נאָך מצרים, האָבען זיי געמאכט אלע גרעסערע פאָר־בעריייטונגען צו דעם קאמפף. ער האָט זיי אליין געטריעבען דערצו מיט זיין משוגע'נעם פלאן אויפצובויען א געצענדיענערשע שטאדט

אויף דעם פּלאַץ פון ירושלים. גראדע ווען ער איז אָפּגעפאָהרען פון אלעקסאנדריא, האָט מען אָנגעפאנגען אָפּצוראמען דיא חורבות פון אמאָליגען ירושלים, אום דאָרט צו בויען א שטאדט נאָך א גריכישען מוסטער.

אדריאן האָט געמיינט, אז דערמיט וועט ער מאכען א גוטען אָנפאנג צו פערבינדען אלע פעלקער אין דער רוימישער אימפעריע, אבער ער האָט נאָר נאטירליך אויפגעבראכט אלע אידען. אדריאן׳ס פּלאן האָבען זיי בעטראכטעט אלס א פערזוך צו שענדען זייער רעליגיאָן און זייער היילינע שטאדט.

אום אויסצומיידען אן אויפשטאנד, האָט די פריעדליכע פּארטיי געשיקט דעם אלטען תנאי יהושע נאָך מצרים בעטען דעם קייזער ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיין פּלאן אומצו־וואנדלען ירושלים אין א געצענדיענערשע שטאדט. אבער אדריאן האָט זיך אויסגעלאכט פון דיא אידישע און קריסטליכע רעליגיאָנען און האָט זיך איינגעשפּארט, אז ניט אנדערש ער מוז ציינען זיין מאכט אפילו איבער דיא גלויבענס פון זיינע אונטערטהאנען. דער תנאי האָט אומזיסט געבעטען. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט א געבראָכענער, און פון הארצוועהטאָג איז ער באלד געשטאָרבען.

נאָך יהושע׳ס טויט האָבען דיא אויבער־האנד גענומען דיא פיהרערס פון דער קריעגס־פּארטיי. דיא אויפרעגונג געגען דעם קייזער און געגען דער רומישער הערשאפט איז געוואָרען אלץ גרעסער, ביז עס האָט אויסגעבראָכען דער גרויסער אויפשטאנד, אין וועלכען דער מערקווירדיגער מענש, וואס איז בעריהמט געוואָרען אונטער דעם נאָמען בר־כוכבא, האָט געשפּיעלט דיא הויפּט־ראָלע.

דריטער קאפיטעל.

דער אַנפאנג פון בר־כוכבא'ם אויפשטאנד.

ווענינ קאפיטלעך אין דער אידישער געשיכטע זיינען אזוי דונקעל, וויא דער אויפשטאנד אונטער דער פיהרונג פון בר־כוכבא. דיא אורזאכען פון דיזען אויפשטאנד זיינען קלאָר, ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט אלע פאסירונגען אין דיא זעכציג יאהר נאָך דעם צווייטען חורבן. מען קען זאָגען, אז דיא אידען זיינען דיזע צייט געווען אין א'ן אָפענעם קאמפף מיט דיא רוימער און האָבען איין מינוט ניט אויפגעגעבען דיא האָפנונג ערלייזט צו ווערען פון דעם אונערטרעגליכען יאָך. מיר האָבען אויבען געזעהן, וויא וויט דיא אידען האָבען אין אלע טהיילען פון דער רוימישער אימפעריע געקעמפפט פאר זייער גלויבען און נאציאָנאלע אונאבהענגיגקייט; מיר האָבען אויך געזעהן, אז ווען זיי וואָלטען געווען בעסער אָרגאניזירט און פערבונדען אין דער צייט, ווען טראיאנוס האָט געוואָלט ווערען א צווייטער אלכסנדר מוקדון, וואָלט זיי פיעלייכט געלונגען צו ברעכען דיא מאכט פון דיזער אימפעריע וועניגסטענס אין אזיען.

נאָר נאָך אזא ריעזיגע אָנשטרענגונג האָבען שוין דיא צווייטע אידען מעהר גאָר ניט געקענט מאכען. עס איז זאָגאר א וואונדער, וויא אזוי זיי האָבען געקענט פיהרען אזא לאַנגען קאמפף מיט דיא רוימישע לעגיאָנען אין מצרים. נאָך דיא אונטערדריקונג פון דיא אויפשטאנדען אין בבל, מצרים, סירענאיקא און סיפרוס זיינען דאָרטען דיא אידען אזוי אָבגעשוואכט געוואָרען, דאָס זיי האָבען שוין ניט געקענט העלפען זייערע ברידער אין זייער פאטערלאנד. פאלעסטינע האָט זיך געמוזט פערלאָזען אויף איהרע אייגענע קרעפטע.

וויא גרויס זיינען געוועזן דיזע קרעפטע, ווען אדריאן האט ניט נאר געבראכען זיין ווארט, זאנדערן האט זיך נאך אויסגעלאכט פון דיא אידען, ווען יהושע האט איהם געבעטען רחמים ניט צו שענדען דיא חורבות פון דער הייליגער שטאדט? דאס קען מען ניט וויסען. מיר האבען קיינע געשיכטליכע בעריכטען וועגען דיא גרויסקייט פון דיא שטעדט און וועגען דיא צאהלען פון זייערע איינוואהנער אין פאלעסטינע. נאך חורבן ירושלים און דיא אויסשלאכטונגען פון געפאנגענע האבען ניט פיעל אידען געקענט פערבלייבען אין ארץ ישראל; אבער דאך זיינען שוין געוועזן גרויסע אידישע שטעדט אין אדריאן׳ס צייט. האבען זיי זיך אזוי שנעל פערמעהרט אדער זיינען צוגעקומען אידען פון אנדערע ערטער? וועגען דעם האבען מיר וויעדער קיינע ריכטיגע בעריכטען. אזוי וויא אדריאן האט געמוזט שיקען זיין בעסטען גענעראל מיט א׳ן ארמעע פון א 100,000 סאל־דאטען צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד אונטער בר־כוכבא׳ס פיהרונג, זא מוז מען אננעהמען אז דיא אידישע בעפעלקערונג איז דאן געוועזן א ציעמליך גרויסע. דער צענטער פון דיזער בעפעלקע־רונג איז געוועזן אין גאלילעא (גליל). הפנים דיא שטעדט, וואס האבען זיך בעצייטענס אונטערגעגעבען אין דער צייט פון אספסינוס און טיטוס, האבען געקענט וואקסען אהן בעזונדערע שטערונגען.

דיא בעסטע און זיכערסטע קוועלען וועגען דיזען אויפשטאנד געפינט מען אין דיא בעשרייבונגען פון דעם גריכישען היסטאריקער דיא קאסיוס. ער בעהויפטעט, אז בר־כוכבא האט צוזאמענגעקלי־בען ביז א האלבען מיליאן סאלדאטען און ביי דער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד זיינען געפאלען א האלבער מיליאן אידען, ניט רעכנענדיג דיא יעניגע וואס זיינען געשטארבען פון הונגער.

וויא אזוי דער אויפשטאנד האט זיך אנגעפאנגען און וויא בר־כוכבא איז געווארען דער אנפיהרער, דאס קען מען זיך יעצט פאר־שטעלען, ווען מען פארשט נאך דיא לעגענדען און נסים־געשיכטען וועגען זיין פערזאן און דיא עטליכע היסטארישע פאקטען וועגען דעם קאמפף מיט דיא רוימער.

דער ריכטיגער נאמען פון דיזען זאנדערבארען קריעגס־פיהרער,

וועלכער האָט אויך געשפּיעלט דיא ראָלע פון א משיח, איז געוועזן בר־כוזיבא, וויל ער איז געבאָרען געוואָרען, רעכענט מען, אין דער שטאדט כוזיבא. ווען ער איז געבאָרען געוואָרען, ווער זיינע עלטערן זיינען געוועזן, וואָס ער האָט געטאָן ביז ער איז פּלוצלונג געוואָרען דער פערגעטערטער פיהרער פון אידישען פאָלק — דאָס בלייבט אין גאנצען אונבעקאנט. מען האָט בעהויפּטעט אז ער שטאמט פון דוד המלך; נאָר דאָס האָט מען הפנים געטאָן, אום צו קענען איהם ערקלערען פאר א משיח בן דוד. דיא רוימער האָבען זיך נאטירליך גאָר ניט געקימערט וועגען דעם, און דיא איבערגעבליבענע אידישע בעריכטען זיינען פול מיט נסים און לעגענדעס.

מען רעכענט, אז דעם נאָמען „בר־כוכבא“, וואָס עס בעדייטעט דער „שטערן־זוהן“, האָט ער געקראָגען פון רבי עקיבא. וועלכער איז געוועזן א הייסער פּאטריאָט און האָט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין דעם אויפשטאנד. דיזער תנאי איז גאָר ניט געראָטען געוועזן אין רבי יהושע, וועמעס אָרט ער האָט פערנומען אין סנהדרין. ער איז ניט נאָר געוועזן אייגער פון דיא גרעסטע תנאים, זאָנדערן אויך א פייערדיגער פּאטריאָט און א מוטהיגער מאן. דיא רוימער האָט ער געהאסט מיט זיין גאנצען הארצען און האָט אויפגעמונטערט דיא אידען צום קאמפּף. פאר זיין פּאטריאָטיזמוס האָט ער אויך בע־צאָהלט מיט זיין לעבען.

מען מוז אָננעהמען, אז רבי עקיבא איז ניט נאָר געוועזן דיא נשמה פון דעם אויפשטאנד, זאָנדערן ער האָט אויך געשאפען דיא שטארקע האנד, וועלכע האָט דערלאנגט שטארקע קלעפּ דיא רוימישע לעגיאָנען. נאָך איידער בר־כוכבא איז ארויסגעטראָטען אלס א קריעגספיהרער, האָט רבי עקיבא שטילערהייד אָרגאניזירט דעם אויפשטאנד. אין דער צייט, וואָס אדריאן האָט פערבראכט אין מצרים, גלויבענדיג, אז דיא אידען וועלען שוין ניט וואגען אָנצופאנגען א קמפּף מיט זיינע לעגיאָנען, האָט מען אין פּאלעסטינע שטילערהייד פאבריצירט געוועהר און אויסגעגראָבען געהיימע הייהלען און דורכגעגנגע אין די בערג, אום צו קענען בעסער אַטאקירען דיאַ רוימער. דער רוימישער גובערנאטאָר רופוס האָט

אָנגעהאלטען א סך שפּיאָנען, אבער דיא פאָרבערייטונגען צום אויפ־שטאנד זיינען אזוי געהיים געמאכט געוואָרען, דאָס ער האָט איינ־פאך דעם קאָפּ פערלאָרען און אדריאן איז א צוציטערטער געוואָרען, ווען בר־כוכבא איז ארויסגעטראָטען מיט א גרויסע ארמעע.

ווען און וויא אזוי רבי עקיבא און בר־כוכבא האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען, ווייס מען ניט. נאָר עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז דער פּיזישער ריעז האָט געמאכט א גרויסען איינדרוק אויף דעם גייסטיגען ריעז. בר־כוכבא איז געווען יונג, מוטהיג און שטארק געבויט. וועגען זיין גבורה דערצעהלט מען וואונדער. זיינע פעהיגקייטען אלס קריעגספיהרער האָט ער ניט איין מאָל בעוויזען אין שלאכטען מיט דיא רוימער. מען קען זאגען, אז אזא קאָמאנדיר האָבען דיא אידען ניט געהאט זייט דיא חשמונאים. אין דיזער בעציהונג האָט רבי עקיבא זיך ניט גענארט, ווען ער האָט איהם אויסגעקליבען פאר דעם אָנפיהרער.

דיא וואונדערליכע געשיכטען, מיט וועלכע בר־כוכבא'ס נאָמען איז פערבונדען געוואָרען, צייגען, אז ער איז ניט געווען א גע־וועהנליכער מענש און אז מען האָט איהם גלייך גענומען פער־געטערן פאר זיינע מיליטערישע פעהיגקייטען און פאטריאָטישע בעגייסטערונג. ער איז וויא געשאפען געוואָרען צו פיהרען דיא אידען געגען דיא רוימער. דער גלויבען, אז ער איז א משיח, איז וואהרשיינליך איינגעפלאנצט געוואָרען פון רבי עקיבא, וועלכער האָט איהם בעוואונדערט און האָט עס אָפען ארויסגעזייגט ביי יעדער געלעגענהייט, אום אלע פאטריאָטען זאָלען איהם אנערקענען פאר זייער בעשערטען פיהרער און איהם פאָלגען. אָהן דיא מאָראלישע שטיצע פון רבי עקיבא וואָלט בר־כוכבא וואהרשיינליך ניט געקענט שפּיעלען אזא גרויסע ראָלע און אנערקענט ווערען פאר א משיח און קעניג.

דיזער אויפשטאנד האָט זיך אָנגעפאנגען אזוי ערפאָלגרייך, אז מען האָט ווירקליך געקענט מיינען, דאָס ענדליך וועט מען ברעכען דיא מאכט פון דיא רוימער און געווינען אונאבהענגיגקייט. דיא בעגייסטערונג איז געווען גרויס אין אלע ווינקעלאך פון ארץ

ישראל. פון אלע זייטען זיינען געקומען קעמפפערס אונטער דער משיח־פאהן פון בר־כוכבא. אפילו דיא שמרונים זיינען דיזעס מאל צוגעשטאנען צו דיא אידען, דען זיי האבען אויך זעהר געליטען אונטער דעם רוימישען יאך. דיא אטאקע איז געווען אזוי שטארק און גוט געפיהרט, דאס דער רוימישער גובערנאטאר טיניוס רופוס האט געמוזט צוריקטרעטען אלץ ווייטער צו דיא פארט־שטעדט לעבען מיטעל־מעער. אין פערלויף פון איין יאהר, ספעציעל אין אנפאנג פון 133טען יאהר, האט רופוס פערלארען איין פעסטונג נאך דער אנדערער. ביז 50 בעפעסטיגטע ערטער און 985 שטעדט און דערפער זיינען געבליעבען אונטער דער הערשאפט פון בר־כוכבא. אין דער צייט איז וואהרשיינליך קיין איינציגער רומישער סאלדאט ניט פערבליעבען אין ארץ יהודה, גליל און שמרון.

פון דעם נארד־טהייל פון גליל, ספעציעל אין דער אומגעגענד פון רמון, וואו דער אויפשטאנד האט זיך אנגעפאנגען, האט בר־כוכבא אלץ ווייטער געיאגט דיא רוימער און איז אין עטליכע מאנאט געווארען דער הערשער, קען מען זאגען, פון גאנץ ארץ ישראל. אויך ירושלים איז פערנומען געווארען פון בר־כוכבא'ס מחנות, און דיא בעגייסטערטע קעמפפערס האבען זיך שוין געקליבען צו בויען א בית המקדש. יעדענפאלס האבען זיי דאן גערעכענט, אז זיי וועלען באלד קענען אויספיהרען זייער טרוים ווידער אויפצו־בויען דיא הייליגע שטאדט. עס איז איבעריג צו זאגען, אז אלע סמנים פון גריכיש־רוימישען געצענדיענסט זיינען דארט צושטערט געווארען.

אום צו צייגען פאר דיא גאנצע וועלט, אז דיא אידען האבען ווידער געגרינדעט א'ן אייגענע מלוכה, האט בר־כוכבא געהייסען ארויסלאזען אידישע מטבעות, וועלכע מען האט גערופען געוועהנליך מיט זיין נאמען און פון וועלכע אייניגע זיינען נאך ביז'ן היינטיגען טאג פערבליעבען אין מוזעאומען.

פיערטער קאפיטעל.

דיא אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד.

ווען אדריאן האט ערהאלטען דיא ערשטע נאכריכטען וועגען דעם אויפשטאנד אין פאלעסטינע, האט ער זיך ווייניג געקימערט. ער האט געגלויבט, אז דיא רוימישע סאלדאטען וועלען לייכט ביי־קומען דיא אידען. מיר ווייסען שוין, אז ער האט זיך איבערהויפט איינגערעדט, דאס דיא אידען וועלען מעהר ניט מאכען א'ן אויפ־שטאנד. נאר ווען ער האט געקראגען בעריכטען וועגען דיא נידער־לאגעס פון זיינע לעגיאנען און וועגען דיא ביטערע לאגע, אין וועל־כער זיין גוּבערנאטאר האט זיך דאן געפונען, האט ער זיך זעהר דערשראקען און גענומען האסטיג שיקען פערשטערקונגען.

אבער בר־כוכבא האט זיי אויך געשלאגען. זיין שטערן האט דאן אזוי געגלאנצט, דאס עס איז קיין וואונדער, וואס דיא אידען האבען איהם געהאלטען פאר א משיח און יעדענפאלס פאר א געט־ליכען מאן, וואס איז געשיקט געווארען זיי צו ערלייזען פון רוימישען יאך. צוויי יאהר האט בר־כוכבא געהערשט ווירקליך וויא א'ן אונ־אבהענגיגער קעניג. אויף יעדען פונקט האט ער געזיעגט. פיעלע בעריהמטע רוימישע גענעראלען, וועלכע אדריאן האט ארויסגעשיקט נאך פאלעסטינע, האבען פערלארען זייער רעפוטאציאן אין שלאכ־טען מיט דער אידישער ארמעע אונטער דער קאמאנדא פון בר־כוכבא.

אדריאן איז דאן אזוי פערצווייפעלט געווארען, אז ער האט גערופען צו הילפע דעם גענעראל סעווערוס, וועלכער האט דאן געהאט צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד פון דיא מוטהיגע און קריגערישע איינוואהנער פון בריטאניא (ענגלאנד). דיזער סעווערוס איז גערעכענט געווען פאר דעם בעסטען גענעראל אזוי וויא

אספסינוס אין זיין צייט, און ער האָט אויך באַלד בעוויזען, אז מען האָט אין איהם קיין טעות געהאַט. ווען ער איז אָנגעקומען אין פאַלעסטינע און האָט בעטראַכט די לאַגע, האָט ער בעשלאָסען ניט צו שטעלען אַלעס אויף איין קאָרט און אויסצומיידען אַ׳ן אָפענע שלאַכט מיט בר־כוכבא׳ס אַרמעע, ביז ער וועט ניט איינ־נעהמען עטליכע פעסטונגען. אין אַלגעמיין האָט ער געהאַנדעלט אַזוי וויא אספסינוס מיט קנאַפע 70 יאָהר צוריק, ווען ער האָט מאַר־שירט דורך גליל.

די שטאַרקסטע אידישע פעסטונגען האָבען זיך געפונען אין דער געגענד צווישען עכו און ביתר, לעבען די ברעגעס פון מיטעל־מעער און דעם ירדן, מייסטענס אין די בערג לעבען די אָזערע פון גליל (ים כנרת). די שטעדט קאַבול, סיכין און מאַגדאַלאַ זיינען געוועזען אַזוי שטאַרק בעפעסטיגט, אַז סעווערוס האָט לאַנג געמוזט אָנשטרענגען אַלע זיינע קרעפטע ביז ער האָט זיי איינ־גענומען. דיזע דריי שטעדט האָבען געבילדעט די ערשטע רייהע פון די פעסטונגען, וועלכע בר־כוכבא האָט פערזאָרגט מיט אַזוי פיעל בעשיצונגס־מיטעל וויא פיעל ער האָט נאָר געקענט. אין דיזער געדיכט־בעפעלקערטער געגענד איז נאָר איין שטאָדט געוועזען שטילערהייד געגען דעם אויפשטאַנד. דאָס איז געוועזען סעפפאָרים (צפוריה), וועלכע האָט זיך אויך שנעל אונטערגעגעבען צו די רוימער אין דער צייט פון אספסינוס. אויסער דיזע ליניע פון פעסטונגען, האָט נאָך בר־כוכבא אויפגעבויט אַ׳ן אַנדערע, וועלכע האָט זיך געצויגען אין אונטערשטען טהייל פון גליל, אָבער מען ווייס ניט אויף ריכטיג זייערע נעמען.

יוליוס סעווערוס האָט זיך אריינגעריסען אין ארץ ישראל דורך גליל אַזוי וויא אספסינוס און טיטוס. ער האָט צוזאַמענגעקליבען זיינע לעגיאָנען אין סירישען און פעניקישען און האָט מאַרשירט אויף די ערשטע רייהע פעסטונגען פון גליל. ער האָט זיך ניט געאיילט צו אַטאַקירען און האָט איבערהויפּט אויסגעמיידעט זיך צוזאַמענ־צוטרעפען מיט אַ שטאַרקע אַרמעע אונטער בר־כוכבא׳ס קאָמאַנדע, וויל ער האָט זעהר מורא געהאַט טאָמער וועט איהם ניט געלינגען

צו זיעגען. זיין רעכנונג איז געווען ביסלעכווייז אויסצומאטערען דיא אידישע קרעפטע און זיי צוטהיילען וויא ווייט נאָר מעגליך. בעזאָנדערס האָט ער געהאָפט, אז דיא אידען וועלען בלייבען אָהן לעבענסמיטעל, ווען דיא מלחמה וועט זיך ציהען לענגער, דען דיא פעלדער וועלען בלייבען אונבעארבייטעט, וויא באלד דיא אקער־בויער וועלען מוזען בלייבען אין דיא פעסטונגען. ער האָט געוואוסט, אז דיא אידען וועלען ניט קענען קריעגען שפייז פון דיא לענדער ארום אפילו פאר א סך געלט, און פיעל געלט האָבען זיי איבערהויפט ניט געהאט. ארץ ישראל איז דאן געווען א לאנד פון אקער־בוי, און ווי באלד מען האָט א יאָהר ניט געקענט פערזייהען געוועקס, האָט מען טאקי געהאט ווייניג שפייז. ווייטער פלעגט סעווערוס ארויסשיקען זיין קאוואלעריע צו אטאקירען איינצעלנע אבטהיילונגען פון אידישע סאָלדאטען און אויך דערפער. דיא אידען האָבען, קען מען זאגען, גאָר קיין קאוואלעריע ניט געהאט און האָבען דורך דעם זעהר פיעל געליטען.

דיזער קאמפף איז געווים געווען אזא שרעקליכער וויא אין דיא צייטען פון אספסינוס און טיטוס, אבער ליידער האָט זיך ניט געפונען א יאָזעפוס פלאוויוס וואָס זאָל בעשרייבען דיא איינצעלהייטען און איבערגעבען דיא העלדענטהאטען פון דיא נייע קעמפפערס פאר נאציאָנאלע אונאבהענגיגקייט. מיר ווייסען אפילו ניט דיא נעמען פון דיא העלדען, וועלכע האָבען זיך אויפגעאָפפערט צו פערטהיידיגען דיא פעסטונגען, וועלכע זיינען ביסלעכווייז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא רוימער. פון דיא אידישע לעגענדען, וועלכע זיינען פערצייכענט געוואָרן, קען מען שליסען, אז דיזער נייער דור פון ענטהוזיאסטישע פאטריאָטען האָט פרגאָסען מיט בלוט יעדען שריט פון דיא רוימישע לעגיאָנען. דיזע לעגענדען דערצעהלען, אז א'ן ארמעע פון 100,000 מאן אונטער דער קאָמאנדע פון סעווערוס האָט איינגענומען דיא פעסטונג טור־שמעון (וואהר־שיינליך איינע פון דיא פעסטונגען וועלכע שמעון, איינער פון דיא ברידער־חשמונאים, האָט אויפגעבויט) און האָט דריי טעג און דריי נעכט געשלאכטעט דיא איינוואָהנער.

דיא ערשטע פעסטונג, וועלכע סעווערוס האָט איינגענומען, איז וואהרשיינליך געווען קאבול, ניט ווייט פון דער פעסטונג יאָטאַ־פאטא, וועלכע האָט זיך בעריהמט געמאכט מיט איהר פערטהיידי־גונג געגען אספסינוס און אין וועלכער יאָזעפוס פלאוויוס איז געפאנגען געוואָרען. דיא פעסטונג קאבול איז געלעגען אויף'ן וועג פון פעניקיען און פון עכו און איז געפאלען, לויט אידישע בעריכטען, דורך דיא אונאייניגקייט פון איהרע פערטהיידיגער. נאָך דיא זעלבע בעריכטען, איז דיא פעסטונג סיכין צושטערט געוואָרען דורך „בישוף" און דיא פעסטונג מאגדאלא לעבען ים כנרת איז אונטער־געגאנגען דורך דיא „גרויסע עבירות פון איהרע איינוואָהנער". נאטירליך, אזעלכע בעריכטען זאָגען אונז גאָר ניט אויסער דעם פאקט, אז אלע דריי פעסטונגען זיינען איינגענומען געוואָרען פון דיא רוימער.

דורך דעם איז יעדענפאלס געבראָכען געוואָרען דיא הויפט־מאכט פון דיא אידען. דער אויפשטאנד איז שוין געווען פערלאָרען גראדע ווי ווען אספסינוס האָט צושטערט די פעסטונגען יאָטאפאטא און גיסכאלא. אין דעם טהאָל פון רמון, וואו גרויסע מחנות פאטריאָ־טען האָבען זיך פערזאמעלט, אום אָבצוהאלטען דעם מארש פון דיא רוימער, איז פאָרגעקומען דיא גרעסטע שלאכט, נאָר וועגען איהר וויים מען יעצט מעהר ניט וויא עטליכע לעגענדען. מיר האָבען קיינע היסטאָרישע בעריכטען וועגען דיא צאהלען קריעגערס און וועגען דיא געטויטעטע פוןביידע זייטען. געזיעגט האָבען דיא רוימער. נאכדעם זיינען זיי צוגעקומען צו דער צווייטער רייהע פעסטונגען, וועלכע זיי האָבען שוין לייכטער און שנעלער איינגענומען.

ביסלעכוויז זיינען אלע 50 בעפעסטיגטע פלעצער אריינ־געפאלען אין רוימישע הענד. אין אלגעמיין, רעכענט מען, זיינען פאָרגעקומען איבער 50 שלאכטען צווישען דיא רוימער און דיא אידען. בר־כוכבא האָט אלץ געמוזט צוריקטרעטען צו ביתר, וועלכע איז דאן געווען דיא הויפטשטאדט פון ארץ ישראל און וועלכע האָט געהאט א זעהר גרויסע בעפעלקערונג. ווען מען זאָל זיך פערלאָזען אויף דיא לעגענדארישע בעריכטען. יעדענפאלס זיינען זיך דאָר־

טען צוזאמענגעקומען אלע פאטריאָטען, וועלכע האָבען זיך געדעטעט פון דיא רוימישע שווערדען. בר־כוכבא האָט זיך דאָרטען בעפעס־טיגט און בעשלאָסען צו פרובירען זיין מזל, וועלכער האָט איהם פערלאָזען זייט סעווערוס האָט איבערגענומען דיא קאָמאנדע איבער דיא רוימישע לעגיאָנען.

אויף׳ן וועג נאָך ביתר האָבען דיא רוימער אלעס חרוב געמאכט. דיא פאטריאָטען, וועלכע האָבען געהאט דעם אונגליק אריינצופאלען אין זייערע הענד, זיינען אָהן ערבארמען אויסגעשלאכטעט געוואָרען. סעווערוס האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאנד נאָך גרויזאמער וויא אספסינוס און טיטוס. וואָס אנבעלאנגט צו בר־כוכבא, האָט ער ניט בעהאנדעלט גרויזאם דיא געפאנגענע רוימער.

וויא ווייט מען וויים, איז ער איבערהויפט ניט געווען א גרוי־זאמער מענש. בלויז דיא אידען, וועלכע האָבען זיך בעקעהרט צום קריסטענטהום, די אנטי־פאטריאָטישע אידיש־קריסטליכע סעקטאנטען, האָט ער ניט געשאָנעוועט. אָבער ער האָט זיי נאָר פער־פאָלגט דערפאר, וואָס זיי האָבען זיך ענטזאגט צו מאכען יד אחת מיט זייערע ברידער, וועלכע זיינען געבליעבען טריי דעם אלטען גלויבען. ער האָט זיי בעטראכטעט פאר פעררעטהער און האָט זיי אומ־געבראכט, ווען זיי פלעגען זיך אָפּזאָגען צו קעמפפען געגען דיא רוימער. נאָך דיא קריסטליכע בעריכטען האָט ער פערלאנגט פון דיא אידיש־קריסטליכע סעקטאנטען, אז זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען צו אנערקענען יעזוס׳ן פאר א משיח. עס איז מעגליך, אז ער האָט אזוי געהאנדעלט, ווייל ער האָט אליין געשפּיעלט דיא ראָלע פון א משיח און איז יעדענפאלס געווען געגען א גלויבען, דאָס א משיח האָט זיך בעוויזען פאר איהם און איז געקרייציגט געוואָרען.

אָבער דיא בעריכטען, אז ער האָט פערלאנגט, דאָס דיא קרי־סטען זאָלען איהם אנערקענען פאר דעם ריכטיגען משיח, זיינען וואהרשיינליך פאלש. עס זיינען ניטאָ קיינע היסטאָרישע בעווייזע, אז בר כוכבא האָט פערפאָלגט דיא אידישע קריסטען, דיא מינים, אביונים און דיא אסיים בלויז פאר זייער גלויבען. ווען זיי וואָלטען צוגעשטאנען צו דיא אידען אין דיזען שרעקליכען און

לעצטען קאמפף געגען רוים, וואָלט מען זיי געוויס ניט געריהרט. זיי זיינען אָבער געשטאנען פון ווייטענס און האָבען גלייכגילטיג צוגעקוקט, וויא זייער פאָטערלאנד ווערט פערוויסטעט און וויא דיא בעסטע מענשען ווערען אויסגעשלאכטעט. קיין וואונדער דארום, דאָס אלע אידישע פאטריאָטען האָבען זיי געהאסט און פערפאָלגט. מען רעכענט, אז פון דיזער צייט האָט זיך עס אָנגע־פאנגען דער ביטערער האס צווישען אידען און קריסטען, א האס, וועלכער האָט געפיהרט צו דער פערגיסונג פון טייכען בלוט אין דער וועלט. ביז דער צייט האָט מען אויף קריסטען געקוקט, וויא אויף אידישע סעקטאנטען און מען האָט נאָר געפיהרט שטריי־טען מיט'ן פעדער און מיט'ן צונג, אָבער אין דער צייט פון דיזען קאמפף פאר די אונאבהענגיגקייט פון ארץ ישראל האָט זיך אָפען בע־וויזען דער אָבגרונד צווישען אידען און קריסטען, און דיא אידען האָבען גענומען קוקען אויף זייערע קריסטליכע ברידער וויא אויף פעררעטהער.

פינפטער קאפּיטעל.

דיא צערשטערונג פון ביתר און בר־כוכבא'ס טויט.

מען רעכענט, אז ניט וויינינגער וויא אַנדערטהאַלבען יאָהר האָט עס געדויערט ביז סעווערוס האָט געקענט צוקומען צו ביתר, דיא לעצטע און גרעסטע פעסטונג פון דיא פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען זיך געצויגען אהין פון אַלע זייטען אַזוי וויא אונגעפעהר מיט 70 יאָהר צוריק נאָך ירושלים. דיא רוימער האָבען אַלץ ענ־גער ארומגערינגעלט דיזען פּלאַץ; אָבער ביז זיי האָבען איינגענו־מען און צושטערט ביתר, דיזע קרוין פון עמק השרון, איז פאַר־איבער א יאָהר.

נאָך אידישע נסים־בעריכטען איז ביתר געווען אַזא גרויסע שטאָדט, אז דאָרטען האָבען זיך געפונען עטליכע הונדערט שולען און אז דיא תלמידים וואָלטען געקענט פעריאָגען א גאַנצע ארמעע מיט זייערע שרייב־שטעקעלעך. אויב אפילו א העלפט פון אַזא צאָהל מענשען האָבען זיך דאָרטען געפונען אין דער צייט פון דער בעלאַגערונג, איז אויך צו גלויבען, אז פערד האָבען געשוואומען אין בלוט און אז דער בלוטיגער שטראָם האָט זיך געטראָגען צום ים, מיטשלעפּענדיג טויטע קערפּערס, נאכדעם וויא דיא רוימער האָבען זיך אהין אריינגעריסען און האָבען אַלעמען אויסגע־שלאַכטעט.

דער אמת איז, אז אפילו וועגען דיא צערשטערונג פון ביתר האָבען מיר יעצט נאָר א פּאָר ריכטיגע איינצעלהייטען. דיא קעמפּפער האָבען זיך מוטהיג פערטהיידיגט און האָבען גע־קראָגען וואַסער און שפּייז דורך אונטעראירדישע פערבינדונגען, זאָ דאָס דיא רוימער זיינען אויסגעמאַטערט געוואָרען און סעווע־רוס האָט זיך זאָגאַר געקליבען אָפּצוטרעטען. לויט נאָך אידישע און סאַמאריטאַנער בעריכטען האָט סעווערוס אויפגעגעבען דיא

בעלאגערונג, ווען דיא איינוואָהנער פון ביתר האָבען געצייגט, אז זיי האָבען ערהאלטען א סך שפייז. דער רוימישער גענעראל האָט זיך איבערצייגט, אז דיא אידען בעקומען פערשטערקונג און נאה־רונגס־מיטעל דורך א געהיימען וועג אונטער דער ערד. אזוי וויא ער האָט דיזען וועג ניט געקענט ענטדעקען, האָט ער הפנים זיך בערעכענט, אז עס איז גלייכער פאר איהם אָפּצוטרעטען. נאָר אין דיזען מאָמענט זיינען דיא בעלאגערטע פערראטהען געוואָרען פון דיא שמרונים, וועלכע זיינען אנפאנגס צוגעשטאנען צום אויפ־שטאנד. דיזע פעררעטהער האָבען אָנגעצייגט דיא רוימער וויא אזוי מען קען אריין אין דער שטאָט דורך א הייל.

איין אידישע לעגענדע דערצעהלט, אז ביתר איז צושטערט געוואָרען, ווייל בר כוכבא האָט ערמאָרדעט זיין אָנקעל, דעם פער־עהרטען רבי אליעזר. דיזער רבי איז פון אָנפאנג אָן געווען געגען דעם אויפשטאנד. ער האָט ניט אויפגעהערט אָפּצורייזען דיא אי־דען פון א נייעם קאמפף מיט רוים און האָט זיי פאָראויסגעזאָגט א ביטערען סוף. ווען דער אויפשטאנד האָט אויסגעבראָכען, האָט ער געטרויערט און געקלאָגט. ווען ביתר איז בעלאגערט געוואָרען, איז ער געשטאנען וויא אין טרויער, בעשאָטען דעם קאָפּ מיט אש, און האָט געבעטען גאָט, אז וועניגסטענס דיזע שטאָט זאָל גערע־טעט ווערן פון רוימישע הענד. פיעלע האָבען געגלויבט, אז דורך זיין זכות וועלען דיא רוימער ניט קענען איינגעהמען דיא שטאָט. דאָך שיינט עס צו זיין זיכער, אז דיזער צדיק איז ערמאָרדעט גע־וואָרן פון בר כוכבא.

וויא אזוי דאָס איז געשעהען, ווייס מען ניט אויף ריכטיג. איין מעשה דערצעהלט, אז רבי אליעזר האָט אין דער צייט פון דער בעלאגערונג געהאלטען א דרשה, אין וועלכער ער איז ארויס־געטראָטען געגען דיא פאטריאָטען און וואהרשיינליך אויך די־רעקט געגען בר כוכבא. ער זאָל האָבען ערקלערט, אז דער ווידער־שטאנד איז נוצלאָז און אז מען וועט נור אומזיסט פערגיסען אי־דישע בלוט, ווען מען וועט זיך ניט אונטערגעבען.

דיזע דרשה האָט שרעקליך אויפגעבראכט ניט נאָר בר כוכבא'ן,

זאָנדערן אויך אַלע פּאַטריאָטען. בר־כוכבא האָט גלייך צוזאַמענגע־רופען זיינע אדיוטאנטען און דיא עלטסטע פון שטאָט, אום צו בעשטימען, וואָס מען זאָל טאָן מיט דעם רבי. מען דערצעהלט, אז בר־כוכבא האָט, זיצענדיג אויף דעם טהראָן אלס קעניג, געהאַל־טען אזא רעדע:

„רבותי, איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז אַלע אידען האָבען גע־שוואָרען אין גאָט'ס נאָמען צו קעמפּפען געגען דיא רוימער ביז דעם לעצטען אָטהעם. יעדערער וואָס וועט ברעכען דיזע שבועה, פער־דינט דעם טויט. נון, רבי אליעזר האָט געהאַלטען א דרשה אין סי־נאגאָגע און האָט געראטהען דעם פאָלק צו שליסען פריעדען מיט דיא רוימער און האָט אויך פאָראויסגעזאָגט, אז זאָנסט וועט אונ־זער שטאָט צושטערט ווערן. דארום פאָרדער איך אייך אויף אָפּ־צוגעבען אן עהרליכען און אונפּארטייאישען פּסק".

דיא ריכטער האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. פון איין זייט האָבען זיי צוגעגעבען, אז רבי אליעזר פערדינט דעם טויט, ווייל ער האָט געפּרעדיגט פריעדען מיט דיא רוימער אין א צייט, ווען דער גאנצער ערפאָלג פון דעם אויפשטאנד העננט אָפּ פון איי־ניגקייט; פון דער אנדער זייט האָבען זיי געוואוסט, אז דער רבי איז א הייליגער מאן און זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון דעם פערשפּרייטען אבערגלויבען, דאָס זאָ לאנג ער וועט בלייבען לעבען, וועט ביתר ניט אונטערגעהן, נאָר בר־כוכבא איז ארויס פון געדולד און אין א מינוט פון ווילדער אויפרעגונג האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויף רבי אליעזר און האָט איהם אריינגעשטאָכען א שווערד אין הארץ.

נאָך אן אנדער מעשה איז רבי אליעזר געטויטעט געוואָרן פון בר־כוכבא דורך אן אינטריגע פון א סאמאריטאנער שפּיאָן. דיזער סאמאריטאנער האָט זיך צוגע'גנב'עט צום רבי, ווען דער לעצטער איז געווען פערטיפט אין א תפילה וויא געוועהנליך, און האָט איהם עפּעס אריינגעראמט א סוד, אום ארויפצוציהען א פערדאכט אויף איהם. אזוי וויא מען האָט געוואוסט, אז דער רבי איז געגען דיא מלחמה, האָט מען דעם סאמאריטאנער פערהאַלטען און גע־

נומען פארנאנדערפרעגען, וואָס ער האָט איהם מיטגעטהיילט. ער האָט געגעבען אזא אנטוואָרט צו בר־כוכבא: „אויב איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, וועט מיין הערר מיך טויטען; אויב איך וועל האלטען דעם סוד, וועסטו מיך טויטען; אָבער איך וויל בעסער שטארבען פון דיין האנד וויא פון מיין הערר'ס". בר־כוכבא האָט ניט אנדערם גערעכענט, אז עס האנדעלט זיך עפּעס וועגען א פער־רעטהערישע פערשווערונג, און ער איז אזוי אין כעס געוואָרן אויף רבי אליעזער, אז ער האָט איהם דערלאנגט א זעץ מי... ־ים, דאָס דער אלטער איז באלד אויסגעגאנגען. דאן, הייסט ע... ל... ע־גענדע, האָט זיך דערהערט א בת־קול: „דו האָסט ... ־קריפּעלט דיא האנד פון ישראל און איהם בלינד געמאכט, דארום וועלען דיינע הענד און אויגען פערלירען זייער קראפט".

מיט אזעלכע לעגענדען, וויא געזאָגט, איז פערבונדען ד.. גאנצע לעבענס־געשיכטע פון בר־כוכבא און פון דער מלחמה, וועלכע ער האָט אָנגעפיהרט אונגעפעהר פיער יאָהר. אָבער ניט א... זיינען זיי אפילו בעגרינדעט אויף ווירקליכע פאסירונגען. דיא מעשה מיט רבי אליעזר האָט א גרונד אין דעם פאקט, דיא איז אָפען ארויסגעטראָטען געגען דעם קאמפף און דאָס ע... דערפאר פעראורטהיילט געוואָרן צום טויט אלס א פערע...

מען קען אויך אָננעהמען פאר א היסטאָרישען פ... ביתר איז פערראטהען געוואָרן פון איינעם אָדער ע...־ מאריטאנער, וועלכע זיינען אונטערגעקויפט געוואָר... רוימער, דען דיא געשיכטען פון דיא סאמאריטאנער ... גען עס. יעדענפאלס איז עס זעלבסט־פערשטענדליך, א... מער האָבען אָנגעהאלטען שפּיאָנען אין ביתר און אז שפּיאָנען האָבען זיי ענדליך אויסגעפונען דיא געהיימע טער דער ערד, דורך וועלכע זיי האָבען זיך ארייג... דער שטאָט.

אָבער וויא אזוי דיא רוימער איז ניט געלונגען ארי... זיך אין דער שטאָט, נאָר אן אויסשלאכטונג האָבען זיי ... א שרעקליכע אפילו נאָך יענע בארבארישע צייטען. דיא אידען

האָבען געקעמפּפט וויא לייבען און האָבען א פּאָר מאָל צוריקגע־
שטויסען דיא אטאקעס פון דיא רוימער, וועלכע זיינען אלץ צו־
ריקגעקומען אין גרעסערע צאָהלען, אָבער שליסליך האָבען זיי
ניט געקענט אויסהאַלטען דעם אנגריף. עס האָבען זיך וואהרשיינ־
ליך ווידערהאָלט דיא זעלבע שוידערליכע סצענען וויא אין דער
צייט, ווען טיטוס'עס לעגיאָנען האָבען זיך ארייננעריסען אין
ירושלים. [illegible]אָר עס פעהלען אירגענד וועלכע היסטאָרישע בעריכ־
טע[illegible]ם. מען קען זיך פאָרשטעלען, אז דיא אידען האָבען
טהייע[illegible]הלט פאר זייער לעבען. אין דיא טייכען בלוט, וועל־
כע זיינען דאָרט פערגאָסען געוואָרען, זיינען אויך געוועזען גרויסע
שטראָמען פון רוימישע בלוט.

דער קאמפּף אין דיא גאסען האָט געדויערט עטליכע טעג. יע־
דען פּונקט האָבען דיא רוימער געמוזט שטורמען, און ביי יעדער
אטאקע זיינען פילע פון זיי געפאלען צוזאמען מיט דיא פערצוויי־
פעלטע פאטריאָטען. סעווערוס האָט אזוי פיעל סאָלדאטען פערלאָ־
[illegible]אַן, אדריאן האָט ניט געוואגט צו געברויכען אין זיין בעריכט
[illegible]ענאט אין רוים דיא געוועהנליכע ווערטער: „איך און דיא
[illegible]זיינען וואָהל“. דער סענאט האָט אויך ניט בעוויליגט דעם
[illegible]טריאומף־פּראָצעסיאָן, דען דער זיעג האָט צו טהייער גע־
[illegible]ען האָט נאָר ארויסגעלאָזען מעדאלען מיט א דאנק צו דער

[illegible]ריכישע און אידישע בעריכטען האָבען זיך דיא רוימער
[illegible]ן אין ביתר א געוויסען שבת, ווייל זיי האָבען צו גוט
[illegible]ז דיא אידען פלעגען אויסמיידען צו פיהרען שלאכטען
[illegible]רויכען געוועהר אין דיזען טאָג. צוליעב שבת האָבען דיא
[illegible]איין מאָל פערלאָרען וויכטיגע שלאכטען. זייערע
[illegible]גען געוועהנליך אויסקלייבען א שבת פאר זייערע אטא־
[illegible]ביתר איז צושטערט געוואָרן, ווייס מען ניט גענוי. נאָך
[illegible]עגענדען איז עס גראדע געשעהן תשעה באב, נאָר
וואָ[illegible]ינליך האָט מען דיזען טאָג אויסגעקליבען, ווייל ער איז
געוועזען גערעכענט פאר אן אונגליקליכען ביי אידען. מען האָט

הפנים געוואָלט, אז אין דיזען טאָג זאָל מען טרויערן חורבן ביתר צוזאמען מיט חורבן ירושלים.

ווען און וויא אזוי בר־כוכבא איז געפאַלען, איז אונבעקאנט. וואהרשיינליך איז ער געטויטעט געוואָרען אין א שלאכט. א רוי־מישער סאָלדאט האָט געבראכט זיין קאָפּ צו גענעראַל סעווערוס און האָט זיך נעריהמט, אז ער האָט עס געטויטעט דעם אידישען העלד; אָבער ווענמען האָט בעטראכט זיין קערפּער האָט מען געפונען, אז ער איז גאָר געטויטעט געוואָרען פון א שלאנג. א לעגענדע דער־צעהלט, דאָס סעווערוס האָט דערביי בעמערקט: „ווען גאָט'ס האנד וואָלט איהם ניט געטויטעט, וואָלט קיין מענשליכע האנד איהם ניט געקענט בייקומען".

זיכער איז עס, אז בר־כוכבא האָט העלדיש געקעמפּפט ביז דער לעצטער מינוט און אז ער האָט ניט פערידענט דעם שימפּף־נאָ־מען בר־כוזיבא, וואָס מען האָט איהם געגעבען נאָך זיין נידער־לאגע און טויט. ער איז ניט געווען א „שטערן־זוהן", וויא אבער־גלויבישע מענשען האָבען איהם גערופען, ווען ער האָט בעזיעגט די רוימער, און ער איז ניט געווען א „זוהן פון ליגענס", ווען ער איז געשלאָגען געוואָרן. ווען איהם וואָלט געלונגען צו פעריאָגען דיא רוימער און אָנצוהאלטען דיא אונאבעהענגיגקייט פון ארץ ישראל, וואָלט מען איהם געוויס פערעהרט נאָך מעהר וויא יהודה המכבי; אָבער ער איז בעזיעגט געוואָרען און — וועה צו דיא בעזיעגטע! ער איז ניט געווען דער ערשטער און דער לעצטער העלד, וועלכער האָט בעצאָהלט מיט זיין לעבען פאר זיין טרייהייט און ליעבע צו זיין פאָלק און וואָס איז נאָך דערפאר נאכהער פערלוימדעט און געשענדעט געוואָרן. עס איז ניט געווען זיין שולד, וואָס זיינע בעגייסטערטע נאָכפאָלגער האָבען איהם ער־קלערט פאר א משיח, ווייל זיי האָבען ניט געקענט גלויבען, דאָס א מענש זאָל קענען בעזיעגען רוימישע ארמעען אָהן א געטליכע הילפע, און ער פערדיענט זיכער ניט דעם נאָמען „בר־כוזיבא", ווייל זיי האָבען זיך גענארט אין זייערע איינבילדונגען.

זעקסטער קאפּיטעל.

אדריאַן׳ם שרעקליכע גזרות און דיא אויפבויאונג פון א געצענדיענערשע שטאָט אין ירושלים.

נאָך דיא צערשטערונג פון ביתר איז דער אויפשטאנד נאַ־טירליך געווען צו ענדע. דיא הייסעסטע פּאטריאָטען האָבען פער־לאָרען יעדע האָפנונג און האָבען נאָר געזוכט זיך צו רעטען פון רוימישע שווערדען. פיעלע פון דיא קעמפּפערס אין ביתר האָ־בען זיך הפנים גערעטעט דורך געהיימע וועגען אונטער דער ערד, דען דער קייזער אדריאן, וועלכער איז ארום דער צייט אליין גע־קומען נאָך ארץ ישראל, האָט אויסגעקליבען דריי סטראטעגישע פּונקטען, וואו אבטהיילונגען פון דער רוימישער ארמעע פלעגען אויפּפּאסען, אז פּאטריאָטען זאָלען ניט קענען זיך רעטען דורך א פליטה אין דיא ארומיגע לענדער. ווער עס פלעגט ארייַנפאלען אין דיא הענד פון דיא רוימער סאָלדאטען, פלעגט גלייך געטויטעט ווערן.

אדריאן האָט איינפאך געוואָלט אויסראָטען אלע אידען, וועל־כע זיינען נור געווען פעהיג צו טראָגען געוועהר. זיין האס צו דיא פּאטריאָטען איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט זיך ניט אָב־געשטעלט פאר דיא גרעסטע געמיינהייטען אפילו נאָך דיא באר־בארישע קריעגס־מנהגים פון יענער צייט. ער האָט נעמליך ארויס־געשיקט עסטאפעטען איבערן לאנד מיט א בשורה, אז די יעניגע, וואָס וועלען זיך פרייוויליג אונטערגעבען, וועלען בעגנאדיגט ווערן. א סך פּאטריאָטען האָבען זיך דאן בעהאלטען אין היילען און האָבען זיך ארומגעשלעפּט אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקעלאך פון דיא בערג־געגענדען, ווארטענדיג אויף א געלעגענהייט צו אנטלויפען. ווען זיי האָבען דערהערט, אז אדריאן וועט זיי שענקען דעם לע־

בען, אויב זיי וועלען זיך נאָר אליין אונטערגעבען, האָבען א טהייל פון זיי ביסלעכווייז פארלאָזען זייערע בעהאלטונגס־ערטער און זיך פערלאָזט אויף דיזען פערשפּרעך. אָבער מען האָט זיי שענדליך אָבגענארט. מען האָט זיי אלעמען אוועקגעשלעפּט נאָך רמון, וואו מען האָט זיי אויסגעשלאכטעט אונטער אדריאַן׳ס אויגען.

דער גרעסטער טהייל פון גליל און פון דיא געגענדען ארום ביתר זיינען צושטערט און פערוויסטעט געוואָרן. דיא מענער זיינען אויסגעשלאכטעט געוואָרן, און דיא פרויען און קינדער האָט מען אוועקגעשלעפּט נאָך חברון און עזה, וואו מען האָט זיי פערקויפט אין שקלאווערײ. אדריאַן האָט אויך געלאָזט פיהלען זיין צאָרן דיא אידען, וועלכע האָבען געלעבט אין רוים און אין דיא פּראָווינצען פון דער אימפּעריע. דיא ספּעציעלע טאקסע, וועלכע מען האָט אויף זיי ארויפגעלייגט נאָך חורבן ירושלים, איז יעצט פערגרעסערט געוואָרן און מען האָט איהר קאָלעקטירט פיעל שטרענגער. אויף יעדען טריט האָט מען דיא אידען געלאָזט פיהלען, אז זיי זיינען דיא בעזיעגטע און אז זיי מוזען ליידען. דיא קריסטען, וועלכע מען האָט דאן צוזאמענגעמישט מיט אידען, אָבוואָהל דיא מייסטע פון זיי האָבען עס שטארק געליקענט און געזוכט צו בעווייזען, דאָס זיי זיינען אליין פיינדע פון אידישען פאָלק און ספּעציעל פון אידישען גלויבען, האָבען אויך פיעל געליטען פון אדריאַן׳ס צאָרן.

וויא פיעל אידען עס זיינען פערבליבען נאָך דער שוידערליבער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד און נאָך דער צערשטערונג פון ביתר, ווייס מען ניט. דיא שטעט, וועלכע האָבען קיין אנטהייל ניט גענומען אין דעם אויפשטאנד אָדער אזעלכע, וועלכע האָבען זיך בעצייטענס אונטערגעגעבען, זיינען געבליבען גאנץ, נאָר דיא איינוואָהנער האָבען געהאט אויסצושטעהן א סך ערנידערונגען און צרות. נאָר א קליינע צאָהל פון דיא קעמפּפערס איז געלונגען זיך צו רעטען. דיא מייסטע פון זיי האָבען זיך בעזעצט אין דיא נאָרדליכע טהיילען פון אראביען, וואו זיי האָבען געגרינדעט קאָלאָניעס און האָבען שפּעטער געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע

אין מאַהאמעד'ס צייטען(*). דיא גרענעצען צום זידען פון ארץ ישראל, מייסטענס ווייסטע געגענדען, זיינען ניט געווען אזוי בע־וואכט פון דיא רוימישע סאָלדאטען, וויא דיא גרענעצען פון גליל און דיא פּאָרטען. אין אראביען, וואוהין דיא רוימער, האָבען נאָך ניט דערגרייכט, האָבען זיך דיא אידען געפיהלט זיכערער וויא אנדערסוואו. דיא אנטלאָפענע האָבען אויך געפונען אין אאזיסען פון אראביען און אין דיא פרוכטבארע געגענדען לעבען דיא ברע־געם פון רויטען ים ברידער, וועלכע האָבען שוין לאנג עמיגרירט אהין. אזוי איז דאָרטען ענטשטאנען א צאָהלרייכע אידישע בע־פעלקערונג, וועלכע האָט ביסלעכווייז אָנגענומען דיא מנהגים פון דיא אראבען, זייערע שטיף־ברידער.

אין ארץ ישראל האָבען דיא פערבליבענע אידען שרעקליך גע־ליטען ביז דעם טויט פון אדריאַן אין 138טען יאָהר, דריי יאָהר נאָך דער צערשטערונג פון ביתר, פון וועלכער עס זיינען נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג פערבליבען אייניגע חורבות. אזעלכע פערפאָלגונ־גען האָבען דיא אידען וואהרשיינליך קיין מאָל ניט געליטען אין זייער פאטערלאנד. רופוס, וועלכער איז פערבליבען דער גובערנא־טאָר, האָט זיך אָפּגערעכענט פאר זיינע פריהערע נידערלאגען מיט דער גרעסטער רציחה. ער האָט נאָך איבערטראָפען דיא גרויזאמע בעפעהלען פון זיין אויבערהאר און האָט געשטיקט און גע־דריקט דיא אידען אונערטרעגליך.

אדריאַן און רופוס האָבען געשטרעבט ניט נאָר צו ברעכען אזוי דיא אידען, אז זיי זאָלען מעהר ניט קענען א קאָפּ אויסהויבען, זאָנדערן אויך זיי אָפּצורייסען פון זייער רעליגיאָן, צו צווינגען זיי צו ווערען געצענדיענערס. צו דיזען צוועק האָבען זיי אויסגעפיהרט דעם פּלאַן אומצו־וואנדלען ירושלים אין א געצענדיענערשע שטאָט. נאָך דער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאנד האָט שוין אדריאַן געקענט טאָן מיט דער הייליגער שטאָט וואָס ער האָט געוואָלט.

(*)זעה דיא לעבענסבעשרייבונג פון מאהאָמעד, ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאָנאלער לייבררי פּובלישינג קאָמפּאניע.

סעווערוס איז באלד נאָך דער צערשטערונג פון ביתר אוועק צוריק נאָך בריטאניא צו מאכען א סוף דאָרטען פון דעם אויפשטאנד, און רופוס האָט זיך גענומען צו דער ארבייט אויפצובויען א גריי־כישע שטאָט ארום דיא ערטער, וואו דער בית המקדש איז נאָך מיט 66 יאָהר צוריק געשטאנען. צוערשט האָט ער ארויסגעשיקט ארבייטער, וועלכע האָבען אָבגעראמט דיא חורבות און זיינען אריי־בער מיט אן אקער דעם בארג פון בית המקדש און איבער דיא וויכ־טיגסטע קווארטאלען פון דער אמאָליגער הויפשטאָט. דאָס האָט פאסירט א יאָהר נאָך דער צערשטערונג פון ביתר און גראדע ווי־דער תשעה באב. דיא רוימער האָבען הפנים אויסגעקליבען דיזען אידישען טרויער־טאָג צום אנדענקען פון זייער זיעג אין דיא ציי־טען פון טיטוס.

רוים האָט אזוי אָבגעראמט פון דער ערד דיא לעצטע סמנים פון ירושלים. נאָר דיא נייע שטאָט, וועלכע האָט געקראָגען דעם נאָמען Aelia Capitolina (עליא קאפיטאָלינא), איז געבויט געוואָרן א ביסעל מעהר צום נאָרד ווייא דיא אלטע שטאָט. מען האָט געבראכט ארבייטער פון אלע לענדער ארום און מען האָט דאָרטען בעזעצט אויסגעדיענטע סירישע און פעניקישע סאָלדאַ־טען. דיא גריכיש־רוימישע שטאָט איז צוטהיילט געוואָרן אין זיע־בען קווארטאלען און האָט געהאט צוויי מארק־פלעצער, א טהע־אטער און א צירקוס. אויף דעם בארג פון בית המקדש האָט מען אוועקגעשטעלט א זייל צו עהרע פון אדריאן און דערביי האָט מען אויפגעבויט א טעמפעל צו יופיטער, דעם הויפט־גאָט פון דיא גריכען און רוימער. אין אנדערע פלעצער האָט מען געשטעלט געצקעס פון רוימישע, גריכישע און פעניקישע געטער. אויף דעם בארג גלגל (גאָלגאָטה) האָט מען אויפגעבויט א שעהנעם טעמ־פעל לכבוד ווענוס, דיא געטין פון ליעבע, און אין א הייל לעבען בית לחם האָט מען אוועקגעשטעלט א סטאטוע פון אדאָניס אָדער תמוז און מען האָט דאָרט געפראוועט דיא געוועהנליכע געצענדיי־נערישע צערעמאָניעס, דיא עקעלהאפטעסטע עבודה זרה.

גראדע וויא א מאָל אנטיוכוס עפיפאנעס (ביי אידען בע־

קאנט אונטער דעם נאָמען אנטיוכוס הרשע), האָט אדריאַן גע־זוכט צו שענדען דיא הייליגסטע אידישע פּלעצער מיט געצקעס און געצענדיענסט; אָבער יעצט זיינען שוין דיא אידען געווען אזוי נידערשלאָגען און אָפּגעשוואכט פון דעם אונגליכען קאמפּף מיט רוים, דאָס זיי האָבען נאָר געקענט קרעכצען פון ווייטאָג און הארצ־קלעמענעס. דיא צייטען פון דיא חשמונאים זיינען אויף אייביג פאָראיבער.... אדריאַן האָט אויך קיינע צערעמאָניעס ניט געמאכט מיט דיא שמרונים: אויף זייער הייליגען בארג, אויף דעם הר גריזים, וואו עס איז א מאָל געשטאַנען זייער בית המקדש, האָט מען אויך אויפגעבויט א יופּיטער־טעמפּעל, אום איינצופיהרען דעם גריכיש־רוימישען געצענדיענסט.

אדריאַן, וועלכער האָט אלץ מעהר גענומען האסען דיא אידען, דיא קריסטען און איבערהויפּט דיא מאָנאָטעאיסטישע סעקטען, האָט מיט געוואלד געוועלט איינפּלאנצען דעם גריכיש־רוימישען גלויבען; אָבער ער איז דאָך ניט געגאנגען אזוי וויט, וויא דער משוגענער גריכיש־סירישער טיראַן אנטיוכוס עפּיפאנעס, דען ער האָט ווייניגסטענס ניט געצוואונגען דיא אידען און דיא קריסטען זיך צו בוקען צו דיא געצקעס. ער האָט פערשטאַנען, אז דערמיט וועט ער נאָר אָבשטויסען נאָך מעהר דיא אידען פון דעם גריכיש־רוימישען גלויבען און ער האָט דארום געזוכט זיי אָבצורייסען פון זייער רעליגיאָן דורך א גאנצע רייהע פון גזרות. ער האָט שטרענגסט פערבאָטען דיא אידען צו האלטען שבת און אנדערע ימים־טובים און אויך מל צו זיין זייערע קינדער. פאר ניט פאָלגען פּלעגט מען גרויזאם בעשטראָפען. מען האָט איינגעפיהרט א מאסע שפּיאָנען, וועלכע פלעגען זוכען דיא געהיימע ערטער, וואו דיא אידען פלעגען זיך צוזאמענקומען צו זייער גאָטעס־דיענסט. דיזע שפּיאָנען האָבען אויך געהאט אויסצוגעפינען, וועלכע אידישע מנהגים מען בעדאַרף אָבשאפען, אום די אידען שנעלער צו בעקעהרען צום געצענדיענסט. מען האָט אפילו אזוי פערבאָטען התונות אם מיטוואָך. אום וואָס מעהר צו ערגערן דיא אידען און שענדען זייער גלויבען, האָט מען זיי אונטער א טויט שטראָף פערבאָטען אריינ־

צוקומען אין עליא קאפיטאלינא דורך אן אנדער טויער, וויא דורך דעם זידליכען טייער, וואס האט געפיהרט צום וועג פון בית־לחם און וואס איז בעציערט געוועזן מיט דעם קאפ פון א חזיר.....

דער סנהדרין איז נאטירליך אבגעשאפט געווארען, און דיא תנאים און רבנים זיינען בעזאנדערס גרויזאם פערפאלגט געווארן. דער סנהדרין פון יבנה, וועלכער איז געגרינדעט געווארן פון יוחנן בן זכאי באלד נאך חורבן בית שני, האט זיך אריבערגעצויגען נאך אושא ניט ווייט פון עכו (אין נארד פון גליל) הפנים נאך פאר בר־כוכבא׳ס אויפשטאנד. א סך פון דיא תנאים זיינען אומגעקומען אין דער צייט פון דער מלחמה, און דיא וואס זיינען לעבען גע־בליבען, האבען זיך פערזאמעלט אין געהיים אין א שטעדטעל אין לידא (לוד). צווישען זיי איז אויך געוועזן רבי עקיבא, וועלכער האט זיך אזוי וויא מיט נסים ארויסגעדרעהט פון דיא רוימישע הענד.

דיא לאגע איז געוועזן אזא שרעקליכע און הערצרייסענדע, [illegible]נים האבען זיך דאן בעזאנדערס בעשעפטיגט מיט [illegible]אויב אידען מוזען ניט אנדערס ערפילען אלע פאר־שריפטען פון זייער רעליגיאן, דיא וויכטיגע וויא דיא ניט־וויכטי־גע, ווען אפילו עס זאל זיי פארשטיין א מערטירער־טויט, אדער זיי זאלען צום שיין נאכגעבען און פערבלייבען אידען אין הארצען. פיעלע אידען האבען דאן געהאנדעלט אזוי וויא דיא מאראנען מיט 12 הונדערט יאהר שפעטער אין שפאניען און פארטוגאל, ווען דיא אינקוויזיציאן האט געצוואונגען אידען אנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען.

אייניגע רבנים האבען ערקלערט, אז דיא תורה איז געגעבען געווארן צו פיהרען א ריכטיגען לעבען, אבער ניט צו שטארבען דורך איהר. נאך א לאנגען ויכוח האט מען בעשלאסען אפצושטי־מען דיזע פראגע, פון וועלכער דאס לעבען פון דיא אידען אין ארץ ישראל איז געוועזן אפהענגיג. דיא מאיאריטעט איז געוועזן פאר דעם פארשלאג, אז אום אויסצומיידען פייניגונגען, מעג מען

פערבייגען אַלע פאַרשריפטען פון דער תורה, חוץ עבודה זרה, גלוי עריות און שפכת דמים.

דאָס הייסט אַלזאָ, אז מען האָט דאַן ערלויבט אפילו ניט צו האַלטען פון מלה, פון שבת און פסח. דאָס צייגט אין וואָס פאר א שרעקליכען צושטאנד דיא אידען האָבען זיך דאַן געפונען. נאָר וויא עס ווייזט אויס, האָט מען דערביי אין געהיים אָנגעזאָגט, אז מען זאָל וויא ווייט נאָר מעגליך אָבהיטען אַלע פאָרשריפטען. אָבער דאָס איז געווען איבעריג אָנצוזאָגען, דען זעהר ווייניג אידען זיינען דאַן געוואָרען משומדים, אזוי ווי „אחר" (אלישע בן אבויה) פון וועלכען עס ווערט אזוי פיעל דערצעהלט אין דער גמרא.

דיא שפאנישע אינקוויזיציאָן איז ניט געווען ערגער וויא דיא רוימישע אין אדריאַן'ס צייט. דיא אידען האָבען געמוזט זיך פאַרשטעלען און זוכען דיא פערבאָרגענסטע ערטער פאר זייער גאָטעסדיענסט. רוימישע שפּיאָנען, וועלכע זיינען געהאָלפען געוואָרן פון עטליכע משומדים און אויך פון אידישע קריסטען, וועלכע האָבען דערמיט געוואָלט קריגען חן אין דיא אויגען פון דיא גרויזאַמע הערשער, פלעגען זיך נאָכיאָגען נאָך אידען אויף

איין שפּיאָן האָט געכאפּט א געוויסען אלישע מיט ,

קאָפּ, דערפאר האָט מען דעם אונגליקליכען צובראָכען דעם שאָרבען. אַן אנדער שפּיאָן האָט דערזעהען, וויא א איד האָט אָנגעשלאָגען א מזוזה דערפאר האָט מען איהם בעשטראָפט צו בעצאָלען 1000 דענאַרען (אונגעפעהר 1000 פראנק). עס איז אפילו געווען געפהרליך צו טראָגען אידישע נאציאָנאלע קליידער. איינער פון דיא רבנים האָט אזוי בעשריעבען דיא אָלסדיגע לאגע פון אידען אין ארץ ישראל: „וואָרום הייס ן דיך שמייסען? ווייל דו האָסט געטראָגען א לולב. וואָרום הייסט מען דיך קרייציגען? ווייל דו האָסט געגעסען מצות אום פסח. וואָרום הייסט מען אייך פערברענען אָדער צוהאקען מיט שווערדען? ווייל איהר האָט געלעזען דיא תורה און האָט געלאָזען מל זיין אייערע קינדער."

רבי ישמעאל, וועלכער איז געווען דאַפיר, אז אידען מעגען רעטען זייער לעבען דורך פערשטעלונגען און ניט פאָלגען דיא פאַר־

שריפטען פון דער תורה, האָט אזוי ערקלערט זיין שטאנדפונקט: „אזוי וויא דיא זינדיגע רוימער פערפאָלגען אונז גרויזאם, לאָזען אונז ניט אָפּהיטען אונזערע געזעצע און פערוועהרען אונז בע־זאָנדערס דיא מצוה פון מלה, זאָ בלייבט אונז נאָר גאָר ניט חתונה צו האָבען. אָבער דאַן וועלען דאָך דיא קינדער פון אברהם פער־שווינדען פון דער ערד. דארום איז עס גלייכער, אז דיא רעליגיאָן זאָל אויף צייט ניט געפאָלגט ווערן“.

צווישען דיא תנאים זיינען געוועזן אזעלכע, וועלכע האָבען געפּרעדיגט צו פאָלגען דיא רוימער אום יעדען פּרייז. זייער פּיה־רער איז הפנים געוועזן יוסי בן קסמא, וועלכער איז געוועזן איין גרויס גנאדע ביי דעם גובערנאטאָר רופוס און ביי אנדערע רויי־מישע בעאמטע אין ארץ ישראל. פון איהם דערצעהלט מען, אז ווען ער האָט בעגעגענט דעם תנאי חנינה בן תרדיון, וועלכער איז געוועזן בערייט זיך אויפצואָפּפערן פאר דיא אידישע רעליגיאָן און איז טאקי געפאלען וויא א מערטירער, האָט ער אזוי צו איהם גע־זאָגט: „דו קענסט זעהען, מיין ברודער, אז אפילו דער הימעל העלפט דיא רוימער: דער בית המקדש איז צושטערט; דיא פרומע זיינען אויסגעשלאכטעט, דיא בעסטע מענשען זיינען אויסגעראָ־טעט, און דאָך עקזיסטירט דיזע אימפעריע! וויא אזוי וואגסטו צו פּרעדיגען געגען דעם קייזערליכען געזעץ? עס וועט מיך ניט וואונ־דערן ווען מען וועט דיך פערברענען צוזאמען מיט דיא הייליגע שריפטען“.

דיזער תנאי, זאָל ער אונז מוחל זיין, איז איינפאך געוועזן אַן אונטערלעקער און א פּייגלינג. צו עהרע פון דיא דאמאָלסדיגע אי־דישע לעהרערס מוז מען זאָגען, אז דיא גרעסטע צאָהל פון זיי זיי־נען בערייט געוועזן זיך מוסר נפש צו זיין פאר זייער גלויבען און זיי־נען געוועזן פּאטריאָטען. א סך פון זיי זיינען טאקי הינגעריכטעט געוואָרן פון דיא רוימישע הענקערס און א סך זיינען זיך צולאָפען מייסטענס נאָך בבל, וואו עס האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעביל־דעט אזא צענטער פון יודענטהום, וועלכער האָט פערנומען דעם פּלאץ פון צושטערטען און געשענדעטען ירושלים.

דער נאָמען פון דער הויפּשטאָט פון אידישען פאָלק, וועלכער האָט נאָך מיט 70 יאָהר צוריק געגלאַנצט, איז פערגעסען געוואָרן. אין אלע אָפיציעלע רוימישע דאָקומענטען ווערט זיא דערמאָנט אונטער איהר געצענדיענערשען נאָמען „עליא קאפּיטאלינאָ“. אין דער גמרא ווערט זיא גערופען שלום (א פערקירצונג פון ירושלים), ווייל עס איז הפּנים פערבאָטען געווען צו געברויכען דעם ריכטיגען נאָמען. מען דערצעהלט, דאָס אונגעפעהר מיט א יאָהר הונדערט שפּעטער, ווען א רוימישער גובערנאטאָר פון פּאלעסטינא האָט געהערט, וויא א קריסטליכער בישקאָף האָט דערצעהלט, דאָס ער איז געקומען פון ירושלים, האָט ער געפרעגט, וואו געפינט זיך אזא שטאָט.....

זיעבעטער קאפיטעל.

רבי עקיבא׳ס מארטירער־טויט און דער פערבאָט צו בעערדיגען דיא געפאלענע פאטריאָטען.

צווישען דיא תנאים, וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געווען פאר זייער גלויבען אין דיזער שרעקליכער צייט, איז דער גרעסטער און וויכטיגסטער געווען רבי עקיבא. אויבען איז שוין אָנגעצייגט געווען, אז ער איז געווען דיא נשמה פון דעם אויפשטאנד אונטער דער לייטונג פון בר־כוכבא און אז ער האָט זיך געראַטעט פון דיא רוימישע שווערדען נאָך דער צערשטערונג פון ביתר. אָבער שפּיאָנען האָבען איהם נאָכגעפאָלגט אויף יעדען שריט, און זיין לעבען איז שטענדיג געהאנגען אויף א האָאר, ווען אדריאן האָט בעפוילען ספּעציעל צו אונטערדריקען ישיבות און אומצוברענגען דיא לעהרערס. אדריאן און רופוס האָבען גאנץ גוט פערשטאנען, אז זאָ לאנג מען וועט צולאָזען אויסצובילדען נייע רבנים, וועט שווער זיין צו בעקעהרען דיא אידען צום גריכיש־רוימישען גלויבען. רופוס האָט דארום זיך א נעהם געטהאָן צו דיא גרעסטע תנאים און האָט פיעלע פון זיי אומגעבראכט נאָך שרעקליכע פּייניגונגען.

דיא אידישע לעגענדען דערצעהלען וועגען צעהן בעריהמטע מארטירער, דיא עשרה הרוגי מלכות. דיא מייסטע פון זיי זיינען טאקי אומגעבראכט געוואָרען אין דער צייט, ווען דער הארצלאָזער רופוס האָט אויסגעפיהרט אדריאן׳ס גרויזאמע בעפעהלען, דיא איבריגע זיינען מארטירער פון אנדערע צייטען. דער ערשטער פון דיא תנאים, וואָס רופוס האָט היגגעריכטעט, איז געווען ישמעאל, א זוהן פון דעם כהן גדול אלישע. רבי עקיבא האָט איבערגעגעבען זיינע שילער, מיט וועלכע ער האָט געלערנט אין געהיים, וויא אזוי דיזער תנאי האָט זיך אויפגעפּפערט און וויא דיא רוימישע הענ־

קערס האבען איהם געפייניגט. צו ענדע האט ער געזאגט: „גרייט זיך צו צום טויט, דען שרעקליכע טעג קומען״. ער אליין איז געווען גרייט צום טויט.

מען האט איהם געווארנט, אז ער זאל ניט לערנען אין גע־היים מיט זיינע שילער און אז ער זאל איבערהויפט פערלאזען ארץ ישראל, וואו מען האט איהם שטארק נאכגעשפיאנירט; אבער ער האט ניט געאכטעט דערויף ביז מען האט איהם אריינ־געשליידערט אין געפענגנים. אזוי וויא רופוס האט איהם בע־טראכטעט פאר דעם גייסטען פיהרער פון אידישען פאלק, האט ער איהם בעהאנדעלט נאך גרויזאמער וויא דיא אנדערע תנאים און פאטריאטען. מען האט איהם געפייניגט מיט דיא גרעסטע רציחות. זיין הויט האט מען אראפגעריסען מיט אייזענס פאר זיין טויט. מען דערצעהלט, אז דער מארטירער האט דאן אויסגעשריען „שמע ישראל!״ און אז ער האט ארויסגעלאזען דעם לעצטען אטהעם ביי דיא ווערטער „אדני אחד!״ מען דערצעהלט, אז ווען רופוס האט געזעהען, וויא ר׳ עקיבא פערטראגט געדולדיג דיא שרעקליכ־סטע פייניגונגען און האט איהם געפרעגט, אויב ער איז ניט א מכשף, האט ער געקראגען פאלגענדע אנטווארט פון דעם מארטי־רער: „איך בין ניט א מכשף, אבער איך פרעה זיך וואס מיר איז בעשערט צו ליעבען גאט מיט מיין לעבען״.

חנינא בן תרדיון, וועלכער איז אויך ארעסטירט געווארען פאר לערנען אין געהיים מיט זיינע שילער, איז ארומגעוויקעלט געווארן אין א ספר תורה און איז אזוי פערברענט געווארן אויף א פייער פון טרוקענע צווייגלאך. זיין פרוי איז אויך פעראורטהיילט גע־ווארן צום טויט און זיין טאכטער צו שקלאווריי. ווען רופוס האט געפרעגט דיזען מארטירער, ווארום ער האט ניט געפאלגט דעם קייזערליכען בעפעהל, האט ער מוטהיג געענטפערט: „ווייל גאט האט מיר אזוי געהייסען!״

אפילו דיא טויטע אידען האבען דיא רוימער דאן געשענדעט און פערפאלגט. אדריאן האט ארויסגעלאזען א בעפעהל, אז מען זאל ניט בעערדיגען דיא געפאלענע פאטריאטען, נאר זייערע קער־

פערם זאָלען זיך וואלגערן אלס א ווארנונג פאר דיא לעבעדיגע. ערטערוויוז זיינען הרוגים געלעגען אין גרויסע צאָהלען, און ווילדע חיות האָבען זיי געפרעסען. דיא לופט איז געווען פערפעסטעט. אָבער דיא רוימער האָבען זיך גאָר ניט געקימערט וועגען דעם. ווען מען פלעגט כאפּען א אידען, וואָס פלעגט אין געהיים בע־ערדיגען א הרוג, פלעגט מען איהם צוהאקען אויף שטיקער.

אין דיזער צייט, רעכענט מען, איז עס אָנגעשריבען געוואָרען דער ספר טוביה, אין וועלכען עס ווערט בעזאָנדערס אָנגעצייגט, אז עס איז דיא הייליגסטע פפליכט פון אידען צו בעערדיגען זייערע געפאלענע ברידער. דיזער בוך צייגט אויך, וויא אונגליק־ליך דיא אידען זיינען דאן געווען אין זייער אייגען לאנד.

אָט אזוי האָט עס געענדיגט אדריאן, וועלכער האָט געמאכט אזעלכע זיסע פערשפרעכונגען דיא אידען, ווען ער איז געוואָרען קייזער; אָט אזוי האָט ער זיך אָפּגערעכענט מיט זיי דערפאר, וואָס ער איז געצוואונגען געווען זיי צוצוזאָגען, אז ער וועט ער־לויבען צו בויען דעם בית המקדש. אנשטאט א בית המקדש האָט ער אויפגעבויט א טעמפעל צו יופּיטער, אָנשטאָט ירושלים איז אויסגעוואקסען א געצענדיענערשע שטאָט, וואו די אידען איז אפילו פערבאָטען געוואָרען אריינצוקומען אונטער א טויט־שטראָף; אָנשטאָט א געוויסע זעלבסט־פערוואלטונג — פערוויסטונג און בערג מיט הרוגים.

נאָר צו דיזע שרעקליכע לײדען איז געקומען אן ענדע נאָך דעם טויט פון דיזען האלב־פילאָזאָפישען, האלב־פעריקטען טיראן. ער איז געשטאָרבען דריי יאָהר נאָך דעם פאל פון ביתר, דריי פון דיא ערגסטע און שוידערליכסטע יאָהרען אין דער געשיכטע פון דיא לײדען פון אידישען פאָלק. סך הכל האָט ער געהערשט 21 יאָהר, נאָר אין דיזער צייט האָט ער אָנגעמאכט דיא אידען פיעל מעהר צרות, וויא אלע אנדערע רוימישע הערשער צוזאמענגענומען.

עס איז איבריג צו זאָגען, אז דיא נאכריכט וועגען זיין טויט האָט ארויסגערופען דיא גרעסטע שמחה צווישען אלע אידען און אויך קריסטען, וועלכע ער האָט אויך גרויזאם פערפאָלגט, ווייל ער

האָט זיי נאָר געהאלטען פאר א אידישע סעקטע. אין דיזער בע־ציהונג האָט ער געוויסערמאסען רעכט געהאט, דען א טהייל פון דיא דאמאָלסדיגע קריסטען האָבען זיך געהאלטען כמעט אָן אלע אידישע מנהגים. נאָך מעהר האָבען זיי זיך געפרעהט, ווען זיין נאָכפאָלגער אנטאָניוס, וועלכער האָט געקראָגען דעם נאָמען פיוס (פרומער), האָט זיי גענומען בעהאנדלען מענשליכער.

דיזער אנטאָניוס איז געוועזען אדריאן׳ס אדאָפטירטער זוהן און האָט ניט פערפאָלגט דיא אידען און דיא קריסטען. ווען ער איז גע־וואָרען קייזער, האָבען דיא אידען געשיקט צו איהם א דעפוטא־ציאָן מיט א ביטע, אז מען זאָל אויפהערען דיא פערפאָלגונגען געגען זיי. א קורצע צייט נאָכדעם איז אָנגעקומען דיא פרעהליכע בשורה, אז מען מעג בעערדיגען דיא קערפערס פון דיא געפאלענע פאטריאָטען, און עטליכע מאָנאט שפעטער האָט אנטאָניוס אָבגע־שאפט אדריאן׳ס גזרות. ער האָט אויך ערלויבט דיא מלה, אָבער ניט פיר גרים. דער בעפעהל, אז אידען טאָרען ניט אריינקומען אין עליא קאפיטאָלינא איז אבער פערבליעבען אין קראפט; נאָר דיא אידען האָבען אליין אויסגעמיידעט דיא געצענדיענערשע שטאדט וויא דיא פעסט.

ע נ ד ע.

קאטאלאג

פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

		פרייז.
פיליפ קראנץ,	קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונדען, פרייז יעדער באנד..................	75 ס.
" "	די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 3 טהיילען אין איין באנד, שיין געבונדען..	75 "
" "	יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים..	15 "
" "	אַריסטאָטעל, זיין ביאָגראַפיע......	10 "
" "	וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?......................	10 "
י. גאָרדין,	גאָט, מענש און טייוועל, דראמע אין 4 אקטען.....................	25 "
" "	וואָלטער, זיין ביאָגראַפיע............	10 "
דר. קאַספּע,	מעכאַניקע, נאך סיר אייזאק ניוטאָן	10 "
" "	אַסטראָנאָמיע " " "	15 "
" "	אָנפאַנג פון כעמיע.....................	15 "

לעבענסבעשרייבונגען
פון בעריהמטע מעננער

דון יצחק אברבנאל

און זיינע זיהן

זייער לעבען און טהעטיגקייט אין פערבינדונג מיט דער געשיכטע פון גלות שפאניען,

פון פיליפ קראנץ

Copyright, 1907,
By the International Library Publishing Co.

דון יצחק אברבנאל

און זיינע זיהן.

איינלייטונג.

אַ בליק אויף דער געשיכטע פון אידען אין שפּאַניען.

דער נאָמען פון יצחק אברבנאל איז ענג פערבונדען מיט איינעם פון די פינסטערסטע פעריאָדען, פיעלייכט דעם פינסטערסטען, אין דער הערצרייסענדער געשיכטע פון די גרויזאַמע פערפאָלגונגען, וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט אויסגעליטען און ליידעט נאָך אין פיעלע ערטער ביז היינט צו טאָג. ווען מען לעזט דיעזע געשיכטע, קען מען ווירקליך מיינען, אז דאָס אידישע פאָלק איז נאָר בעשאַפען געוואָרען אָפּצוקומען אויף דער וועלט, ווי די אידען זעלבסט האָבען זיך עס איינגערעדט, ווען זיי האָבען נאָך געהערשט אין זייער אייגען לאַנד. אָבער ווען מען פאָרשט נאָך די פאַסירונגען מיט אַ קריטישע אויג, געפינט מען זעהר גרינדליכע וועלטליכע אורזאַכען פאַר דיעזע אויסעראָרדענטליכע פערפאָלגונגען געגען די אונגליקליכע „אתה בחרתנו'ניקעס".

מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין איינצעלהייטען וועגען דיעזער העכסט וויכטיגער און אינטערעסאַנטער היסטאָרישער פראַגע, דען מיר שרייבען דאָך ניט אַ געשיכטע פון אידען. אונזער צוועק איז צו שילדערען דעם לעבען און טהעטיגקייט פון איינעם פון די עדעלסטע און בעסטע פערטרעטער, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ווען געהאַט; פון אַ מאַן, וואָס האָט זיך ניט נור אויסגעצייכענט אין תורה, חכמה און שטאַאטס־פּאָליטיק, זאָנדערן וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט פון רייכטהום און כבוד אוים אַ העלדענמוטהיגען עהרען־געפיהל, אום אויסצוואַוואנדערן און צו ליידען צוזאַמען מיט זיינע פעריאָגטע ברידער. אנשטאַט צו בלייבען פינאַנץ־מיניסטער

ביי דעם זעלבען שפּאַנישען מלך, וועלכער האָט אונבאַרעמהערציג פערטריבען 300.000 אידען פון לאַנד, ניט ערלויבענדיג זיי אפילו מיטצונעהמען דעם גרעסטען טהייל פון זייער פערמעגען, האָט ער זיך גענומען צום גלות־שטעקען, אום אויף דיא עלטערע יאָהרען אויסצואוואַנדערן אין אַ פרעמדע לאַנד וואו ער האָט ווידער נאָר געקענט ערוואַרטען פערפאָלגונגען. ער האָט געצייגט אַן ערהאַ־בענעם ביישפּיעל זיינע אונגליקליכע ברידער, וועלכע זיינען נאַ־טירליך געווען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג אויסגעוויעזען צו ווערען פון אַ לאַנד, וואו זיי האָבען פריהער געפונען די בעסטע היימאַט און וואו זיי האָבען אזוי פיעל אויפגעטהאָן פיר זייער פאָלק און פיר די גאַנצע מענשהייט.

נאָר אויך אין דיעזען פאַל, ווען מען קוקט אריין טיעפער אין דער געשיכטע פון אידען אין שפּאַניען, געפינט מען די זעלבע אורזאַכען, וועלכע האָבען איבעראַל געפיהרט צו פערפאָלגונגען, אונטערדריקונגען און אויסווייזונגען. צוליעב די זעלבע אורזאַכען האָט מען נאָך פריהער ארויסגעיאָגט די אידען פון ענגלאַנד, פראַנק־רייך און אנדערע לענדער, נאָר דיעזע גרויזאַמע אויסווייזונגען האָ־בען ניט אָנגעמאַכט אַזאַ רעש און האָבען ניט אזוי שטאַרק אויפ־געגעגט אַלע אידען, וועלכע זיינען שוין געוואָהנט געווען צו די גרעסטע צרות אין פינסטערן מיטעלאַלטער, ווי גלות שפּאַניען, ווייל אין קיין אנדער לאַנד זיינען דאָן אידען ניט געווען אזוי צאָהל־רייך און געבילדעט און האָבען ניט געשפּיעלט אַזאַ וויכטיגע ראָ־לע ווי אין שפּאַניען. אייגענטליך, ווען מען זאָל ניט רעכענען די אינקוויזיציאָן, וועלכע האָט מייסטענס פערפאָלגט און געברענט די מאַראַנען, האָט מען אין שפּאַניען בעהאַנדעלט די אידען בעסער ווי אין אנדערע קריסטליכע לענדער אפילו אין די ערגסטע צייטען, יעדענפאַלס פיעל בעסער ווי אין דייטשלאַנד; נאָר די שפּאַנישע אידען האָבען פריהער פערהעלטניסמעסיג זעהר גוט געלעבט, און דאַרום איז זייער שמערץ געווען גרעסער, ווען מען האָט זיי שלים־ליך פערטריבען. זיי זיינען אויך געווען געבילדעט און האָבען געהאַט גרויסע שריפטשטעלער און פּאָעטען, וועלכע האָבען מיט

פייערדיגע פארבען בעשריעבען זייערע צרות און ליידען, וועהרענד אין אנדערע לענדער האָבען אידען געדולדיג געליטען, נאָר גע־קרעכצט אין זייערע גהעטאָס און גאנץ וועניג געלאָזט הערען זייערע שמערצענס־געשרייען אין שריפטען פאר די גאנצע וועלט.

די פערפאָלגונגען, וואָס די שפּאַנישע אידען האָבען געליטען, זיינען דארום מעהר בעקאַנט געוואָרען און זיינען געבליבען אלס דער שרעקליכסטער אנדענקונג פון אידישען גלות אין מיטעל־אלטער. נאָר די אורזאכען פון די פערפאָלגונגען זיינען געווען, ווי געזאָגט, די זעלבע אין שפּאַניען, ווי אין אנדערע לענדער. דיעזע אורזאכען דארף מען צוערשט זוכען אין דעם לאנגען און שרעק־ליכען קאמפף צווישען ארץ ישראל און די רוימישע אימפעריע, א קאמפף, וועלכער איז הויפּטזעכליך געווען א נאַציאָנאַל־פּאָליטי־שער, און נאכהער אין קריסטענטהום, וועלכער האָט ארויסגע־שפּראָצט פון אידישע סעקטאַנטען, אָבער וועלכער איז ביסלעכווייז ארויסגעטראָטען אליין שארפער און פיינדליכער געגען דיא איבער־געבליעבענע אנהענגער פון „אלטען גלויבען" און האָט אומגע־וואנדעלט דעם פריהערען נאַציאָנאַלען האַס פון די רוימער און גריכען געגען די אידען אין א רעליגיעזען, ווי נאָר דער „נייער גלויבען" האָט זיך בעפעסטיגט אין רוים.

דיעזע אלגעמיינע אורזאכען פון אנטיפּאַטיע און האַס צו אידען האָבען זיך ארויסגעוויזען צוערשט, קען מען זאָגען, אין שפּאַניען, ווייל דאָרטען האָבען זיך אידען בעזעצט אין דער צייט, ווען רוים איז געווען א רעפּובליק — עס זיינען דאָ גרינדע צו גלויבען, אז אידען האָבען זיך בעזעצט אין זיד־שפּאַניען נאָך אין די צייטען פון ערשטען חורבן בית המקדש און האָבען דאָרט געלעבט צוזאמען מיט זייערע סעמיטישע ברידער, די פיניקער, די גרעסטע און מוטהיגסטע הענדלער און ים־פאָהרער פון די אלטע צייטען — און ווייל קריסטליכע מיסיאָנערען האָבען דאָרט גאנץ פריה געהאַט ערפאָלג.

שוין ארום 320 יאָהר, איידער די קריסטליכע רעליגיאָן האָט געזיעגט אין רוים מיט דער הילפע פון דעם קייזער קאָנסטאַנטין,

האָבען זיך ביסקופּען און גלחים פון שפּאַניען פערזאַמעלט אין דער אַמאָליגער שטאָדט איליבערים (לעבען גראַנאַדאַ) און האָבען פערבאָטען די קריסטען צו פערקעהרען פריינדליך און צו האָבען חתונה מיט אידען, ווי אויך ניט צו לאָזען אידען בענשען די פעלדער פון די קריסטליכע אַקערבויער. דיעזער ערשטער ארויסטרעטען פון קריסטען געגען אידען אין שפּאַניען צייגט קלאָר, אַז אידען האָבען געלעבט פריינדליך מיט די איביריאַנער, די איינגעבאָרענע אויף דעם פירענעאישען האַלבאינזעל, און מיט די ערשטע קריסטען. אין שפּאַניען איז דאַן געווען דאָס זעלבע וואָס אין זיד־פראַנקרייך, וואו אידען האָבען אויך חתונה געהאַט מיט קריסטען. די קריסטען זיינען איבערהויפּט גערעכענט געווען פאַר אַ אידישע סעקטע אונגעפעהר 200 יאָהר, און די רוימישע געצענדיענערשע קייזערס האָבען, ווי בעוואוסט, ביידען גלייך פערפאָלגט.

נאָר די ביסקופּען און אַנדערע פיהרערס פון די קריסטליכע סעקטען האָבען געזוכט אַלץ מעהר אָבצושיידען זיך פון אידען. די פיינדשאַפט צווישען אידען און אידישע קריסטען האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין דער צייט פון אַדריאַן'ס פערפאָלגונגען נאָך בר־כוכבא'ס אויפשטאַנד *) און איז אַלץ געוואַקסען ביז די קריסטען זיינען געוואָרען שטאַרק גענוג צו פערפאָלגען זייערע פריהערע ברידער. די קריסטליכע סעקטע, וועלכע האָט געקראָגען די אויבערמאַכט אין רוים, האָט אויך איבערגענומען דעם פריהערען נאַציאָנאַלען האַס פון די רוימער צו די אידען און האָט זיי דארום בעזאָנדערס שטאַרק פערפאָלגט. פון דיעזער קריסטליכער סעקטע האָט עס זיך ענטוויקעלט די רוימיש־קאַטוילישע קירכע, וועלכער איז געווען און פערבליעבען דער גרעסטער, ביטערסטער און געפעהרליכסטער שונא ישראל.

די ערשטע קריסטען אין זיד־שפּאַניען האָבען געהערט צו

---

*) זעהע דיא לעבענסבעשרייבונג פון בר־כוכבא אין פערבינדונג מיט אידישע אויפשטאַנדען נאָך חורבן בית שני, אַרויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייברערי פּובלישינג קאָמפּאַניע.

דיעזער קירכע, וועלכע האָבען איבערגענומען אזוי פיעל געצענ־דיענערשע מנהגים, אום לייכטער צו געווינען אנהענגער, און זיי־ערע ביסקופּען האָבען דארום באלד אָנגעהויבען ארויסצוצייגען זייער פיינדשאפט צו אידען, ווי נאָר דער רוימישער קייזער קאָנ־סטאַנטין האָט זיך בעקעהרט צום קריסטליכען גלויבען. נאָר, צום גליק פון די אידען, איז שפּאַניען איבער 200 יאָהר געווען אונטער דער הערשאפט פון אייניגע גערמאַנישע שטאַמען, בע־זאָנדערס די וויסיגאָטהען און וואַנדאַלען, וועלכע זיינען געראדע בעקעהרט געוואָרען צום קריסטענטהום נאָך דעם גלויבען פון דער אריאַנער סעקטע (די אריאַנער האָבען געלייקענט די געטליכקייט פון יעזוס קריסטוס און האָבען זיך אין פיעלע אנדערע פונקטען אונטערשיידעט פון די קאַטאָליקען). דיעזע קריסטען האָבען גאַנץ גוט בעהאַנדעלט די אידען, אָבער ניט אוים פריינדשאפט צו זיי, זאָנדערן אוים האַס צו די רוימער. אזוי ווי זיי האָבען בע־טראַכטעט אַלע קאַטאָליקען פאַר רוימער, האָבען זיי אָנפאַנגס אויך פערפאָלגט די קאַטאָליקען אין שפּאַניען. די אידען האָבען זיי יעדענפאַלס בעסער בעהאַנדעלט ווי די קאַטאָליקען.

די אידען האָבען דאַן געהאַט א סך פּריווילעגיען. מען האָט זיי אפילו ערלויבט צו בעקעהרען זייערע שקלאַפען צו זייער רע־ליגיאָן. אָבער ביסלעכווייז האָט די קאַטאָלישע קירכע געקראָגען מעהר אנהענגער ביז זי איז צו ענדע פון זעקסטען יאָהרהונדערט געוואָרען די הערשענדע אויף דעם פּירענעאישען האַלבאינזעל. דאַן האָבען זיך אויך גלייך אָנגעפאַנגען פערפאָלגונגען געגען אי־דען. אין 589, ווען רעקאַרעד, דער קעניג פון די וויסיגאָטהען, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ארניאַנער „אפּיקורסות" און איז געוואָ־רען א קאַטאָליק, האָבען די קאַטאָליקען דורכגעפיהרט, אז מען זאָל פערבאָטען די אידען חתונה צו האָבען מיט קריסטען, צו בע־זיצען שקלאַווען און צו פערנעהמען עפענטליכע פּלעצער. אבער דיעזע אנטי־אידישע געזעצע זיינען מייסטענס פערבליעבען טויטע בוכשטאַבען אפילו אין דער צייט פון רעקארעד'ס הערשאפט. זיינע נעכסטע נאָכפאָלגער, מיט אויסנאַהמע פון סיזעבוט, וועלכער האָט

געצוואונגען די אידען אַנצונעהמען קריסטענטהום אָדער צו פער־לאָזען דאָס לאַנד, נאָר האָט געהערשט סך הכל 9 יאָהר, זיינען געווען גינסטיג צו די אידען, וועלכע האָבען אין אלגעמיין גע־לעבט בעסער אין שפאניען, ווי אין אנדערע קריסטליכע לענדער פון יענער צייט. צו דער צייט אָבער האָט מען ספעציעל גענומען פערפאָלגען אזעלכע אידען, וועלכע זיינען גצוואונגען געווען זיך צו שמד'ן, נאָר וועלכע זיינען געבליעבען אין געהיים טריי צו זייער אלטען גלויבען. דאָס איז געווען דער אָנפאנג פון די צרות פון די מאראנאָס, צרות, וועלכע זיינען בעזאָנדערס שרעקליך גע־ווען מיט א יאָהר 700 שפעטער, ווען די אינקוויזיציאָן איז איינ־געפיהרט געוואָרען.

די גרויזאמע בעהאנדלונגען פון מאראנאָס אָדער געהיימע אידען האָט זיך אָנגעפאנגען אין 7טען יאָהרהונדערט, ווען די קאָטוילישע גייסטליכע האָבען געקראָגען אליץ מעהר דעה אין שטאאט־אנגעלעגענהייטען און האָבען אונטערגעהעצט די קעניגע צו בעשרענקען די רעכטע פון אידען, אום זיי דורך דעם צו צווינ־גען אָנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. אזוי האָבען די קריסט־ליכע הערשער איבריגענס געהאנדעלט אין גאנץ אייראָפא. אָבער די שפאנישע אידען האָבען ווידער געהאט מעהר מזל ווי זייערע ברידער אנדערסוואו, דען די מאהאָמעדאנער זיינען זיי געקומען צו הילפע. נאָך אין 694 האָבען די אידען, וועלכע זיינען זעהר שטארק פערפאָלגט געווען אונטער דער הערשאפט פון דעם פאָר־לעצטען וויסיגאָטהער קעניג עזשיקא, זיך פערבונדען מיט זייערע ברידער אין אפריקא און מיט אייניגע אונצופריעדענע אדעליגע אין שפאניען, אום מיט דער הילפע פון די זיעגרייכע אראבען צו שטירצען די גאנצע וויסיגאָטהער מלוכה. דיעזע פערשווערונג איז אָבער ענטדעקט געוואָרען, און די אידען האָבען זעהר טהייער בעצאָהלט דערפאר. מען האָט זיי פערשקלאווט, זייערע קינדער אונטער 7 יאהר געטויפט און א טהייל געטויטעט.

אָבער דאָס האָט דאָך ניט געבראָכען זייער מוטה. ווי בע־וואוסט, האָט זיך דער מאהאָמעדאנער גלויבען מערקווירדיג שנעל

פערשפרייטעט איבער וועסט־אזיען און נאָרד־אפריקא. א יאָהר צעהן נאָך מאהאָמעד'ס טוידט זיינען שוין די אראבען, בעגייס־טערט פון זייער נייען גלויבען, געווען הערשער אין נאָרד־אפריקא אזוי ווייט ווי מאַראָקאָ. די אידען האָבען זיי איבעראל געהאָל־פען, ווי פיעל זיי האָבען נאָר געקענט, אום זיך אָפצורעכענען מיט זייערע קריסטליכע פערפאָלגערס. אויך די שומרונים האָבען צו־ליעב דעם זעלבען גרונד געהאָלפען די מאַהאָמעדאנער, וועלכע האָבען שנעל איינגענומען גאַנץ ארץ ישראל און קליין־אזיען אונ־טער דער פיהרונג פון דעם כאליף אָמאַר.

ווען די אראבען האָבען זיך בעפעסטיגט אין נאָרד־אפריקא האָבען זיי זיך א לאָז געטהאָן איבער דעם גיבראלטאר־וואסערוועג נאָך שפּאַניען אונטער דער פיהרונג פון זייער קריעגספיהרער טאַ־ריק. די אידען האָבען זיי אונטערגעיאָגט און געהאָלפען אויף יעדען שריט. אין 711 יאהר האָבען טאריק'ס מחנות בעזיעגט די קריסטען אונטער דער קאָמאנדע פון דעם לעצטען וויסיגאָטהער קעניג ראָדריק נאָך א גרויסע שלאַכט לעבען קסערעס, און נאָך דעם איז זיי שוין לייכט געווען איינצונעהמען דעם גאנצען פירע־נעאישען אינזעל. די מאהאָמעדאנער האָבען זיך פערלאָזען אויף די אידען אין די איינגענומענע שטעדט און האָבען אלץ ווייטער געיאָגט די וויסיגאָטהען צום נאָרד. ווען טאריק איז צוגעקומען צו טאָלעדאָ, די הויפּטשטאדט פון די וויסיגאָטהען, האָבען די אידען געעפענט די טויערן פון דער שטאָדט און אויפגענומען די זיעגערס מיט דער גרעסטער פריידע.

פון פערשקלאָוועטע זיינען זיי מיט א מאָל געוואָרען הערשער, דען די אראבען האָבען זיי געגעבען פולע בירגערליכע און פּאָלי־טישע רעכטע. אלע מאַראַנען, וועלכע האָבען פריהער געציטערט ביי דעם אָנבליק פון א קאַטאָלישען גלח, האָבען יעצט אָפען געקענט זיך ערקלערען פאַר אידען. מיט איין קלאַפּ זיינען זיי אזוי פּטור געוואָרען פון זייערע קריסטליכע אונטערדריקער און פּייניגער, דען די זיעגרייכע מאַהאָמעדאנער האָבען זיי בעהאנדעלט אזוי פריינד־ליך אין שפּאַניען ווי אין בבל און פּערסיען.

דאָס איז געווען די גאָלדענע צייט פיר אידען אויף דעם פירענעאישען האַלבאינזעל. דאָס איז אויך געווען אַ גליק פאַר די מענשהייט אין אַלגעמיינע, דען די אראַבען צוזאַמען מיט די אידען זיינען דאַן געווען די ציוויליזאַציאָנס־טרעגער. אין דער צייט, ווען גאַנץ אייראָפּאַ איז פאַרוואָלקענט געווען מיט קאַטוי־לישע פינסטערנעס, ווען די גריכישע פילאָזאָפיע איז פערשטויסען און פעריאָגט געוואָרען פון טרוקענע און אבערגלויבישע פּלפּולים, פון טהעאָלאָגיע (חכמת האלהות), איז די אראַבישע מלוכה אין זיד־שפּאַניען געווען אַ לייכט־טהורם פון פילאָזאָפיע און וויסענ־שאַפט. די שטראַהלען פון דיעזען לייכט־טהורם האָבען ביסלאַכ־ווייז בעלויכטען אנדערע לענדער ביז דער פרייער געדאַנקען האָט זיך אַ מעכטיגען הויב געטהאָן מיט 700 יאָהר נאָך דעם אראַבישע עראָבערונג פון שפּאַניען, ביז עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 15טען יאָהרהונדערט די צייט, וועלכע טראָגט מיט רעכט דעם נאָמען רענעסאַנס (אויפלעבונג) און וועלכע האָט אונז געפיהרט צו אונ־זער יעצטיגער ציוויליזאַציאָן.

די אידען האָבען זעהר פיעל מיטגעהאָלפען צו ברייננגען די רענעסאַנס־צייט און אויף דיעזער ווייזע האָבען זיי זיך אָפּגערע־כענט מיט זייער שרעקליכסטען שונא: דיא קאַטוילישע קירכע. נאָר ביז דער פרייער גייסט האָט אַ שיין געטהאָן דורך די גערדיכטע וואָלקענס פון קאַטאָליציזמוס האָבען זיי געליטען ווי אין אַ גיהנום, מען האָט זיי געשטיקט, געדריקט, געיאָגט, אויסגעשלאַכטעט, בע־זאָנדערס אין די גרויליכע צייטען פון די קרייץ־ציגע, איבעראַל אויסער אין די טהיילען פון שפּאַניען, וועלכע זיינען פערבליעבען אונטער דער הערשאַפט פון די אראַבען, די זאָגענאַנטע מאַוורען. דאָרט איז פאַר די אידען געווען פערהעלטניסמעסיג אַ גן־עדן. זיי האָבען געלעבט אונגעשטערט און געקענט זיך ענטוויקלען גייסטיג. אפילו אין די ערטער פון דעם פירענעאישען האַלב־אינזעל, וואו די קאַטאָליקען האָבען אָנגעהאַלטען זייער אונאַבהענ־גיגקייט און פון וואנען זיי האָבען זיך אַלץ ווייטער געדוקט צו פעריאָגען די אראַבען, האָט מען אויך ניט שלעכט בעהאַנלעט די

אידען. זאָ לאַנג די קאַטאָליקען האָבען געהאַט צו פיהרען אַ שווערען קאַמפף מיט די מאַהאָמעדאַנער, האָט מען ניט פערפאָלגט די אידען, אום צו האָבען זייער הילפע, וועלכע איז זעהר ניצליך און נויטוועגדיג געוועזען. דער קאַמפף צווישען די שפּאַניער און אַראַבען האָט זיך, ווי בעוואוסט געצויגען קנאַפּע 800 יאָהר, ביז די לעצטע אַראַבישע מלוכה אויף דעם פּירענעאישען האַלבאינזעל, גראַנאַדאַ, האָט זיך געמוזט אונטערגעבען אין 1491 יאָהר.

אין פערלויף פון אַזאַ לאַנגע צייט האָבען די שפּאַנישע אי־דען דערגרייכט צו אַ זעהר הויכע שטופע אין אַלע בעציהונגען. די ערשטע 500 יאָהר נאָך דער אַראַבישער ערָאָבערונג האָבען זיי געלעבט, קען מען זאָגען, אונגעשטערט, און מען האָט זיי אין אַלגעמיין ניט פערפאָלגט פאַר זייער גלויבען אפילו אין די קאַ־טאָלישע מלוכות פון פּירענעאישען האַלבאינזעל. זיי האָבען דאַ־רום געשפּיעלט די העכסטע ראָליע צווישען אַלע אידען, און שפּאַ־ניען איז געוואָרען דער מאַטעריעלער, מאָראַלער און גייסטיגער צענטער פון יודענטהום. די גרעסטע רבנים, די טיעפסטע דענ־קערס, די בעסטע שרייבערס און פּאָעטען זיינען ארוים פון די שפּאַנישע אידען.

אָבער זייער לאַגע איז אַלץ ערגער געוואָרען, וואָס מעהר די קאַטאָליקען האָבען געזיעגט אין דעם פייערדיגען קאַמפף מיט די אַראַבען. דאָס איז געווען צוגלייך אַ נאַציאָנאַלער און אַ רעלי־גיעזער קאַמפף, און פון ביידע זייטען האָט מען געפיהרט מלחמה מיט פאַנאַטיזמוס. איינער פון די ערגסטע רעזולטאַטען פון דיע־זען לאַנגען נאַציאָנאַל־רעליגיעזען קאַמפף איז געווען, דאָס די מאַסען פון שפּאַנישען פאָלק זיינען פאַנאַטיזירט געוואָרען ביז צו דער העכסטער שטופע. די קאַטוילישע קירכע האָט זיך נאַטיר־ליך בענוצט דערמיט צו פערשטאַרקען איהר מאַכט און צו קריעגען די אויבערהאַנד אויך אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען. גלחים האָבען געפיהרט די רעדעל פון שטאַאַט און די מענשען־פרעסענדע אינקוויזיציאָן האָט געפונען דעם בעסטען באָדען אין שפּאַניען. די אידען, וועלכע האָבען אין 14טען יאָהרהונדערט געהאָלפען די

שפּאַניער געגען די אַראַבער, האָבען ניט געזעהן, אַז זיי גראָבען אַ קבר פאַר זייערע קינדער. ווען זיי האָבען זיך אַרומגעזעהען, איז שוין געווען צו שפּעט, דען די שפּאַניער זיינען געוואָרען צו שטאַרק געגען די אַראַבען, וועלכע זיינען פערבליעבען נאָר אין עטליכע זידליכע שטעדט און זיינען צופריעדען געוועזן, ווען מען האָט זיי צו רוהע געלאָזען.

ביז צו ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט איז נאָך די לאַגע פון די שפּאַנישע אידען געווען ערטרעגליך אין אַלגעמיינען. די דאָמעניקאָנער גלחים, וועלכע זיינען געווען די פינסטערסטע פאַנאַטיקער און האָבען געקראָגען אַ גרויסען איינפלוס אויפ׳ן פאָלק, האָבען ניט אויפגעהערט צו העצען געגען די אידען און האָבען ניט איין מאָל דורכגעפיהרט פערשיעדענע בעשרענקונגס־געזעצע, אום צו צווינגען די אידען זיך צו טויפען. אַ געוויסער טהייל פון פאָלק איז דאַן געווען פיינדליך צו אידען אויס עקאָנאָמישע גרינדע, בעזאָנדערס אָרימע אדעליגע און הענדלער, וועלכע האָבען ניט פערגונען די אידען זייער רייכטהום און איינפלוס אין קעניגליכען הויף (ספּעציעל האָט מען געפאָרדערט, אַז מען זאָל ניט ערלויבען אידען צו פערנעהמען עפענטליכע שטעלען). די גלחים, וועלכע האָבען הויפּטזעכליך פערפאָלגט די אידען צוליעב זייער רעליגיאָן, האָבען זיך געשטיצט אויף דיעזען טהייל פון דער שפּאַנישער בעפעלקערונג, אום אויסצופיהרען זייערע שטרעבונגען.

אַזוי איז ענטשטאַנען אַ גרויסער קלאַס, וואָס האָט געוואָלט איינפאַך אויסראָטען אָדער פערטריבען פון לאַנד אַלע אידען און וואָס האָט אונטערגעלייגט די פייער פאַר די אויטאָ־דע־פעס, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען צו פלאַקערן אין 15טען יאָהרהונדערט. נאָר ערשט צום ענדע פון 14טען יאָהרהונדערט איז עס געקומען אין דער מלוכה פון קאַסטיל, וואו די אידען זיינען בעסער בעהאַנדעלט געוואָרען, ווי אין די מלוכות פון נאַוואַר און אַראַגאָן, צו אַזאַ מערדערישען אָנפאַל אויף אידען, ווי אין דייטשלאַנד. דאָס איז געשעהען דעם 15טען מערץ, 1391 אין דער שטאָדט סעווילא — אַן אונגליקליכער טאָג פאַר די שפּאַנישע אידען.

א געוויסען פאנאטישען גלח מיט דעם נאָמען פערנאנדאָ מארטינעז איז ענדליך געלונגען אויפצוהעצען דעם המון צו אטא־קירען די אידען אין סיווילא. טהיילווייז זיינען די אידען אליין שולדיג, דען זיי האָבען ניט נאָר אויפגערעגט די בעפעלקערונג געגען זיך דורך זייער אנטהייל אין דעם ציוויל־קריעג צווישען די אנהענגער פון דעם קעניג פעדרא און פון זיין ברודער הענרי 2, זאָנדערן אויך דורך די שענדליכע ערמאָרדונג פון יוסף פיכאָן. דיעזער איד איז געווען דער טאקס־זאמלער פון קעניג הענרי דעם צווייטען און איז זעהר בעליעבט געווען פון די קריסטען אין סעווילא. אין 1379, גראדע ווען דער יונגער קעניג זשואַן דער ערשטער איז געקרוינט געוואָרען, האָט א אידישער געריכט פעראורטהיילט צום טויט דיעזען וויכטיגען מאַן אלס א פיינד פון דער אידישער קהילה און אלס א פעררעטהער. מיט וואָס ער האָט ארויפגעצויגען אויף זיך דעם צאָרן פון זיינע ברידער, וויים מען ניט; נאָר זיי זיינען אין זייער האַס צו איהם געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האָבען איהם אפילו ניט געגעבען די מעגליכקייט זיך צו פערטהיידיגען אין געריכט. זיי האָבען אויך אויסגעפיהרט דורך עטליכע אידען, וועלכע האָבען געהאַט איין איינפלוס אין קעניגליכען הויף, אז דער קעניג זאָל אונטערשרייבען א בלאַנקען טויט־אורטהייל. פי־כאָן׳ס פיינדע האָבען געוואוסט, אז דער קעניג וועט ניט דערלאָ־זען איהם אומצובריינגען, און זיי האָבען דארום אונטערגעקויפט די מיניסטערס, אום אָפּצונאַרען דעם קעניג. גלייך ווי מען האָט געקראָגען דעם קעניג׳ס אונטערשריפט, האָבען די בעאַמטע פון בית־דין אויפגעוועקט זייער אָפּפער, ווען ער איז נאָך געשלאָפען, האָבען איהם ארויסגענארט פון זיין הויז מיט א פאַלשען תירוץ און איהם געקעפּט אָהן שום צערעמאָניעס.

דיעזער מאָרד האָט אין העכסטען גראד אויפגעבראכט די בעפעלקערונג פון סעווילא אויף די אידען. דער קעניג איז געווען אויסער זיך, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, ווי מען האָט איהם אָפּגענארט. ער האָט גלייך געהייסען הינריכטען די שמשים פון בית־דין און איינעם פון די אידישע ריכטער. נאָר דאָס וואָלט

ניט אויסגעמאכט, ווען ער וואָלט צוליעב דעם ניט געוואָרען א פיינד פון אידען. די ניעדערטרעכטיגע ערמאָרדונג פון יוסף פיכאָן האָט געהאט זעהר טרויעריגע רעזולטאטען פאר אלע אידען אין שפּאניען. צוערשט האָט דער קעניג אָבגעשאפט דאָס אלטע רעכט פון אידען צו האָבען זייערע אייגענע קרימינאל־געריכטען. נאכ־הער האָט ער אונטערשריעבען אנדערע געזעצע געגען אידען, ווי, צום ביישפּיעל, אז אידען טאָרען ניט האלטען קריסטליכע מאמ־קעס.

די איינוואָהנער פון סעווילא האָבען זיך געקליבען צו בע־פאלען די אידען, צו מאכען א פּאָגראָם נאָך דעם מוסטער פון אנדערע לענדער, אָבער עס האָט דאַן געפעהלט א פאנאטישער אָנפיהרער. מיט 12 יאָהר שפּעטער, ווען פערנאנדאָ מארטינעץ האָט געפּרעדיגט א קרייץ־צוג געגען די „פערשאָלטענע" אידען, האָט מען געמאכט א סוף פון דער גאנצער אידישער געמיינדע אין סעווילא. דאָרט האָבען זיך דאַן געפונען 7000 אידישע פאמי־ליען, אָן ערך פון 30 טויזענד נפשות. דיא מייסטע פון זיי האָבען זיך געטויפט צום שיין, אום צו רעטען זייער לעבען, 4000 זיינען ערמאָרדעט געוואָרען, די איבעריגע — זעהר א קליינע צאָהל — איז געלונגען צו אנטלויפען. צווישען די יעניגע, וואָס האָבען זיך גערעטעט דורך א טויפע, איז אויך געווען שמואל אברבנאל, דער זיידע פון יצחק אברבנאל, נאָר ער, אזוי גוט ווי אנדערע מאראנען, האָבען זיך ביי דער ערשטער געלעגענהייט אָבגעטריי[illegible]ט פון קריסטענטהום.

דער שרעקליכער אויסברוך אין סעווילא איז געווען ווי א פונק אין א פאס פּולווער. אין זיעבעציג שטעדט האָט מען גערויבט און געמאָרדעט די אידען און זיי געצוואונגען זיך צו טויפען. אין טאָלעדאָ, די הויפּטשטאדט פון קאסטיל, איז מען בעפאלען די אידען גראדע תשעה באב און מען האָט דאָרטען געמאכט א שרעקליכע שחיטה. דאָרט איז געווען די גרעסטע און וויכטיג־סטע אידישע קהילה, און פיעלע בעוואוסטע רבנים זיינען אומ־געקומען. די גאסען פון טאָלעדאָ זיינען פערפלייצט געוואָרען מיט

דעם בלוט פון די אידען, וועלכע האָבען זיך מוסר נפש געווען פאר זייער גלויבען. אין אייניגע שטעדט איז קיין איינציגער איד ניט געבליעבען. ווער עס האָט געקענט, האָט זיך גערעטעט נאָך פּאָרטוגאל, גראנאדא און נאָרד־אפריקא.

זייט דאַן האָבען זיך עס אָנגעפאנגען די שרעקליכע ליידען פון די מאראנאָס (דער וואָרט בעדייטעט: „די פערשאָלטענע“, און ער איז פּאָרטרעפליך צוגעפּאסט צו די אונגליקליכע, וועלכע מען האָט געטויפט מיט געוואלד און וועלכע האָבען זיך געריסען מיט לייב און זעעלע צו בלייבען אידען). דורך זיי האָבען די יעניגע, וואָס זיינען נאָך אָפען פערבליעבען אידען אין שפּאניען, אויך געהאט געברענטע צרות.

אייניגע פון די מאראנאָס האָבען געוואָלט שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אין דער קאטוילישער קירכע און זיינען געוואָרען די גע־פעהרליכסטע שונאי ישראל. די נידערטרעכטיגסטע פון זיי זיינען געווען רבי שלמה לעווי פון בורגאָס, וועלכער איז בעקאַנט אונטער זיין קריסטליכען נאָמען פאול דע־סאנטא־מאריא, און יהושע לאָרקי וועלכער איז געווען דער לייב־ארצט פון דעם אנטי־פּאפּסט בענע־דיקט 13טער און האָט אָנגענומען דעם נאָמען יעראָנימוס דע סאנטא־פע.ביידע זיינען געווען גוטע תלמודיסטען און פעהיגע מענשען און האָבען שנעל עררייכט די העכסטע שטעלען אין דער קאטוילישער קירכע. זיי האָבען אפילו געשטרעבט צו ווערען פּאפּסט... פאול דע־סאנטא־מאריא איז געווען אַ בעוואוסטער רב און זעהר אַ שטרענגער אָרטהאָדאָקס ביז זיין שמד נאָך די הריגות פון 1391; אָבער גלייך נאָך דער איבערקעהרעניס האָט ער ער־קלערט, אז ער האָט זיך געטויפט, ווייל ער גלויבט אויפריכטיג אין יעזוס קריסטוס, און האָט נאָכדעם אויסגענוצט אלע זיינע קענטניסע און פעהיגקייטען צו בעקעהרען אידען צום קריסטענ־טהום און צו פערפאָלגען די יעניגע, וועלכע זיינען געבליבען טריי זייער אלטען גלויבען. צוזאמען מיט זיין שילער יהושע לאָרקי האָט ער אָנגעמאכט די גרעסטע צרות אלע שפּאנישע אידען. אום צו בעפריעדיגען זייער אמביציאָן האָבען זיי ניט נור געפיהרט

ויכוחים מיט אידישע רבנים אין דער אנוועזענהייט פון קעניג און פון די העכסטע בעאַמטע פון שטאַאַט און קירכע און גע־שריעבען ביכער, אין וועלכע זיי האָבען איבערגעדראָשען אַלע תענות פון קריסטליכע מיסיאָנערען וועגען די ביבלישע בעווייזע, אז יעזוס איז געווען דער ערוואַרטעטער משיח; זאָנדערן האָבען נאָך אויף יעדען שריט אויפגעהעצט צו פערפאָלגען די אידען, אז זיי זאָלען געצוואונגען זיין זיך צו טויפען.

דורך דיעזע משומדים מיט דער הילפע פון דעם פאַנאַטישען גלח ווינסענט פעררער און דעם לעצטען אוויניאָנער פּאַפּסט בע־נעדיקט 13טער, וועלכער האָט געהאָפּט אנערקענט צו ווערען אלס פּאַפּסט אין רוים דורך דעם וואָס ער וועט אויספיהרען אַן אַלגע־מיינע בעקעהרונג פון אידען צום קריסטענטהום. צו דיעזען צוועק האָט דיעזער אנטי־פּאַפּסט, וועלכער איז שליסליך אראָבגעזעצט געוואָרען (ווי בעוואוסט, האָבען די קאַטאָליקען געהאַט אַ געוויסע צייט צוויי שטעלפערטרעטער פון יעזוס: איין פּאַפּסט אין רוים און אַן אנדערן אין אוויניאָן, זיעד־פראַנקרייך, וועלכע האָבען זיך גאָר ניט געטליך ארומגעריסען), — בעשטימט, אז דער משומד לאָרקי זאָל פיהרען אַ דיספּוּט מיט אידישע פערטרעטער אין טאָרטאָזאַ, אום צו בעווייזען, אז אפילו דער תלמוד אנערקענט יעזוס׳ן פאר אַ משיח.

דאָס איז געווען דער גרעסטער און בעריהמטעסטער פון די אידיש־קריסטליכע ויכוחים אין מיטעלאַלטער. ער האָט זיך גע־צויגען קנאַפּע צוויי יאָהר (1413—1414), די ביטערסטע און שרעקליכסטע אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק. בענעדיקט 13טער האָט געהאָפּט, אז איהם וועט געלינגען איבערצוריידען און איינצושרעקען די אונגליקליכע אידישע פערטרעטער, וועלכע האָ־בען ביי דיעזען דיספּוּט רעזיקירט מיט זייער לעבען (עס איז אי־בעריג צו זאָגען, אז די אידען האָבען שטענדיג געציטערט פאַר אזעלכע דיספּוּטען אונטער די אויגען פון זייערע ביטערסטע פיינד און האָבען געזוכט זיי אויסצומיידען), זיי זאָלען זיך טויפען, דאַן וועלען אַלע אידען זיי נאָכפאָלגען. נאָר זעהענדיג, אז די רבנים

האלטען זיך פעסט, האָט ער אָבגעהאַקט די וויטערע דיסקוסיאָ־נען און האָט אויסגעלאָזען זיין צאָרן צום אָרימען תלמוד. די אידען איז שטרענג פערבאָטען געוואָרען צו לערנען גמרא און אלע קאָפּיעס פון תלמוד האָט מען געזוכט צו פערברענען. מען האָט נאָך ארויפגעלייגט אנדערע גזרות אויף אלע אידען, אָבער גליק־ליכערוויזע איז בענעדיקט 13טער באַלד נאָכדעם אראָפּ פון פּאַפּסטליכען שטוהל און איז געשטאָרבען אין 1416.

אין דער זעלבער צייט, ווען מען האָט דיספּוטירט אין טאָר־טאָזא, האָט דער גלח פערערער געברויכט געוואַלד צו טויפען די אידען. ער האָט צוזאַמענגעקליבען ארום זיך א באַנדע פאַנאַ־טישע פלאַזשעלאַנטען (מלקות־קלאַפּערס) און פלעגט מיט זיי ארומוואַנדערען פון איין שטאָדט צו איין אנדערע, אום צו בעפאַ־לען סינאַגאָגען. מיט א קרייץ אין האַנד פלעגט ער זיך אריינ־רייסען אין די סינאַגאָגען און דאָרטען האַלטען פייערדיגע דרשות מיט נאָך פייערדיגערע סטראַשונקעס. זיין חברה פלעגט שטעהן אָנגעגרייט צו בעשטעטיגען זיינע פאַנאַטישע געשרייען מיט שווער־דען און שטעקענס איבער די קעפּ פון די אונגליקליכע אידען. די קריסטליכע בעפעלקערונג פון יעדער שטאָדט, וואו דיעזער משוגע־נער פאַנאַטיקער פלעגט זיך בעווייזען, פלעגט געוועהנליך בעפאַ־לען די אידישע הייזער און דאָרט רויבען און מאָרדען. די אידע וואָס האָבען זיך געקענט רעטען אין איין שטאָט פון זיינע ב[illegible] דרשות דורך פליטה, פלעגען איהם טרעפען אין אַן אנדער שטאָרט, דען ער האָט שנעל מארשירט מיט זיין פאַנאַטישער באַנדע איבער שפּאַניען.

אונטער שטרענגסטע שטראָפען איז עס פערבאָטען געווען די אונגליקליכע צו אַנטלויפען. זיי זיינען געווען ווי אין א פאַסטקע פון יעגערס, און פיעלע פון זיי האָבען זיך דארום אין זייער טויט־שרעק בעקעהרט צום קריסטענטהום. מען רעכענט, אַז פערדינאַנד פערערער האָט אזוי געצוואונגען איבער 20 טויזענד אידען זיך צו טויפען. ער האָט קיין אנדער זאַך אין זינען ניט געהאַט אויסער די בעקעהרונג פון אידען צום קריסטענטהום; אָבער

בענעדיקט 13טער מיט די צוויי אידישע משומדים, סאנטא־מאריא און סאנטא־פע, האָבען אויסגענוצט זיין ווילדען פאנאטיזמוס צו זייערע פּאָליטישע צוועקען, און אַלע צוזאמען האָבען זיי אומ־געוואנדעלט שפּאניען אין אַ גיהנם פאר אידען.

פעררער מיט זיין פאנאטישער באנדע האָבען אויך אָנגעמאכט גרויסע צרות די אידען אין אנדערע לענדער, וואו ער איז נאָר צוגע־קומען, אויסער אין פּאָרטוגאַל, וואו מען האָט די אידען נאָך דאַן צורוה געלאָזען. אין שפּאניען איז דער שיקזאַל פון די אידען גע־האנגען אויף אַ האָאָר דעם גאנצען 15טען יאָהרהונדערט, בעזאָנ־דערס נאָך דעם ווי די אינקוויזיציאָן איז ענדליך אויך איינגע־פיהרט געוואָרען צום אונגליק און צו דער שאנדע פון גאנץ אייראָפּא.

אַ יאָהר 20 נאָך דער שרעקענס־צייט פון פערדינאנד פעררער און פון בענעדיקט 13טער מיט זיינע משומדים איז געבאָרען גע־וואָרען יצחק אברבנאַל, וועמען עס איז באשערט געווען דורכצו־ליידען דעם לעצטען אַקט אין דער הערצרייסענדער טראַגעדיע פון די שפּאנישע אידען און וועמעס לעבען און טהעטיגקייט מיר וועלען בעשרייבען אין די נעקסטע קאפּיטלאַך.

* * *

.1

אַבשטאַמונג און ערציהונג. — זיינע ערשטע ווערק. — פינאַנצמייסטער פון קעניג אַלפאָנסאָ 5. — גליקליכע צייט פאַר אידען אין פּאָרטוגאַל. — אויסקויף פון געפאַנגענע. — פּאָרטוגעזער געזאַנדטע צום פּאַפּסט.

יצחק אברבנאל האָט געשטאַמט פון איינער פון דיא העכסטע און בעריהמטעסטע אידישע פאַמיליען אין שפּאַניען. זיא האָט שטאָלצירט מיט אַן אָבשטאַמונג דירעקט פון דוד המלך, און וויא עס ווייזט אוים, איז עס ניט געווען אַ פּוסטע גדלות, אום אָפּצונאַרען דעם עולם. אין זיין פירוש אויף זכריה׳ס נביאות בעמערקט ער אין איין אָרט: „נאָך חורבן בית ראשון האָבען צוויי פאַמיליען פון דוד המלך׳ס הויז זיך אויך בעזעצט אין שפּאַניען, נעמליך: דיא פאַמיליע דאאוד אין לוצען און דיא פאַמיליע אברבנאל אין סע־ווילאַ.“

נאָר יעדענפאַלס, אויב דיזע טראַדיציאָן פון דער פאַמיליע אברבנאל איז בעגרינדעט אויף אַ פאַקט אָדער אויף איין איינביל־דונג, נאָר איהרע מיטגליעדער האָבען זיך שטענדיג אויסגעצייי־כענט מיט רייכטהום, תורה און איבערגעבענהייט צו זייער פאָלק. יצחק אברבנאל איז ניט געווען אַן אויסנאַהמע, זאָנדערן איי־נער פון איהרע גלענצענדסטע פערטרעטער. ער איז געבאָרען גע־וואָרען אין 1437, אָבער ניט אין שפּאַניען, נאָר אין פּאָרטוגאַל, נעמליך אין דער הויפּט־שטאָדט ליסאַבאָן, וואוהין זיין זיידע שמואל אברבנאל האָט עמיגרירט, הפּנים אַ קורצע צייט נאָכדעם וויא מען האָט איהם געצוואונגען זיך צו טויפען אין דער צייט פון דעם שוידערליכען אָנפאַל אויף אידען אין סעווילאַ אין 1391, וויא דאָס איז בעמערקט געווען אין דער איינלייטונג.

דיזער שמואל אברבנאל איז געוועזן איינער פון דיא דעפּוטאַ־טען, וואָס דיא שפּאַנישע אידען האָבען געשיקט נאָך רוים צום ניי־ערוועהלטען פּאַפּסט מארטין 5. (ער איז אויסגעוועהלט געוואָ־רען נאָך דיא לאַנגע רייסערייען פון פּאַפּסטען און אנטי־פּאַפּסטען אלס דער איינציגער הויפּט פון דער קאַטאָלישער קירכע ; דאַן איז עס אראָפּגעזעצט געוואָרען דער אנטי־פּאַפּסט בענעדיקט 13, פון וועלכען עס איז גערעדט געוואָרען אין דער איינלייטונג). צוזאמען מיט פערטרעטער פון איטאַליענישע אידען האָט ער אויסגעפיהרט, אַז דיזער פּאַפּסט זאָל ארויסלאָזען א מענשליכען בעפעהל, נאָך יענער פינסטערער צייט, נעמליך, אז מען זאָל ניט טויפען אידען מיט געוואלד, אַז מען זאָל זיי ניט צווינגען צו פייערן דיא קריסט־ליכע יום־טובים און זיי ניט שטערען אין זייער געשעפטליכע אַנ־געלעגענהייטען מיט קריסטען. דיזער בעפעהל, פאַר וועלכען דער פּאַפּסט מארטין 5 האָט געקראָגען א סך טהייערע געשאַנקען פון דיא אידישע דעפּוטאַטען, איז אָבער מייסטענס פערבליבען אַ טויטער בוכשטאַב, בעזאָנדערס אין שפּאַניען, וואו דיא דאָמיני־קאַנער און אַנדערע פאַנאַטישע גלחים האָבען געקענט אויספיה־רען אַלעס וואָס זיי האָבען געוואָלט.

יצחק'ס פאָטער, יהודה, איז געוועזן דער שאַץ־מייסטער פון אַ פּאָרטוגעזער פּרינץ און האָט אויך געהאָלפען זיינע ברידער וויא וויים ער האָט געקענט. זיין זוהן האָט ער געגעבען דיא בעסטע ערציהונג נאָך יענער צייט. נאָך אַלס אינגעל האָט יצחק אברבנאל ארויסגעוויזען גלענצענדע פעהיגקייטען. ער האָט ניט נאָר שנעל אויסגעלערנט אַלע געגענשטאַנדען, זאָנדערן האָט אַלעס גרינדליך בענומען און פערשטאַנען. ער האָט געהאַט אַ פילאָזאָפישען פער־שטאַנד, וועלכער איז פערשאַרפט געוואָרען דורך אַ פריהצייטיגע בעקאַנטשאַפט מיט דיא פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען פון פּאָרטו־גאַל און שפּאַניען און מיט דיא צרות פון זיינע ברידער. אָבער ער איז דאָך ניט געוועזן אַ טיעפער דענקער און האָט נאָר אין זיינע שריפטען געצייגט גרויסע קענטניסע אין תורה, שפּראַכען און פּאָליטיק.

מיט דעם גרעסטען חשק האָט ער שטודירט דיא תורה, אום נאָכצופאָרשען דיא גרונדלאַגען פון אידישען גלויבען און דיא אי־דישע געשיכטע אין דיא עלטעסטע צייטען. נאָך אַלס יונגער מאַן האָט ער אָנגעשריעבען דעם רעליגיעז־פילאָזאָפישען בוך „עטרת זקנים“, אין וועלכען ער האָט געזוכט צו ערקלערען דיא געטליכע השגחה אין אלגעמיינען און ספּעציעל אין בעצוג אויף אידען. וויא נאָר ער האָט געענדיגט דיזע ערשטע ווערק, האָט ער זיך גענומען צו אַ פּירוש אויף „דברים“. אין דער הקדמה צו דיזען פּירוש, וועלכע ער האָט אָנגעשריעבען, ווען ער האָט אויסגעוואַנדערט פון שפּאַניען, בעמערקט ער, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן און האָט געלעבט אין זיין פאָטער'ס הויז אין ליסאַבאָן, האָט ער זיך שטאַרק פּעראינטערעסירט מיט דער פראַגע וועגען „דברים“.

„איך האָב געשטעלט דיזע פראַגע פיעלע בעוואוסטע גע־לעהרטע, לעהרערס פון ישיבות, אָבער יעדערער האָט מיר געענט־פערט נאָך זיין אייגענע וועלט־בעטראַכטונג. קיינער פון זיי האָט ניט ענטשיעדען דיזע פראַגע געניגענד. דאַרום האָב איך זיך אָנגע־שטרענגט און אַליין זיך גענומען צו לייזען דיזע פראַגע דורך אַ פּירוש אויף „דברים“. אין דיזען פּירוש וועל איך צייגען דיא ער־האַבענהייט פון דיא לעהרען, וועלכע „דברים“ ענטהאַלט, דען דיא אַלטע און נייע קאָמענטאַטאָרס האָבען ניט גענוג אויפמרקזאַם דאָס נאָכגעפאָרשט.“

אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט זיך אַזוי פערטיעפט אין דער תורה, האָט ער אויך שטודירט וועלטליכע זאַכען, בעזאָנדערס פינאַנצען, געשיכטע און פּאָליטיק. ער איז אַזוי געוואָרען איינער פון דיא געבילדעטסטע מענשען פון זיין צייט. אונטער דער אָנ־ווייזונג פון זיין פאָטער האָט ער גרינדליך זיך בעקאַנט מיט דער פערוואַלטונג פון שטאַאַטס־פינאַנצען און מיט רעגיערונגס־אַנגעלע־גענהייטען. ער איז שנעל בעקאַנט געוואָרען אַלס איינער פון דיא בעסטע פינאַנסיסטען, און אַלפאָנסאָ 5, אַ געבילדעטער און גוט־מוטהיגער קעניג, האָט איהם דאַרום אויסגעקליבען פאַר זיין פי־נאַנץ־מיניסטער. דיזער קעניג האָט איהם אויך אָנגעפרעגט ווע־

גען דיא וויכטיגסטע שטאאט־פראגען און האָט איבערהויפּט געהאט צו איהם און צו זיינע קענטניסע גרויס צוטרויען.

אין קעניגליכען הויף האָט מען זעהר געגליכען דעם יונגען אידישען פינאנץ־מיניסטער, ווייל ער האָט זיך געהאַלטען וויא אַן אַדעלמאַן, האָט געגען קיינעם ניט אינטריגירט און האָט ניט גע־זוכט רייך צו ווערען אויף דער רעכנונג פון שטאאט. אַלע האָבען איהם געשעצט אַלס אַן עהרליכען מאַן, קלוגען מיניסטער און גרוי־סען קענער. ער איז געווען בעפריינדעט מיט פיעלע הויכע גראַנ־דען (אריסטאָקראטען), בעזאָנדערס מיט דעם הערצאָג פערדינאַנד דע־בראַגאַנזאַ, וועלכער האָט בעזעסען 50 שטעדט און האָט געקענט צושטעלען אַן אַרמעע פון 10 טויזענד אינפאַנטעריע און 3 טויזענד קאַוואַלעריע אין צייט פון קריעג. שטענדיג פלעגט ער געברויכען זיין גרויסען איינפלוס אין קעניגליכען הויף צו בעשיצען זיינע ברי־דער. זיין לעבען אין דיזער צייט, זאָ לאַנג אַלפאָנסאָ 5 האָט גע־לעבט, בעשרייבט ער אַליין מיט דיזע ווערטער:

„רוהיג האָב איך געלבט אין מיין גע׳ירש׳נטע הויז אין פּרעכ־טיגען ליסאַבאָן. גאָט האָט מיר געגעבען מזל ברכה, רייכטהום און כבוד. איך האָב אויסגעבויט פאַר מיר הערליכע זאַלען און צי־מערן. מיין הויז איז געווען דער זאַמלונגס־פּונקט פון געלעהרטע און חכמים. איך בין געווען געליעבט אין דעם הויף פון אַלפאָנסאָ, אַ מעכטיגער און גערעכטער קעניג, אונטער וועמעס הערשאַפט דיא אידען האָבען גענאָסען פרייהייט און הצלחה. איך בין געווען נאָ־הענט צו איהם, האָב איהם אונטערשטיצט און זאָ לאַנג ער האָט געלעבט, האָט ער זיך בעראַטהען מיט מיר וועגען שטאאטס־זאַכען.“

דיא אידען האָבען דאַן ווירקליך געהאַט פערהעלטניסמעסיג אַ גליקליכע צייט אין פּאָרטוגאַל. עס האָבען אפילו עקזיסטירט בעשרענקונגס־געזעצע געגען זיי; אָבער דיזע געזעצע זיינען מייסטענס געבליבען אויפ׳ן פּאַפּיר, טראָץ דיא אנשטרענגונגען פון גלחים זיי אָפּצולעבען און דורכצופיהרען. אידען האָבען געטראָגען דיא קליידער פון לאַנד מיט שווערדען, זיינען געריטען אויף מולען

און פערד, זאָ דאָס מען האָט זיי קוים געקענט אונטערשיידען פון די פּאָרטוגעזער. די גרעסטע צאָהל פון טאַקסען־זאַמלער זיינען געוועזען אידען. אויסער יצחק אברבנאל האָבען נאָך אנדערע אידען געהאַט אַ צוטרעט און אַן איינפלוס אין קעניגליכען הויף. זיי האָבען געהאָלפען און בעשיצט זייערע ברידער. יצחק׳ס בעריהמטער זוהן, יהודה לעאָן מעדיגאָ, האָט אַזוי בעשריעבען זיין פאָטער׳ס צדקה און ליעבע צו אידען: „ער איז געוועזען אַ שיעלד און וואַנד פאַר זיין פאָלק, האָט ערלייזט די ליידענדע, פערהיילט וואונדען און געהאַלטען גרויזאַמע לייבען אין צוים.“

וויא ווייט ער איז אין דיזער גליקליכסטער צייט פון זיין לעבען געוועזען איבערגעבען צו זיינע אונגליקליכע ברידער, צייגט פאָלגענדער פאַל. דער קעניג אַלפאָנסאָ, וועלכער האָט געפיהרט מלחמה מיט די אַראַבען אין מאַראָקאָ, האָט דאָרטען איינגענומען דעם פאָרט אַרזילאַ און געבראַכט נאָך פּאָרטוגאַל עטליכע טויזענד געפאַנגענע, דאַרונטער אויך 250 אידען, וועלכע זיינען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַווען. אברבנאל האָט ניט געקענט רוהען, דאָס אידען זאָלען זיך מאַטערען אין שקלאַווערײ, און האָט אויפגעמונטערט אַנדערע רייכע פּאָרטוגעזער אידען צו זאַמלען געלד זיי אויסצוקויפען. נאַכהער איז ער אַרומגעפאָהרען איבער דעם גאַנצען לאַנד, זוכענדיג די אונגליקליכע, אום זיי אויסצוקויפען. פאַר אייניגע פון זיי האָט ער געהאַט צו צאָהלען הויכע פּרייזען, אָבער ער האָט דערויף ניט געאַכטעט. ווען מען האָט אויסגעקויפט אַלע געפאַנגענע, האָט מען זיי געשטיצט אַזוי לאַנג ביז זיי האָבען אויסגעלערענט די פּאָרטוגעזער שפּראַך און זיינען אין שטאַנד געוועזען צו מאַכען אַ לעבען.

אַרום דער צייט האָט דער קעניג געשיקט זיינע פערטרעטער צו בעגריסען דעם ניי־ערוועהלטען פּאַפּסט זאַקסטוס 4 און איהם אויך אָנזאָגען וועגען דעם זיעג פון די פּאָרטוגעזער איבער די מאַהאַמעדאַנער אין מאַראָקאָ. איינער פון די געזאַנדטע איז געוועזען אַ געוויסער סעזוראַ, אברבנאל׳ס אַ זעהר נאָהענטער פריינד. דיזער סעזוראַ איז אויך געוועזען פריינדליך צו אידען איבערהויפּט

און אברבנאל האָט איהם געבעטען צו זאָגען דעם פּאפּסט אַ גוט וואָרט פאר דאָס פערפאָלגטע פאָלק. צוגלייך האָט אברבנאל גע־לאָזט וויסען דיא אידען אין איטאַליען, אַז זיי זאָלען אויפנעהמען אַלע פּאָרטוגעזער געזאַנדטע וואָס פריינדליכער, אום דערמיט אויסצודריקען זייער דאַנקבארקייט דעם גוטען קעניג אַלפאָנסאָ.

אָט אזוי האָט יצחק אברבנאל שטענדיג געהאַט אין אויג דיא אינטערעסען פון זיין פאָלק און האָט געזוכט צו העלפען זיינע פער־פאָלגטע ברידער.

❦ ❦ ❦

.2

פערדעכטיגט פון קעניג זשואַן 2 אין אַ פערשוועררונג. — מוז אַנטלויפען פון פּאָרטוגאַל. — בעזעצט זיך אין טאָלעדאָ. — פירוש אויף דיא ערשטע נביאים. — געגנער פון פריינע קריטיק. — ווערט פינאַנצ־מיניסטער אין שפּאַניען. — פערטהיידיגט זיינע ברידער. — דיא אינקוויזיציאָן און בלבולים אויף אידען.

מיט דעם טויט פון קעניג אַלפאָנסאָ אין 1481 האָט זיך גע־ענדיגט אברבנאל'ס גליקליכע צייט. אויך האָט זיך אָנגעהויבען אַ שלעכטע צייט פאר זיינע ברידער אין פּאָרטוגאַל. אויפ'ן טראָן איז ארויף אַלפאָנסאָ'ס זוהן זשואַן 2, וועלכער איז געווען אַ שלעכטער און פאַלשער מענש. דיזער קעניג האָט געזוכט צו פער־שטאַרקען זיין מאַכט אויף דער רעכנונג פון דיא אַדעליגע. אום צו האָבען שטיצע געגען דיא אַדעליגע, האָט ער געזוכט צוצוציהען אויף זיין זייט דיא גלחים און האַנדעלס־לייטע, דיא פיינדע פון אידען. דעם אָנפאַנג האָט ער געמאַכט מיט דעם שטאַרקסטען און רייכסטען פון דיא אַדעליגע, דעם הערצאָג דע בראַגאַנזאַ, אברבנאל'ס פריינד. דיזער הערצאָג האָט געהערט צו דער קעניג־ליכער פאַמיליע און איז געווען בעליעבט אין פאָלק מעהר וויא דער קעניג. אין דער צייט, ווען זשואַן האָט געשפּיעלט אין פריינדשאַפט מיט דעם הערצאָג, האָט ער פאַבריצירט געגען איהם בעוויייזע אין האָכפעררעטה. דעם הערצאָג האָט מען פערקלאָגט אין פעררעטהערישע פערבינדונגען מיט דעם שפּאַנישען קעניג, אַרעסטירט, פעראורטהיילט צום טויט און הינגעריכטעט. דער קעניג האָט זיך בענוצט דערמיט צו קאָנפיסצירען אַלע מאַיאָנטקעס פון דעם אונגליקליכען הערצאָג.

אזוי וויא אברבנאל איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט דעם הערצאָג, האָט דער קעניג אויך געוואָרפען אויף איהם א בייזע אויג. דיא שונאים פון אידען אין אַלגעמיינען און אברבנאל'ס פיינדע בעזאָנדערס האָבען געזוכט איהם אריינצופלאָנטערן אין א פערשווערונג געגען דעם קעניג, וועלכער איז איבערהויפט געווען א פערדעכטיגער מענש, וויא אַלע טיראַנען זיינען עס. איין מאָל, ווען דער קעניג האָט געשיקט רופען צו זיך דעם אידישען מיניסטער, איז דער לעצטער געוואָהר געוואָרען דורך זיינעם אַן אונבעקאַנטען פריינד, אז זיין לעבען איז אין געפאהר. גראדע ווען אברבנאל האָט זיך געקליבען אָפּצופאָהרען צום קעניג, האָט דער אונבעקאַנטער פריינד איהם געראַטהען וואָס שנעלער צו פערלאָזען פּאָרטוגאל. אברבנאל האָט וואהרשיינליך אַליין אויך פערשטאַנען, אז ער קען קיין גוטעס ערווארטען נאָך דער הינריכטונג פון דעם הערצאָג דע־בראַגאַנזא, און האָט דארום זיך א לאָז געטהאָן גלייך צום גרענעץ פון שפּאַניען. דאָס איז געשעהן אין 1483טען יאָהר.

ווען דער קעניג האָט זיך דערוואוסט, אז אברבנאל האָט געמאַכט פּליטה, האָט ער געשיקט רייטערס איהם צו דעריאָגען און צו פאַנגען, אָבער גליקליכער־ווייזע האָבען זיי איהם ניט געקענט כאַפּען, און ער איז בשלום אריבער דעם פּאָרטוגעזער גרענעץ. ער האָט דיא ערשטע זאַך געשיקט א בריעף צום קעניג מיט א לאַנגע ערקלערונג, אז ניט נאָר ער איז אונשולדיג אין אירגענד וועלכער פערשווערונג, זאָנדערן אויך דער הערצאָג דע־בראַגאַנזא. נאָר דער פערדעכטיגער קעניג האָט עס ניט געגלויבט און האָט געהייסען קאָנפיסצירען אברבנאל'ס פערמעגען. זיין צאָרן האָט ער אפילו אויסגעלאָזען צו אברבנאל'ס עלטערן זוהן יהודה לעאָן, וועלכער האָט פּראַקטיצירט מעדיצין, דען אויך זיין פערמעגען האָט מען קאָנפיסצירט. דאָך האָט דער קעניג ערלויבט אברבנאל'ס פרוי און קינדער אָפּצופאָהרען נאָך שפּאַניען.

אברבנאל האָט זיך דאַן בעזעצט אין טאָלעדאָ, דיא הויפּט־שטאָדט פון קאַסטיל, וואו דיא אידישע געמיינדע האָט איהם נאַ־

טירליך אויפגענומען מיט גרויס כבוד און אויף פריידע. ער האָט זיך גלייך בעפריינדעט מיט דיא געלערנטעסטע מיטגליעדער. פיעלע נאָכפאָלגערס און פערעהרערס האָבען זיך א לאָז געטהאָן צו איהם. בעזאָנדערס האָט ער זיך בעפריינדעט און וואהרשיינליך אויך געשעפטליך פערבונדען מיט א געוויסען אברהם סעניאָר, וועלכער איז געוועזן דער הויפט־קאָלעקטאָר פון שטייערען אין דער מלוכה קאסטיל.

זיין פרייע צייט האָט ער בענוצט צו נעהמען זיך צו דער פעדער, אום אָנצושרייבען דעם פירוש אויף דיא ביכער פון דיא ערשטע נביאים, א ווערק, וועלכע ער האָט פערנאַכלעסיגט אין פאָרטוגאל צוליעב זיין פאָליטישע טהעטיגקייט. עס האָט איהם זעהר געערגערט, וואָס ער האָט א געוויסע צייט אויפגעהערט צו לערנען תורה, ווען ער איז געווען פינאַנצמיניסטער. ער האָט זאָגאר געגלויבט, אַז צוליעב דעם האָט איהם גאָט בעשטראָפט, זאָ דאָס ער האָט געמוזט אַנטלויפען פון זיין געבורטשטאָדט. ער האָט דארום אַזוי פלייסיג געשריעבען אין טאָלעדאָ, דאָס אין א יאָהר צייט האָט ער געענדיגט זיין פירוש אויף יהושע, שופטים און שמואל.

אין דיזען פירוש צייגט ער בעזאָנדערס ארויס זיין פאָליטישען פערשטאַנד. ער האָט געזוכט צו ערקלערען דיא פאָליטישע אנגעלעגענהייטען פון ארץ ישראל אין יענער צייט. זיין ערפאהרונג אַלס שטאַאטסמאַן און זיין בעקאַנטשאַפט מיט דער וועלט און מיט פרעמדע שפראַכען און ליטעראַטור האָבען איהם דערביי זעהר פיעל צוגעהאָלפען. פריהערע קאָמענטאַטאָרס האָבען זיך ווייניג בעשעפטיגט מיט דיא ערשטע נביאים און מיט דיא געשיכטליכע בעריכטען פון דער צייט, ווען דיא בני ישראל האָבען איינגענומען כנען און זיך דאָרטען בעזעצט, און זיין צוועק איז געווען צו ערקלערען פיעלע דונקעלע פונקטען. דערביי האָט ער זיך אויך בענוצט מיט דיא ווערק פון איינציגע קריסטליכע נאָכפאָרשער און זאָגאר פון משומדים.

טראָץ זיין טיעפען בליק אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק און בעקאַנטשאַפט מיט פילאָזאָפישע ווערק, האָט ער דאָך

געשריעבען זיין פירוש אין א שטרענגגען אָרטהאָדאָקסישען זינען. זיין שטאַנדפונקט איז געװען אַ בלינד רעליגיעזער, ער איז אַרויס־געטראָטען געגען אירגענד װעלכע פילאָזאָפישע פרייהייט מיט דעם בוכשטאַב פון דער ביבעל. אין דיזער בעציהונג האָט ער זיך װײ־ניג אונטערשיידעט פון אַן אָרטהאָדאָקסישען רב, װעלכער קען קיין אַנדער זאַך און װיל קיין אַנדער זאַך װיסען אויסער דעם תלמוד און װעלכער פאָלגט שקלאַװיש דעם געשריעבענעם װאָרט.

דיא װערק פון אייניגע בעװאוסטע תלמודיסטען, װעלכע האָ־בען זיך ערלויבט געװיסע פרייהייטען און געברויכט זייער קריטי־שען פערשטאַנד, האָט ער, צוזאַמען מיט אַנדערע סטריקטע אָרטהאָ־דאָקסען, פערדאַמט אַלס אפיקורס׳ישע. זיין גאַנצען לעבען האָט ער געהאַלטען מיט דיא געגנער פון פילאָזאָפיע, איז געבליבען אַ שטרענגער אָרטהאָדאָקס, אָבװאָהל זיין פאָליטישע טהעטיגקייט האָט איהם בעדאַרפט פיהרען אויף אַ פרייען װעג. ער האָט אויך געגלויבט, אז דיא שפּאַנישע אידען זיינען בעשטראָפט געװאָרען מיט פערפאָלגונגען פאַר זייער אפיקורסות.

אָבער באַלד איז ער אונטערבראָכען געװאָרען אין זיין ארבייט אַלס קאָמענטאַטאָר דורך איין איינלאַדונג פון דער קעניגליכער פּאָאַר פערדינאַנד און איזאַבעלאַ איבערצונעהמען דיא פערװאַל־טונג פון דיא שטאַאַטס־פינאַנצען. מיט גרויס בעדויערען האָט ער זיך אָבעגריסען פון זיינע געליעבטע שטודיען און ביבלישע נאָכפאָרשונגען. ער האָט זיך גראָדע געקליבען אָנצושרייבען אַ פירוש אויף מלכים, װען ער איז גערופען געװאָרען צום קעניגליכען הויף. דאָס איז געװען אין 1484, מיט 8 יאָהר פאַר דיא אויס־װײזונג פון אַלע שפּאַנישע אידען.

עס איז אַ חאַונדער װיא אזוי דיא זעלבע קעניגליכע פּאָאַר, װעלכע האָט אזוי אונבאַרמהערציג ארויסגעיאָגט אַלע אידען און איז געװען אונטער דעם איינפלוס פון דער שוידערליכער אינקװי־זיציאָן מיט דעם שרעקליך בעריהמטען טאָרקװעמאַדאָ אַן דער שפּיצע, האָט זיך ערלויבט אַנצופערטרויען דיא פינאַנצען צו אַ איד, נור װאַהרשיינליך האָט מען זיך אַנדערש ניט געקענט העל־

פען. דיא פינאַנצען פון דער פעראייניגטער שפּאַנישער מלוכה (איזאבעלאַ איז געווען דיא קעניגין פון אראַגאָן און פערדינאַנד — דער קעניג פון קאַסטיל) זיינען געווען אין אַ זעהר שלעכטען צו־שטאַנד, און אברבנאל'ס שם אלס גוטער, עהרליכער און פעהיגער פינאַנץ־מיניסטער איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז מען האָט גאָר ניט געאַכטעט, וואָס ער איז אַ איד, און איהם אָנגעשטעלט צו פער־בעסערען דיא לאַגע און אָנצופילען דיא פּוסטע קעניגליכע קאַסע.

ער איז געווים געווען ניצליך דער קעניגליכער פּאָאָר און דער רעגיערונג, ווען ער איז 8 יאָהר נאָכאַנאַנד פערבליבען פינאַנץ־מיניסטער, און דאָס נאָך אין אַ צייט, ווען דער שיקזאַל פון אַלע אידען אין שפּאַניען איז געהאַנגען אויף אַ האָאָר, ווען דיא אינקווי־זיציאָן האָט געברענט מאַראַנען און האָט פערביטערט און פעראונ־גליקט דעם לעבען פון יעדען איד אויף יעדען שריט. ער וואָלט נאָך געקענט פערבלייבען מיניסטער אפילו נאכדעם, וויא מען האָט אַלע זיינע ברידער אַרויסגעיאָגט, ווען ער וואָלט עס וועלען, ווען זיין עדעלע נשמה און עהרענגעפיהל וואָלטען עס איהם דערלאָזען. דער קעניג פערדינאַנד, וועלכער ווערט גערופען אין דער געשיכטע „קאַטאָליק" און וועלכער האָט פערדיענט דיזען נאָמען פאַר זיין איבערגעבענהייט צו דער קאַטאָלישער קירכע און צו דער אינקווי־זיציאָן, האָט פון דעסטוועגען גאָר ניט געאַכטעט אויף דיא קאַ־נאָנישע (גייסטליכע) געזעצע און אויף דיא בעשליסע פון דיא קאָר־טעסען (פּאַרלאַמענט), אַז מען טאָר ניט צולאָזען אידען צו פער־נעהמען אירגענד וועלכע עפענטליכע פּלעצער, און האָט דאָך געהאַל־טען אברבנאל'ן אַלס פינאַנצמיניסטער און געפרעגט זיין ראַטה אין וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען — אַזוי נויטיג האָט ער איהם בע־דאַרפט האָבען.

אברבנאל האָט אָנגענומען דיזען הויכען און וויכטיגען פּאָסט ניט אַזוי צוליעב פּערזענליכע אינטערעסען און כבוד — ער וואָלט צופריעדען געווען צו לעבען און צו שרייבען אין רוהע — וויא צו־ליעב דיא אינטערעסען פון זיינע אונגליקליכע ברידער. אַליין האָט ער דאָן געקענט לעבען וויא אַ פּרינץ. אין איינע פון זיינע

שריפטען דערצעהלט ער, אז ער איז געוואָרען זעהר רייך אין דעם קעניגליכען דיענסט, האָט געקויפט לאַנד און שלעססער און איז געווען זעהר אָנגעזעהען אין קעניגליכען הויף און בעפריינדעט מיט הויכע אַריסטאָקראַטען. ער האָט זיך אָבער גאָר ניט גוט געפיהלט אין דיזע הויכע פענסטער, ווייל זיינע ברידער זיינען שרעקליך פער־פאָלגט געוואָרען. וויא וויט ער האָט נאָר געקענט, האָט ער זיי געשטיצט און געהאָלפען. ער איז געווען זייער שוץ־וואַנד אין שפּאַניען, אַזוי וויא פריהער אין פּאָרטוגאַל. ווען עס האָט זיך גע־האַנדעלט צו רעטען א אידען, און ער האָט געזעהען, אז ער קען עפּעס אויספיהרען מיט זיין איינפלוס אין קעניגליכען הויף, האָט ער זיך איין מינוט ניט אָבגעשטעלט און האָט גאָר ניט געאַכטעט אויף זיינע פּערזענליכע אינטערעסען צו טאָן דאָס, וואָס זיין גע־וויסען האָט איהם געבאָטען, וואָס ער האָט בעטראַכטעט פאַר זיין הייליגסטע פּפליכט. ער איז געווען דער מליץ יושר פון זיינע ברי־דער אין פולען זינען פון דיזען וואָרט.

דיא דאָמיניקאַנער גלחים, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט דיא מענשענפרעסענדע אינקוויזיציאָן, און אַנדערע פאַנאַטישע גלחים האָבען אויסגעטראַכט פערשיעדענע בלבולים צו שעדיגען דיא אי־דען, וועלכע האָבען זיך אַזוי אויך געפונען אין א פערצווייפעלטער לאַגע. דיזע פערדיגער פון דער „ברודערליעבענדער רעליגיאָן“ האָבען זיך ניט געקענט בערוהיגען זאָ לאַנג איין איד איז פערבלי־בען אין שפּאַניען און זיי האָבען געהעצט דעם עולם מיט געשיכטען וועגען שענדונג פון קרייץ און וועגען עלילת דם. טאָרקוועמאַדאָ, דער הויפּט־אינקוויזיטאָר, פלעגט נאָר זוכען פאַנאַנדערצובלאָזען אַזעלכע בלבולים, אום צו האָבען אָפּפער פאַר דיא אָטאָ־דאַ־פעס, וועלכע זיינען געוואָרען א גאַנץ געוועהנליכער שוישפּיעל אין שפּאַ־נישע שטעדט.

דיא אידען פון דער שטאָדט לאַ־גאַרדיא זיינען פערלוימדעט געוואָרען, דאָס זיי האָבען גע׳גנב׳עט און געקרייציגט א קריסטלי־כעס קינד. טאָרקוועמאַדא האָט גלייך געשיקט זיינע מלאכי־חבלה נאָכצופאָרשען דיא קלאַגע, און דער רעזולטאַט איז געווען,

דאָס עטליכע אידען זיינען פערברענט געוואָרען נאָך אַן אינקוויזיטאָרישען דין ומשפט לשם שמים. אויף דיא אידען פון וואלענסיא האָט מען ארויפגעוואָרפען אַ בלבול, דאָס זיי האָבען געוואָלט קרייציגען אַ קריסט, נאָר מען האָט זיי אונטערבראָכען אין מיטען דער ארבייט.

אין אַזעלכע פעלע פלעגט זיך אברבנאל בעזאָנדערס אנשטרענגען צו רעטען פון דיא בלוטיגע הענד פון דער אינקוויזיציאָן אַזוי פיעל אָפּפער, וויפיעל עס איז נאָר מעגליך געווען. ער האָט געברויכט זיין תורה, חכמה, ענערגיע און איינפלוס צו בעווייזען דיא פאלשקייט פון אַזעלכע בעשולדיגונגען. אין אַלגעמיינען האָט ער זיך געסטארעט, אז אַלע אידען זאָלען ניט ליידען דורך זייערע פערבינדונגען מיט דיא נאָך מעהר אונגליקליכע מאראנאָס, וועלכע האָבען געלעבט אין שטענדיגען טויטשרעק דורך דיא שפּיאָנען פון דער אינקוויזיציאָן.

❧ ❧ ❧

.3

דער שפּאַניש־אַראַבישער קאַמפּף. — דיא אידען פון מאַלאַגא אויסגעקויפט. — דער פאַל פון גראַנאַדאַ. — דיא שפּאַנישע הערשער ברעכען דעם אָפּמאַך מיט דעם מאהאמעדאנער קעניג. — דער אויסווייזונגבעפעהל. — אברבנאל׳ס ביטעם און טאָרקוועמאדא׳ס סטראשונקעס. — אברבנאל׳ס עדעלמוטהיגער ענטפער.

אין דער צייט, ווען אברבנאל איז געוואָרען פינאַנץ־מיניסטער אין שפּאניען האָט פערדינאנד־קאטאָליק געפיהרט א הייליגע מלחמה מיט גראַנאַדאַ, דיא לעצטע מלוכה פון דיא אראַבען, וועלכע האָבען מיט 700 יאָהר צוריק בעהערשט כמעט דעם גאַנצען פּירענאישען האַלבאינזעל. דיזע מלחמה, וועלכע איז געוועזן א גרויסער אונגליק פאר דיא אידען, האָט זיך געצויגען צעהן יאָהר. זיא האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 1481 און האָט באַלד געקראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ פאַנאַטיש־רעליגיעזען קאַמפּף. דיא שפּאַניער האָבען געקעמפּפט צו מאַכען דעם גאַנצען פּירענעאישען האַלבאינזעל קאַטאָליש און צו פעריאָגען יעדען מוסולמאַן, יעדען איד און איבערהויפּט יעדען איינעם, וואָס איז ניט אנערקענט געוואָרען פאַר אַ קריסט פון דער קאַטאָלישער קירכע. דיא נאַציאָנאַלע פעראייניגונג פון שפּאַנישען פאָלק איז אין דיזער מלחמה פערבונדען געוואָרען מיט דעם לאַנגען קאַמפּף צווישען קריסטענטהום און מאהאמעדאניזמוס, און דיא מאַסען פון ביידע זייטען זיינען פאַנאַטיזירט געוואָרען.

אין גראַנאַדע האָבען זיך געפונען אַ סך אידען. זייער צאָהל איז אַלץ גרעסער געוואָרען דורך דיא מאַראַנאָס, וועלכע פלעגען זיך רעטען דאָרטען פון דיא בלוטהינד פון דער אינקוויזיציאָן. מען קען ניט זאָגען, אז דיא לאַגע פון אידען איז צו דער צייט געוועזן אַ

גוטע אין דער מאהאמעדאנער מלוכה; אָבער אין פערגלייך מיט שפּאַניען איז דאָרטען פאַר זיי געווען א גן־עדן. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דורך דעם פאַל פון גראַנאַדאַ וועט זייער לאגע נאָך שרעקליכער ווערען; אָבער זיי האָבען גאָר ניט געקענט העלפען דיא מאהאָמעדאַנער, וועלכע זיינען אָבגעשוואַכט געוואָרען דורך אינערליכע שטרייטען. דיא שפּאַנישע רעגיערונג האָט נאָך ארויפגעלייגט אַ ספּעציעלען שטייער אויף דיא אידען, אום צו דעקען דיא אויסגאַבען פון דיזער אונגליקליכער פאַר זיי מלחמה. מען האָט אַזוי געצוואונגען דיא אידען אויסצוגראָבען זיך א קבר.

דאָ איז ניט דער אָרט צו בעשרייבען דיזען לעצטען בלוטיגען קאַמפּף צווישען קריסטען און מאַהאַמעדאַנער אויף דעם פּירענעאישען האַלבאינזעל. נאָך פּיעלע שלאַכטען האָבען דיא אראַבען זיך געמוזט אונטערגעבען. אין 1487 איז דער פּאָרט מאַלאַגאַ אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא שפּאַניער. אַלע ניט־קריסטליכע איינוואָהנער זיינען ערקלערט געוואָרען פאַר שקלאַווען. צווישען אַזעלכע האָבען זיך געפונען 450 אידען. נאָר זייערע ברידער אין שפּאַניען האָבען זיך אָנגעשטרענגט זיי צו ערלייזען. יצחק אברבנאל און זיין פריינד אברהם סעניאָר, דער הויפּט־זאַמלער פון שטייערן אין קאַסטיל, האָבען אָרגאַניזירט אַן אויסקויפס־קאָמיטעט, און דער יונגער שלמה אבן ווירגא, וועלכער האָט שפּעטער אָנגעשריעבען דאָס היסטאָרישע ווערק „שבט יהודה“, איז ארומגעפאָהרען איבער אידישע געמיינדען אין שפּאַניען צו זאַמלען נדבות פאַר דיא אידישע געפאַנגענע. מען האָט אַזוי צוזאַמענגעקליבען ביז 100 טויזענד טאַלערס און מען האָט אויסגעקויפט אַלע אידען פון מאַלאַגאַ.

ענדליך איז געקומען דיא רייהע פון דער פּראַכטפאָלער הויפּט־שטאָדט גראַנאַדאַ אריינצופאַלען אין פערדינאַנד'ס הענד. דער לעצטען מאַהאָמעדאַנער קעניג מולעי אבו־אבדאַלאַה האָט זיך ארומגעזעהען, אַז יעדער ווייטערער ווידערשטאַנד איז נוצלאָז, וויל דיא שפּאַניער זיינען צאָהלרייכער און שטאַרקער, און ער האָט דארום געשלאָסען אַ געהיימען אָפּמאַך אין 1491 מיט דער

קעניגליכער פּאָר פון שפּאַניען זיי איבערצוגעבען דיא שטאָדט אין פערלויף פון צוויי מאָנאַט. דערפאר האָט ער געקראָגען ציממ־ליך גוטע בעדינגונגען פאר דיא מאָהאַמעדאנער איינוואָהנער: רע־ליגיעזע פרייהייט, אייגענע ציוויל־געזעצע, דאָס רעכט אויסצו־וואַנדערן, א. ז. וו. אויך האָט דער מאָהאַמעדאַנער קעניג אויס־גערעדט, אז מען זאָל ניט העכערען דיא שטייערען און ניט פער־פאָלגען דיא קריסטען, וועלכע האָבען זיך בעקעהרט צו דער מאָ־האמעדאנער רעליגיאָן אָדער וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון דער אינקוויזיציאָן. דיא אידען זיינען אריינגערעכענט געוואָרען אין דעם כלל פון דער בעפעלקערונג פון גראַנאַדאַ. נאָר דיא מאַראַנאָס, וועלכע זיינען אָפען געוואָרען אידען, האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד אין פערלויף פון דעם ערשטען מאָנאַט נאָך דער אונטערגע־בונג פון דער שטאָדט. דיא יעניגע, וואָס וועלען פערבלייבען לענ־גער, האָט מען אָפּגעמאַכט איבערצוגעבען אין דיא הענד פון דער אינקוויזיציאָן. אין בעצוג אויף דיא אידען האָט דער מאָהאמע־דאַנער קעניג נאָר אויסגערעדט, אז קיינער פון זיי זאָל ניט אָנגע־שטעלט ווערען אלס ריכטער, בעפעהלגעבער אָדער טאַקס־זאַמלער איבער דיא אראַבען אין גראַנאַדאַ.

נאָר דער היפּאָקריטישער און פאַלשער פערדינאַנד־קאַטאָליק האָט גאָר ניט געדיינקט צו האַלטען ריכטיג דיזע בעדינגונגען. ער האָט נאָר אונטערגעשריעבען דעם אָפּמאַך, אום צו בעהערשען וואָס גיכער גראַנאַדאַ. רעליגיעזע פרייהייט איז נאָך דאַן אין ערגעץ ניט איינגעפיהרט געוואָרען און דאָס האָט וויניגער פון אַלץ גע־שטימט מיט דעם כאַראַקטער פון דיא דאַמאָלסדיגע שפּאַניער און מיט דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָן פון דער שפּאַנישער מלוכה. א צייט, ווען דיא אינקוויזיציאָן האָט געפּייניגט און געברענט לשם שמים טויזענדער מענשען, ווייל מען האָט זיי בלויז חושד געווען אין אפּיקורסות, האָט ניט געקענט דולדען דעם מינדעסטען שיין פון רעליגיעזע פרייהייט. צוערשט האָט מען געבראָכען דיא פּונק־טען פון דעם אָפּמאַך וועגען דיא אידען. זיי זיינען, וויא געוועהנ־ליך, געווען דיא ערשטע כפרה־הינדעל.

דעם 2טען יאנואר, 1492, זיינען פערדינאַנד און איזאַבעלאַ אַריין מיט גרויס פּאַראַד אין גראַנאַדאַ. דער לייכטזיניגער מולעי אַבו־אַבדאַלאַה האָט געוואָרפען דעם לעצטען בליק אויף זיין פּראַכטפאָלען פּאַלאַץ, דעם גלאַנץ פון דער מאַוריטאַנער אַרכיטעקטור, און האָט זיך זיפצענדיג געזעגענט מיט זיין הויפּט־שטאָדט, וואו דיא אַראַבער האָבען געהערשט קנאַפּע 800 יאָהר. מען האָט איהם אָבגעגעבען אַ פּאַלאַץ און אַ סך לאַנד אין אַלפּונאַראַס, לעבען גראַנאַדאַ; אָבער ער האָט ניט געקענט אַריבערטראָגען זיין אונטערטהעניגקייט צו שפּאַניען און איז אין אַ קורצע צייט אַרום אַוועק צוריק נאָך אַפריקאַ, פון וואַנען זיינע אורעלטערן זיינען געקומען. אַזוי איז פערשוואונדען דער לעצטער צייכען פון דער אַראַבישער הערשאַפט אין שפּאַניען.

וויא נור פערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָבען געקענט אויפהערען דעם קריסטליכען פלאַג פון שפּאַניען אויף דעם הערליכען אַלהאַמבראַ פּאַלאַץ, האָבען זיי שוין געטראַכט צו פערטרייבען דיא אידען. דיא אינקוויזיציאָן האָט עס געפאָדערט, און טאָרקוועמאַדאַ האָט געקוואָלען ביי דעם געדאַנקען, וויא ער וועט קענען פערברענען אַ סך מאַראַנאַס און אָנמאַכען נאָך מעהר צרות דיא אידען. אום יוצא צו זיין אַ ביסעל פאַר דער וועלט און צו האָבען אַ תירוץ צו ברעכען דעם אָפּמאַך מיט מולעי אַבו־אַבדאַלאַה וועגען רעליגיעזע פרייהייט, האָבען פערדינאַנד און איזאַבעלאַ געשיקט געזאַנדטע צום פּאַפּסט אינאָסענט 7 מיט אַן ערקלערונג, אַז דיא שפּאַנישע רעגיערונג איז צופריעדען צו פערטרייבען אַלע אידען פון לאַנד, אויב ער, אַלס פערטרעטער פון יעזוס קריסטוס אויף דער ערד, וועט פריהער דאָס זעלבע טאָן אין זיין לאַנד. אָבער דיזער פּאַפּסט, וויא פערדאָרבען ער איז ניט געווען, האָט זיך ענטזאַגט צו בעוויליגען דעם פערלאַנג פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציאָן. דיא אידען אין איטאַליען האָבען זיך בעצייטענס דערוואוסט דערפון און האָבען ניט געדרעמעלט ביז זיי האָבען אויסגעפיהרט, אַז דער פּאַפּסט זאָל צוריקווייזען דעם שפּאַנישען פאָרשלאָג.

דאַן האָבען פערדינאַנד און איזאַבעלאַ בעשלאָסען אויסצו־

פיהרען זייער וואונש און דעם פערלאַנג פון דער אינקוויזיציאָן אָהן דער צושטימונג פון פאַפּסט. פערברענגענדיג לוסטיג דיא צייט אין דעם אַלאַהאַמבראַ־פּאַלאַץ, האָבען זיי אונטערשריעבען דעם באַרבאַרישען בעפעהל דעם 31טען מערץ, 1492, אז אין פערלויף פון 4 מאָנאַט מוזען אלע אידען פון קאַסטיל, אַראַגאָן, סיציליען און סאַרדיניען — דאָס הייסט, פון דער גאַנצער דאַמאָלסדיגער שפּאַנישער מלוכה — אַרויסוואַנדערן אונטער א טויטשטראָף. מען האָט זיי נאָר געלאָזען דיא ברירה זיך צו טויפען, ווען זיי ווילען פערבלייבען אין דעם לאַנד, וואו זייערע אור־עלטערן האָבען זיך בעזעצט נאָך מיט א 500 יאָהר פאר יעזוס'עס געבורט.

וויא שרעקליך דיזער בעפעהל איז ניט געוועזן, איז ער נאָך גרויזאַמער געוואָרען דורך דעם, וואָס מען האָט דיא אונגליקליכע ניט ערלויבט מיטצונעהמען גאָלד, זילבער געלד און איבערהויפּט אַזעלכע אַרטיקלען, וועלכע עס איז פערבאָטען געוועזן צו עקספּאָרטירען. אין דער פּראָקלאַמאַציאָן, וועלכע פערדינאַנד און איזאַבעלא האָבען אַרויסגעלאָזען, אום צו רעכטפערטיגען זייער גרויזאַמקייט צו דיא אידען, האָבען זיי קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגען דיא געוועהנליכע קלאַגען, וויא דיא שענדונג פון קרייצען, עלילת דם, וואוכעריי, א. ז. וו. אַלס הויפּט־גרונד האָבען זיי אָנגעגעבען, דאָס זאָ לאַנג אידען וועלען פערבלייבען אין לאַנד, וועט מען ניט קענען מאַכען דיא מאַראַנאָס פאר אויפריכטיגע קריסטען. שוין לאַנג האָט מען בעדאַרפט פעריאָגען דיא אידען, אום דיא מאַראַנאָס זאָלען זיך ניט קענען אָפּטרייסלען פון קריסטענטהום — ווערט ערקלערט אין דער פּראָקלאַמאַציאָן — נאָר מען האָט גערעכענט, אז מען וועט דערגרייכען דיזען הייליגען צוועק, ווען מען וועט אויסווייזען דיא אידען פון דער פּראָווינץ אַנדאַלוזמען און מען וועט שטרענג בעשטראָפען דיא שולדיגע; אָבער אזוי וויא דאָס האָט שליסליך ווייניג געהאָלפען, זאָ איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געבליבען וויא צו פעריאָגען אַלע אידען פון לאַנד, אום אַלע אַפּיקורסים און מאַראַנאָס זאָלען זיך אומקעהרען צו דער הייליגער קאַטאָלישער קירכע.

דער גרונד פון דעם שרעקליכען בעפעהל איז אלזאָ געווען א ריין־רעליגיעזער. דיא פּראָקלאַמאַציאָן האָט עס גאָר ניט געזוכט צו בעהאַלטען. אלע אידען האָבען אויף דיעזער ווייזע גע־ליטען פאר דיא אונגליקליכע, וועלכע מען האָט מיט געוואלד געטויפט און וועלכע האָבען זיך נעבעך מוסר נפש געווען אויף יעדען שריט, אום צו בלייבען ביי דער רעליגיאָן פון זייערע עלטערן. דיעזע פּראָקלאַמאַציאָן איז אויך א בעוויז, אז דיא שפּאַנישע אידען זיינען ניט געוועזען וואוכערניקעס און האָבען זיך מייסטענס בעשעפ־טיגט מיט האַנדעל און האַנדווערקען. דיא פערבלענדעטע שפּא־ניער האָבען עס א קורצע צייט נאָך דער אויסווייזונג דערפיהלט, דען זייער לאַנד איז אלץ אָרימער און הינטערשטעליגער געוואָרען.

דיא קעניגליכע פּאָאָר מיט זייערע ראַטהגעבערס, דיא גראַנ־דען און פיהרערס פון דער קאַטאָלישער קירכע, האָבען ניט בערע־בענט, ווען זיי האָבען אונטערשטיצט דעם פּאָרשלאָג פון דער אינ־קוויזיציאָן, דאָס זיי פעריאָגען איינפאַך דעם ניצליכסטען און ארבייטסזאַמסטען קלאַס אין לאַנד. אום קיין איד זאָל ניט קע־נען פערבלייבען אפילו א קורצע צייט נאָך דעם בעשטימטען טער־מין, האָט מען שטרענג פערבאָטען דיא קריסטען זיי צו העלפען אָדער צו בעהאַלטען. דיא שטראָף דערפאַר איז געווען קאָנפיס־קאַציאָן.

דיא לאַגע פון דיא אידען איז געווען אזא שרעקליכע, אז מיר קענען זיך עס קוים פאָרשטעלען. עס איז אמת, אז זיי האָ־בען זיך געריכט, דאָס דיא אינקוויזיציאָן וועט שליסליך צווינגען דיא רעגיערונג זיי ארויסצויאָגען; אָבער דאָך האָבען זיי אלץ געהאָפט, אז עס וועט נאָך לאַנג דויערען און האָבען גערעכענט אויף דעם, דאָס זיי זיינען זעהר ניצליך פאַר דעם האַנדעל און אויך אלס בעלי מלאכות. יעדענפאַלס האָבען זיי ניט ערוואַרטעט, דאָס דער גרויזאַמער בעפעהל זאָל ארויס אין דער צייט, ווען פער־דינאַנד און איזאַבעלאַ האָבען געפייערט זייער זיעג איבער דיא אראַבען, וועלכע זיי האָבען פערשפּראָכען זאָגאַר רעליגיעזע פריי־

הייט. דער בעפעהל האַט זיי דארום געטראָפען און נידערשלאָ־גען וויא א דונער.

אברבנאל איז גלייך אוועק נאָך גראנאדא ביטען דעם קעניג און דיא קעניגין רחמנות צו האָבען אויף זיינע ברידער און צוריק־צו רופען דעם בעפעהל. ער האַט געהאַפט עפּעס אויסצופיהרען מיט זיין איינפלוס און זיינע ערקלעהרונגען וועגען דעם שאדען פאר שפּאניען, ווען דיא אידען וועלען אויסוואנדערן. ער איז פריינדליך אויפגענומען געוואָרען אין קעניגליכען הויף, וואו פיעלע גראנדען האָבען איהם אונטערשטיצט. אום צו פערשטארקערן דעם איינדרוק פון זיינע ארגומענטען האַט ער אויך פּאָרגעשלאָגען אין נאָמען פון אלע אידען א ריזיגע סומע געלט, ווען מען וועט צוריקרופען דעם בעפעהל.

פערדינאנד, וועלכער האַט זיך שטענדיג גענויטיגט אין געלט, און האַט ניט פערשטאַנען, וויא פיעל זיין קאסע און זיין לאנד וועלען ליידען דורך זיין באַרבאַרישען בעפעהל, האַט זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דאָס געלד, וואָס מען האַט איהם פּאָרגעשלאָגען. דיא אויסזיכט אָנצופילען זיין קאסע מיט אידישע געלט האַט איהם שטארק געצויגען נאָכצוגעבען אברבנאל׳ס ביטעס, און עס איז מעגליך, אז ער וואָלט צוריקגערופען דעם בעפעהל, ווען טאָרק־וועמאדא, וועלכער האַט זיך צוגעהערט דורך א האלב־אָפענע טיר צום געשפּרעך צווישען אברבנאל און דיא קעניגליכע פּאָאָר, וואָלט זיך ניט אריינגעמישט. וויא נאָר דיעזער ווילד־פאנאַטישער אינ־קוויזיטאָר האַט דערזעהען, אז דער קעניג איז גענייגט נאָכצוגעבען, האַט ער זיך אָהן צערעמאָניעס אריינגעריסען אין זאל מיט א צלם אין האנד און האָט מיט א דונערנדע שטימע אויסגערופען: „יהודה איסקאריאָט האַט פערקויפט יעזוס׳ן פאר דרייסיג שטיק זילבער, און אייערע מאיעסטעטען ווילען איהם פערקויפען פיר 300 טויזענד דוקאטען. אָט איז ער, נעהמט איהם, פערקויפט איהם!" און אוועקלייגענדיג דעם צלם, איז ער ארויס אין גרויס צאָרן.

דיעזע ווערטער האָבען געמאַכט א בעזאָנדערס טיעפען איינ־

דרוק אויף דיא קעניגין. זיא האָט זיך איינגעשפּארט, אז דער בעפעהל מוז אויסגעפיהרט ווערען אין נאָמען פון גאָט און פון דער קאטאָלישער קירכע און האָט אויך געווירקט אויף דעם קעניג ער זאָל זיך האַלטען פעסט און ניט אָננעהמען דיא גרויסע געלט, וואָס אברבנאל האָט געהאט אָנגעגרייט. אברבנאל האָט געמוזט פארלאָזען דעם קעניגליכען זאָל א געבראָכענער אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. פאר'ן ארויסגיין האָט איהם פערדינאנד געבעטען פערבלייבען אין שפּאניען אלס פינאנץ־מיניסטער, אָבער דער עדעלער מאַן האָט טרויעריג געענטפערט:

„יעצט אינטערעסירט מיך ניט מיין שטעלע: וואו מיינע ברידער וועלען זיין, דאָרט וועל איך זיין“.

❧ ❧ ❧

4.

דיא אויסוואנדערונג. — רעגיערונג און קירכע פערבונדען צו בערויבען דיא אידען. — טאָרקוועמאדא׳ס מלאכי־חבלה און דיא מאַראַנאַס. — דיא טויפע פון אברהם סעניאָר. — נאָך אַ שרעקליכער תשעה באב. — דעפּוטאַציאָן צום פּאָרטוגעזער קעניג. — אברבנאל׳ס אויסוואנדערונג נאָך נעאַפּעל. — דיא אידישע קללה און שפּאַניען׳ס שטראָף.

ענדע אפּריל 1492 זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען עסטאַפּעטען איבער׳ן גאנצען לאנד אָנצוזאָגען דיא אידען דיא ביטערע בשורה, אז זיי האָבען נור צייט ביז ענדע יולי צו קלייבען זיך אין וועג און אז ווער פון זיי עס וועט געפונען ווערען שפּעטער אין שפּאַניען, וועט דערפאר בעצאָהלען מיט זיין לעבען.

מען קען זיך פאָרשטעלען, וויא דיא שפּאנישע אידען האָבען זיך געפיהלט, ווען זיי האָבען געהערט דיא טרומייטערס און געשרייען פון דיא עסטאַפּעטען, אז זיי מוזען אין פיער מאָנאַט צייט פערלאָזען דאָס לאנד, מיט וועלכע זיי זיינען צוזאמענגעוואקסען געוואָרען זייט וועניגסטענס 15 הונדערט יאָהר און וועלכע זיי האָבען געליעבט טראָץ אלע אונגערעכטיגקייטען און פערפאָלגונגען נאָכדעם וויא דיא דאָמיניקאנער גלחים האָבען געקראָגען דיא אויבערהאנד. זייער פערצווייפלונג איז נאָך גרעסער געוואָרען דורך דעם, וואָס אין זעהר וועניגע ערטער אין אייראָפּא האָבען זיי געקענט האָבען אַ בעסערע בעהאַנדלונג, ווי אין זייער געבורטסלאנד, שוין ניט ריידענדיג פון אַ פריינדליכע אויפנאַהמע. אין אלע קריסטליכע לענדער האָבען זיי נאָר געקענט ערווארטען ערנידעריגונגען און פערפאָלגונגען. וואוהין וואנדערט מען אוים? וואו קען מען קריעגען אַן אָרט זיך אָפּצורוהען? וואו

קען מען האָפען צו בעזעצען זיך אזוי, אז מען זאָל דאָרט זיכער זיין צו פערבלייבען?

דיזע פראגען האבען זיי אלעמען געלעכערט דיא הערצער. זיי האבען מיט פערצווייפלונג געקוקט אויף זייער צוקונפט אין פיינדליכע לענדער, וואו זיי האבען צוערשט געמוזט לערנען דיא שפראך, אום צו קענען דערהאלטען דיא נשמה אין גוף. נאָר זייער פעסטער גלויבען האט זיי אויפגעמונטערט אריבערצוטראָגען אזעלכע שרעקליכע צרות. זעהר אַ קליינע צאָהל איז אזוי ווייט געבראָכען געוואָרען, אז זיי זאָלען אָננעהמען דעם גלויבען פון זייערע גרויזאמע פערפאָלגערס, אום צו קענען פערבלייבען אין לאנד אונטער דער שרעקליכער השגחה פון דער אינקוויזיציאָן. זיי האבען געטרייסט און אויפגעמונטערט איינע דיא אנדערע מיט דיא ווערטער: „פערליערט ניט דעם מוטה און שטארקט זיך. לאָמיר בלייבען טריי דעם גלויבען פון אונזערע עלטערן. ווען מען וועט אונז לאָזען לעבען, וועלען מיר לעבען; ווען מען וועט אונז טויטען, וועלען מיר שטארבען וויא אידען. גאָט וועט אונז ניט פערלאָזען!"

מיט דיזען בטחון אויף גאָט האבען 300 טויזענד אידען זיך גענומען צום גלות־שטעקען און זיינען אוועק אין אנדערע לענ־דער. פיעלע זיינען געגאנגען וואו דיא אויגען האבען זיי געטראָגען. אויסער ווייטאָג און הארצקלעמענעס, וואָס זיי מוזען אויסוואנדערען פון זייער אלטע היימאטה, האבען זיי נאָך געמוזט זיך שלעפען מיט כמעט ליידיגע קעשענעס. אפילו דיא רייכערע זיינען רואינירט געוואָרען דורך דעם קורצען טערמין פון דער אויסוואנדערונג. ווען מען האָט ארויסגעיאָגט אידען פון ענג־לאנד צו ענדע פון 13טען יאָהר הונדערט און מיט הונדערט יאָהר שפעטער פון פראנקרייך, האָט מען זיי וועניגסטענס ערלויבט מיט־צונעהמען אלע זייערע זאכען, זייער גאָלד און זילבער. אָבער דיא גרויזאמקייט פון דיא שפאנישע פאנאטישע הערשער איז אזוי ווייט געגאנגען, אז מען האָט ניט געלאָזען דיא אידישע קויפלייט־טע און באנקירען מיטנעהמען זייער געלט. דיא אונגליקליכע

האָבען זיך געזוכט צו העלפען דורך וועקסלען, וויא ווייט דיא אומ־שטענדען האָבען עס ערלויבט. דיא מאַראַנאָס וואָלטען נאַטיר־ליך גערן געהאָלפען זייערע ברידער אין נויט און זיי געבען וועקס־לען, ווען זיי וואָלטען ניט געציטערט פאר דיא אינקוויזיציאָן.

דיא אידען, וואָס האָבען בעזעסען לאַנד און הייזער, האָבען עס געמוזט פארקויפען פאר א קליינינקייט. זיי האָבען זיך געמוזט בעטען ביי דיא קריסטען צו געבען זיי וואָס ניט איז פאר זייערע מאַיאָנטקעס. שעהנע הייזער זיינען אין איינינע ערטער אָפּגע־געבען געוואָרען פאר אַן עזעל, וויינגערטנער — פאר א שטיק ליי־וועגט אָדער טוך... אזוי איז עס צוגעגאַנגען אין קאַסטיל. אין איינינע טהיילען פון שפּאַניען, ספּעציעל אין אראַגאָן און קאַטאַ־לאָניא, האָט מען נאָך פערבאָטען דיא קריסטען אָפּצוקויפען וואָס ניט איז ביי דיא אידען. טאָרקוועמאַדאַ האָט אזוי בעפוילען אין נאָמען פון דער „הייליגער אינקוויזיציאָן“, אום צו טרייבען דיא אידען צום שמד. פערדינאַנד האָט איינפאַך קאָנפיסקירט זייער פערמעגען מיט דעם תירוץ, אז זיי זיינען אויך שולדיג דיא קליינ־טערס געוויסע חובות. דער קעניג און דיא קאַטאָלישע קירכע האָבען זיך פערבונדען, אום צו בערויבען דיא אידען אויף דער שענדליכסטער און גרויזאַמסטער אַרט.

רעכענענדיג, אז דיא אידען וועלען דורך אזעלכע אונמענש־ליכע האַנדלונגען זיך טויפען אוים פערצווייפלונג, האָט טאָרקווע־מאַדאַ ארויסגעשיקט דאָמיניקאַנער גלחים צו פּרעדיגען אין דיא סינאַגאָגען און אין דיא אידישע קווארטאַלען, אז זיי זאָלען רע־טען אויף יענער וועלט זייערע נשמות און אויף דיזער וועלט זייערע פערמעגענס דורך א טויפע. דיזע דרשות האָבען אָבער גאָר ניט געווירקט. דיא אידען האָבען נאָר געקוקט מיט האַס אויף זייערע פיינינער, וועלכע זיינען געקומען צו זיי מיט האָניג אויף דיא ליפּען, זיי האָבען געוואוסט, אז הינטער דיזע זיסע רייד פלאַקערען שייטערהויפענס, זיי האָבען צו גוט געוואוסט, ווי דיא אינקוויזיציאָן פּייניגט און ברענט דיא אונגליקליכע מאַ־ראַנאָס. אפילו דיא יעניגע, וועלכע וואָלטען ניט אויסגעהאַלטען

דעם נסיון און וואָלטען זיך געטויפט אונטער אנדערע אומשטענ־
דען, האָבען מורא געהאַט דאָס צו טהאָן, ווייל דיא מאַראַנאָס
האָבען זיך געמאַטערט וויא אין אַ גיהנם. אין דער צייט, ווען
מען האָט געיאָגט דיא אידען, האָט מען געברענט דיא מאַראַנאָס.
גליקליך זיינען געוועזען דיא יעניגע מאַראַנאָס, וועלכע האָבען זיך
געקענט ארויסרייסען פון שפּאַניען אָדער וועלכע דיא אינקוויזי־
ציאָן האָט נאָר פערורטהיילט צו תשובה־שטראָפען.

נאָכדעם וויא גראַנאַדאַ איז איבערגעגאַנגען צו דער שפּאַני־
שער קרוין האָט טאָרקוועמאַדאַ ארויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציאָן,
אז דיא יעניגע מאַראַנאָס, וואָס ווילען זיך ווידער אומקעהרען
צו דער „ליעבענדער קאַטאָלישער קירכע“, וועלען בעגנאַדיגט ווע־
רען, און מען וועט זיי צו רוהע לאָזען. דיא „מוטער־קירכע“ וועט
זיי פערגעבען זייער זינד, וואָס זיי האָבען געזוכט רעטונג אין
גראַנאַדאַ און האָבען דאָרטען זיך אָפען ערקלערט פאַר אידען.
עטליכע אזעלכע מאַראַנאָס האָבען זיך געלאָזט איינריידען, נאָר
וויא זיי זיינען אָנגעקומען אין טאָלעדאָ, האָט מען זיי ארעסטירט
און מיט „ליעבע“ פערברענט אויף אַן אַטאָ־דע־פע!...

נאָך אזעלכע שוידערליכע בייש‍פּיעלען פאַר זייערע אויגען
איז קיין וואונדער ניט, וואָס נאָר געצעהלטע רייכע אידען האָבען
זיך געטויפט. דער בעוואוסטער פון זיי איז געוועזען דער אויבענ־
דערמאָנטער אברהם סעניאָר, אברבנאל׳ס פריינד. ער האָט זיך
געטויפט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. מען האָט בעהויפּטעט, אז
ער האָט עס געטהאָן אוים פערצווייפלונג, ווייל דיא קעניגין איזאַ־
בעלאַ, וועלכע האָט איהם געוואָלט אָנהאַלטען פאַר אַ שטייער־
זאַמלער און פינאַנץ־מיניסטער, האָט געסטראַשעט, אז אויב ער
וועט זיך ניט טויפען, וועט מען נאָך מעהר פערפאָלגען און בע־
רויבען דיא אידען פאַר זייער אויסוואַנדערונג. יעדענפאַלס האָט
מען זיך אין קעניגליכען הויף שטאַרק געפרעהט, ווען אזא וויכטיגע
פאַמיליע איז איבערגעגאַנגען צום קריסטענטהום. דער קעניג
זעלבסט און דער קאַרדינאַל פון טאָלעדאָ זיינען געוועזען דיא טויף־
פּאַטערס פון אברהם סעניאָר.

וואָס נעהענטער עס איז געקומען דער פאטאלער טאָג צו פערלאָזען שפּאניען, אלץ הערצרייסענדערע יללות האָבען זיך גע־הערט אין דיא סינאגאָגען און בעזאָנדערס אויף דיא בית־עולם'ס. אין פיעלע שטעדט האָבען זיך דיא אונגליקליכע פערזאמעלט פאר זייער אפּרייזע ארום דיא קברים פון זייערע עלטערן און האָבען אזוי ביטער געקלאָגט און געיאָמערט, אז אפילו קאטאָליקען האָ־בען ניט געקענט איינהאלטען טרערען פון מיטלייד. פיעלע לייכ־טערע מצבות האָבען דיא אידען מיטגענומען אין וועג צום אנדער־קען און א טהייל האָבען זיי אָפּגעגעבען צו דיא מאורען, וועלכע האָבען צו דער צייט אויך פיעל געליטען פון דער אינקוויזיציאָן.

מען האָט דיא אידען געגעבען דריי טעג גנאָדע, זאָ דאָס עס איז געראדע אויסגעקומען, אז זיי האָבען פערלאָזען שפאניען תשעה באב, א טאָג וואָס איז פערצייכענט אין דער אידישער געשיכטע אלס דער אונגליקליכסטער. פון דיא 300 טויזענד אידען, וועל־כע האָבען אויסגעוואנדערט אין 1492 — געראדע אין דעם יאָהר ווען קאָלומבוס האָט ענטדעקט אמעריקא — זיינען דיא מייסטע אוועק נאָך פּאָרטוגאל. אברבנאל האָט ניט געקענט קומען אהין בעטען דעם קעניג זשואן פאר זיינע ברידער, דען מען וואָלט איהם ארעסטירט פאר האָכפעררראַטה. ער האָט דארום געשיקט זיין פריינד, דעם אלטען רב יצחק אבוהב צוזאמען מיט נאָך 30 פאָר־שטעהער נאָך פּאָרטוגאל. זשואן דער 2טער האָט זיי אויפגענומען צימליך גוט, און זיי האָבען אויסגעפיהרט, אז מען זאָל ערלויבען דיא שפּאנישע אידען צו בעזעצען זיך אין פּאָרטוגאל און זיי געבען דיא זעלבע רעכטע, וואָס דיא פּאָרטוגעזער אידען האָבען געהאט. וויא אזוי דער קעניג און דיא פּאָרטוגעזער רעגיערונג האָבען נאכ־הער געבראָכען וואָרט און פערפאָלגט דיא אידען, איז ניט דער אָרט צו ריידען דאָ. אָבער אין דער צייט איז פּאָרטוגאל ווירק־ליך געווען א מקום מנוחה פאר דיא אויסוואנדערער. עס איז שווער צו זאָגען, וואָס עס וואָלט געוואָרען פון דיא שפּאנישע אידען, ווען פּאָרטוגאל וואָלט זיי ניט ארייגעלאָזען.

א טהייל פון דיא אויסוואנדערער, אונגעפעהר 12 טויזענד

נפשות, זיינען אוועק צום נאָרד און האָבען זיך בעזעצט אין דער מלוכה נאַווארא, דיא איבעריגע האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן נאָך אפריקא, טירקיי און איטאַליען, ספּעציעל נאָך נעאַפּעל, וואו עס האָט דאַן געהערשט דער זעהר ליבעראלער קעניג פערדינאַנד דער 1טער, וועלכער האָט געשטיצט דיא וויסענשאַפט און קונסט. צווישען דיא יונגע, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין נעאַפּעל, איז אויך געוועזען יצחק אברבנאל מיט זיין פאמיליע.

קיין איינציגער איד איז ניט געבליעבען אין שפּאַניען, ווען מען זאָל ניט רעכענען דיא מאַראַנאָס, וועלכע מען האָט אַלץ מעהר פערפאָלגט און געברענט לשם שמים. זייער לאַגע איז געוואָרען טויזענד מאָל ערגער נאָך דער אויסוואַנדערונג פון זייערע אידישע ברידער. זיי האָבען אפילו ניט געהאַט פאַר וועמען אויסצוגיסען זייערע ביטערע הערצער. ניט וויינינגער וויא צוויי טויזענד מאַראַנאָס זיינען פערברענט געוואָרען אין דיא אויטאָ־דע־פעס פון דער אינקוויזיציאָן אין דיא 14 יאָהר (פון 1485 ביז 1498), ווען טאָרקוועמאַדאַ האָט אויף אַלעמען ארויפגעיאָגט אַ שרעק. זיין נאָכפאָלגער דעזאַ האָט נאָך מעהר מענשען פערברענט.

דיא אידען האָבען פערשאָלטען דאָס לאַנד, וואו זיי האָבען אם בעסטען געלעבט אין פערלויף פון וויינינגסטענס טויזענד יאָהר און וואו זיי האָבען אויך דערגרייכט דיא העכסטע שטופע פון בילדונג און קולטור; און דיעזע מדינה איז טאַקע געוואָרען אַזוי ווי אַ פערשאָלטענע. זייט דיא פערטריבונג פון אידען הייבט זיך טאַקע אָן דער פאַל פון דער שפּאַנישער אימפּעריע. טראָץ דיא ענטדעקונג פון אמעריקא, טראָץ דיא מאַסען גאָלד און זילבער פון פּערו און מעקסיקאָ, איז זיא אַלץ שוואַכער און אָרימער געוואָרען. דיא קללה פון דיא אידען איז דיעזעס מאָל מקוים געוואָרען — פון אַ מעכטיגע אימפּעריע, דיא גרעסטע אין דער וועלט אין 16־טען יאָהרהונדערט, איז זיא געוואָרען דיא שוואַכסטע און אָרימסטע מדינה אין אייראָפּאַ. סינאַגאָגען האָט מען אומגעוואַנדעלט אין קירכען, דיא אידישע האָספּיטעלער און אנדערע אנשטאַלטען האָט מען קאָנפיסקירט; אָבער זייער פּלאַץ אין האַנדעל און אינדוסטריע

האַט קיינער ניט געקענט פערנעהמען. פיעלע שטעדט, וועלכע זיינען בעלעבט געוועזען דורך דיא טהעטיגקייט פון אידען, זיינען אין אַ קורצער צייט געזונקען צו דער שטופע פון דערפער. דיא גראַנדען האָבען זיך בעקלאָגט, דאָס זייערע שטעדט און דערפער זיינען געוואָרען אָרים און האָבען פערלאָרען זייער פריהערע בעפעלקערונג. ניט איין מאָל האָבען זיי ערקלערט, אַז ווען זיי וואָלטען פאָראויסגעזעהען דיא טרויעריגע רעזולטאַטען פון דער אידישער אויסוואַנדערונג, וואָלטען זיי ארוים געגען דעם קעניגליכען בעפעהל. אַלע קעניגע האָבען דאַן איינגעזעהען, אַז שפּאַניען רואינירט זיך דורך דיא ארויסיאָגונג פון אידען נאָר דיא אינקוויזיטאָרען האָבען זיך וועגען דעם גאָר ניט געקימערט און דיא הערשער פון שפּאַניען זיינען פארבלענדעט געוואָרען פון פאַנאַטיזמוס. מען זאָגט, אַז ווען דער טערקישער סולטאַן באיאַזעט האָט געהערט, וויא מען לויבט דעם שפּאַנישען קעניג אַלס אַ מאַן מיט שכל און אַלס גוטען דיפּלאָמאַט, האָט ער אויסגערופען: „און איהר רופט איהם נאָך קלוגער קעניג, אַ הערשער וועלכער האָט אָרים געמאַכט זיין לאַנד און רייך געמאַכט אונזערע!‟ דיא טערקישע הערשער זיינען דאַן זיכער קליגער געוועזען פאר דיא שפּאַנישע. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז די אידען זיינען זעהר ניצליך פאַר זייער אימפּעריע, און זיי האָבען זיך זיכער ניט גענאַרט, ווען זיי האָבען ברייט געעפענט זייערע פאָרטען און שטעדט פאר דיא שפּאַנישע אויסוואַנדערער.

❦ ❦ ❦

.5

אברבנאל בעשיצט אויך זיינע ברידער אין נעאפעל. — זיין אַפּריזע מיט'ן קעניג נאָך סיציליען. — זיין הויז בערויבט פון פראנצויזישע סאָלדאַטען. — זיין פאמיליע פערוואָגעלט. — דיא ליידען פון זיין עלטסטען זוהן. — זיין אייניקעל געטויפט מיט געוואלט. — אויס־וואנדערונג נאָך קארפו. — זיין ליטערארישע טהעטיגקייט אין קאָרפו און מאָנאָפּאָלי. — זיינע לעצטע יאָהרען אין ווענעציא.

אין אויגוסט 1492 זיינען עטליכע טויזענד שפּאַנישע אידען אָנגעקומען אין נעאפעל, וואו דיא אידישע געמיינדע האָט זיי אמת ברידערליך אויפגענומען. דער קעניג האָט געהאַלטען וואָרט, און האָט געזאָרגט, אז דיא קריסטען זאָלען ניט דריקען דיא עמי־גראנטען. יצחק אברבנאַל, וועמען פערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָ־בען נאָך אַ מאָל געבעטען צו פערבלייבען, איז נאַטירליך פערעהרט געווען פון אַלעמען, ווען ער איז אָנגעקומען אין איטאַליען. וויא נאָר דער נעאַפּאָליטאַנער קעניג האָט זיך דערוואוסט, אז דער גרויסער פינאַנצמיניסטער פון פּאָרטוגאַל און שפּאַניען געפינט זיך אין זיין הויפּטשטאָדט, האָט ער איהם איינגעלאַדען צו זיך און איהם פאָרגעשלאָגען אַ הויכען פּאָסט. דיעזער קעניג האָט דאַן געהאַט צו פיהרען אַ מלחמה מיט פראנקרייך און האָט געהאָפט, אז דער ערפאהרענער אידישער מיניסטער וועט פערבעסערען דיא פינאַנצען פון לאַנד. אַ געוויסע צייט האָט אברבנאַל געקענט זיך אָפּגעבען צו זיין פּירוש אויף מלכים, וועלכען ער האָט נאָך אָנגעפאַנגען אין שפּאַניען, אָבער ער האָט געמוזט אונטערברעכען צוליעב זיין פּאָליטישע טהעטיגקייט אלס מיניסטער און פערט־טהיידיגער פון זיינע אונגליקליכע ברידער.

אויך אין נעאפעל האט אברבנאל געהאט א געלעגענהייט צו בעשיצען דיא אונגליקליכע עמיגראנטען. אין דעם פערצווייפעל־טען און עלענדען צושטאנד, צו וועלכען זיי זיינען געקומען דורך זייערע ליידען ביי דער אויסוואנדערונג, האט צווישען זיי אויס־געבראָכען א מגפה, וועלכע האט א סך פון זיי שנעל בעפרייט פון מאטערנעסען אויף דער וועלט. אום דיא קריסטען זאָלען ניט ארויסטרעטען געגען דיא אונגליקליכע עמיגראנטען, האט אברבנאל געבעטען דעם קעניג, אז מען זאָל וויא ווייט מעגליך ניט בעקאנט מאכען, דאָס א מגפה האט אויסגעבראָכען. דער ליבעראלער קע־ניג האט עס פערשפּראָכען און האט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל יע־דענפאלס בעערדיגען דיא אָפּפער פון דער מגפה ביי נאכט. נאָר דיא מגפה איז געוואָרען אזוי גרויס, אז מען האט איהר שוין מעהר ניט געקענט פערדעקען מיט תירוצים. דאן האט מען אָנגעפאנגען פון אלע זייטען שרייען, אז מען זאָל פעריאָגען דיא שפּאנישע אידען; אָבער דער קעניג האט עס אויף קיין פאל ניט געוואָלט נאָכ־געבען. ער האט געהייסען אויסבויען הינטער דער שטאָדט האָס־פּיטאלען פאר דיא קראנקע פון דער מגפה, און דאָרטען זיינען זיי בעהאנדעלט געוואָרען פון ספּעציעלע דאָקטוירים ביז דיא מגפה איז פאָראיבער.

אברבנאל איז פערבליעבען אין פינאנץ־מיניסטעריום ביז דעם קעניג׳ס טויט. דער יורש פון טראָן, אלפאָנסאָ דער 2טער, האט איהם אָנגעהאלטען אויף דעם זעלבען פּאָסט. דיעזער אלפאָנסאָ איז אזוי געווען צוגעבונדען צו זיין אידישען מיניסטער, דאָס ווען ער האט זיך צוליעב דיא אטאקעס פון דיא פראנצויזען געמוזט אָפּזאָגען פון טראָן צו גונסטען פון זיין זוהן, האט ער איהם מיט־גענומען נאָך סיציליען. נעאפּעל איז דאן אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דיא פראנצויזען, און אברבנאל האט זיך צוריקגעצויגען מיט זיין פאמיליע נאָך סיציליען, וויא דער קעניג אלפאָנסאָ האט איהם געבעטען. דיא פראנצויזישע סאָלדאטען האבען דערפאר בערויבט זיין הויז און צושטערט זיין ביבליאָטהעק, וועלכע איז געווען ביי איהם דיא טהייערסטע זאך.

אברבנאל׳ס פאמיליע, וועלכע האט פיעל געליטען דורך דיזע געצוואונגענע וואנדערונגען, איז דאן צוזעהט געוואָרען. אם ערגסטען האט געליטען זיין עלטערער זוהן יהודה לעאן, בעקאנט אונטער דעם נאָמען מעדיגאָ, ווייל ער איז געווען א גוטער דאָקטאָר. מען האט איהם אזוי געליעבט און אויך געדארפט האבען אלס דאָקטאָר אין שפאנישען הויף, דאָס מען האט איהם געוואָלט פערהאלטען מיט געוואלד. אזוי וויא מען האט ניט געקענט אויספיהרען, דאָס ער זאָל זיך אליין טויפען, האט מען בעשטימט, אז מען זאָל ביי איהם צונעהמען זיין איין־יעהריגען זוהן און גלייך טויפען. מען האט גערעכענט, אז דאן וועט דער פאָטער שוין מוזען פערבלייבען אין שפאניען. אָבער ער האט זיך בעצייטענס דערוואוסט פון דיזען פלאן און האט גלייך אוועקגעשיקט אין געהיים זיין זוהן נאָך פאָרטוגאל, און אליין האט ער זיך אָפּגעטראָגען נאָך נעאפּעל. ער האָט מורא געהאט צו בעזעצען זיך אין פאָרטוגאל און האט איבערהויפט ניט געטרויט דעם קעניג זשואן, וועלכער האט טאקי באלד בעוויעזען, אז ער איז געווען א ניעדערטרעכטיגער טיראן. דיא אידען, וועלכע האבען זיך פערלאָזען אויף זיינע פערשפּרעכונגען, האָבען שרעקליך טהייער בעצאָהלט דערפאר. וויא נאָר דיזער געמיינער קעניג האט זיך דערוואוסט, דאָס יצחק אברבנאל׳ס אן אייניקעל געפינט זיך אין זיין לאנד, האָט ער איהם געהייסען פארהאלטען אלס א משכון. דעם איניגעלע האָט מען נאכהער געטויפט און קיין מאָל ניט ערלויבט צו זעהען זיינע עלטערן...

יצחק אברבנאל איז פערבליבען אין סיציליען ביז דעם טויט פון דעם פּעריאָגטען נעאפּאָליטאנער קעניג אלפאָנסאָ דער 2טער אין 1495. ער האָט אזוי געטריי געדיענט דיזען קעניג אָהן א טראָן, דאָס ער האָט מורא געהאט צו פערבלייבען ווייטער אין סיציליען זאָ לאנג דיא פראנצויזען האבען געהערשט אין נעאפּעל מיט דער מאכט פון זייערע שווערדען. ער איז דארום אוועקגעפאָהרען נאָך דעם אינזעל קאָרפו אלס דעם זיכערסטען אָרט פאר איהם. דאָרט איז ער נאָר פערבליבען ביז דיא פראנצויזען

האָבען זיך געמוזט צוריקציהען פון נעאפּעל. נאכהער האָט ער זיך בעזעצט אין דער איטאַליענישער שטאָדט מאָנאָפּאָלי, וואו ער האָט פערבראכט אכט יאָהר.

אין דיזער צייט, ווען ער איז אין גאנצען געווען פריי פון פּאָליטיק און קעניגליכע הויפען, האָט ער זיך אָפּגעגעבען צו זיינע ביבלישע נאָכפאָרשונגען און רעליגיעז־פילאָזאָפישע שריפטען. ער האָט געארבייט אייפריג, אום אָנצויאָגען דיא צייט, וועלכע ער האָט פערלאָרען אין וועלטליכע אנגעלעגענהייטען. אין קאָרפו האָט ער זיך צוערשט גענומען שרייבען אַ פירוש אויף ישעיה, נאָר ער האָט באלד אונטערבראָכען דיזע ארבייט, ווען ער האָט צופעליג געפונען דעם מאנוסקריפּט פון זיין פירוש אויף „דברים“, וועלכען ער האָט נאָך אָנגעפאנגען בשעת ער האָט געלעבט אין ליסאבאָן און וועלכען ער האָט פערלאָרען, ווען ער האָט געמוזט זיך רעטען אין שפּאניען. ער האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט דיזע ווערק פון זיינע יונגע יאָהרען, אַ ווערק, וואָס ער האָט געהאלטען פאר פערלאָרען. דאָס איז געווען אַ טרויסט פאר איהם נאָך דיא צרות, וואָס ער האָט געליטען צוזאמען מיט דיא פעריאָגטע שפּאנישע אידען. ער האָט יעצט געקענט רוהיג בעארבייטען און אויס־בעסערען דיעזען פירוש אויף דעם וויכטיגסטען טהייל פון דער ביבעל.

דעם גרעסטען טהייל פון זיינע ווערק האָט ער אָנגעשריעבען אין מאָנאָפּאָלי. אין 1496 האָט ער געענדיגט „מרכבת המשנה“ און אין דעם זעלבען יאָהר פאר פסח האָט ער אָנגעשריעבען „זבח פסח“. אין דער הקדמה צו דיזער שריפט בעקלאָגט ער זיך זעהר ריהרענד, דאָס זיין פאמיליע איז צושפּרייט דורך דיא אונגליקען פון זיין פאָלק, דאָס זיין פרוי און קינדער לעבען אגדערסוואו און ער געפינט זיך אויף דער עלטער (איהם איז שוין געגאנגען דאָס זעבציגסטע יאָהר) אליין אין אַ פרעמדע מדינה, וואָס איהר שפּראך פערשטעהט ער ניט. דעם נעכסטען יאָהר האָט ער געענדיגט „נחלת אבות“, וואָס ער האָט געווידמעט זיין איננגסטען זוהן שמואל, וועגען וועלכען מיר וועלען ריידען שפּעטער. דאן האָט ער אויך אָנגעשריעבען דעם גרויסען און מערקווירדיגען פירוש

אויף דניאל'ס נביאות און אויף דיא אגדות אונטער דעם נאָמען „מעיני הישועה". אין 1498 האָט ער אָנגעשריעבען „משמיע ישועה", „ישועת משיחו" און האָט געענדיגט דעם פירוש אויף ישעיה. דיא אנדערע ווערק, וועלכע ער האָט אָנגעשריעבען אין מאָנאָפּאָלי זיינען „שמים חדשים", „ראש אמונה", „מפעלות אלהים".

וועגען דעם כאראקטער און דיא בעדייטונג פון דיזע ווערק וועלען מיר ריידען אין נעכסטען קאפּיטעל. יעצט וועלען מיר פאָרטזעצען זיין לעבענס־בעשרייבונג.

אין 1503 איז יצחק אברבנאל אריבערגעפאָהרען צו זיין צווייטען זוהן יוסף, וועלכער האָט דאן פּראקטיצירט מעדיצין אין ווענעציא (ווענעדיג). דאָרט איז איהם ווידער אויסגעקומען צו בעשעפטיגען זיך מיט פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען. דיא וועגע־ציאנער רעפּובליק האָט דאן געהאַט א שטרייט מיט פּאָרטוגאל וועגען זייערע קאָלאָניעס אין אינדיען און בעזאָנדערס וועגען דעם האנדעל מיט בשמים. דיא פיהרערס פון דער רעפּובליק האָבען זיך געווענדעט צום בעריהמטען פינאנץ־מיניסטער נאָך א ראטה און זייט דאן האָבען זיי איהם אָנגעפרעגט וועגען דיא וויכטיגסטע שטאאטס־אנגעלעגענהייטען.

נאָר איהם איז שוין ניט לאנג געבליבען צו לעבען. זייט דיא אויסווייזונג פון דיא שפּאנישע אידען האָט ער אזוי פיעל געליטען, אז עס איז א וואונדער וויא אזוי ער האָט געקענט דער־לעבען ביז 71 יאָהר. דיא געצוואונגענע וואנדערונגען און דיא הארצקלעמענעס, וואָס זיין פאמיליע איז פערוואָגעלט געוואָרען אין גלות און וואָס איבעראל איז דיא אידען אזוי שלעכט און ביטער, האָבען געבראָכען זיין געזונד. ער איז שנעל געזונקען אין ווענעציא, וואו ער האָט געהאַט דעם פערגעניגען צו לעבען צוזאמען מיט זיינע זיהן יהודה לעאָן מעדיגאָ און יוסף.

אין 1507 האָט זיך א געוויסער שאול כהן פון קאנדיא גע־ווענדעט צו איהם מיט צוועלף פראגען וועגען רעליגיאָן און פילאָ־זאָפיע. דעם נעכסטען בוך האָט ער אָנגעשריעבען זיין „תשובה"

אויף דיעזע פראגען. דאָס איז געווען זיין לעצטע ווערק. אין זיין בריעף צו שאול כהן בעקלאָגט ער זיך, דאָס ער איז געוואָרען זעהר אלט און שוואך. זיינע טעג זיינען שוין דאן געווען געצעהלטע. אין 1509 איז דער גרויסער מליץ יושר, שטאאטס־מאן און געלעהרטער אויסגעגאנגען. זיין טויט איז בעוויינט געוואָרען פון אלע אידען איבער דער גאנצער וועלט. אלע האָבען געפיהלט, אז זיי האָבען פערלאָרען אין איהם א פאָטער.

זיין לויה איז געווען א גרויסארטיגע. אויך פיעלע קריסטען און ווענעציאנער אריסטאָקראטען זיינען געקומען איהם אָבגעבען דעם לעצטען כבוד. זיינע זיהן האָבען איהם בעגראָבען אויף דעם אלטען אידישען בית־עולם אין דער איטאליענישער שטאָט פאדוא.

* * *

.6

דיא בעדייטונג פון אברבנאל'ס ווערק. — זיינע פירושים אויך געשעצט פון קריסטען. — געגען פרייע פילאָזאָפיע, אריסטאָטעל און רמב"ם. — זיינע שריפטען וועגען משיח'ס צייטען און זייער איינפלוס אויף דיא פערשפרייטונג פון קבלה און מעסיאניזמוס.

אָבוואָהל מען קען ניט זאָגען, אז יצחק אברבנאל איז געוועזען אן אָריגינעלער דענקער, א זעהר טיעפער פילאָזאָף, און אז זיינע ווערק ענטהאַלטען נייע לעהרען, דאָך האָט ער געהאַט א זעהר גרויסען איינפלוס אויף דיא גייסטיגע טהעטיגקייט פון אידישען פאָלק און אויף דיא אידישע ליטעראַטור אין 16־טען און 17טען יאָהר־הונדערט. זיין איינפלוס איז טהיילוויז געקומען דורך זיין עדעלע פאָליטישע טהעטיגקייט, דורך זיין הויכע לאַגע אלס פינאַנץ־מיניסטער אין פּאָרטוגאַל, שפּאַניען און נעאַפּעל, און טהיילוויז דורך זיין ארויסטרעטען **געגען פרייע פילאָזאָפיע**, וואָס עס האָט גראדע געשטימט מיט דעם גייסט, וועלכער האָט דאַן געהערשט צווישען אפילו די געבילדעטסטע אידען און וועלכער האָט געפיהרט צו דער אלגעמיינער פערעהרונג פון קבלה, צו מיסטיציזמוס (סתרי תורה) און צו אַן אויפלעבונג פון מעסיאַניזמוס.

זיינע ווערק קענען צוטהיילט ווערען אין דריי קלאַסען: 1) עקזעגעטאַלע (ערקלערענדע) — דאָס זיינען נעמליך זיינע פירושים אויף דער ביבעל. 2) רעליגיעז־פילאָזאָפישע און 3) אפּאָלאָגעטישע (פערטהיידיגענדע) — דאָס זיינען דיא שריפטען, אין וועלכע ער פערטהיידיגט דיא אידישע רעליגיאָן און ספּעציעל דעם גלויבען אין א משיח.

זיינע פירושים אויף דער ביבעל זיינען זיכער זיינע בעסטע

ווערק, דען דאָרטען האָט ער ניט נאָר ארויסגעוויזען זיינע טיפע און גרויסע קענטניסע, זאָנדערן אויך א וועלטליכען גייסט און א פערשטאַנד פון א שטאַאטסמאַן. דיעזע פירושים האָבען בעזאָנדערס א היסטאָרישען ווערטה. ער האָט געזוכט צו ערקלעהרען פיעלע דונקעלע פונקטען אין דער ביבלישער געשיכטע פון אידישען פאָלק. דאָס וואָס געוועהנליכע רבנים, וועלכע האָבען זיך גאָר ניט אינטערעסירט מיט וועלטליכע פראגען, האָבען דורכגעלאָזען אין זייערע פירושים, דאָס פערנעהמט א וויכטיגען פלאַץ אין אברבנאל'ס קאָמענטארען. מען מעג איהם דערפאר רעכענען פאר איינעם פון דיא ערשטע גרינדליכע נאָכפאָרשער פון דער ביבעל. דיא הקדמות צו זיינע פירושים ערקלערען זעהר גוט דעם אינהאלט. דאָס איז געווען געוויסערמאסען א נייעס אין זיין צייט.

אברבנאל'ס עקזעגעטישע ווערק זיינען פיעל בענוצט געוואָרען ניט נאָר פון אידישע, זאָנדערן אויך פון קריסטליכע קאָמענטאַטאָרים און ביבלישע נאָכפאָרשערס. דיעזע ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרען פון קריסטליכע שרייבערס אין לאַטיין און זיינען הויך געשעצט געוואָרען. מען קען זאָגען, אז קיין אידישער קאָמענטאַטאָר איז ניט שטודירט און געאכטעט געווען אזוי פיעל פון קריסטליכע עקזעגעטען וויא אברבנאל. טהיילווייז איז עס געקומען דורך דעם, וואָס ער האָט זיך גאַנץ עהרליך און אונפארטייאיש בענוצט מיט דיא פירושים פון איינינע קריסטליכע נאָכפאָרשערס פון דער ביבעל.

זיינע פילאָזאָפישע ווערק זיינען זעהר שוואכע. ער האָט זיך שטרענג געהאַלטען אָן דעם בוכשטאַב פון דער תורה און איז נאָך ארויסגעטראָטען געגען אלע זיינע פאָרגענגער, וועלכע האָבען זיך ערלויבט מעהר אָדער וועניגער פריי צו פילאָזאָפירען, צו מאַכן חקירות. ער האָט עס ניט געוואגט אָפען ארויסצורייידען, נאָר פון זיינע שריפטען קען מען שליסען, אז אפילו דער רמב"ם איז אַן אפיקורס. זיין בעסטע פילאָזאָפישע ווערק איז „שמים חדשים". אין דיעזען בוך זוכט ער צו בעווייזען, אז דיא וועלט איז בעשאפען געוואָרען אין צייט, אַז עס איז דאָ א חידוש העולם. מיט דיזער

מעטאפיזישער פראגע איז ענג פערבונדען דיא עקזיסטענץ פון גאָט, און ניט ווייניג טהעאָלאָגען האָבען זיך אויף דעם געבראָכען דיא קעפּ דעם גאַנצען מיטעלאַלטער, ווען מען האָט זיך כמעט אויסשליסליך בעשעפטיגט מיט דיא זאָגענאַנטע חכמת האלהות און מיט פּירושים אויף הייליגע שריפטען. דען ווען מען זאָל בעווייזען, דאָס דיא וועלט איז ניט אָהן א׳ן אָנהויב און אָהן א סוף, הייסט אַז זיא עקזיסטירט ניט פון אייביג אָן, בעדייטעט עס דאָך, אַז זיא איז בעשאַפען געוואָרען; און אזוי וויא אַלעס געשאַפענעס האָט דאָך א בורא, איז שוין דערפון געדרונגען, אַז גאָט האָט בעשאַפען דיא וועלט און אַז ער עקזיסטירט.

וויא בעוואוסט האָט אריסטאָטעל, דער גרעסטער און טיעפ־סטער גריכישער פילאָזאָף, וועלכער האָט געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דיא גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט, ערקלערט, אַז דיא וועלט עקזיסטירט אייביג. מאַימאָניד (רמב״ם) וועלכער איז געוועזן א׳ן אָנהענגער פון אריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע*) און האָט געזוכט איהר אויסצוגלייכען מיט דעם ביבלישען גלויבען, האָט ערקלערט אין זיין בעריהמטען „מורה נבוכים (וועגווייזער פיר פער־בלאָנדזשעטע)“, אַז מען קען ניט ברענגען ריכטיגע בעווייזע וועגען דיא שעפּפונג פון דער וועלט אין צייט. אברבנאל טרעט אַרויס זעהר ענערגיש געגען אזא אפּיקורסישע פילאָזאָפיע און לייקענט אָב דיא עוויגקייט פון דער וועלט. ער טרעט אין אַלגע־מיינען אַרויס געגען דעם רמב״ם׳ס פילאָזאָפיע און בלייבט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון בלינדע אמונה ניט נאָר אין דער ביבעל, זאָנדערן אויך אין תלמוד.

זיינע מיינונג וועגען דיא שעפּפונג פון דער וועלט אין צייט ערקלערט ער נאָך גרינדליכער אין „ראש אמונה“ און „מפעלות אלהים“.

מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין בעטראַכטונגען וועגען

---

*) דיא לעבענסבעשרייבונגען פון אַריסטאָטעל און פון רמב״ם, אַרויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייברערי פּאָבלישינג קאָ.

דיא אלטע מעטאפיזישע (איבערנאטירליכע) חקירות איבער דיא שעפּפונג פון דער וועלט, אויב אריסטאָטעל אָדער זיינע געגנער האָבען געהאט רעכט (אין אונזער צייט פילאָזאָפירט מען איבער־הויפּט אויף א גאַנץ אנדערען וועג); אבער מען מוז צוגעבען, אז אברבנאל האָט זעהר געשיקט אָנגעוויזען אויף פיעלע שוואכע פּונקטען פון מאַימאָניד׳ס פילאָזאָפיע, וועלכע האָט איבערהויפּט געשטרעבט צו א׳ן אונמעגליכע זאַך, נעמליך: צו איינשטימונג פון פילאָזאָפיע מיט אמונה, פון קריטישע פערנונפט מיט בלינדען גלויבען.

ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט, דאָס אברבנאל איז געווען א שטרענגער אָרטהאָדאָקס אפילו אין זיינע פילאָזאָפישע ווערק און דאָס דער בוכשטאב פון דער ביבעל איז ביי איהם געשטאַנען העבער פאר אלע חקירות, דארף מען זיך ניט וואונדערן, דאָס ער האָט ניט נאָר פעסט געגלויבט אין משיח׳ס צייטען, זאָנדערן האָט אויך אויסגערעכענט, ווען משיח דארף קומען. דיא אידען האָבען דאַן אזוי פיעל געליטען אויף דער וועלט, אז זיי האָבען זיך אלץ מעהר גענומען טרייסטען מיט האָפנונגען אויף א נאָהענטע ערלייזונג פון משיח, אום זיי צו ערלייזען ענדליך פון זייערע שרעקליכע צרות. אברבנאל איז ניט געווען א׳ן אויסנאהמע, ער האָט געהאָפט צוזאמען מיט זיינע ברידער, אז משיח׳ס צייטען זיינען נאָהענט.

גאַנצע דריי ביכער האָט ער אָנגעשריעבען וועגען דיזען גלויבען. דאָס זיינען דיא אפּאָלאָגעטישע ווערק: „מעיני הישועה“, „ישועת משיחו“, און „משמיע הישועה“.

אין דעם ערשטען בוך בעשעפטיגט ער זיך ספּעציעל מיט דניאל׳ס נביאות, וועלכע ער בעטראכטעט מיט רעכט אלס דעם פונדאמענט פון מעסיאניזמוס. ער זוכט צו ערקלערען דעם אידישען שטאנדפּונקט וועגען משיח׳ן און דערביי קריטיקירט ער זעהר גרינדליך דיא קריסטליכע בעהויפּטונגען.

אין צווייטען בוך ברענגט ער ארויס זעהר אויספיהרליך דיא שילדערונגען פון תלמוד און מדרש וועגען משיח׳ן.

אין דריטען בוך רעכענט ער אויס אַלע פּסוקים, וועלכע בעציהען זיך אויף משיח'ן, מיט זיינע ערקלערונגען און מיט אַ שאַרפע קריטיק פון קריסטליכע מיינונגען. ער גיט דאָרטען אויך אַ בעשרייבונג פון משיח'ס צייטען נאָך דיא איינבילדונגען פון דיא רבנים אין מיטעלאַלטער.

שטיצענדיג זיך אויף דניאל'ס נביאות, האָט ער גערעכענט, אַז ער האָט אונבעשטרייטבאַר בעוויעזען, דאָס משיח מוז קומען און דאָס דיא אידען וועלען האָבען אַ גלענצענדע צוקונפט. דערביי איז ער אַזוי וויט פערקראָכען אין זיין הייסען גלויבען, דאָס ער האָט זיך גענומען אויסצורעכענען אויף דעם שטייגער פון געוועהנ־ליכע קאַבאַליסטען, ווען משיח דאַרף זיך בעוויזען. נאָך זיינע רעכנונגען איז אויסגעקומען, אַז משיח'ס ערשיינונג וועט זיין אין יאהר 5263 (1503 נאָך דער קריסטליכער רעכנונג) און אַז דיא וועלט וועט אונטערגעהן און אַז רוים וועט פאַלען מיט 20 יאהר שפּעטער.

מיט דיזע ביכער און בעזאָנדערס מיט זיינע משיח'רעכנונגען האָט אברבנאל גיט־ווילענדיג געשטיצט דיא קאַבאַליסטען. ער איז ניט געווען אַ פריינד פון דער קבלה, דען ער איז געווען אַ שטרענגער תלמודיסט און אויך צו פיעל פילאָזאָף צו ווערען בעגייסטערט פון אַזאַ ווילד־משונה'דיגע ווערק, וויא דער „זוהר“; אבער ווען ער איז ארויס מיט זיין „מעיני הישועה“, האָבען זיך אַלע אנהענגער פון דער קבלה אן דעם אָנגעכאַפּט. זיי האָבען זיך בענוצט מיט דעם צו פערשפּרייטען זייערע מיסטישע איינבילדונ־גען און רעכנונגען. אַלע אידען האָבען דאַן און אויך אין שפּעטערע צייטען גערעכענט, דאָס ווען אַזאַ געלאַסענער שטאַאַטסמאַן און גרויסער געלעהרטער פערנעהמט זיך מיט אויסרעכנונגען פון משיח'ס צייטען, דאַן דאַרפען אַלע גלויבען אין דעם און זיך פערלאָזען אויף דיא „סודות“ פון דער קבלה.

דיא ווירקונג פון אברבנאל'ס ווערק וועגען משיח'ס צייטען איז געווען אַזוי גרויס, דאָס אין 1502, מיט אַ יאהר פאַר דער צייט, וועלכע ער האָט בעשטימט פאַר משיח'ס ערשיינונג, האָט

זיך אין איסטריא, ניט ווייט פון ווענעציא, בעוויעזען איינער, וואָס האָט זיך ארויסגעגעבען פאַר דעם אָנזאָגער, אז משיח קומט. דאָס איז געווען אשר לעמלין. ער האָט בעקאַנט געמאַכט, דאָס ווען דיא אידען וועלען טאָן תשובה, וועלען פאַסטען און טהיילען צדקה, וועט משיח זיכער קומען אין 6 מאָנאַט ארום. דער עולם איז אזוי פאַרבערייטעט געווען דורך קאַבאַליסטישע פלוידערייען צו גלויבען אין משיח'ס נאָהענטע ערשיינונג, דאָס לעמלין האָט גלייך געפונען א סך נאָכשלעפּערס, וועלכע האָבען פערשפּרייט זיינע נביאות. אין איטאַליען און דייטשלאַנד האָבען אידען אָנגעפאַנגען צו פאַסטען, זאָגען תפילות און טהיילען נדבות. מען האָט דעם יאהר 1502 א נאָמען געגעבען „תשובה יאהר“. מען האָט שוין גערעכענט, אז אָט־אָט קומט מען אין ירושלים. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרען פון דיזער קאָכעריי, ווען לעמלין וואָלט ניט פערשוואונדען אָדער געשטאָרבען פּלוצלינג. מען ווייס ניט, וואָס עס איז געוואָרען מיט איהם; נאָר זיין משוגעת איז שנעל אָבגעשטאָרבען מיט איהם. לעמלין האָט געהאַט וועניגער מזל, וויא דער פאַלשער משיח שבתי צבי מיט א 150 יאהר שפּעטער. *)

❧ ❧ ❧

*) זעה דיא לעבענסבעשרייבונג פון שבתי צבי, ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לייברערי פּאַבלישינג קאָמפּאַניע.

7.

יהודה לעאָן אברבנאל : דאָקטאָר, אַסטראָנאָם און פּאָעט. — לייבאַרצט פון גאָנזאַלוואָ דע קארדאָווא. — זיינע „דיאַלאָגען איבער ליעבע" אין איטאַליעניש. — זיינע העברעאישע פּאָעזיען צו זיין געטויפטען זוהן. — שמואל אברבנאל : אונטערשטיצער פון רבנים און אידישע ליטעראַטור, פינאַנץ־מיניסטער, בעל צדקה און בעשיצער פון אידען אין נעאַפּעל. — זיין עדעלע פרוי. — פערקעהר מיט קריסטליכע געלעהרטע. — דיא אינקוויזיציאָן אין נעאַפּעל. — זיין פרוי'ס ביטע ביי דעם קייזער קאַרל פאַר דיא אידען. — דיא געצוואונגענע אויסוואַנדערונג פון דיא אידען אויס נעאַפּעל. — שמואל אברבנאל האַנדעלט וויא זיין גרויסער פאָטער.

דיא פאַמיליע אברבנאל האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין איטאַליען. יצחק אברבנאל זעלבסט איז שוין געווען צו אַלט און שוואַך, ווען ער האָט זיך דאָרטען בעזעצט. דערצו האָט ער נאָך ניט געקענט דיא לאַנד־שפּראַך. זיינע דריי זיהן אָבער האָבען זיך דערפאַר שנעל אויסגעצייכענט.

דער פעהיגסטער און געבילדעסטער פון זיי איז געווען דער עלטסטער, דער אויבען־דערמאָנטער יהודה לעאָן מעדיגא. ער איז זאָגאַר געווען פעהיגער פאַר זיין פאָטער, יעדענפאַלס אַ פיעל טיעפערער און זעלבסטשטענדיגערער דענקער, נאָר אויף דיא אידען דירעקט האָט ער קיין איינפלוס געהאַט, ווייל ער האָט זיך ווייניג בעשעפטיגט מיט תלמודישע חקירות און רבנישע ליטעראַטור און ווייל ער איז, נאָך דעם מאַסשטאַב פון זיין צייט, גערעכענט פאַר אַ פריידענקער.

אין דער צייט, ווען זיין פאָטער איז אָבגעפאָהרען נאָך דעם אינזעל קאָרפו, איז ער פערבליעבען אין גענוא, וואו ער האָט

פּראַקטיצירט מעדיצין. ער האָט אבער ניט פיעל פערדיענט פון זיין פּראָפעסיאָן, דען זיין גייסט איז ניט געלעגען אין דער מעדיצין, וועלכע האָט דאַן וועניג געקענט בעפריעדיגען אַ מענשען מיט הויכע פילאָזאָפישע געדאַנקען, זאָנדערן אין מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פילאָזאָפיע און פּאָעזיע. ער איז געוועזען בעקאַנט און בעפריינדעט מיט דיא פריעסטע דענקער פון זיין צייט, דאַרונטער אויך מיט דעם בעריהמטען איטאַליענישען געלעהרטען פּיקאָ־דע־מיראַנדאָלאַ. ער האָט ערפונדען אַ'ן אַסטראָנאָמישען אינסטרומענט און אָנגעשריעבען אַ בוך איבער „הימלישע האַרמאָניע", וואָס איז ליידער פערלאָרען געגאַנגען. איבערהויפּט קען מען איהם רעכענען פאַר אַ קינד פון דער רענעסאַנס־צייט, וועלכע האָט דאַן אָנגעפאַנגען אַלץ שאַרפער צו וועקען דיא מוחות פון דעם טיעפען דרעמעל אונטער דעם גייסטיגען שלאָף־טרונק פון דער קאַטאָלישער קירכע.

ווען יהודה לעאָן איז נאָך געוועזען אין שפּאַניען, האָט ער זיך בעפריינדעט מיט פיעלע גראַנדען. מיר ווייסען שוין, אַז מען האָט איהם געוואָלט פערהאַלטען מיט געוואַלט אפילו נאָכדעם, וויא מען האָט אַלע שפּאַנישע אידען ארויסגעיאָגט און אַז דורך דעם איז זיין ערשטער זוהן אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דעם פּאָרטוגעזער קעניג און איז געטויפט געוואָרען. דיזען פערלוסט פון זיין זוהן, וועלכען ער האָט שוין קיין מאָל ניט געקענט זעהן, האָט ער בעקלאָגט זיין גאַנצען לעבען און האַרצרייסענד אויסגעדריקט אין זיינע פּאָעזיען.

דורך זיין בעקאַנטשאַפט מיט שפּאַנישע גראַנדען איז ער געוואָרען דער לייבאַרצט פון גאָנזאַלוואָ דע־קאָרדאָוואַ, דעם בעריהמטען שפּאַנישען קריעגספיהרער, וועלכער האָט געקראָגען דעם נאָמען „גרויסער קאַפּיטאַן". אונטער דער קאָמאַנדע פון דיזען קריעגספיהרער, וועלכער איז אויך געוועזען אַ'ן עדעלער מענש און פריינדליך צו אידען, האָבען דיא שפּאַניער איינגענומען נעאַפּעל. ער איז געוואָרען דער וויצע־קעניג פון זיד־איטאַליען. וויא נור דיא שפּאַניער זיינען געוואָרען הערשער פון נעאַפּעל, האָט פערדינאַנד־

קאטאָליק בעפוילען, אז מען זאָל פון דאָרטען פעריאָגען דיא אידען. אָבער גאָנזאלוואָ דע־קאָרדאָווא האָט ניט אויסגעפיהרט דיזען באר־ בארישען בעפעהל. ער האָט ערקלערט דעם יודענפרעסענדען קעניג, אז אין נעאפעל זיינען אייגענטליך פערבליעבען וועניג אידען, און אז דיא שטאדט וועט זעהר פיעל פערליערען דורך זייער אויסוויייזונג, ווייל זיי וועלען זיך דאן בעזעצען אין ווענעציא און פערקלענערען דערמיט דעם האנדעל פון נעאפעל.

פערדינאנד האָט געהייסען איינפיהרען דיא אינקוויזיציאָן, אום צו פערפאָלגען דיא אנטלאָפענע שפאנישע און פאָרטוגעזער מאראנאָס. זיי זיינען זיך דארום באלד צולאָפען אין אנדערע איטאליענישע שטעדט. יהודה לעאָן מעדיגאָ איז פערבליעבען אונגעפעהר 2 יאהר (ביז 1507) אלס דער לייב־ארצט פון דעם וויצע־קעניג, און ווען פערדינאנד איז געקומען בעזוכען זיין נייע קעניגרייך, האָט ער איהם געזעהען אין נעאפעל. באלד נאָך דעם קעניגליכען בעזוך, איז גאנזאלווא דע־קאָרדאָווא ענטלאסען געוואָרען, און יהודה לעאָן מעדיגאָ איז געבליבען אָהן בעשעפטיגונג. דאן איז ער עם אוועקגעפאָהרען נאָך ווענעציא, וואו עס האָבען זיך געפונען זיין פאטער און ברודער יוסף, וועלכער האָט אויך פראקטיצירט מעדיצין.

אין א קורצער צייט האָט ער אזוי גוט אויסגעלערנט דיא איטאליענישע שפראך, דאָס זיין בעסטע ווערק „דיאלאָגען איבער ליעבע" ווערט גערעכענט פאר א מוסטער אין דער איטאליענישער ליטעראטור. דאָס איז א טיעף־פילאָזאָפישער געשפרעך צווישען א מאן און א פרוי וועגען ליעבע און וועגען דיא העכסטע צוועקען פון לעבען. ער ערקלערט דאָרטען, אז דער העכסטער צוועק פון לעבען איז ליעבע, דיא שטרעבונג פון איין וועזען זיך צו פעראייניגען מיט דעם אנדערען. גאָט, זאָגט ער, האָט געשאפען דיא וועלט מיט ליעבע, און דורך ליעבע פערבינדעט זיך דיא גייסטיגע וועלט מיט דער מאטעריעלער. דעם מענשען'ס נשמה דארף זיך טראָגען מיט ליעבע צו גאָט. ערשט דורך דעם דערגרייכט זיא איהר העכסטע

צוועק, איהר העכסטער גליק. דיא גאַנצע נאַטור ווערט ערדעלער און שעהנער דורך ליעבע פון מענשען צו גאָט.

דיעזער בוך האָט גאַנץ וועניג צו טאָן מיט רעליגיאָן אין דעם געוועהנליכען זינען, אָבוואָהל דער פערפאַסער לויבט דיא אידישע רעליגיאָן און סטאַרעט זיך צו בעווייזען, אז דיא וועלט איז בעשאַפען געוואָרען נאָך דער ביבלישער מעשה בראשית און ניט נאָך דער פילאָזאָפיע פון אריסטאָטעל און איבערהויפּט פון דיא גריעכען. יעדענפאַלס האָבען קריסטען מעהר געלעזען און געשעצט זיין ווערק און פילאָזאָפי וויא אידען. דיא געבילדעטע איטאַליענער האָבען שטאַלצירט, וואָס אַזאַ ערהאַבענעס ווערק איז געשריעבען געוואָרען אין זייער שפּראַך. זיי האָבען מיט פערגעניגען געלעזען דיא „דיאַלאָגען איבער ליעבע“, וועלכען איינער פון זיי האָט אָנגערופען „געטליכער דיאַלאָג.“ אין פערלויף פון 20 יאהר האָט דיזער בוך געהאַט פינף אויפלאַגען. מען האָט איהם באַלד איבערזעצט אין פראַנצויזיש, און דער איבערזעצער האָט איהם געווידמעט צו דער קעניגין מאַריא דע־מעדיטשי. במעט אין דער זעלבער צייט זיינען ערשיענען איבערזעצונגען אין לאַטייניש און שפּאַניש. דער איבערזעצער אין שפּאַניש איז געוועזען אַ איד און האָט דעם בוך געווידמעט דעם שפּאַנישען קעניג זעלבסט.

אויף לשון קודש האָט יהודה לעאָן בעזאָנדערס געשריעבען געדיכטע צו זיין זוהן, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אין פּאָרטוגאַל אַלס קריסט. אין זיי האָט ער אויסגעגאָסען זיין ביטערע האַרץ און האָט איהם געבעטען צו געדענקען, אַז ער איז אַ איד, צו שטודירען דיא העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור און ניט צו פערגעסען אָן דיא הארצקלעמענים פון זיין פאַטער און מוטער. וואָס עס איז געוואָרען מיט דיזען געטויפטען אברבנאל, ווייס מען ניט.

יצחק אברבנאל׳ס אינגסטער זוהן, שמואל, איז געוועזען גראַדע דער היפּוך פון זיין פילאָזאָפישען און פּאָעטישען ברודער. ער איז געוועזען אַ גוטער תלמודיסט און האָט גע־שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע צווישען דיא איטאַליע־

נישע אידען. ער האָט שטודירט תלמוד אין דער דאָן בעריהמטער ישיבה פון סאלאָניק און האָט זיך זעהר אויסגעצייכענט דאָרטען. אין פיעלע הינזיכטען איז ער געראטהען געווען אין זיין פאטער, בעזאָנדערס אין זיין פעהיגקייט צו געשעפטען און פינאַנצען. א געוויסע צייט איז ער געווען דער פינאַנצמיניסטער פון דעם שפּאַנישען וויצע־קעניג אין נעאַפּעל און האָט זיך ערוואָרבען א גרויסען פערמעגען. א אידישער פּאָעט האָט וועגען איהם געזאָגט : „שמואל אברבנאל איז גרויס אין תורה, אַדעלקייט און רייכטהום. מיט זיין רייכטהום איז ער אימער גרויסמוטהיג. ער העלפט זיינע ברידער אין נויט, ערלייזט געפאנגענע, שטיצט יתומים און בעזיצט אַלע מעלות פון א נביא.“

זיין הויז איז אימער געווען אָפען פאר אידען, בעזאָנדערס פאר רבנים און תלמודיסטען. ער פלעגט אונטערשטיצען אָרימע תלמודיסטען, אום צו פערשפּרייטען דיא אידישע תורה און ליטעראטור.

גראדע וויא זיין פאטער האָט ער זיך אָבגעגעבען צו העלפען זיינע ברידער געגען אונטערדריקונגען און האָט אויך צוזאמען מיט זיי אויסגעוואנדערט פון נעאַפּעל, ווען מען האָט זיי געצוואונגען צו טראָגען דעם שאַנדע־צייכען אויף זייערע קליידער, וויא דאָס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין פיעלע ערטער אין מיטעלאַלטער.

אין דיזער בעציהונג, וויא אויך אין צדקה און אין אונטער־שטיצונג פון תלמודיסטען, האָט ער געפונען א ווירדיגע מיט־העלפערין אין זיין עדעלער און ליעבליכער פרוי בענווענידאַ אבארבאַנעלאַ. אַלע אידען אין איטאַליען האָבען איהר פערעהרט און אויך קריסטען האָבען איהר געאַכטעט. בעזאָנדערס בעפריינ־דעט איז זיא געווען מיט דער טאָכטער פון דעם וויצע־קעניג דאָן פעדראָ דע־טאָלעדאָ. דער וויצע־קעניג זעלבסט האָט זיי בעקאַנט געמאכט, אום זיין טאָכטער זאָל זיך נעהמען אביישפּיעל פון דער עדעלער אידישער פרוי. דיזע פריילייַן האָט נאכהער חתונה געהאט מיט דעם הערצאָג פון טוסקאַניא און האָט גערופען בענווענידא אבארבאַנעלאַ „מוטער“.

אין דער הויז פון דיזער רייכער און עדעלער פּאָאר פלעגע זיך צוזאמענקומען ניט נאָר דיא בעסטע פּאָרשטעהער פון אידען, זאָנדערן אויך פיעלע געלעהרטע קריסטען. דאָרטען האָט מען געלערנט תלמוד און דיא העברעאישע שפּראך, דאָרטען האָבען בעוואוסטע קאבאליסטען געגעבען ערקלערונגען איבער דעם „זוהר“, און דאָרטען זיינען אויך געווען אזעלכע קריסטליכע געלעהרטע, וויא יאָהאַן ווידמאנשטאַט, א שילער פון דעם בעריהמטען רייכלין, דעם פערטהיידיגער פון תלמוד. דיזער ווידמאנשטאַט האָט דאָרטען אויסגעלערנט דיא העברעאישע שפּראך. אנדערע קריסטליכע געלעהרטע זיינען בעקאַנט געוואָרען מיט דער קבלה דורך זייער פערקעהר מיט אידען אין אברבנאל׳ס הויז.

אונגעפעהר 40 יאהר האָט שמואל אברבנאל רוהיג געלעבט אין נעאַפּעל, העלפענדיג דיא אונגליקליכע מאראנאָס, וויא ווייט ער האָט נאָר געקענט. וויא אויבען שוין בעמערקט האָט פערדינאַנד־קאַטאָליק איינגעפיהרט דיא „הייליגע“ אינקוויזיציאָן, ווען זיין ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון גאָנזאלוואָ דע־קאָרדאָוואָ האָט איינגענומען נעאַפּעל. א סך מאראנאָס האָבען זיך גלייך א־יע־טראָגען אין אנדערע ערטער, וואו דיא שפּאנישע אינקוויזיציאָן האָט זיי ניט געקענט דערגרייכען, אבער דיא וואָס זיינען פערבליבען, האָבען געליטען אלץ גרעסערע צרות.

דיא אינקוויזיטאָרען אין נעאַפּעל האָבען פערלאנגט, אז מען זאָל ארויסיאָגען אלע אידען, אום דיא מאראנאָס זאָלען קענען ווערען אמת׳ע קריסטען. זיי האָבען זיך געווענדעט צום קייזער קארל דער 5טער, אז ער זאָל נאכפאָלגען דעם ביישפּיעל פון פערדינאַנד און איזאבעלא און פעריאגען דיא אידען פון נעאַפּעל. דאן איז בענ־ווענידא אבארבעאַנעלא ארויסגעטראָטען אלס בעשיצערין פון איהרע ברידער און שוועסטער. דורך דער מיטווירקונג פון איהר פריינדין, דעם וויצע־קעניג׳ס טאָכטער, איז זיא צוגעקומען צום קייזער און האָט איהם געבעטען ער זאָל ניט אונטערשרייבען דעם אויסוואנדערונגס־בעפעהל געגען דיא נעאַפּאָליטאַנער אידען, און

דער קייזער האָט ניט געקענט ענטזאגען דיא ביטעס פון דיזע צוויי עדעלע דאַמען.

אבער דיא אינקוויזיטאָרען האָבען ניט גערוהט און אזוי לאַנג געהעצט ביז זיי האָבען אויסגעפיהרט, אז קאַרל דער 5טער זאָל אונטערשרייבען א בעפעהל, דאָס דיא נעאַפּאָליטאַנער אידען זאָלען טראָגען א ספּעציעלען צייכען אויף זייערע קליידער אָדער פערלאָזען דיא נעאַפּאָליטאַנער פּראָווינץ.

דיא אידען האָבען אויסגעקליבען דאָס לעצטע. שמואל אברבנאל האָט זיי אויפגעמונטערט בעסער אויסצו־וואַנדערען איידער צו לאָזען זיך שענדען. ער און אנדערע אידישע פּאָר־שטעהער האָבען פאָראויסגעזעהען, אז דיא אינקוויזיציאָן וועט זיך ניט בערוהיגען מיט דיזער גזרה און וועט זיי נאָך ווייטער פערפאָלגען.

נאָר ווען זיי האָבען גענומען אויסוואַנדערען, האָט מען ארויס־געלאָזען א בעפעהל, אז זיי מוזען פערלאָזען דיא שטאָדט און טאָרען זיך ניט צוריקקעהרען. דאָס איז געשעהן אין 1540. דיא מייסטע זיינען אָבגעפאָהרען נאָך טירקיי, און א טהייל האָבען זיך בעזעצט אין דער איטאַליענישער שטאָדט פעררארא, וואו עס האָט דאַמאַלס געהערשט א פּרינץ, וועלכער האָט ניט פערפאָלגט אידען. צווישען דיא אויסוואַנדערער, וועלכע זיינען פערבליבען אין פעררארא, איז אויך געוועזען שמואל אברבנאל מיט זיין עדעלער פרוי. דער וויצע־קעניג האָט איהם געבעטען צו פערבלייבען אין נעאַפּעל און האָט איהם פערשפּראָכען ספּעציעלע בעשיצונג, אָבער ער האָט ערקלערט אזוי וויא זיין פאָטער, דאָס וואו זיינע אונגליקליכע ברידער וועלען זיין, דאָרטען וועט ער אויך זיין.

דיזער עדעלער זוהן פון אַ'ן עדעלען פאָטער האָט געענדיגט זיינע יאהרען אין פעררארא. ער איז געשטאָרבען אין 1550. זיין ווירדיגע פרוי איז געשטאָרבען מיט עטליכע יאהר שפּעטער.

אייניגע מיטגליעדער פון דיזער פאַמיליע האָבען איבערגעוואַנ־דערט נאָך אמסטערדאם אין 17טען יאהרהונדערט.

ענדע

קאַטאַלאָג

פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

		פרייז.
פיליפ קראַנץ,	קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונדען, פרייז יעדער באַנד............	75 ס.
" "	די געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 3 טהיילען אין איין באַנד, שיין געבונדען............	75 "
" "	יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים............	15 "
" "	אַריסטאָטעל, זיין ביאָגראַפיע......	10 "
" "	וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?............	10 "
י. גארדין,	גאָט, מענש און טייוועל, דראַמע אין 4 אקטען............	25 "
" "	וואָלטער, זיין ביאָגראַפיע............	10 "
דר. קאַספע,	מעכאַניקע, נאך סיר אייזאַק ניוטאָן	10 "
" "	אַסטראָנאָמיע " "	15 "
" "	אָנפאַנג פון כעמיע............	15 "

לעבענסבעשרייבונגען
פון בעריהמטע מעננער.

היינריך היינע

דייטשלאַנדס גרעסטער ליריקער

זיין לעבען און זיינע שריפטען

פריי בעארבייטעט נאָך פערשיעדענע
קוועלען, פון

מאררים ראזענפעלד

Copyright, 1906
By The International Library Publishing Co.

היינריך היינע

איינלייטונג.

היינריך היינע, דער דיכטער פון ליעבע און שעהנהייט, דער גרעסטער ליריקער פון 19טען יאהרהונדערט, דער שארפסטער הומאָריסט און ביטערסטער סאטיריקער אין דער דייטשער ליטעראַטור, אַבוואָהל א געטויפטער איד, פערנעהמט דאָך א גרויסען אָרט אין דעם אויבען־אָן פון אונזער פאָלק. ווען מיר בעקענען זיך מיט היינעס לעבען, מיט זיין קינדהייט, זיין יוגענד, מיט זיין עלטערנס הויז, מיט דער אידישער לאגע פון דייטשלאנד אין יענעם יאהרהונדערט און מיט דער אונרוהיגער, שטירמישער צייט אין וועלכער ער האָט זיך ענטוויקעלט, דאן בעגרייפען מיר ערשט דיא פערשיעדענע כחות, וואָס האָבען געברענט אין זיין גרויסער דיכטערישער נשמה און מיר זיינען איהם מוחל א סך פון זיינע גרויסע שוואכקייטען. היינע איז אָהן ספק איינער פון דיא גרעסטע ערשיינונגען אין דער ליטעראטור, פונקט וויא אין לעבען. זיין געניאלער גייסט שטראהלט דורך דער וועלט־פּאָעזיע פון אללע דורות מיט בעזאָנדערן גלאנץ. היינעס גרויסקייט אלס דיכטער ווערט ניט פערדונקעלט אפילו נעבען אזעלכע שטערן וויא געטהע, שעקספּיער, דאנטע, סערוואנטעס, סוויפט און דזשעאן פּאול. זיין גרויסקייט אלס ליריקער האָט היינע צו פערדאנקען זעהר פיעל זיין אידישע אבשטאמונג. דיא דורות־לאנגע ליידען פון זיין פאָלק, דער אייביגער פערלאנג נאָך ליעבע און רוהה, דער שטענדיגער וועה אין דיא טיעפע, אונבעשרייבליכע אידישע ליידען, דער קאמפּף פאר'ן לעבען, דער דורסט נאָך פריינדשאפט און דיא מלחמה מיט שפּאָט און פעראכטונג האָבען דעם דיכטערס ליעדער געגעבען א

טיעפערען, שטארקערען און ריהרענדערען אויסדרוק. מיט דעם וועלט־שמערץ פון איין זייט און מיט דעם אידישען שמערץ פון דער אנדערער זייט האט היינע געקענט זינגען אין פולערע טענער, אין קלינגענדערע נאטען וויא אירגענד א דיכטער אין דער וועלט.

אבער היינע האט ניט נור א'ן אייביגע בעדייטונג אלס וועלט־פאעט, ער איז ניט נאר דער ליעבלינג פון דער הימלישער טאכטער פון געזאנג זאנדערן ער בלייבט אויך גרויס אלס שטרייטער פאר פרייהייט און מענשענרעכט, אלס שונא פון קנעכטשאפט און אונטער־דריקונג און אלס ערשטער העלד אין דיא שורות פון דיא סאציאלע און פאליטישע קעמפפער פון זיין צייט. היינע האט קיינמאל ניט געשטריטען מיט א שווערד אין דער האנד און איז ניט געווען קיין ספעציעלער אנפיהרער פון א פארטיי. אבער זיין פעדער איז געווען דיא שטארקסטע וואפע און זיין שטורם־ליעד האט געוועקט און געטריעבען צו א בעסערעם, העכערעם און פרייערעם לעבען. זיין ליעד דיא „סלעזישען וועבער“ האט געוועבט א „דרייפאכען פלוך“ צו דיא שקלאווערייא פון „אלט־דייטשלאנד“. זיינע סאטירען האבען פערלאכט דיא פינסטערע קנעכטשאפט פון גייסט און קערפער, דיא קליינינגקייט און טיראניי, דיא נארישקייט און דעם אבערגלויבען, דעם פוסטען שטאלץ פון דיא דייטשע אדעל־לייט און דיא אויפ־געבלאזענע געלעהרזאמקייט פון מאנכע פראפעסארען פון זיין פאטער־לאנד, וועלכע ער האט פון דעסטוועגען אזוי היים און אזוי איננינג געליעבט.

היינעס ווירקונג אויף דייטשלאנדס ליטעראטור א גאנצען יאהרהונדערט נאכאנאנד האט גאר קיין גלייכען. זיין גרויסער געניאלער גייסט האט משפיע געווען אויף אלע ליטעראטען פון יענער צייט. דיא היינישע שפראכע, דער היינישער פערז, דאס היינישע דייטש און דער היינישער סטיל האבען פערדונקעלט אלע דיכטער און שריפטשטעלער פון גאנץ דייטשלאנד. דאס האט איהם נאטירליך געבראכט א סך שונאים, מיט וועלכע היינע האט זיך פערשטאנען וויא אבצורעכנען, נאר אין יענע ליעדער, אין יענע בייסענדע געדיכטע האט דער פאעט ארויסגעצייגט זיין שארפסטע

פעהיגקייט אלס פּאָלעמיקער און אלס גרויסער, אונפערגלייכליכער הומאָריסט און סאטיריקער. צוזאַמען מיט זיין געניאַלען צייט־גענאָסע לודוויג בערנע האָט היינע אין די יאָהרען 1786—1837 געשאפען דאָס „יונג דייטשלאנד" מיט א גרויסע ליטעראַרישע אנהענגערשאפט וואָס האָט געהאט צווישען איהרע חברים אזעלכע גרויסע מענער וויא קארל גוצקאָוו, היינריך לאובע, גוסטאוו קיהנע, טהעאָדאָר מינד׳ט, ערנסט ווילקאָם און רודאָלף ווינבארג. היינע איז געווען דער לעצטער גרויסער ראָמאנטיקער אין איירָאָפּאַ.

די פּרעטענזיעס וואָס די וועלט האָט צו היינריך היינע זיינען פערשיעדענע און זעהר זעלטען גערעכטע. אין אלגעמיין קען מען זאָגען, אז אין דעם דיכטער האָבען געלעבט צוויי נשמות, עס איז אין איהם געווען פעראייניגט דער הימעל און די העללע, דער גאָט און דער טייפעל, דער זיסער זינגער און דער ביטערער ציניקער, דער גלויביגער און דער אפּיקורוס. מיט דער זעלבער קראפט, וואָס ער האָט געליעבט און פערגעטערט א זאך, מיט דער זעלבער קראפט האָט ער עס פערהאסט און פעראכטעט. זיין כאראקטער איז געווען אונבעשטענדיג און ווערט נאָר פיעללייכט ערקלערט פּסיכאָלאָגיש דערמיט, וואָס דער דיכטער האָט באלד אין זיין פריהעסטער יוגענד בעגעגענד אונגעלונגענע ליעבע, אבגענארטע טויפע, נויט, רדיפות און ענדליך די שרעקליכסטע פּיין פון א׳ן אונהיילבארע, לאנג־יעהריגע, קוואלפאָלע קראנקהייט, וואָס האָט איהם פערוואנדעלט די וועלט אין א גיהנם און דאָס לעבען אין א פינסטערען קבר. היינעס איינציגער חבר אין ליריק און פעסימיזמוס איז דער גרויסער ענגלישער דיכטער לאָרד באיראָן, וועמען היינע האָט געזוכט צו איבערזעטצען. באיראָן האָט אויך ניט געהאט קיין גליק צו דער וועלט. זייענדיג ווייניג געליעבט און שלעכט פערשטאנען האָט ער ענדליך פערהאסט און פעראכטעט די מענשליכע געזעלשאפט, פערדאמט און פערשפּאָטעט דאָס גאנצע בעשאף און געשטעמפּעלט דאָס לעבען אלס עקעלהאפט און אונווירדיג.

ערשטער קאַפּיטעל.

דער סדר היחוס פון היינעס פאַמיליע. — דיא הויז און דיא שטאָדט אין וועלכע ער איז געבאָרען. — דיא חלוקי דעות איבער דאָס ריכטיגע דאַטום פון זיין געבורט. — דיא ענטגעגענגעזעצטע כאַראַקטערע פון היינעס פאטער און מוטטער. — פערשידענע פּאַסירונגען פון זיין קינדהייט.

היינעס סדר היחוס פאנגט זיך אָן אין מיטען פון 17טען יאהרהונדערט. דער ערשטער פון זיין משפחה, וועלכען דיא גע־שיכטע קען דערגרייכען, איז דער אידישער סוחר היימאן היינע, פון האנאָווער, דייטשלאנד. דיעזער היינע האָט געהייראטעט א טאָכטער פון דעם אידישען קויפמאן סיימאָן פּאָפּערט פון אלטאָנא. דיא הייראטה איז געבענשט געוואָרען מיט פיער זיהן און צוויי טעכטער. היימאן היינע איז נאכדעם געשטאָרבען און זיין אלמנה האָט איבערגעצויגען נאָך אלטאָנא, וואו זיא האָט זיך ווידער פערהייראטה מיט איהר שוואָגער בענעדיקט שיף, מיט וועלכען זיא האָט אויך געהאט זעקס קינדער.

דיא קינדער פון דעם ערשטען מאן האָבען זיך אוועקגעלאָזען אין דער וועלט זוכען זייער עקזיסטענץ. איינער פון דיא פיער זיהן איז געוועזען סאמסאָן היינע, דעם דיכטערס פאטער, און א צווייטער — סאלאָמאָן היינע. דיעזער סאלאָמאָן האָט שפּעטער ערוואָרבען מיליאָנען אין האמבורג, וואו ער איז געוועזען א גרויסער באנקיר און בעריהמטער בעל צדקה, ער שפּיעלט א בעדייטענדע ראָלע אין דעם דיכטערס לעבען.

פּעירא וואן געלדערען, היינעס מוטער, וועלכע האָט שפּעטער אומגעענדערט איהר נאָמען אויף בעטטי, איז געוועזען דיא האָכגעביל־דעטע און פיין ערצויגענע טאָכטער פון לאזארוס וואן געלדערען. זיא איז געבאָרען געוואָרען דעם 27טען נאָוועמבער, 1771 אין דער

שטאָדט דיססעלדאָרף. פעירא וואן געלדערען איז געוועזן א מיידעל מיט זעלטענע מעלות. הונדערטע פאַרנעהמע יונגע לייט האָבען געזוכט צו געווינען איהר האנד. אבער איהר בליק איז געפאלען אויף סאמסאָן היינע. מיט סאמסאָן׳ס כאראקטער וועלען מיר שפּעטער בעקאנט ווערען. מיר וועלען דערווייל הערען וואָס דער דיכטער אליין האָט אין זיין געוועהנליכער וויציגער ארט געזאָגט וועגען זיין פאטער.

„דיא שעהנהייט פון מיין טאטען—זאָגט היינע—„איז געוועזן עפּעס אזוי מאָדנע ווייך, עפּעס אזוי אָהן א כאראקטער, כמעט ווייבליך... איך מיין חלילה דערמיט ניט צו זאָגען, אז עס האָט איהם געפעהלט מענליכקייט, ווייל דאָס האָט ער אין זיין יוגענד אָפט געװיזען בעוויעזען און איך אליין בין ענדליך אויף דעם א לעבעדיגער עדות. דער עולם דארף ניט לעזען מיינע ווערטער מיט איבערגעשפּיטצטקייט, דען איך מיין נאָר מיין טאטענס אויסערע פאָרמען, וועלכע זיינען ניט געוועזן אזוי שרייענדיג מאנסבילש, זאָנדערן ווייך און צערטליך.‟

דיא געבילדעטע פעירא וואן געלדערן און דער שעהנער סאמסאָן האָבען חתונה געהאט דעם 1טען פעברואר 1797. דאָס יונגע פּאָאר פּאָלק האָט אריינגעצויגען אין א׳ן איינפאכעס, איין שטאָקיגעס הויז אין דער דאָלקענשטראססע נומער 602, וואו סאמ-סאָן היינע האָט געעפענט א טוך- און מאנופאקטור-געשעפט.

אָט אין דיעזען הויז איז דעם 13טען דעצעמבער 1799 געבאָרען געוואָרען הענרי היינע.

דאָס ריכטיגע דאטום פון היינעס געבורט איז אין גרונד גענומען ניט בעשטימט און אין דעם איז היינע אליין שולדיג, דערמיט וואָס ער האָט וועגען זיך געשריעבען אז ער איז „איינער פון דיא ערשטע מענער פון דעם 18טען יאהרהונדערט, ווייל ער איז געבאָרען געוואָרען אין דער ניי-יאהרס-נאכט פון 1800. דיעזעס דאטום איז נאָכגעוויזען געוואָרען פון גוסטאוו קארפּעלעס, קארל עמיל פראנצאָז און אנדערע היינעס ביאָגראפער אלס אבזאָלוט פאלש. אין מאנכע בריעף פון היינעס מוטער איז זאָגאר געשריע-

בען, אז היינע איז געבארען אין דעם יאהר 1797, אבער שעפּטער האט זיא אנגעגעבען 1799 אלס דעם ריכטיגען יאהר פון דעם דיכטערס געבורט. אין א בריעף צו זיין שוועסטער דאטירט 16טען יולי 1853, שרייבט היינע:

„וואס דאס דאטום פון מיין געבורט אנבעטרעפט בעמערק איך דיר, דאס לויט מיין טויף־שיין בין איך געבארען דעם 13טען דעצעמבער, 1799, אין דיסעלדארף ביי דעם רהיין, וואס איז דיר אויך ניט פרעמד. אזוי וויא אלע אונזערע פאמילענפּאפּיערען זיינען פערברענט געווארען אין האמבורג און אין דיא ארכיוועז פון דיססעלדארף קען דאס ריכטיגע דאטום פון מיין געבורט ניט זיין צוליעב אורזאכען, וועלכע איך וויל ניט זאגען*) אזוי איז דאס אויבערשטע דאטום דאס ריכטיגע, אדער יעדענפאלס ריכטיגער אלס דיא עראינערונגען פון מיין מוטטער, וועמעס שוואכער זכרון עס קען קיין פערלארענעם דאקומענט ניט ערזעטצען.“

א ווייטערער בעגלויבטער עדות איז זיין שוועסטער, פרוי שארלאטטע פאן עמדען, געבארען אין 1800, וועלכע האט אנגעגעבען מיט בעשטימטהייט, אז איהר ברודער הערריי איז געוועזען מיט עלף מאנאט עלטער פאר איהר.

סאמסאן און בעטטי היינע האבען א נאמען געגעבען זייער זוהן נאך זייערען א טהייערען הויז־פריינד מ. הארריי פון ליווערפּול. ווען היינע האט זיך געטויפט האט ער געביטען זיין נאמען אויף היינריך. ער האט אבער זיין קריסטליכען נאמען כמעט קיינמאל ניט געשריעבען אויף זיינע ווערק. אויף אלע זיינע ליטערארישע לייסטונגען פלעגט ער זיך צייכענען ה. היינע. אין דיא בריעף צו זיין מוטטער פלעגט ער זיך שטענדיג אונטערשרייבען הארריי און אזוי פלעגען איהם אויך אימער רופען דיא נאהענטע מיט־גליעדער פון זיין פאמיליע. דיא שטאדט דיסעלדארף האט היינע

*) מען האט איהם מן הסתם געגעבען א העכערע עלטער כדי מען זאל איהם ארייננעהמען אין דער ליסיאום שולע.

שטארק געליעבט. אין זיינע „רייזע בילדער", שרייבט ער : „דיא שטאָדט דיסעלדאָרף איז זעהר שעהן און ווען מען דענקט וועגען איהר אין דער פרעמד און מען איז דאָרט צופעליג געבאָרען ווערט עפּעס מאָדנע אויפ'ן הארצען. איך בין דאָרט געבאָרען און איך פיהל וויא איך וואָלט געדארפט באלד געהן אהיים". היינע דער־צעהלט אונז ווייטער, אז ער האָט אָנגעזאָגט זיין מוטטער, זיא זאָל ניט פערקויפען דאָס הויז אין וועלכען ער איז געבאָרען, ווייל זיא וועט אמאָל ווערטה זיין זעהר פיעל. היינע זאָגט, אז פיר דאָס גאנצע הויז קען זיא יעצט קריגען קוים אזוי פיעל וויא עס וועט אמאָל בעטרעפען דאָס טרינק־געלד, וואָס דיא „גרינפערשלייערטע ענגלישע דאמען" וועלען געבען דער דיענסטמיידעל פאר'ן ווייזען דיא שטוב אין וועלכער ער האָט דערזעהן דאָס ליכט פון דער וועלט און דעם היהנער־ווינקעל, וואו דער פאטער האָט איהם „געוועהנליך איינגעשפּארט" ווען ער פלעגט „נאשען וויינטרויבען".

דער מוטטערס איינפלוס אויף דיא גייסטיגע ענטוויקלונג פון דעם אינגעל איז אין גרונד גענומען געווען דער גראדער היפּך פון דעם פאטערס. סאמסאָן היינע איז, וויא עס שיינט, ניט געווען איבעריג בעגאבט. ער איז ניט געווען צופיעל געבילדעט און האָט ניט געהאט קיין צו גרויסע פעהיגקייט צום מסחר. אָבוואָהל דער דיכטער בעהויפּטעט שפּאסענדיג אז זיין פאטער איז געווען א מיליטערישער מענש, דאָך האָט סאמסאָן היינע קיינמאָל צום קריעגסשטאנד ניט אנבעלאנגט. אין דער צייט וואָס דיא פראנצוי־זען האָבען פערנומען דיסעלדאָרף איז ער געווען א פּאָדראטשיק וואָס האָט צוגעשטעלט זאכען פיר דער ארמעע און האָט דערפאר בעקומען דעם טיטעל אָפּיציער. אלץ וואָס מיר ווייסען וועגען סאמסאָן היינע איז, אז ער איז געווען א ווירדיגער מאן, טריי און איבערגעבען מיט לייב און זעלע צו זיין הויזגעזינד, ער האָט געשעצט און געליעבט זיין פרוי און איז געווען א צערטליכער פאטער. אבער אויף דיא בילדונג פון זיינע קינדער און אויף זייער שפּעטערע ענטוויקלונג האָט ער א זעהר קליינעם איינפלוס געהאט. ער איז געווען זעהר א רוהיגער און שטאטנער מענש,

בעשרענקט אין כאראקטער און ניט צופיעל איבערגעשפּיצט. אין זיין יוגענדצייט איז ער געווען פּראָוויאנט־מייסטער ביי דעם פּרינץ ערנסט פאָן קומבערלאַנד וועמעס ארמעען ער האָט בעגלייטעט אין פלאַנדערן און בראבאַנט. ער האָט דאַן געפונען זיין פער־גניגען אין פערשיעדענע זאכען. ער איז געווען א גרויסער ליעב־האבער פון טהעאטער און פלעגט זעהר אָפט זיך בעקענען מיט די שעהנע פּריסטערינען פון דער דראמאטישער קונסט. סאַמסאָן היינע האָט געהאט א שטארקע ליידענשאַפט צו האָדוועען פערד און הינד. צו דער צייט, וואָס ער איז אָנגעקומען נאָך דיסעלדאָרף זאָל ער האָבען מיטגעבראכט מיט זיך צוועלף קאָסטבארע זעלטענע פערד. ער האָט געהאט גרויס הנאה מאנכעסמאָל זיך אָנצוטהאָן אין זיין מיליטערישען קאָסטיום, וועלכען זיין ראנג האָט איהם ערלויבט צו טראָגען, און ארויסגעהן שפאציערען. פון דערוויטענס האָט מען געקענט מיינען, אז ער איז ווירקליך עפּעס א גרויסער מענש, א זעלטענער חכם, אָדער א'ן אויפטהוער, אָבער ווען מען האָט זיך מיט איהם נאָהענט בעקענט האָט מען אויסגעפונען, אז מען האָט זיך גענארט.

גאַנץ אנדערש איז געווען דעם דיכטערס מוטטער. איהר האָט ער שטענדיג געליעבט מיט בעזאָנדערער ליעבע. די מוטטער איז געווען און געבליעבען זיין העכסטער אידעאַל, זיין הייליגטהום. איהר געדענקט ער אין זיינע שריפטען שטענדיג מיט דעם גרעסטען רעספּעקט און טיעפסטע פערעהרונג. בעטטי היינע האָט געהאט אויף איהרע קינדער א בעדייטענדען איינפלוס. די פּאָרטרעפליכע ערציהונג, וואָס זיא האָט גענאָסען ביי איהרע עלטערן האָט זיא אריבערגעטראָגען צו זיך אין הויז. זיא האָט דעם קליינעם האררי געלערנט לעזען און שרייבען. זיא איז געווען זיין ערשטע לעהרערין. איהר עדעלקייט, קלוגשאפט און בילדונג האָבען זיך איינגעדריקט אין דעם אינגעלם נשמה און זיינען דאָרט פערבליבען אויף אייביג. זיא האָט ענטוויקעלט זיין יונגע פאנטאזיע מיט אלערליי פאנטאַס־טישע מעשה'לעך, וואָס האָבען אויף איהם געווירקט וויא א צויבער. זיא האָט איהם געלערנט מאכען די ערשטע בוכשטאבען פון דעם

דייטשען „אלף בית“. זיא פלעגט שרייבען דיא אותיות מיט קרייד און ער פלעגט זיי מיט פלייס זוכען נאכצומאכען.

ווען דער איינגעל איז אלט געוואָרען פיער יאָהר האָט איהם דיא מוטטער אוועקגעגעבען אין א שולע פון מיידלעך, וואו ער האָט ארויסגעוויזען גרויס שארפקייט צו פערשטעהן און בענעהמען זאכען. ער האָט געליעבט דיא שולע, האָט אָבער פיינד געהאט דאָס רוהיג זיטצען און זיין לעהרערין, וואָס איז געווען א בתולה פון א יאָהר פופציג. אין דיעזער שולע האָט האררי צום ערשטען מאָל געצייגט זיין אָפּענהערציגקייט צו זאָגען דעם אמת פריי און אָהן שרעק. זיין שנאה צו דער לעהרערין איז געווען אזוי גרויס, אז ער האָט שטענדיג געקלערט א מיטעל וויא זיך מיט איהר אָבצור־רעכענען. ער האָט איהר פיינד געהאט דערפאר, וואָס זיא פלעגט איהם צווינגען צו זיטצען רוהיג.

איינמאָל האָט ער דערטאפּט איהר טאבאק־פּושקע און דורך זיין יונגען מח'ל איז דורכגעפלויגען א גליקליכער געדאנק. ער האָט האסטיג אויסגעשאָטען דיא טאבאק, האָט אָנגעפּילט דיא פּושקע מיט זאמד און האָט עס ווידער אוועקגעשטעלט אויף דעם זעלבען אָרט. ווען דיא אלטע האָט דאָס שפּעטער אויסגעפונען און האָט איהם געפרעגט פארוואָס ער האָט דאָס געטהאָן, האָט ער האסטיג און שארף געענטפערט: „ווייל איך האס דיך!“

דיא פאמיליע סאמסאָן היינע האָט זיך דערווייל פערמעהרט; נאָך האררי אין דעם יאָהר 1800 איז געבאָרען געוואָרען זיין שוועסטער שארלאָטטע, אין 1805 זיין ברודער גוסטאוו און אין 1807 דער אינגסטער ברודער מאקסימיליאן. האררי'ס בעסטער פריינד איז צו יענער צייט געווען יאָזעף נייציג, א זוהן פון א שכן מיט איהם צוזאמען איז האררי געגאנגען אין חדר ביי א אידישען מלמד מיט'ן נאָמען רינטעלזאָהן.

אָבוואָהל האררי איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט יאָזעף נייציג, פון דעסטוועגען האָט דאָס אמאָל פאסירט דאָס נייציג האָט איהם געטראָפען מיט א שטיין אין קאָפּ און ער איז געקומען

צו לויפען אהיים א פערבלוטיגטער. אין עטליכע יאָהר שפּעטער ווען דיעזע חברים זיינען געווען אין באַנן האָט נייציג דערמאָהנט היינע'ן אָן דער יוגענד־פּאסירונג. היינע האָט א שמייכעל געטהאָן און האָט איראָניש בעמערקט: „ווער וויים, אפשר האָט דאָס געדארפט אזוי זיין! ווען דו וואָלסט מיר דאן ניט געטראָפען אין דעם פּאָעטישען אָדער און וואָלסט מיר דעם קאָפּ ניט געעפענט, וואָלט איך אפשר קיינמאָל קיין דיכטער ניט געוואָרען“.

זיין שוועסטער שארלאָטטע האָט הארריו געליעבט כמעט אזוי שטארק וויא זיין מוטטער. ווען ער פלעגט נור עפענען דיא אויגען בעגינען, פלעגט ער באלד פרעגען אויף זיין שוועסטער. מיט איהר פלעגט ער שטענדיג פערברענגען. ווען דיא אנדערע מיטגליעדער פון דער פאמיליע פלעגען נאָך ליעגען אין געשמאקסטען שלאָף פלעגען זיך שוין הארריו און שארלאָטטע צוזאמען שפּיעלען — זיי פלעגען זוכען גראמען. דיעזע טיעפע ליעבע האָט נאכהער דער דיכטער ארויסגעצייגט אין דיא בריעף צו זיין שוועסטער.

שוין אין זיין פריהעסטער יוגענד האָט היינע ארויסגעוויזען א געוויסע נערוועזיטעט, וועלכע איז מיט יעדען יאהר אלץ גרעסער געוואָרען. הויך זינגען, קלאוויר שפּיעלען און יעדער ליארם איז איהם געווען אונאנגענעהם און האָט איהם פערשאפט געוויסע נערוועזע אונרוהיגקייט און זאָגאר שמערצען. אפילו זיין שוועסטער, וועלכע האָט געהאט א'ן אנגענעהמע, זיסע און קלינגענדע שטימע, פלעגט ער זעהר אָפט זאָגען: „ליעבע שוועסטער, שריי ניט אזוי הויך“. זיין געהער איז געווען אזוי שארף, אז ער האָט געהערט ליגענדיג אין בעט אלעס, וואָס מען פלעגט ריידען אין דרויסען. צווישען זיינע שול־חברים איז ער שטענדיג געווען איינער פון דיא ערשטע. אויסער דעם וואָס ער האָט געהאט א טהייערען קאָפּ און זעלטענע פעהיגקייט שנעל און ריכטיג צו פערנעהמען א זאך, האָט ער נאָך דערצו בעזעסען א גרויסען חשק צום לערנען. זיין התמדה איז געווען זעהר שטארק. ער פלעגט ניט מיעד ווערען קומענדיג פון דער שולע צו זיטצען ביז שפּעט אין דער נאכט

און מאכען זיינע לעקציאָנען. זיין מוטטער האָט מורא געהאט פאר זיין צו גרויסע אנשטרענגונג און פלעגט איהם אָפט הייסען אוועק־לעגען דיא ביכער און רוהען אָדער זיך ביי עפּעס אמוזירען און צערשטרייען. עס איז איינשטיממיג אנגעוויעזען פון אלע זיינע צייטגענאָסען אז שוין דאן האָט זיך אָנגעפאנגען ארויסצייגען זיין פּאָעטישער טאלאנט. דאָס זיינען נאָך געווען צארטע קנאָספּען, ניט ענטוויקעלט און האָבען זיך ערשט שפּעטער געעפענט אלס צייטיגע בלומען פול זאפט און פארפום. דיא ערשטע סיבה דורך וועלכע זיין טאלאנט האָט זיך צום ערשטען מאָל בעוויעזען איז געווען פאָלגענדע:

שארלאָטע האָט בעזוכט א קלויסטער־שולע, וואָס איז גע־פיהרט געוואָרען פון „הייליגע שוועסטער" (מאָנאשקעס). איינ־מאָל האָט איינער פון דיא לעהרער דערצעהלט דיא שילערינען א געשיכטע, וועלכע זיי האָבען געדארפט אין דער היים אויסשרייבען אויף א פאפּיער און ברענגען אין דער שולע. קומענדיג אהיים האָט זיך שארלאָטע געזעצט צו דער ארבייט, אָבער זיא האָט זיך אויף קיין פאל ניט געקענט דערמאָהנען דיא געשיכטע. זיא האָט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען און ווען הארי איז פלוצלונג צוגעגאנגען צו איהר און געפרעגט: „וואָס איז געשעהען?" האָט איהם שארלאָטע דערצעהלט פאר וואָס זיא וויינט. ער האָט איהר געטרייסט און געבעטען, זיא זאָל זיך נאָר דערמאָהנען כאָטש עטוואָס פון איהר לעהרערס געשיכטע און דאן וועט שוין אלעס רעכט זיין. אין א שטונדע ארום האָט איהר הארי געבראכט דיא גאנצע געשיכטע אויפגעשריעבען אויף א פאפּיער. פאר גרויס שמחה, וואָס זיא איז בעפרייט געוואָרען פון אזא שטיקעל אר־בייט, האָט זיא דאָס צומאָל ניט איבערגעלייענט. זאָנדערן עס אריינגעלעגט צווישען איהרע שול־ביכער און עס איבערגעגעבען דעם לעהרער. דער לעהרער האָט איבערגעקוקט דיא פאפּיערען פון אלע שילערינען, האָט מאנכעס קאָריגירט און אָבגעגעבען צוריק, אָבער דאָס פאפּיער פון שארלאָטע האָט ער בעהאלטען ביי זיך. נאָך דער שול־צייט האָט ער איהר צוגערופען און געפרעגט, ווייזענדיג

אויפ'ן העפט „ווער האָט דאָס געשריעבען?" ניט פיעל טראַכטענ־דיג האָט שאַרלאָטע געענטפערט: „איך!"

„איך וועל זיך אויף דיר ניט בייזערען און וועל דיר אויך קיין פאָרווירפע ניט מאַכען" — האָט דער לעהרער ווייטער ערקלערט — „נאָר זאָג מיר, ווער האָט דאָס געשריעבען?" פערשעהמט פון איהר ליעגען־זאָגען האָט נעבאַך שאַרלאָטע מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען אָנגערופען דעם נאָמען פון דעם ריכטיגען פערפאַסער. „דאָס איז א מייסטערווערק!" האָט דער לעהרער אויסגערופען, ווייזענדיג דיא פערפאַסונג צו אַלע לעהרער, וועלכע האָבען מודה געווען, אז דאָס איז א מייסטערשטיק. ווען שאַרלאָטע האָט דערהערט לעזענדיג דיא געשיכטע האָט זיא זיך דערשראָקען. דאָס איז געווען א פאַנ־טאַסטישע צויבער־מעשה'לע פון גייסטער און רוחות. דיא זאַך איז געווען אזוי שעהן און מייסטערהאַפט דערצעהלט, אז דער לעה־רער איז האַסטיג אוועק צו שאַרלאָטעס עלטערן און בעגריסט מאַדאַם בעטטי היינע מיט איהר זוהן'ס גרויסע פעהיגקייט און זעלטענעם טאַלענט. מען האָט באַלד גערופען דעם אינגעל. ער איז אָבער ביי אַלע שבחים, וואָס דער לעהרער האָט איבער איהם געזאָגט, געבליעבען גאַנץ קאַלט, דען ער האָט געגלויבט, אז ער האָט גאָר ניט אויפגעטהאָן אזא גרויסע זאַך און האָט ניט עטוואָס בעזאָנדערעס געשאַפען.

דעם מאַנוסקריפּט פון דיעזער שול־ארבייט האָט דיא מוטטער בעהאַלטען, אָבער דאָס איז פערברענט געוואָרען אין האַמבורג צוזאַמען מיט דעם דיכטערס אַנדערע מאַנוסקריפּטען און דאָקו־מענטען פון זיין יוגענדצייט. אויסער אַנדערע קענטניסע האָט האַררי אויך געלערנט טאַנצען, צייכנען און מוזיק, אָבער ער האָט צו דיא זאַכען קיין איבעריגען חשק ניט געהאַט און זיין גאַנצע לוסט איז נאָר געווען צו ליטעראַטור. אפילו גריכיש און ליטיין האָט היינע שפּעטער ניט געלערנט מיט אזא ערפאָלג וויא דיא דייטשע שפּראַכע, איהר פּאָעזיע און פילאָזאָפיע.

פון אַלע, וואָס איז ביז אהער געזאָגט געוואָרען, איז צו זעהן, אז דיא ערציעהונג, וועלכע דיא קינדער האָבען געקריגען אין דעם

הויז היינע, איז געוועז א רייכע און פיעלזייטיגע, איין מעטהאָדישע, אָבער וויא עס שיינט, איז זיא דאָך ניט געוועזן אזעלכע, וואָס זאָל אויסבילדען אין גאנצען דאָס הארץ און דעם גייסט — עס האָט איהר געפעהלט דיא רעליגיאָן. דיא רעליגיעזע ערציעהונג פון דיא קינדער איז כמעט אין גאנצען פערנאכלעסיגט געוואָרען. דער פאטער און דיא מוטטער, אָבוואָהל ניט קיין פריידענקער, זיינען אָבער געוועזן זעהר טאָלעראנט און האָבען זיך ניט אָבגעשראָקען פאר פרייע געדאנקען אין דער רעליגיאָן. פון רעליגיעזע צערעמאָניען האָבען זיי וועניג געהאלטען. דיא מוטטער, זייענדיג האָכגעבילדעט און א סך בעלעזען האָט פון דעסטוועגען געגלויבט שטרענג אין „אחדות הבורא“, דער פאטער אָבער איז ניט געוועזן קיין צו גרויסער מאמין און קיין איבעריגער אפיקורות, ער איז אין רעליגיעזער בעציהונג געוועזן אינדיפערענט. דיא קינדער זיינען דארום געוועזן ווייט פון רעליגיאָן — זיי האָבען דאָס בעטראכט אלס א׳ן איבעריגע זאך, אלס א לאסט.

אויסער דאָס קארגע ביסעל אונטערריכט אין העברעאיש, וואָס היינע האָט סתם פון יוצא וועגען געקריגען ביי דעם אידישען מלמד רינטעלזאָהן, האָט ער פון אידישקייט וועניג געוואוסט. נאָכדעם וויא ער האָט בעזוכט דעם חדר אונגעפעהר א יאָהר, האָבען דיא עלטערן איהם אוועקגעגעבען אין דיסעלדאָרפער לייסיאום, א העכערע לעהראנשטאלט אין א יעזואיטישען קלויסטער פון פראנציסקאנער מאָנאכען, געגרינדעט פון פראנצויזען. זיינע עלטערן האָבען ניט געקוקט וואו זייערע קינדער לערנען כל זמן זיי האָבען געוואוסט אז דיא לעהרער זיינען גוטע און געבילדעטע מענשען.

היינע האָט ערהאלטען פון זיינע עלטערן א ווידערשפרעכענדען כאראקטער. זיין מוטטער איז געוועזן א שטארקע דייטשע פאטריאָטין, וועלכע האָט געליעבט דייטשלאנד מיט איהר גאנצער נשמה. דער פאטער דאגעגען איז געוועזן א פריינד פון דיא פראנצויזען און א גרויסער פערעהרער פון נאפּאָלעאָן, וועלכער האָט דאן בעזיעגט דייטשלאנד און האָט געגעבען דיא אידען אלע רעכטע און פרייהייטען מיט יעדען דייטשען בירגער צוגלייך. ביי דער

פאמיליע היינע האָט געהערשט דיא גרעסטע ליעבע און האָכאכטונג צו דעם פראנצאָזישען קייזער און זאָגאר היינעס מוטטער האָט ניט געוואגט עפענטליך צו רעדען געגען דיא פראנצויזען. אין א בריעף צו איהרע א פריינדין בעקלאָגט זיא זיך אבער, וואָס דער פרעמדער, דער פראנצויז, האָט זיך ארייגעכאפּט אין דייטשלאנד און איין דייטש צום צווייטען רעדט ניט מעהר מיט אזא ליעבע אין דאָס ליעבע דייטש וויא אמאָל. סאמסאָן היינע האָט שטארק ליעב געהאט און פערגעטערט סאָלדאטשינע און האָט בעטראכט דעם קייזער נאפּאָלעאָן אלס א זעהר פריינדליכע פערזאָן, וועהרענד בעטטי היינע האָט געשוועבט צווישען האס און בעוואונדערונג. אונטער אזעלכע קאָנטראסטען האָט זיך הארי אויפגעצויגען פון זיין פריהעסטע קינדהייט אָן. מען מוז זיך פּאָזיטיוו מיט דיא אלע זאכען רעכענען ווען מען וויל פערשטעהן היינעס גאנצעס דיכטערישעס שאפען און בעגרייפען דעם פּאָעט דורך און דורך.

צו צוועלף יאָהר האָט היינע געמאכט זיין ערשטעס געדיכט. דאָס איז געווען א געבורטסטאג פּאָעם, וועלכעס דערמאָהנט אָן א לאנג־פערגעסענעם דייטשען דיכטער קלאמער שמידט. דאָס געדיכט האָט היינע געמאכט צום האָכצייטס־טאָג פון זיינע עלטערן און עס לעזט זיך אונגעפעהר אזוי:

אין קענט איהר שאפען איבער אונגליק און גליק
אָ, איהר געטטער! בענשט מיר אָט דעם אויגענבליק,
וואָס ברענגט צוריק דיא זיסע, הייליגע שטונד,
וואָס האָט געשלאָסען מיינע עלטערנס בונד.

דיסעלדאָרף, דעם 1טען פעברואר, 1813.

אין א קורצער צייט נאכדעם האָט היינע געדיכטעט א גרויס־ארטיגעס געדיכט פול קראפט און פרישקייט און עס לויפט אין דעם זעלבען סטיל, וואָס היינע׳ס בעריהמטע פּאָעמא „אַטטאַ טראָל“. דיעזעס געדיכט „וויגעבערגיאדע“ אין צוויי געזאנגען האָט היינע געמאכט אויף זיינעם א חבר. דיא „וויגעבערגיאדע“ געפינט זיך ניט אין זיינע געזאמעלטע ליעדער און איז ערשט שפּעטער פער־עפענטליכט געוואָרען. לויט היינע׳ס אייגענע בעהויפּטונג איז

זיין ליעד „בלשצר“, וועלכער געפיענט זיך אין „בוך דער ליעדער“, געווען זיין ערשטע פּאָעטישע שאפונג. ער זאָגט, אז ער האָט דאָס געדיכט געשריעבען איידער ער איז נאָך אלט געווען פולע זעכצעהן יאָהר. דיא בעגייסטערונג צו דיעזען פּאָעטישען פּערל, ערקלערט היינע, האָט ער געקראָגען פון ד׳עם „ויהי בחצי הלילה“, וואָס ווערט געזאָגט אין דער הגדה ביי דער צווייטער סדר נאכט. דאָרט ווערען אויסגערעכענט אלע נסים, וואָס גאָט האָט געוויעזען אין דיעזער נאכט און עס ווערט אויך דערמאָהנט דיא מפלה פון דעם קעניג בלשצר, וואָס האָט אין דער דאָזיגער נאכט געטרונקען ווייַן פון דיא כלים, וועלכע ער האָט גענומען פון בית המקדש, וויא ער האָט גע־לעסטערט גאָט און איז אין דערזעלביגער נאכט גע׳הרג׳עט געוואָרען פון זיינע אייגענע דיענער. היינע האָט דערפון געמאכט אן אונ־שטערבליכעם געדיכט.

איינער פון היינע׳ס הויפּט יוגענד פריינד פון יענער צייט איז געווען א געוויסער כריסטיאן זעטהע. פאר איהם האָט ער שפּע־טער אויסגעגאָסען זיין הארץ וואָס איז פערוואונדעט געוואָרען פון דיא ערשטע ליעבעס פיילען פון אונגעלונגענער ליעבע. היינע האָט שטארק געליטען פון זיינע שול־קאָלעגען פאר זיינע שפּאָט־ליעדער, וואָס ער פלעגט אויף זיי מאכען און ער האָט אויך ניט ווענינ געליטען אלס איד. אבער שוין אלס אינגעל האָט ער פערשטאנען צו טרעפען זיינע קריסטליכע געגנער מיט שארפע וויצען און קלוגע שטעכווערטלעך, וואָס פלעגט זיי נאָך מעהר אויפרייצען געגען איהם און ער האָט דערפון קיין נחת ניט געהאט. נאָך אין יענער צייט האָט זיך האררי בעקענט מיט א זעלטענעם אינגעל, דער זוהן פון א אידישען קאָרענהענדלער, וועלכער האָט געהאט א נאָמען פאר אן „אפּיקורות“. דיעזער אינגעל האָט איהם געזוכט בעקאנט צו מאכען מיט דיא ווערק פון שפּינאָזא און פלעגט מיט איהם שטונ־דען לאנג דיסקוטירען און פילאָזאָפירען איבער גלויבען און יודענ־טהום. דיעזער אויפגעקלערטער אינגעל האָט געהאט א שטארקען איינפלוס אויף היינע׳ס שפּעטערדיגע מיינונגען וועגען אידישקייט. אויסער דעם האָט האררי געקראָגען צו לעזען פון זיין מוטטער דאָס

בעריהמטע ווערק „דאָן קיכאָט“, פון סערוואנטעס, און דיא וואונ-
דערליכע רייזע־בעשרייבונגען פון סוויפט, וועלכע האָבען אויף זיין
פאנטאזיע א גרויסען רושם געמאכט.

אונטער דיעזער גאנצער צייט איז הארדי געווען א פראנצויזי-
שער פאטריאָט. ער איז געווען איינשטימיג מיט זיין טאטען, אז
מען דארף שעטצען נאפּאָלעאָנען פאר זיין פריינדשאפט צו אידען.
אָבער דיא פּאָליטישע לאגע האָט זיך געביטען. נאפּאָלעאָן האָט
פלוצלינג געהאט זיין שרעקליכע מפלה אין רוסלאנד. דאָס האָט
דיא דייטשען געמאכט א ביסעל שטייפער ביי זיך און זיי האָבען
אָנגעהויבען צו דענקען וועגען אראָפּוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון
דיא פראנצויזען. אויף דעם הימעל פון דיא דייטשע אידען האָ-
בען זיך ווידער אָנגעהויבען קלייבען שווארצע וואָלקען. דיא
פרייהייט און דיא רעכטען וואָס דער פראנצויזישער קייזער האָט
זיי געגעבען האָבען פערלאָרען ביסלעכווייז זייער אמת'ן גלאנץ.
דער דייטשער פאטריאָטיזמוס האָט ווידער אויפגעפלאקערט און
האָט אויך מיטגעריסען מיט זיך דעם יונגען הארדי. אויף אזוי
ווייט, דאָס ווען פרידריך ווילהעלם דער דריטער האָט דען 17טען
מערץ, 1813, ארויסגעלאָזען זיין בעריהמטען אויפרוף פון קאליש
צום קאמפף פיר דייטשע פרייהייט, האָט זיך הארדי אָנגעשלאָסען
אָן א רעגימענט פון יונגע דייטשע וואָלאָנטירען.

צווייטער קאפּיטעל.

דיא עלטערן ווילען מאַכען היינען פאַר אַ סוחר, דעם דיכטער'ס ליטעראַרישע טהעטיגקייט אין פראַנקפורט אַם מיין. היינע'ס אונרוהיגקייט אין האַמבורג. זיין בעריהמטער בריעף צו געטהע. היינע'ס ערשטע ליעבע. דער פּאָגראָם אויף אידען אין האַמבורג. היינע'ס אַריינטרעטען אין דער אוניווערזיטעט פון באָנן.

דיא צייט שטעהט ניט אויף איין אָרט. האררי איז עלטער געוואָרען און זיין מוטטער האָט אָנגעפאנגען צו קלערען פיר איהם אַ תכלית. נאָך פיעל קלערען און נאכדיינקען איז זיא געקומען צום בעשלוס, אַז איהר עלטסטער זוהן זאָל ווערען אַ קויפמאַן. אין יענער צייט זיינען אַ סך אידען אויפגעוואקסען און גליקליך געוואָרען ביים מסחר. היינע זאָגט אליין אין זיינע „מעמוארען", אַז „דאָס הויז ראָטהשילד, מיט וועלכע מיין פאָטער איז געווען גוט בעקאַנט, האָט שוין דאַן אָנגעפאַנגען זיין פאַבעלהאַפטע קאריערע און אַ סך אַנדערע פירסטען פון באַנק און אינדוסטרי זיינען פאַר אונזערע אויגען געשטיגען צום העכסטען פינאַנציעלען גליק. מיין מוטטער האָט אַלזאָ ערקלערט, אַז יעטצט האָט געשלאָגען דיא מינוט, אין וועלכער אַ מענש מיט אַ גוטען קאָפּ זאָל זיך דערהויבען צום העכסטען שטאַפּעל פון הצלחה. זיא האָט דארום בעשלאָסען איך זאָל ווערען אַ געלדמאַכט און יעצט מוז איך איבערהויפּט לערנען פרעמדע שפּראַכען, בעזאָנדערס ענגליש, געאָגראַפי, בוכהאַלטעריע, קורץ אַלע זאַכען וועגען ים און יבשה, וואָס זיינען נויטיג צו אַ וועלט מסחר".

האררי היינע איז שוין דאַמאָלס געווען אַ הויפּט אינטעליגענטער אינגעל און דיא סיבה, פאַר וואָס זיין מוטטער האָט איהם געוואָלט אָברייסען פון שטודירען און מאַכען פאַר אַ קויפמאַן, ער-

קלערט זיך נאָר דערמיט, וואָס זייט דיא דייטשען האָבען וויעדער געקראָגען דיא ממשלה ביי זיך אין לאנד, האָבען זיי געוואָלט פער־טרייבען דיא אידען פון דיא אוניווערזיטעטען. אידען האָבען אפילו געמעגט שטודירען, אָבער קיין פּראָפעסאָר שטעלע האָבען זיי ניט געטאָרט פערטרעטען. זיי האָבען אויך ניט געטאָרט זיין קיין אדוואָקאטען. מעדיצין איז נאָך געוועזען דאָס איינציגע, וואָס אידען האָבען געמעגט פּראקטיצירען, אָבער דערצו האָט הארדי קיין חשק ניט געהאט.

דיא ערשטע פּראָבע איז געמאכט געוואָרען: נאכדעם וויא היינע האָט געענדיגט דיא גימנאזיום איז ער אין הערבסט פון דעם יאָהר 1814 איינגעטרעטען אין א קאָמערץ שולע אין דיסעלדאָרף אום דאָרט דיא וויסענשאפט פון האנדעל צו שטודירען. דאָ האָט זיך אָבער שוין ארויסגעוויעזען היינע'ס שוואכער חשק צו מסחר אָדער וויא ער אליין רופט דאָס „קרעמעריי“. אָנשטאָט צו לערנען דעם וועקסעל־געשעפט, בוכהאלטעריע און חשבונות פון פּראָצענט און פּראָפיטען האָט היינע געשריעבען פּאָעזיע און געמאכט שפּאָט ליעדער און סאטירען אויף מאנכע פון דיא לעהרער און זיינע שול־קאָלעגען. נאכדעם אָבער וויא ער האָט זיך קוים מיט צרות אויסגעלערנט דעם „אלף בית פון האנדעל“, האָט איהם דער פאָטער אין אנפאנג פון דעם יאָהר 1815 מיטגענומען נאָך פראנקפורט אם מיין בעקאנט צו מאכען מיט דער גרויסער קאָבעדיגער האנדעלס וועלט. זייענדיג פערזאָרגט מיט דיא בעסטע רעקאָמענדאציעס איז עס געלונגען סאמסאָן היינע ארייצוברענגען זיין זוהן אין קאנטאָר פון דעם רייכען באנקיר רינדסקאָפּף אלס וואָלאָנטיר. דיא באנק איז געוועזען פיר היינען א צו קאלטער, אומעטיגער אָרט. ער האָט זיך דאָרט געפונען וויא אין א געפענגניס. דיא טרוקענע ציפער האָבען איהם מיאוס געמאכט דאָס לעבען און אין דריי וואָכען ארום איז ער פון דאָרט אוועק. היינע זאָגט אין זיינע שריפטען, אז ער האָט געוואָלט ווערען א באנקיר, ער האָט שוין דאן פערשטאנען און געוואוסט, „אז געלד איז דיא וועלט“. אָבער ער האָט אויף קיין פאל ניט געקענט איבערמאכען זיין נאטור,

וועלכע האָט זיך ניט געקענט איבערגעבען צו דעם טרוקענעם, איינ־טאָניגען קלאנג פון דער מטבע. אין יענער צייט האָט זיך דאָס היינע צום ערשטען מאָל בעקענט מיט לודוויג בערנע, דעם גרעסטען און שארפסטען קריטיקער, פאר וועלכען אלע אקטיאָרען און אקטריסעס פון פראנקרייך פלעגען ציטערען וויא פאר פייער. בערנע האָט דאן געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף היינען, וועלכער האָט שוין ארויסגעוויזען א גרויסע אינטערעסע פיר ליטעראטור.

הארדי איז בלויז געווען א קורצע צייט אין פראנקפאָרט, אָבער דאָס איז איהם שטארק צוניטץ געקומען. דיא פראנקפורטער „יו־דענגאס", דיא „געהעטאָ", דער אידישער מסחר, דער גאנצער האנ־דעל און וואנדעל פון יענער שטאָדט האָט איהם געגעבען שטאָף צו שרייבען שפעטער זיין בעריהמטען „ראבבי פאָן באכראך" און אנ־דערע לעבעדיגע און קונסטפאָלע שילדערונגען פון פראנקפורט, וועל־כע ער האָט אין גרונט גענומען פיינד געהאט און גערופען א „נעסט פון קרעמער". נאכדעם וויא ער האָט פערווייַלט עטליכע חדשים אין פראנקפורט איז ער געקומען צוריק אהיים נאָך דיסעלדאָרף. אין א יאָהר ארום אָבער האָט היינע ווידער פערלאָזען זיינע על־טערען און איז אוועק נאָך האמבורג. דאָרט האָט ער אנפאנגס גע־ארבייט אין באנק־געשעפט פון דער פירמא העקטער עט קאָמ־פאני, פון וועלכער זיין אָנקעל, סאָלאָמאָן היינע, איז געווען א שותף. דיא שטאָדט האמבורג האָט געמאכט אויף היינען א שלעכטען איינדרוק. ער האָט ניט געליעבט יענע מענשען, ער האָט ממש פיינד געהאט דיא גאסען, וועלכע האָבען אויף איהם דעם גרעסטען איינ־דרוק געמאכט. אָבער גראדע אין יענער שטאָדט, אויף וועלכע ער האָט ניט געקענט קוקען, האָט געוואוינט יענע שעהנע פרוי, וואָס האָט אָנגעצונדען אין היינע'ס הארץ דעם ערשטען ליעבעס פייער. אין האמבורג האָבען זיך אָנגעפאנגען זיינע „יונגע ליידען", דאָרט האָט ער צום ערשטען מאָל דערזעהן יענע צויבער־געשטאלט, וואָס איז איהם געבליעבען אייביג אין דער נשמה און האָט איהם געדיענט אלס פאָרבילד צו אלע פרויען, וואָס ער האָט שפעטער בעזונגען. היינע'ס ליעבע איז געווען א פלאם פייער, וואָס האָט איהם פער־

צעהרט דאָס לעבען. אין זיינע גליהענדע ליעבע ליעדער רופט היינע זיינע געליעבטע מיט פערשיעדענע נעמען, וויא מאָללי, צור־לימא, עוואלינא, אטטליע א. ז. וו. אָבער דאָס זיינען אלץ אנדערע נעמען פון דיא זעלבע זיסע פרויענגעשטאלט, וועלכע איז ניט געווען קיין אנדערע וויא אמאליע היינע, דיא מיטלעסטע טאָכטער פון זיין רייכען אָנקעל דעם באנקיר סאלאמאָן היינע פון האמבורג.

היינע האָט געליעבט זיין קאָזינע מיט א ליעבע וואָס איז מעהר וויא ליעבע, אָבער זיא האָט איהם קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשאָנקען. א באנקיר'ס א טאָכטער, אויפגעצויגען צווישען דעם קלאנג פון גאָלד און זילבער, האָט זיא ניט געהאט קיין אויער פיר דעם דיכטער'ס ליעבעס־ווערטער און קיין הארץ פיר זיינע ליידען. זיא האָט איהם פערביטען אויף אן אנדערען. זעהענדיג, אז זיין ליעבעס חלום האָט זיך ניט פערווירקליכט, האָט ער שוין גענומען צווייפלען אין ליעבע און אין דעם געשמאק פון פרויען אין וועהלען זיך געליעבטע. ער האָט דאן געשריעבען זיין בעקאנטעס גערדיכט, וואָס קען זיך לעזען אין אידיש אויף אזא ארט:

א בחור ליעבט אַ מיידעל,
דאָך זיא אַן אַנדערען ליעבט;
דער אַנדרער ליעבט אַן אַנדרע
און ווערט מיט איהר פערקניפט.

דאָס מיידעל הייראַט נעבאָך,
זיא קלייבט ניט איבער מעהר.
דער בחור זעהט דיא צרות,
עס ווערט דאָס הארץ איהם שווער.

דאָס איז אַן אַלטע מעשה,
דאָך בלייבט זיא שטענדיג ניי
און ווענען זיא פּאַסירט נאָר
דעם איז דיא וועלט פאַרביי.

זיין גאנץ הארץ האָט דאן היינע אויסגעגאָסען אין צוויי בריעף צו זיין חבר כריסטיאן זעטהע. אין דעם ערשטען בריעף שרייבט היינע, אז זיין גאנצער גליק איז, וואָס ער קען אויסגיסען זיין שווער געמיטה אין ווייכע ליעדער. ער האָט אָבער באלד חרטה און שרייבט, אז דיא לעטצטע צייט איז איהם דיא מוזע אויך אונטריי געוואָרען — „אויך א פרוי" — זאָגט היינע — „מען קען זיך אויף איהר אויך ניט פערלאָזען". אין זיין צווייטען בריעף בעקלאָגט ער זיך פאר זעטהע אויף דער ביטערער גלייכגילטיגקייט פון זיין קוזינע. ער וויינט נעבאך פאר יסורים, וואָס זיינע שעהנע ליעדער, וועלכע ער האָט פיר איהר געדיכטעט, האָבען ביי איהר גאָר קיין פנים ניט און זיא קוקט איבערהויפט אויף איהם מיט א גרינג שעטצונג. אין דעם צווייטען בריעף זאָגט ער שוין ווידער, אז דיא מוזע איז איהם דאך טהייערער וויא דיא אונדאנקבארע גע־ליעבטע, ווייל אין איהר געפינט ער דאך א טרייסט אין זיין ביטערע לאגע. יענע ערשטע ליעדער האָט דאן היינע פערעפענטליכט אין אן אלטע, לאנג פערגעסענע צייטשריפט „האמבורגס וועכטער". זיין אייגענעם נאָמען האָט ער אונטער דיא ליעדער ניט געצייכענט. ער האָט דאָס ניט געקענט טהאָן, ווייל עס וואָלט ניט געפּאסט פיר זיין שטאנד אלס „סוחר". היינעס אָנקעל סאָלאָמאָן האָט איהם דאן אין יאָהר 1818 געעפענט א קאָמיסיאָנסגעשעפט אין ענגלישע מאנופעקטור וואארען אונטער דער פירמא „האררי היינע עט קאָמ־פּאניע".

אָבער טאקע דערפאר, ווייל האררי היינע האָט ניט געקענט זיין „קויפמאן און דיכטער" צוזאמען, האָט ער געמוזט אין פריה־לינג פון דעם יאָהר 1819 אויפגעבען זיין געשעפט און ווערען אויס קאָמיסיאָנער. סאלאמאָן היינע, וועלכער האָט געוואָלט מאכען פון זיין פּלעמעניק א מיליאָנער, האָט ענדליך געמוזט אויפגעבען דיא האָפנונג. היינע'ס לאגע איז געווען א ביטערע און טרויעריגע. זיין רייכער אָנקעל האָט איהם געהאלטען פאר א טויגעניכטס, א לא יוצלח און האָט איהם ניט מעהר געשטיצט מיט אזא חשק וויא פריהער. קוים מיט צרות האָט ער זיך איינגעבעטען ביין זיין אָנ־

קעל ער זאָל איהם געבען דיא נויטיגע הילף ער זאָל קענען ווייטער־שטודירען. דער אָנקעל האָט איינגעווילינט, אָבער מיט דעם תנאי, אז ער זאָל שטודירען אלס אדוואָקאט און זיך איבערגעבען צו דעם סטודיום מיט לייב און לעבען.

איידער היינע האָט פערלאָזען האמבורג האָט ער נאָך דאָרט דערלעבט צו זעהן א פּאָגראָם אויף אידען. דער יודענהאס, וועל־כער איז צו דער צייט פון דיא פראנצויזישע הערשאפט אין דייטש־לאנד אין גאנצען פערשוואונדען, האָט זיך ווידער אָנגעפאנגען. אין דיא רעסטאָראנען און ביער קעלערס פלעגט מען נאָר הערען זלזולים און קללות אויף אידען. א איד איז ממש ניט זיכער גע־ווען ארויסצוגעהן אין גאס, דאָך צו אן עפענטליכע אטאקע אויף אלע אידען איז דאָס ניט געקומען ביז יענער צייט ווען היינע האָט געדארפט פערלאָזען דיא שטאָדט. וועלכע האָט זיך איהם אזוי אויך שוין איינגעגעסען אין דיא ביינער. דער המון עם האָט זיך פער־איינינט אין א גרויסע מאסע און מיט ווילדע געשרייען „העפּ!“ „העפּ!“ האָט זיא זיך ארויסגעלאָזען אין דיא גאסען שלאָגען אידען. צוויי נעכט נאָכאנאנד האָט מען געבראָכען שויבען אין אידישע הייזער. מען האָט געשלאָגען און ראבירט אידען ביז דיא שטאָדט פערוואלטונג האָט אויפ'ן דריטען טאָג ארויסגעלאָזען א פּראָקלא־מאציאָן, אז דער גארניזאָן איז גרייט צו שיסען יעדען רוהע שטע־רער. דיעזע ווארנונג האָט בערוהיגט דיא בלוט־דורסטיגע מאסע. דיעזער שענדליכער פּאָגראָם אויף זיינע אידישע ברידער האָט גע־מאכט אויף היינען אן אייביגען איינדרוק און האָט איהם אָנגע־פילט מיט כעס, מיט גאַל און ביטערנים אויף דיא קריסטען, וועלכע בעריהמען זיך מיט זייער קריסטליכער ליעבע. דיעזען פּאָגראָם האָט היינע אימער געדענקט און האָט געגאָסען אויף דיא שונאי ישראל זודיגע פעך און שוועבעל. ער האָט אויסגעלײדיגט אויף דיא דייטשען זיין גאנצען ברענענדען צאָרען, וועלכער האָט זיי שווארץ געמאכט אין דיא אויגען פון אלע גערעכטע מענשען.

אין זומער 1820 האָט היינע פערלאָזען האמבורג און איז אָב־געפאָהרען צוריק נאָך דיסעלדאָרף, צו זיינע עלטערען, אָנצופאנגען

דיא נויטיגע פֿאַרבערייטונגען פֿאַר אַן אוניווערזיטעטס עקזאַמען. מען האָט שוין דאַן געוואוסט אין זיין געבורטסשטאַדט, אַז ער מאַכט שעהנע פֿערזען און אַ סך דאַמען פֿלעגען איהם בעטען ער זאָל זיי עפּעס אַנשרייבען אין זייערע אַלבומס. דאַמאָלס האָט דאָס היינע פֿערפֿאַסט זיין וועלט בעריהמטעס געדיכט „דיא צוויי גראַנאַדירע", וועלכע זיינען געווען אין רוסלאַנד געפֿאַנגען און ווען זיי זיינען געקומען אין דייטשלאַנד, האָבען זיי געהערט, אַז זייער קייזער נאַפּאָלעאָן איז געפֿאַנגען. מאַקס קרייצער האָט באַלד געזעטצט דאָס געדיכט אין מוזיק און האָט דאָס געווידמעט דעם פֿראַנצויזישען מאַרשאַל סאולט. דיא „צוויי גראַנאַדירע" איז באַלד געוואָרען זעהר פּאָפּולער צווישען פֿאָלק און אין דייטשלאַנד גראַדע וויא אין פֿראַנקרייך האָט מען דאָס אַ סך געזונגען. אין הערבסט פֿון דעם זעלבען יאָהר 1820 איז היינע אָבגעפֿאָהרען נאָך באַנן אַריינצוטרעטען אין דער דאָרטיגער אוניווערזיטעט.

איידער האררי איז נאָך אָבער דאָרט ריכטיג אויפֿגענומען געוואָרען אַלס שילער, איידער ער איז נאָך רעכט מעטריקולירט געוואָרען, האָט שוין פּאַסירט אַ געשיכטע, וואָס האָט איהם פֿערווי־קעלט אין אַ פּאָליטישע אונטערזוכונג. דיא באָננער אוניווערזי־טעט איז דאַן געווען אַרומגערינגעלט פֿון רעגיערונגס־שפּיאָנען, וועלכע האָבען געהיט יעדען סטודענט, וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ פֿרייע מיינונג. דיא רעגיערונג האָט געוואָלט ערציהען אַ דור מיט געהאָרכזאַמע שקלאַווען און האָט געציטערט פֿאַר יעדען פֿרייען געדאַנק. אָבער טאַקע דערפֿאַר אַליין זיינען דיא סטודענטען געווען רעוואָלוציאָנעריש געזאָנען און האָבען דער רעגיערונג אויף להכעיס געהאַט פֿרייע פֿערזאַמלונגען. נאַטירליך זיינען דיא בעס־טע קינדער דייטשלאַנד'ס געפֿאַלען אויף דעם מזבח פֿון דער רע־גיערונג'ס טיראַניי. ווען היינע איז געקומען אין באָנן, האָט ער דאָרט געפֿונען זיין אַמאָליגען חבר און הויז־פֿריינד נייציג, וועלכער האָט איהם באַלד בעקאַנט געמאַכט מיט אַ סך פֿון זיינע קאָללעגען. דיא פּאָליטישע אונטערזוכט איז אַרויסגעקומען פֿון פֿאָלגענדער פּאַסירונג: דיא סטודענטען פֿון דער אוניווערזיטעט האָבען דעם

18טען אָקטאָבער געמאכט אן אָפענע פערזאמלונג אויסען שטאָדט, א ניי־יאהרס פעסט לכבוד א גרויסע פּאָליטישע געשעהענים. ביי דיעזער פערזאמלונג האָט זיך גראָד געפונען א גלח, וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט און געהאלטען א פייערדיגע רעדע, אז מען זאָל זיין גוט און פרום, גלויבען איז גאָט און אין קייזער און זיך לאָזען מקריב זיין פאר דעם הערשער פון פאטערלאנד. ווען דער גלח האָט געענדיגט זיין דרשה, האָט מען איהם גוט אויסגעזידעלט. באלד אויף מאָרגען אָבער איז ערשיענען אן ארטיקעל אין א דייטשע צייטונג, אז יאָזעף נייציג, היינע'ס לאנדסמאן, האָט גע־האלטען א פייערדיגע רעדע, אין וועלכע ער האָט פערדאמט דעם קייזער און דאָס פאטערלאנד און האָט אויפגעפּאָדערט דאָס דייטשע פאָלק עס זאָל זיך בעפרייען פון יאָך.

עס האָט זיך באלד אָנגעפאנגען א שטארקע אונטערזוכונג, אָבער מען האָט קיין זאך ניט געקענט אויסגעפינען. סיי וויא סיי אָבער האָט דאָס געהאט א שלעכטע ווירקונג אויף היינע'ס אריינ־טרעטען אין אוניווערזיטעט. היינע און זיין פריינד נייציג זיינען געשטעלט געוואָרען אויף דער ליסטע אלס דיא לעטצטע שילער. מען האָט זיי אָנגעטהאָן צרות ביים עקזאמען און אויף היינען איבער־הויפּט האָט מען שטענדיג געהאט אן אויג. ערשט דעם 11טען דע־צעמבער, 1820, איז היינע איינגעשריעבען געוואָרען אלס יוריסטי־שער סטודענט אין דעם אלבום פון אוניווערזיטעט. צווישען דיא לעהרער פון דעם גרויסען באָננער לעהר־אנשטאלט האָט זיך אויך געפונען דער וועלטבעריהמטער דייטשער קלאסיקער, דיכ־טער, קריטיקער און פילאָזאָף ווילהעלם פאָן שלעגעל, וועלכער האָט איבערזעטצט שעקספּיער אין דייטש. דיעזער גרויסער מאן האָט געהאט אויף היינען דעם גרעסטען איינפלוס. ער האָט אנערקענט היינע'ס טאלאנט אלס דיכטער און האָט איהם בעאיינפלוסט ער זאָל איבערזעטצען לאָרד באיראָן'ס „מאנפריעד" פון ענגליש אין דייטש, א זאך, וואָס איז היינע'ן אויסגעצייכענט געלונגען. אויסער פּאָעזיע האָט היינע אויך דאמאָלס געשריעבען אן ערהאבענעם אר־טיקעל אין פּראָזא, וועלכער איז ערשיענען אין דער "קונסט־און־

אונטערהאלטונגס־בלאט“. אין יענעם ארטיקעל האָט היינע ער־קלערט דעם שטאנדפונקט פון דער ראָמאנטישער פּאָעזיע און האָט זיך פּראָקלאמירט אלס איינער פון דיא כהנים גדולים אין דעם טעמפּעל פון דער ראָמאנטיק. היינע האָט דיא ערשטע צייט זעהר פלייסיג געלערנט און אָבוואָהל ער האָט געשריעבען בעדייטענדע זאכען אין פּאָעזיע און פּראָזא, האָט ער דאָך ניט פערנאכלעסיגט זיינע יוריסטישע סטודיען. ביסלעכווייז אָבער איז איהם דאָס שטודירען מיאוס געוואָרען. דיא „אייזערנע פּראזען“ פון דיא געזעטץ ביכער זיינען איהם געוואָרען צו הארט און ער האָט זיך א וואָרף געטהאָן אין דיא זיסע, ווייכע ארעמס פון דער הימלישער טאָכטער פון געזאנג. זיינע פריידען און ליידען פלעגט ער איהר פערטרויען. באָנן איז איהם ענדליך געוואָרען איבערדריסיג און ער האָט זיך בעשלאָסען צו בעזוכען דיא אוניווערזיטעט אין געט־טינגען. איידער היינע האָט פערלאָזען באָנן האָט ער שוין אָנגע־פאנגען צו דיכטען זיין דראמא „אלמאנזאר“, וועלכע האָט איהם שפּעטער פערשאפט אזוי פיעל בלוטיגע שונאים. מיט דיא בעסטע רעקאָמענדאציעס איז היינע אָבגעפאָהרען נאָך געטטינגען צו שטו־דירען אין דער דאָרטיגער אוניווערזיטעט.

דאָ האָט זיך אָבער אָנגעפאנגען אן ערנסטע פּראגע. הארריס פאָטער האָט געמאכט שלעכטע געשעפטען און עס איז ניט געווען דאָס נויטיגע געלד, וואָס א סטודענט אין געטטינגען דארף האָבען, ווען ער וויל ערשיינען צווישען מענשען. בעטטי היינע האָט דאן פערקויפט איהרע ציערונג און האָט געשטיטצט איהר זוהן ער זאָל קענען געהן שעהן געקליידעט און האָבען שטענדיג מיטעל גענוג צו לעבען אין פערגניגען. אָבער אויך אין געטטינגען האָט זיך היינע בעגעגענט מיט א סיבה. ער האָט זיך צוקריעגט מיט א סטודענט, וועלכען ער האָט ארויסגערופען אויף א דועל און האָט דערפאר פערלאָרען דאָס רעכט צו שטודירען אויף זעקס מאָנאט. היינע האָט נעבאך אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ אין ריהרענדע פערזען און האָט זיך בעשלאָסען צו פערלאָזען געטינגען און פאָרען נאָך בערלין. דאָס איז געווען אין דעם לעצטען טאָג אין פעברואר פון דעם

יאָהר 1821 ווען היינע איז מיט לייבטען זינן און מיט נאָך לייבטע־רער באגאזש אָנגעקומען נאָך בערלין. דער קאָנטראסט האָט אויף איהם א זעלטענעם רושם געמאכט. ער האָט זיך פּלוצלונג געפונען אין א רוישענדען, קאָכבעדיגען ים פון מענשען, אין א ריעזענשטאָדט פול מיט לעבען, מיט טומעל, מיט ענערגיע, מיט טהעטיגקייט. דער יונגער טרוימער האָט זיך אויפגעכאפּט וויא פון חלום. דאָס נייע לעבען איז איהם געפעלען געוואָרען. ער האָט זיך אריינגעוואָר־פען אין דעם דאָזיגען ים און האָט זיך געלאָזען דיא וועללען זאָלען איהם טראָגען. עס האָט איהם ניט געארט וואוהין זיי וועלען איהם ברענגען. ער איז געוואָרען א לעבע מענש. דער טרוימערי־שער, ראָמאנטישער גייסט, וואָס האָט געלעבט און געהערשט אין איהם, איז אויף א ווייל איינגעשלאָפען. דאָס רעעלע, פּראקטישע לעבען פון דער גרויסער שטאָדט האָט איהם א ביסעל פערהארטע־וועט. אָבער דאָס איז ניט געווען אויף לאנג. דיא טרוקענקייט האָט איהם אָנגעפאנגען וועה צו טהאָן. דיא רעאקציאָן און איבער־הויפּט דיא שטרענגע צענזורע, וואָס האָט דאן געהערשט אין בערלין, איז איהם שטארק ניט געפעלען. ער האָט באלד אויסגע־פונען, אז בערלין גלאנצט נאָר פון אויבען, אז דיא גלייכע גאסען און דיא פּרעכטיגע מויערען זיינען נאָר שעהן פון דרויסען, אינע־וועניג אָבער הערשט א קאלטעס רעאקציאָנערעס לעבען. דער בליאסק פון דיא מיליטערישע קאָסטיומען האָט איהם ניט פער־בלענדעט, אז ער זאָל ניט דערזעהען וואָס אונטער זיי שטעקט און וואָס זיי שטעלען מיט זיך פאָר. ער האָט אלץ קריטיקירט אין זיינע „בריעף פון בערלין“, וואָס זיינען ערשיענען אין פּרייסישע צייטונגען.

דיא אידישע אריסטאָקראטי פון בערלין האָט דאמאָלס געזוכט נאָכצוטאנצען דיא קריסטליכע אריסטאָקראטען, און איבערהויפּט האָבען זיך דיא רייכע, געבילדעטע אידישע מענער און פרויען גע־זוכט איינצושמייכלען ביי דיא קריסטען דערמיט, וואָס זיי האָבען פערהאסט זייער אייגענעם גלויבען. שמד׳ען זיך איז געווען א עהרע ביי דיא אידישע אריסטאָקראטען און אריסטאָקראטקעס. און דיא

וואָס זיינען נאָך כלומר'שט געוועזן אידען, האָבען אויך פון דיא אידישקייט גאָר ניט געהאַלטען. אין דער הויכער אַריסטאָקראַ־טישער געזעלשאַפט פון בערלין האָבען זיך דאַן אַרויסגעזעהען מיט בעזאָנדערען גלאַנץ דיא צוויי געטויפטע אידישע פרויען רחל לעווין און הענריעטע הערץ, מיט וועלכע היינע איז געוועזן גוט בעקאַנט און אין וועמעס געזעלשאַפט ער פלעגט זיך אָפט געפינען. עס איז דאַן געוועזן אין בערלין אַ גאַנצער רעדיל פון געטויפטע אידישע הערען און דאַמען, מיט וועלכע היינע האָט פערקעהרט און וועלכע ער האָט אין האַרצען פערהאַסט אַלס פערדאָרבענע מענשען, וואָס בייטען אויס זייער גאָט און זייער גאַנצען היסטאָרישען יחוס אויף אַ קריסטליכען קאָמפּלימענט. דיא איינציגע פרוי, וואָס ער האָט מיט אַ'ן אמת געשעצט און געאַכטעט מעהר פון דער גאַנצער באַנדע משומדת'טעס, איז געוועזן רחל לעווין. זיא האָט איהם ווירקליך געשטיטצט און פערעהרט, און ווען זיא איז אין דעם יאָהר 1833 אין בערלין געשטאָרבען, האָט היינע פערלאָרען אַ טהייערען פריינד. אין דער געזעלשאַפט פון רחל לעווין האָט זיך היינע בעקענט מיט אַזעלכע מעננער וויא אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט, ווילהעלם פאָן הומבאָלדט, פיכטע, כאַמיזאָ, און מיט פרויען — אַזעלכע וויא דאָראָטהעא מענדעלזאָהן, אַ טאָכטער פון משה מענדעלזאָהן, וואָס האָט זיך אויך געטויפט און הענריעטא הערץ. אין יענער געזעלשאַפט האָט אויך פערקעהרט פרינץ לואיס פערדינאַנד און אַנדערע. אין דיזער געזעלשאַפט פלעגט מען נאָר פערגעטערן דעם דיכטער געטהע און מען האָט געזוכט צו געווינען היינע'ן אַלס געטהעס אַ חסיד.

היינע האָט זיך אָבער ניט בענוגענט מיט דיעזער קאָמפּאַניע און ער פלעגט פערברייננגען מאַנכעס מאָל גאַנצע טעג אין דער חברה פון דייטשע דיכטער און דיינקער וואָס האָבען געהאַט זייער הויפּט קוואַרטיר אין אַ וויינשיינק. דאָס איז געוועזן דיא דייטשע „משכילים שטיבעל“ פון בערלין. דאָרטען פלעגט מען טרינקען, רויכערען און דיסקוטירען איבער הימעל און ערד, איבער מענשען און זאַכען, איבער פילאָזאָפיע, פּאָעזיע, קונסט, פּאָליטיק און סאָ־ציאַלע עקאָנאָמיע. היינע האָט אין יענער „שטיבעל“ אַ סך גוי־

הערט און א סך געלערנט, ווייל דארט פלעגען ווירקליך פערקעהרען גרויסע מענשען. אבער אויך דיעזע קאמפאניע האט היינע'ן ניט געוואונען אין גאנצען. ער האט זיך פון איהר ארויסגעריסען און האט אנגעפאנגען צו דיכטען זיינע געניאלע ליעדער. דיעזע אלע געזעלשאפטען האבען נאטירליך געהאט אן איינפלוס אויף דעם יונגען דיכטער, אבער זיי האבען ניט געקענט צושטערען אין איהם זיין שטארקע, איינגעבארענע אינדיווידואליטעט אום איהם צו מאכען אלס איינעם פון ז י י ע ר ע. היינע האט שוין דאן געהאט א סך געשריעבענע און געדרוקטע געדיכטע, וואס זיינען ערשיענען אין צייט־שריפטען און ער האט געפיהלט א פערלאנגען ארויסצו־געבען א פאעטישע זאמלונג. ער האט דאן צוגעשיקט זיין מא־נוסקריפט צו א פערלעגער אין לייפציג, אין וועלכען ער בעט זיך, אז דער פערלעגער זאל דרוקען זיינע ליעדער. אבער דאס איז איהם ניט געלונגען, דען ער האט געקריעגען זיין מאנוסקריפט צוריק מיט דער בעמערקונג, אז דיא פירמא האט יעטצט צופיעל מאנוסקריפ־טען און קען זיך מיט נייע ניט בעשעפטיגען.

אין דעם יאהר 1821, אין מאנאט דעצעמבער, זיינען אבער דאך ערשיענען היינע'ס ליעדער אין א בוך־זאמלונג און האבען גע־מאכט פון זיך זעהר פיעל ריידען. עס האט זיך אנגעפאנגען א סדרה פון ליוב און טאדעל. מאסען יונגע דיכטער האבען אנגע־פאנגען צו פאראדירען, נאכמאכען היינע'ס ליעדער. עס האט זיך דערזעהען א נייע טהעטיגקייט אין דער דייטשער ליטעראטור. מען האט געהערט א נייע נאטע, א נייעם טאן אין דער פאעזיע. א סך פון היינע'ס פריינד זיינען אויס קנאה געווארען זיינע שונאים. היינע האט דאן אנגעפאנגען דיא קאריערע פון א גרויסען מענשען, וואס קומט געבען דער וועלט א נייע זאך און טרעפט אויף זיין וועג פערשיעדענע מכשולים און צרות. דאמאלס האט זיך דאס היינע בעקענט מיט דעם דיכטער קארל איממערמאן, וועלכער האט גע־ליובט דעם יונגען אידישען פאעט און האט נביאות געזאגט, אז ער וועט געבען דייטשלאנד א נייע ליטעראטור. איממערמאן איז גע־בליבען היינע'ס אייביגער פריינד.

דריטער קאַפּיטעל.

היינע אַלס אידישער פּאַטריאָט איז געגען רעפאַרמירטע יודענטהום. היינע'ס דראמא „אַלמאנזאָר" ריוצט אויף געגען איהם אלע קריסטען גלחים און סתם אַנטיסעמיטען.—היינע קיין דראַמאַטורג.—היינע און גָעטהע בעגעגנען זיך.—דיא אידען פון האמבורג מסר'ן היינען פאַר זיין אַנקעל.—היינע'ס טויפע און זיין האַס געגען קריסטענ־טהום.—ער האָט חרטה וואָס ער האָט זיך גע'שמד'ט.

צו דיעזער צייט, וואָס היינע איז געוועזן אין בערלין האָבען דאָרט געלעבט און געווירקט דיא בעריהמטע אידישע געלעהרטע און דיינקער לעאָפּאָלד צונץ, עדוארד גאנז און מאָזעס מאָזער. לעאָפּאָלד צונץ איז, אויסער זיינע גרויסע געלעהרזאמקייט אין פערשיעדענע וויסענשאפטען, אויך געוועזן א גרויסער תלמודיסט און א טיעפער קענער אין אידישע חכמה. צונץ איז געוועזן דער אי־דישער שטאָלץ פון אלט בערלין און האָט פערנומען דיא העכסטע שטלע אין דער בערלינער אידישער געמיינדע פון יענער צייט. דיעזע דריי אידישע גרויסע לייט צונץ, גאנץ און מאָזער האָבען פערשטאנען וויא צו געווינען היינע'ן פיר זייער פאָלק. זיי האָבען געוואוסט וויא צו ווירקען אויף איהם און צו פעראינטערעסירען איהם אין דער לאגע פון זיינע ברידער. זיי האָבען אויפגעבלאָזען אין איהם א פייער פון ליעבע צו אידישע געשיכטע, אידישע פּאָעזיע און אידישע קונסט. היינע, וועלכער האָט דאן געלעבט אונטער גאנץ אנדערע געזעלשאפטען און פלעגט פערברייגען גאנצע נעכט מיט לוסטיגע ברידער אין דיא ליטערארישע וויינשיינקען און אין רייכע אריסטאָקראטישע, פּאָעטישע און עסטעטישע חברות, האָט דאָך געפונען צייט צו ריידען מיט דיא אידישע גדולים וועגען זיין פאָלק. היינע'ס הארץ און נשמה זיינען געוועזן גרוים גענוג פאר אלץ, וואָס עס איז שעהן און עדעל, פאר אלץ וואָס איז ווירדיג און ערהאבען. היינע איז געוועזן א איד. ער האָט געהאט א אידיש הארץ, דען זאָנסט וואָלט מען איהם צו יענער צייט ניט געקענט

פעראינטערעסירען אין אידישקייט. זייענדיג ארומגערינגעלט פון דער אידיישער געטויפטער אריסטאקראטי פון דיא שעהנע און גע־בילדעטע משומדת'טעס, איז ער דאך געבליעבען א איד אין דער נשמה און האט געליעבט זיין פאלק.

גאנז, צונץ און מאזער האבען דעם 27טען נאוועמבער, 1819, אין בערלין געגרינדעט א חברה מיט'ן נאמען „פעראיין פון קול־טער און וויסענשאפט דער יודען". און היינע איז דארט באלד גע־ווארען איינער פון דיא טהעטיגסטע און וויכטיגסטע מיטגליעדער. דיא אורזאכען, וואס האבען בעוועגט דיא אידישע געלעהרטע צו גרינדען דיעזען פעראיין, זיינען געוועזען דער אנטיסעמיטיזמוס און דיא שמד עפידעמיע, וואס האבען דאמאלס געהערשט אין בערלין. איבערהויפט טאקע נאר דער אנטיסעמיטיזמוס. דיא אידען פלע־גען שטענדיג אנגעגריפען ווערען פון פראסטען המון און פון ליטע־ראריש שארלאטאנעס. דאס האט נאטירליך געטריבען דעם יונ־גען אידישען דור צו דער טויפע. דיא יוגענד האט ניט געוואלט בעליידיגט ווערען און האט דערפאר געזוכט צו אנטלויפען פון דער בעליידיגטער און געטרעטענער אומה און זוכען א רעטטונג אין דער הערשענדער קירכע פון לאנד. דער ציעל פון דעם פעראיין איז גע־ווען גאר א הויכער. דיא גרינדער האבען געוואלט איינפלאנצען אין דיא אידען א ליעבע און א האכאכטונג צו זייער רעליגיאן און זיי גראד הייסען בלייבען ביים אלטען, ניט אבטרעטען דערפון קיין איינציגען טריט. זיי האבען געוואלט ערוועקען אין דיא אידען א מין מערטירער גייסט, אבער דאס איז זיי ליידער ניט גע־לונגען. דיא לוסט צו רעפארם האט שוין דאן געפונען א נעסט אין דער אידישער יוגענד, וועלכע האט ניט געוואלט גלויבען און דיענען גאט וויא זייערע עלטערען.

היינע'ס שארפער בליק האט געזעהען, אז דיא זאך איז זעהר א שווערע און ער האט געארבייט מיט אלע קרעפטען דער פעראיין זאל האבען א קיום. היינע האט געהאסט רעפארם אין דער רע־ליגיאן. ער האט דיא רעפארמער אנגעגריפען און געמאכט פון זיי א תל עולם. היינע האט געזאגט, אז מיט גאט מאכט מען ניט

קיין קאָמפּראָמיסען, קיין „האַלב אויף האַלב געשעפּטען“, דען אָדער דו גלויבסט, אָדער דו גלויבסט ניט. היינע איז געווען דער טהעטיגסטער מיטגליעד. ער פּלעגט שרייבען דיא פּראָטאָקאָלען, האַלטען רעדעס אין געשיכטע און האָט געגרינדעט א'ן עקסטרא אידישען פּרויען פערעין, וואָס זאָל פערברייטען און פּראָפּאגאנדי־רען אידישקייט אין דער פאמיליע. דיעזע גאנצע מיהע און מאַ־טערניס איז אָבער געווען ארויסגעוואָרפען. דער פעראיין האָט זיך אויפגעלייזט און עדוארד גאנז איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איהם פערלאָזען. היינע'ן האָט דאָס שטארק געקריינקט. ער האָט נאָך דאן ניט געהאַלטען דאָס יודענטהום פאר א „לאנג פערלאָרענע זאַך“. ער האָט נאָך דאן אויך ניט געזאָגט זיין בעקאנטען וואָרט דאָס „יודענטהום איז ניט קיין רעליגיאָן, נאָר אַן אונגליק“. אונטער דער גאנצער צייט אָבער האָט היינע געשריעבען זיינע פּאָעטישע זאכען און אין דעם מאָנאט אפּריל פון דעם יאָהר 1823 איז ער־שיענען זיין בעוואוסטעס דראמאטישעס געדיכט „אלמאנזאר“, וועלכעס ער האָט נאָך אָנגעפאנגען שרייבען אין באָנן און שפּעטער אין געטטינגען. דיעזע טראגעדיע, אָבוואָהל ניט גוט גענוג פיר דער ביהנע, איז אָבער א מייסטער־שטיק פון העכסטען ראנג. אין דיעזער טראגעדיע האָט היינע אויסגעגאָסען זיין גאנצע גאַל אויף קריסטען און קריסטענטהום. ער האָט דאָרט פאָרגעשטעלט דיא קריסטליכע „ליעבע“ און וואָס מען קען פון איהר ערווארטען.

עס איז איבעריג צו בעמערקען, אז דאָס האָט ארויסגערופען געגען דעם דיכטער א שטורעם פון פּראָטעסטען. דעם 20טען אָוגוסט, 1823, איז דיא טראגעדיע אויפגעפיהרט געוואָרען אין האָפטהעאטער פון בראַנשוויינ, וואו עס האָבען זיך געהערט גע־שרייען „היינע דער יודע!“ דיא גאנצע גאַלאָרקע האָט זיך מיט איינמאָל געשטעלט אויף דיא פיס, עס איז געוואָרען א פייפעריי און א טופּעריי. שימפּפווערטער און שמוציגע אויסדריקע זיינען גע־פלויגען פון אלע זייטען. דער פאָרהאנג האָט געמוזט פאַלען אין מיטען. דערמיט האָט זיך ניט נאָר געענדיגט היינע'ס ערשטע טהעאטער־שטיק, זאָנדערן אויך זיין זיסער חלום צו ווערען א גרוי־

סער דראמאטורג און צו געווינען זיינע לאַרבערען אויף דעם באָדען פון דער דראמאטישער קונסט. „אלמאנזאר“ האָט סיי וויא סיי ניט געקענט ווערען קיין ערפאָלגרייכע טהעאטער שטיק, ווייל עס פעהלט אין דעם דער קערן פון א אמת'ע דראמא. עס פעהלט דאָרט דער דראמאטישער קאָנפליקט און דער דראמאטישער העלד. דאָס שטיק איז פיעל מעהר א קלאָג ליעד אויף דאָס אונטערדריקטע יודענטהום און א ביטערע סאטירע אויף דיא יודענקריסטען, דיא משומדים, וואָס האָבען דאן פערנומען א גאנצען אויבען־אָן אין דער בערלינער געזעלשאפט. דאָס שטיק האָט איהם געבראכט ניט נאָר קריסטליכע שונאים, זאָנדערן אויך אידיש־קריסטליכע. דיא גע־טויפטע אידען האָבען איהם געהאסט. ער האָט אויפגעהערט צו פערקעהרען אין געזעלשאפט און האָט אָנגעפאנגען צו קלערען ווידער וועגען א תכלית, וועגען שטודירען.

הארריי היינע האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען, אז ער וועט פון דער ליטעראטור קיינמאָל קיין לעבען ניט מאכען און זיין גע־דאנק איז ווידער פערפלויגען אין אדוואָקאטור. זיינע עלטערען און זיין גאנצע משפחה האָבען נאָך ניט געוואוסט פון זיין גרויסע דיכטערישע טהעטיגקייט, און זיי האָבען איהם שטענדיג געפרעגט וואָס וועט זיין דער תכלית פון זיין זיטצען אין בערלין. זיינע על־טערען, וועלכע האָבען שוין דאמאָלס זייט אָנדערהאלבען יאָהר גע־וואוינט אין לינעבורג, האָבען זיך געוואָלט זעהן מיט זייער עלטס־טען זוהן און האָבען אלץ געקלערט וועגען איהם. און הארריי האָט ווירקליך פערלאָזען בערלין און איז געקומען אין דער „רעזידענץ פון לאנגווייל“ צו זיינע עלטערען. אין דיעזער רוהיגער, קליינער שטעדטעל האָט היינע געשריעבען מאנכע פון זיינע פרעכטיגסטע ליעדער. ער האָט אין לינעבורג נאָר פערקעהרט מיט זיינע על־טערען און מיט זיין ברודער מאקסימיליאן. דאָך אָבוואָהל ער האָט אין דער שטעדטיל ניט פיעל געשאפען איז ער אָבער דאָך געווען בע־שעפטיגט מיט בריעף שרייבען אין בערלין צו זיינע פריינד און בע־קאנטע. לינעבורג איז ניט געווען קיין אָרט פיר היינע'ס גרויסע, אונרוהיגע זעלע און ער האָט זיך ווידער פארטיג געמאכט צו דער

רייזע נאָך האמבורג. ערשטענס, צו זעהען זיך מיט זיין שוועסטער, שארלאָטע, וועלכע איז דארט געווען פערהייראטעט צו מאָריץ העמדען, און צווייטענס — דאָס איז אייגענטליך געווען דיא הויפּט־זאַך — זיך צו זעהען מיט זיין רייכען אָנקעל, סאלאָמאָן היינע. הארי האָט געוואוסט, אז ער וועט מוזען אָנווענדען זעהר פיעל קונסט צו געווינען דעם רייכען אָנקעל אויף זיין זייט. ערשטענס, זיינען אָנקעל און פּלעמעניק געווען מענשען מיט פערשיעדענע וועלט־אנשויאונגען, מיט געדאנקען, וואָס זיינען געווען הימעל־ווייט איי־נע פון דיא אנדערע. דערצו זיינען נאָך געווען שונאים, וואָס האָ־בען געהעצט אויף היינע'ן און געזוכט אין גאנצען אָבצורייסען איהם פון זיין אָנקעל. איידער היינע האָט פערלאָזען לינעבורג האָט ער געזאָגט אין א וויטץ, אז זיין „איראָניע און עהרליכקייט" וועלען איהם מן הסתם שאפען אין האמבורג נייע שונאים. דאָס איז ווירקליך אזוי געווען. עס האָבען איהם דאָרט קיין שונאים ניט געפעהלט.

סאלאָמאָן היינע איז אין גרונד גענומען געווען איינער פון דיא בעסטע און איידעלסטע מענשען. ווען ער איז געווען 17 יאהר אלט האָט ער פערלאָזען האנאָווער, דיא שטאָדט וואו ער איז געבאָ־רען און האָט מיט גליק אויסגעוואנדערט נאָך האמבורג. דאָרט האָט ער געפונען זיין הצלחה און איז געוואָרען איינער פון דיא גרעסטע באנקירען און פילאנטראָפּען דייטשלאנדס, וועמעס נאָמען עס איז נאָך פערהייליגט ביז היינט דורך זיינע צדקה־זאכען אין האמבורג. מאקסימיליאן היינע, הארריס ברודער, האָט געמאכט א גוטען פערגלייך צווישען דעם אָנקעל און דעם פּלעמעניק: „דער אָנקעל, וועלכער האָט דורך שווערע ארבייט און גרויס מיה ערוואָר־בען א גרויסען קאפּיטאל, פערברענגט ניט קיין איבריגען גראָשען אויסער אויף צדקה, וואו ער זשאלעוועט ניט די הונדערטע טהאלערס וועהרענד דער פּלעמעניק, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט דעם ווערטה פון געלד און האָט קיינמאָל ניט פּרובירט א גראָשען צו פערדיענען, לעבט זיך א גוטען טאָג פּונקט וויא ער וואָלט געהאט צו שאפען איבער מיליאָנען און שיינט צו לעבען מיט דעם בעגריף,

אז זיין רייכער אָנקעל פערמאָגט נאָר אזוי פיעל געלד אום צו דעקען זיינע גרויסע אויסגאבען". אָנקעל און פלעמעניק פיהלען אז זיי פאסען זיך ניט איינע צו דיא אנדערע, און יעדעס מאָל וואָס זיי קומען זיך צוזאמען מוזען זיי זיך צוריקציעהען און פאנאנדערגעהען אין כעס. דיא האמבורגער „טעמפעל־אידען", וויא היינע רופט זיי, האָבען איהם געמאכט שווארץ פאר זיין אָנקעל, דערפאר וואָס ער האָט געמאכט א בארג אש פון זייער רעפאָרמעריי און פון זייער „טעמפעל יודענטהום", וועלכער שטעהט אין מיטען וועג צווישען שול און קלויסטער.

היינעס לאגע אין האמבורג איז געווען א טרויריגע. דיא קריסטען האָבען איהם געהאסט פאר זיין קריסטענפיינדליכע טראַגעדיע „אלמאנזאָר" און דיא אידען האָבען איהם פיינד געהאט פאר זיין אָפענהערציגקייט און זיין שפּאָט געגען רעפאָרמען אין גלויבען. זיין רייכער אָנקעל האָט איהם אָבגעפארטיגט מיט א קליינע סומע און קיין פריינד האָט ער זאָגסט אין האמבורג ניט געהאט. ער האָט דארום האסטיג פערלאָזען דיא שטאָדט און איז אוועק געפאָהרען נאָך קוקסאווען, א באדע־פלאץ ביים ברעג ים. דאָרט האָט ער זיך ווידער פערטיעפט אין זיינע פּאָעטישע שאפונגען און האָט פערטיג געמאכט צום דרוק א סך שעהנע זאכען. נאָכדעם וויא ער האָט פערבראכט אין קוקסאווען זעקס וואָכען איז ער ווידער אוועקגעפאָהרען נאָך האמבורג זיך אויס'טענה'ן מיט'ן אָנקעל און אויסגלייכען אלטע און נייע חשבונות. ער איז אין גרונד גענומען געקומען זיך מיט איהם מיישב זיין וועגען א'ן אלטען פּלאן מיט וועלכען היינע האָט זיך ארומגעטראָגען, נעמליך: זיך אריבערצוקלייבען נאָך פאריז. דער „קבלת פנים", וואָס היינע האָט אָבער געקראָגען פון זיין אָנקעל איז געווען ניט אזא פרעהליכער אז ער זאָל פיהרען צו א ישוב הדעת וועגען פאריז. אָנקעל און פלעמעניק האָבען זיך ווידער גענומען ארומרייסען און פערהערען, און היינע איז, וויא שטענדיג, ווידער ארויס דער זיעגער און דער גערעכטער. היינע האָט אויסגעפיהרט אז זיין אָנקעל האָט איהם אָנגעשריבען א וועקסעל אויף 500 טהאלער, מיט א פערזיכערונג אז ער וועט א'ן עהנליכע

סומע קריעגען יעדעס יאָהר פאר צוויי יאָהר נאָכאנאנד, ער זאָל ווייטער קענען שטודירען.

מיט 400 אָדער 500 טהאלער א יאהר האָט מען דאן געקענט אין א קליינע דייטשע אוניווערזיטעטס־שטאדט דורכלעבען מיט א גאנצע פאמיליע אין עושר און אין כבוד. היינע איז אָבער שטענדיג געבליעבען הינטערשטעליג און האָט געמוזט באָרגען געלד ביי זיינע פריינד און בעקאנטע. היינע האָט געליעבט צו לעבען און זיך צו טהיילען מיט דעם, וועלכער האָט גאָרניט געהאט. מען קען זיך דארום לייכט פאָרשטעלען, וויא ביטער איהם איז געוועזן אָנצוקומען צו זיין רייכען אָנקעל. היינע איז דורכדעם אויך רואינירט געוואָרען אויף זיין גאנצעס לעבען. ער האָט זיך איינגעוואוינט צו פערלאָזען אויף דעם, אז מען וועט איהם שטיצען און האָט זיך געלעבט אָהן זאָרגען און אָהן א קלער וועגען א צוועק. דאָס האָט אויך געפיהרט דערצו, אז ער האָט געמוזט א סך זאכען פערשווייגען און ארונטער־שלינגען, אָדער גאָר לויבען און בעזינגען, כדי צו קריגען וואָס צו עסען. ווען ער וואָלט פערבראכט אין נויט און פערצווייפלונג די צייט, אין וועלכער ער איז געשטיצט געוואָרען, וואָלט זיך זיין כאראקטער גאַנץ אנדערש אוועקגעשטעלט און עס וואָלטען אין זיין לעבען אזוי פיעל ווידערשפרוכען ניט געווען. היינע האָט זיך א סך מאָל גע־פיהלט געקריינקט ביז אין טיעפסטען הארצען, וואָס ער מוז זיך ערניעדריגען פאר זיין אָנקעל צוליעב מאטעריעלע שטיצע. ער האָט זיך א סך מאָל בעשלאָסען ניט מעהר צו עסען קיין „גנאדען־ברויט“, און מאכען א סוף פון אלע טובות. ווען היינע וואָלט געווען א קריסט, וואָלט ער פּאָזיטיוו געקענט קומען א סך ווייטער, אָבער זיין רעליגיאָן איז איהם איבעראל געשטאנען אין וועג. פער־האסט אלס איד פון איין זייט און געקריינקט פון אָנקעלס טובות פון דער אנדער זייט פלעגען אין איהם ערוואכען פערשיעדענע רעיונות וויא זיך פון דיא צרות צו בעפרייען אבער פון אלע זאכען פלעגט ער קומען צום בעשלוס, אז ער מוז ווייטער פאָרטזעטצען זיין שטודיום אלס יוריסט.

מיט אזעלכע טרויריגע געדאנקען איז היינע דעם 19טען יאנואר 1829 אָבגעפאָהרען ווידער נאָך געטטינגען צו שטודירען. ער איז שוין דאן געוועז בעריהמט אלס דיכטער. אויסער זיין טראגעדיע „אלמאנזאָר" האָט ער שוין דאן געהאט געשריעבען זיין צווייטע טראגעדיע „וויליאם ראטקליף", זיין לירישעס אינטערמעצאָ און אנדערע גרויסארטיגע ליעדער און שריפטען, וואָס זיינען פון דיא סטודענטען און דיא פּראָפעסאָרען פיעל געלעזען געוואָרען. היינע האט פלייסיג שטודירט אָבער אונטער דער צייט האָט זיך איהם ווידער פערוואָלט בעזוכען בערלין און דאָרט זעהען זיינע פריינד און — פיינד. ער האָט פון דעסטוועגען געליעבט בערלין, וויל ער האָט דאָרט געהאט גענוג מענשען אויף אויסצוקלייבען. דאָס לעבען אין קליינע שטעדטלאָך האָט היינע ניט געקענט צו לאַנג פערטראָגען. אין בערלין האָט ער בלויז פערווילט פיער וואָכען און איז דאָרט אויפגענומען געוואָרען מיט אָפענע אָרעמס פון זיינע אלטע גוטע פריינד. זיינע ליעדער זיינען שוין געלעזען געוואָרען אומעטום מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג. אפילו זיינע שונאים פלעגען לעזען זיינע ביכער מיט גרוים חשק. קומענדיג צוריק נאָך געטטינגען האָט היינע זיך אָבגעגעבען מעהרסטענס מיט זיין יוריסטישע שטודירונג. וואָס א'ן אמת, ער האָט אין דיא געזעצ־ביכער קיין איבריגען פערגניגען ניט געפונען. וויא ער שרייבט אליין איז איהם דער קאָפּ שטענדיג פול געוועזן מיט דעם „ניט פער־שטענדיגען יוריסטישען מיש־מאש". היינע האָט דאמאלס אויך גענומען קלערען וועגען שרייבען א „פאוסט". ער האָט שוין אויס־געארבייט א פּלאַן פאר זיין פאוסט־דראמא און האָט זיך דערמיט ארומגעטראָגען ביי טאָג און ביי נאכט, זעלבסטפערשטענדליך אז דער „יוריסטישער מיש מאש" איז איהם ניט צופיעל אין קאָפּ געלעגען. היינע האָט אבער ווידער ניט געקענט לאַנג בלייבען אין געטטינגען. ער האָט אונטערגענומען א רייזע נאָך טירינגען און אויף דעם הארץ־בארג, וואו ער האָט געשריעבען זיין בעוואוסטע „הארצרייזע". דיעזע רייזע־בעשרייבונג האָט היינע פערעפענטליכט אין דער צייטונג דער „געזעלשאפטער" אין יאהר 1826 און האָט

ארויסגערופען א ים מיט קריטיקען דאפיר און דאגעגען. מען האָט ווידער אָנגעהויבען נאָכצומאכען היינעס שרייבען, זיין סטיל און זיין שפּראכע, אָבער אפילו זיינע נאָכמאכער זיינען איהם געווען שונאים און האבען אויף איהם גערעדט.

אין היינען האָט צו יענער צייט אויפגעלעבט דער פערלאנג צו זיין אין ווייפּאר און בעזוכען דעם בעריהמטען דייטשען דיכטער געטהע. היינע איז געווען געטהעס א פערעהרער און דער וואונש צו זעהן דעם גרויסען מייסטער און מיט איהם ריידען האָט געברענט אין היינען שוין פון א לענגערע צייט. דעם איינדרוק וואָס געטהע האָט אויף איהם געמאכט, שילדערט היינע צום בעסטען אין א בריעף צו זיין פריינד מאָזער אין בערלין. היינע זאָגט: „ווען איך האָב איהם (געטהען) בעזוכט אין ווייפּאר און בין גראָד עפּעס ניט ווילענ־דיג געשטאנען אנטקעגען איהם האָב איך געקוקט אויב נעבען איהם שטעהט ניט דער אָדלער מיט די בליצען אין די אויגען, איך האָב געפיהלט וויא אָנצופאנגען רעדען צו איהם אין גריכיש. ווען איך האָב אָבער בעמערקט, אז ער פערשטעהט דייטש, האָב איך איהם דערצעהלט אויף דייטש, אז די פלוימען אויפ'ן וועג, צווישען יענא און ווייפּאר האָבען זעהר גוט געשמעקט.“ געטהע האָט געמאכט אויף היינען דעם איינדרוק פון א גריכישען גאָט. געטהע און שיללער זיינען געווען די גריכען פון דייטשלאנד. זיי האָבען אריינ־געזויגען אין זיך די גאנצע גריכישע קולטור, איהר פּאָעזיע, איהר גאנצע מיטהאָלאָגישע פילאָזאָפיע און איהר לוסטיגעס, פרייעס, מונטערעס לעבען. געטהע איז פּאָזיטיוו געווען מעהר גריכע אלס קריסט און דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגען אויף שיללער. ווען עס וואָלט זיך געווענדעט אן געטהען וואָלט ער פּאָזיטיוו אומגעביטען קריסטענטהום אין היידענטהום, אזוי פיעל האָט ער געליעבט די גריעכען.

היינעס צוזאמענקונפט מיט געטהען איז אין גרונד גענומען געווען מעהר קאָמיש וויא ערנסט. די צוויי גרויסע דיכטער האָבען גערעדט כמעט פון אלץ נאָר ניט פון פּאָעזיע. זיי זיינען בטל געוואָרען איינער פאר דעם אנדערנס גרויסקייט און האָבען ניט

געוואוסט וואָס אָנצופאנגען ריידען. געטהע איז דאן געוועזען א'ן עלטערער מענש, מיט א הויכען ראנג, פערגעטערט אין דייטשלאנד, און היינע איז נאָך געוועזען א יונגערמאן, א סטודענט. דער ערשטער טהייל פון געטהעס בעריהמטעס ווערק פאוסט איז שוין דאן געוועזען ערשיענען. דאָך ווען געטהע האָט געפרעגט היינען: „מיט וואָס בעשעפטיגען זיא זיך יעטצט?" האָט היינע שנעל געענטפערט: „מיטן שרייבען א פאוסט". „האבען זיא זאָנסט קיינע געשעפטען אין וויימאר, הערר היינע?" האָט איהם געטהע ווייטער געפרעגט. „מיט מיין פוס איבער'ן שוועל פון אייער עקסעלענץ, זיינען אלע מיינע געשעפטען אין ווייטאר געענדיגט", האָט היינע געענטפערט און איז אוועק.

פון דיא אלע זאכען עסט מען אָבער קיין ברויט ניט און היינע האָט וויעדער געמוזט נעהמען זאָרגען וועגען ענדיגען זיין יוריסטי־שען סטודיום. אין דעם 16טען אפריל 1825 האָט היינע געשריעבען א בריעף צו פּראָפעסאָר הוגא, דעם דאמאלסדיגען פּרעזידענט פון דעם יוריסטישען פאקולטעט אין געטטינגען אז ער זאָל איהם צולאָזען צום עקזאמען. משמעות אז דאָס איז איהם ניט אזוי לייכט אָנגעקומען ווייל היינע רעכענט זיך שפּעטער אָפּ מיט דעם פּראָפעסאָר און מאכט פון איהם א תל עולם. וויא דאָס איז איהם אָבער אָנגעקומען האָט ער דאָך אויסגעהאלטען דעם עקזאמען. ביים קריעגען דיא דיפּלאָמא אלס דאָקטאָר יוריסט האָט זאָגאר פּראָפעסאָר הוגאָ פערגליכען היינע מיט געטהע, וועלכער איז אויך דיכטער און יוריסט.

איידער היינע האָט אָבער אָבגערייזט פון דער אוניווערזי־טעטס־שטאדט, געטטינגען, האָט ער זיך פערזאָרגט מיט נאָך א „דיפּלאָמא", דורך וועלכע ער האָט געהאָפט צו קריעגען א צוטריט איבעראל, וואו ער וועט נור וועלען, און וועלכע וועט איהם העלפען פערזאָרגען מיט א צוקונפט — נעמליך דער טויף־צעטעל. היינע האָט זיך נאטירליך אָבגענארט מיט זיין טויפע, דען ניט אזא פריי־גייסט, ניט אזא קעמפפער פאר רעכט און פרייהייט, ניט אזא אָפענהערציגען מענשען האָט געקענט העלפען א טויף־שיין. ער

האַט אָבער געמוזט בייטען זיין גלויבען כאַטש לפנים אום צו זעהן, אז זיין שטודירען וואָס איז איהם אָנגעקומען מיט אזוי פיעל מיה און מאַרטערנים זאָל איהם ענדליך געבען חיונה. היינע שרייבט וועגען זיין טויפע, אז „דיא טויפע איז דער איינטריטס־בילעט צו דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציאָן“.

אויב עס איז געווען נאָך א סיבה, וואָס האָט געטריעבען היינען צו דער טויפע איז אונבעקאנט, עס שיינט דיא איינציגע אורזאכע איז געווען זיין אויסזיכט צו קריעגען א רעגיערונגס־שטעלע. מערקווירדיג איז דאָס, דאָס קיינער פון היינעס פאמיליע האָט בעטראכט דיא טויפע אלס א׳ן עולה אויסער ער אליין. איהם האָט דאָס געקריינקט און געערגערט זיין גאנצעס לעבען. שוין מיט א יאָהר צוריק האָט מען זיך געריכט ביי זיינע עלטערן אין הויז אז ער וועט זיך טויפען. זיי האָבען בעטראכט דיעזען שריט אלס א נוטווענדיגקייט וואָס האָט געמוזט געשעהן. אפילו זיין רייכער אָנקעל סאלאָמאָן, וועלכער איז געווען איינער פון דיא „בעסטע אידען“ אין האמבורג, פול אין אלע אידישע צדקה־אנשטאלטען, האָט אויך געקוקט אויף זיין פלעמעניקס טויפע פון א „געשעפטס־שטאנדפונקט“. קוים וועט ער נאָר האָבען א „תכלית“ און עס וועט זיך בעצאָהלען איז דאָס גאָר קיין עולה ניט; געשעפט איז געשעפט... אין דער צייט, וואָס זיינע עלטערן האָבען זיך גענומען ריכטען אז ער וועט זיך טויפען האָט היינע געשריעבען א בריעף צו זיין פריינד מאָזער אין בערלין, אין וועלכען ער זאָגט פאָלגענדע ווערטער: פון מיין דענקונגסארט קענסטו גאנץ גוט פערשטעהן, אז דיא טויפע איז מיר א גאנץ גלייכגילטיגער אקט, אז דאָס האָט ביי מיר קיין שום סימבאָלישע בעדייטונג און דאָס איך וועל נאָך דאן זיין א בעסערער איד און וועל קענען מעהר מלחמה האלטען פאר מיינע אונגליקליכע גלויבענס־ברידער. דאָך אבער האלט איך דאָס אונטער מיין ווערדע און אלס א מיאוס׳ן פלעק אויף מיין עהרע, דאָס אום צו קריגען א׳ן אמט אין פרייסען זיך צו לאָזען טויפען.... מיר לעבען אין א טרויריגע צייט, שורקען ווערען פיינע לייט און פיינע לייט מוזען ווערען שורקען. איך פערשטעה גאנץ

גוט דיא ווערטער פון תהלים : „גיעב מיר גאָט מיין טעגליך אויס־קומענעס, אז איך זאָל ניט דארפען לעסטערן דיין נאָמען“.

א חוץ דיעזע און עהנליכע קלאגען האָט אבער היינע דאָך געזעהן, אז ער מוז אָבטרעטען פון גלייכען וועג. גראדע דאמאלס ווען ער האָט זיין פאָלק און זיין געשיכטע געליעבט אם בעסטען און האָט נאָך געהאלטען אין שרייבען זיין „ראבבי פאָן באכראך“ האָט ער שטיל און אָהן איבעריגע צערעמאָניעס אין דער שטעדטיל ה ע ל י ג ע נ ש ט א ד ט נעבען געטטינגען געביטען זיין גלויבען. דיא טויפע איז פאָרגעקומען אין גלח'ס הויז, אין געגענווארט פון עטליכע פראָמינענטע דייטשען. היינע האָט דאָס קריסטענטהום קיינמאָל געליעבט. צום שטארקסטען אבער האָט ער דאָס פיינד געקראָגען אין דעם טאָג פון זיין טויפע. ער איז געוועזן אין כעס, וואָס דאָס איבערטרעטען צו דער קריסטליכער רעליגיאָן, האָט איהם אָבגעריסען פון זיין פאָלק און האָט איהם געשטעמפעלט פאר א מיאוס'ען טרוס, וואָס גיט זיך אונטער דעם שונא גאָר אָהן ווידער־שטאנד. היינע האָט געהאסט א משומד און ער האָט אין דעם טאָג פון זיין טויפע זיך אליין פיינד געקראָגען, דערפאר וואָס ער האָט זיך גע'שמד'ט. דער בעסטער בעווייז פון זיין גרויסע חרטה זיינען זיינע בריעף וואָס ער האָט אין יענער צייט געשריעבען צו זיינע פריינד איבערהויפט צו מאָזעס מאָזער אין בערלין. דער יודענהאס וואָס האָט אין דיא דרייסיגער יאָהרען געהערשט אין דייטשלאנד האָט ניט געקענט אָבגעשוואכט ווערען זאָגאר דורך דער טויפע. דאָס סאָציאלע לעבען איז געבליעבען פאר דעם אידען „פערשלאָסען מיט זיעבען שלעסער“ און היינע האָט דאָס באלד דערזעהען. אין איינעם פון זיינע בריעף האָט ער דאן געשריעבען : „איז דאָס ניט נאריש? קוים האָב איך זיך געטויפט האָט מען ערשט גענומען שרייען אויף מיר „יודע“... איך בין יעצט פערהאסט ביי איד און קריסט. איך האָב זעהר חרטה, וואָס איך האָב זיך געטויפט. איך הייב ניט אָן איינצוזעהען מיט וואָס עס איז מיר זייט דאן בעסער געגאנגען — אין געגענטהייל, איך האָב זייט דאמאלס ניט מעהר וויא אונגליק און צרות“.

פיערטער קאַפּיטעל.

היינע'ס נייער קאַמפּף אין האַמבורג.—האַס און רדיפות פון אַלע זייטען. — דער פערלעגער „קאַמפּע" ווערט גליקליך פון היינע'ס ווערק.—דיא „רייזע בילדער" א ריעזיגער ערפאָלג.—היינע, זיין אָנקעל סאַלאָמאָן און דיא ראָטהשילדס. — היינע'ס וויטערדיגע מחלוקת.—מען פאַנגט אָן פאַר איהם מורא צו האָבען.—דאָס פאָלק ליעבט איהם.—אַ צווייטער פּאָגראָם אויף אידען אין האַמבורג.— היינע גיט א לעצטען שפּיי אויף דייטשלאַנד.

קוים האָט היינע זיך פערזאָרגט מיט א דיפּלאָמא און א טויף־שיין האָט איהם דיא פאַמיליע אָנגעפאַנגען צו בעטען ער זאָל זיך ענדליך בעזעטצען אויף א'ן אָרט און אָנפאַנגען פּראַקטיצירען אַלס אַדוואָקאַט. ער איז דאַן אָבגעפאָהרען פון געטטינגען און איז ווידער געקומען נאָך לינעבורג צו זיינע עלטערן, וואו ער האָט אָנגעפאַנגען קלערען וועגען געהן נאָך האַמבורג און זיך ווידמען זיין יוריסטישע פּראָפעסיאָן. אָבער אויך דאַן האָט היינע ניט אויפגעהערט צו זיין דער דיכטער און שריפטשטעלער. ער האָט א סך געשריעבען און געהאַט אין זינען אין קורצען צו דרוקען נאָך א בוך, וואָס זאָל איהם מאַכען א וועלט־נאָמען. היינע האָט דאַמאָלס געשוועבט צווישען יוריספּרודענץ און פּאָעזיע, צווישען „עולם הדמיון" און „עולם המעשה". אין א בריעף צו זיין יוגענד־פריינד בריסטיאַן זעטהע שרייבט דאַן היינע אַז ער האָט בדעה צו ווערען אַדוואָקאַט אין האַמבורג. נאָך א קורצע פערווייל ונג ביי זיינע עלטערן איז היינע אָבגעפאָהרען נאָך האַמבורג, וואו ער איז, וויא עס שיינט, קיין אַדוואָקאַט ניט געוואָרען. אין א בריעף צו מאָזער שרייבט דאַן היינע, אַז ער איז געקומען אין האַמבורג פּראַק־טיצירען אַדוואָקאַט, אָבער דעם אמת זאָגענדיג קריכט דאָס איהם אין קאָפּ ניט. זיין מח איז פערנומען מיט גאַנץ אַנדערע זאַכען.

היינע האָט דאן געפיהלט און פערשטאנען אז אָהן זיין אדוואָקאטור וועט זיך דיא וועלט בעגעהן אָבער אָהן זיין ליטעראַרישע ארבייט וועט זיא א סך פערליערען. ער איז געוועזן דער געבאָרענער דיכטער, בעשטימט פון הימעל צו בעגייסטערן דיא מענשען, ריידען צו זייער הארץ און זייער פערשטאנד, און זיי לערנען ליעבען און דענקען.

דיא קלוגע מוטטער, פרוי בעטטי היינע, האָט געשריעבען בריעף אין האמבורג צו היינעס שונאים און האָט זיי געוואָרענט זיי זאָלען אויפהערען צו פערפאָלגען איהר זוהן. דיא גוטע מוטטער האָט געוואוסט, אז איהר זוהן וועט, זייענדיג אין האמבורג, מוזען אָנקומען צו זיין רייכען אָנקעל און זיא האָט דערפאר געבעטען זיינע געגנער זיי זאָלען אויפהערען צו מאכען זייערע אלטע שטיק, זייערע מיאוס'ע אינטריגעס צו שאדען און רואינירען איהר קינד מיט זייערע מסירות פאר זיין אָנקעל. היינעס שונאים האָבען אָבער דאָך געטהאָן דאָס זייעריגע. זיי האָבען געמאכט דיא געמיינסטע אינטריגעס און האָבען דאָס אזוי וויט געבראכט, אז דער רייכער אָנקעל האָט פון איהם גאָר ניט געוואָלט וויסען. נאָכמעהר, היינעס גרעסטע פיינד, וועלכע האָבען איהם עפענטליך וועה געטהאָן און בעליידיגט, פלעגען זיין אָפטע געסט ביי זיין אָנקעלס טיש. מען פלעגט זיי מיט אבזיכט פערבעטען אין הויז און אָבגעבען כבוד. א'ן אלטע בתולה, וואָס האָט דעם דיכטער שענדליך בעשמוצט און געקריינקט האָט געקריעגען פון סאלאָמאָן היינע שעהנע מתנות צו איהר חתונה.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען וואָס היינע האָט פון אזעלכע זאכען געליטען. ער וואָלט דאָס אפשר ניט אריבערגעטראָגען, ווען ער וואָלט ניט געהאט דעם כח זיך אריבערצוהייבען איבער אָט דיא אלע זאכען און זיי מבטל זיין אין הארצען. געוועהנליך פלעגט דאָס איהם קאָסטען געזונד. היינע איז אָבער פון דעסטוועגען ניט געבליעבען אין גאנצען אָהן פריינד. עס האָט דאן געלעבט אין האמבורג גאָטטליעב ציממערמאן, א בעדייטענדער דראמאטורגישער שריפטשטעלער. ער האָט פון היינען שטארק געהאלטען. ער האָט איהם אָבער קיינמאָל ניט געשמייכעלט און פלעגט זעהר אָפט

ווערען סארקאסטיש אויך. היינע האָט זיך אבער דאן געגנויטיגט אין פריינד און פלעגט דאָס גאנץ שטיל ארונטערשלינגען. היינעס אָנקעל סאלאָמאָן האָט נאָך אלץ ניט געהאלטען פון זיין פלעמעניקס טאלענט און ער האָט איין מאָל אבזיכטליך געפרעגט ביי צימערמאן, וועלכער איז דאמאלס געווען דער האמבורגער „אורים ותומים", אויב אין זיין „פלעמעניק איז ווירקליך עפּעס דאָ ?". ווען צימערמאן האָט איהם געענטפערט, אז „יא", האָט ער א קוועטש געטהאָן מיט דיא אקסעל וויא איינער זאָגט : ווער וויים וואָס ער רעדט ?

ווען היינע האָט זיך איבערצייגט, אז ער וועט אין האמבורג קיין אדוואָקאט ניט זיין און קיין פּראָפעסאָר־שטעלע וועט ער אויך ניט קריגען, ווייל נאָך אלע זאכען איז ער דאָך א „יודע", האָט ער אָנגעהויבען צו מאכען הכנות פאר א נייעס ווערק, וואָס זאָל איהם געבען געלד און אלגעמיינע אנערקענונג אלס א וועלט־ליטעראט. ער האָט זיך דאמאלס א נעהם געטהאָן צום שרייבען זיין בעריהמטע „הארצרייזע", זיינע אבהאנדלונגען איבער פּוילען, דיא „היימקעהר" און דיא ערשטע אבטהיילונג פון זיין „נאָרדזעע".

צו יענער צייט האָט דער פערלאַג פון יוליוס קאמפּע געהאט א שם אין דייטשלאנד. קאמפּע האָט פערשטאנען דעם גייסט פון דער צייט און האָט ארויסגעגעבען פרייערע ווערק, וועלכע האָבען איהם געמאכט א נאָמען ביי דעם יונגען דור. ער האָט געדרוקט דיא ווערק פון לודוויג בערנע, האָפמאן פאָן פארעלסלעבען, אנאסטאַסיוס גרין און אנדערע ראדיקאלע דיכטער און ליבעראלען. צו דיעזען קאמפּע האָט זיך דאָס היינע געווענדעט מיט זיין ערשטען בוך „רייזע בילדער".

עס איז אינטערעסאנט וויא היינע האָט זיך מיט זיין פערלעגער צום ערשטען מאָל בעקענט.

קאמפּע און היינע האָבען בלויז געהערט איינע פון דיא אנדערע. זיי האָבען זיך אָבער נאָך קיינמאָל ניט געהאט געזעהען. היינע איז אריינגעקומען אין קאמפּעס געשעפט און האָט גענומען איבערקוקען פערשיעדענע ביכער. ער האָט אריינגענומען אין האנד זיין אייגענעם בוך און נאָכדעם וויא ער האָט איהם דורכ־

געבלעטערט האָט ער איהם א וואָרף געטהאָן מיט פעראַכטונג. דאָס איז קאמפען ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט גענומען דעם בוך פערטהיידיגען מיט דער בעמערקונג, דאָס הלואי ברענגט איהם דערעזילבער פערפאסער א בוך, וואָלט ער דאָס באלד געדרוקט. היינע האָט מעהר ניט גערעדט, האָט זיך פערנייגט און איז אוועק. אויף מאָרגען איז ער געקומען מיט זיין מאנוסקריפט און געזאָגט קאמפען, אז ער האלט איהם ביים וואָרט. קאמפע האָט אבער קיין חרטה ניט געהאט. ער האָט זאָפאָרט אָבגעקויפט פון היינען דאָס ווערק.

אין פריהלינג פון דעם יאָהר 1826 איז ערשיענען דאָס ווערק און היינעס נאָמען האָט גענומען קלינגען איבער גאנץ דייטשלאנד, אלס גרויסער מייסטער. דאָס איז אָבער ניט געווען א פוסטער קלאנג, דען מיט דעם בערוף זיינען אויך געקומען מאטעריעלע נוצען. דער בוך האָט זיך פערקויפט אין דיא מאסען און היינע האָט געהאט גענוג געלד צום לעבען. אָבער דיעזער גליק האָט ניט לאנג גע־דויערט, דיא רעגיערונג האָט פערבאָטען דעם פערקויף פון דיא „רייזע בילדער“, וועלכע זיינען געווען צו פריי און צו אָפען. היינען האָט אָבער ניט אזוי שטארק געערגערט דיא האנדלונג פון דער רעגיערונג וויא דיא אונגערעכטע קריטיק פון זיינע געגנער, וועלכע זיינען פון זיין גרויסען גלאנץ אין גאנצען פערדונקעלט געוואָרען.

דיא „רייזע בילדער“ זיינען געווען דער ערשטער ליכטיגער שטראהל, וואָס האָט דורכגעצוקט דורך דיא פינסטערע וואָלקען פון דאמאלסדיגען דייטשלאנד. וויא א כשוף האָבען זיי פערכאפט יונג און אלט. יעדער האָט אין זיי געפונען א טהייל פון זיין אייגענעם לעבען און דענקען. דייטשלאנד האָט דאן צום ערשטען מאָל דערזעהן, אז עס איז אויפגעגאנגען א נייער, גרויסער שטערן אויף דעם הימעל פון איהר ליטעראטור. עס האָט זיך אָנגעפאנגען קאָכען אין דיא קאפע־הייזער און ביער־האללען, איבעראל האָט מען גערעדט פון היינעס ווערק. דער ערשטער באנד פון זיינע „רייזע בילדער“ האָבען היינען געגעבען מוטה צו ארבייטען ווייטער און אין א קורצער צייט איז ערשינען דאָס צווייטע באנד „רייזע

בילדער", וועלכער האָט נאָך מעהר אויפגערודערט די ליטעראַרישע וועלט און ארויסגערופען מעהר בעוואונדערונג און מעהר טאדעל.

ווייל די „רייזע בילדער" זיינען געווען פערבאָטען אין א סך שטעדט האָט דער עולם זיי נאָך מעהר געלייענט און היינעס פער־לעגער, קאמפּע, איז פון דיעזען ווערק ממש גליקליך געוואָרען. היינע האָט זיך מעהרסטענס געזעטיגט מיט כבוד און בעליידיגונג, דען דער האָנאָראַר פאר זיינע ווערקע איז ניט געווען איבעריג גרויס. די גאנצע שמעטענע האָט אראָבגענומען דער פערלעגער און האָט געגעבען דעם פערפאסער א גאנץ קליינעם פּראָצענט. דער צווייטער באַנד „רייזע בילדער" האָט געקריעגען אין דייטשלאנד א גרויסע פּאָליטישע בעדייטונג. מען האָט דאָרט דערזעהן אז מען ערלויבט זיך אָנצוגרייפען שארף און ביטער אלעס וואָס איז פויל אין דער געזעלשאפט און אין דער רעגיערונג.

זייענדיג זאַט מיט עהרע און זלזולים און ווערענדיג מיעד פון די רידפות, וועלכע האָבען איהם בעגעגענט פון אלע זייטען: פון דער רעגיערונג און פון די פערדאָרבענע ליטעראַטען — האָט זיך היינע בעשלאָסען צו פאָהרען נאָך ענגלאנד, אין דאָס לאנד פון פרייהייט און גערעכטיגקייט. היינעס נאָמען איז שוין דאַן געווען גוט בעקאנט אין ענגלאנד. קומענדיג אין לאָנדאָן האָט ער געפונען גענוג פערעהרער און פריינד און ער האָט געלעבט א גוטען טאָג, היינע האָט געוואָהנט אין די שעהנסטע האָטעלען, האָט געגעסען אין די רייכסטע רעסטאָראַנטען און האָט ניט געזשאלע־וועט אויף טהעאטער און אָפּעראַס און פערשיעדענע זאָרטען פער־גניגען.

וואו האָט אבער היינע גענומען אזוי פיעל געלד? דאָס ווערט ערקלערט אזוי:

איידער ער איז אָבגעפאָהרען נאָך לאָנדאָן האָט ער זיך געזעהן מיט זיין רייכען אָנקעל. סאלאָמאָן היינע האָט דאַן זיין פּלעמעניק אויפגענומען מיט מעהר פריינדליכקייט וויא אימער. די אורזאכע איז אויך א ריין געשעפטליכע. אין זיין טראַגעדיע „וויליאַם ראַטקליף" האָט היינע פאַרגעשטעלט א געוויסען האַמ־

בורגער מאקלער, א שווינדלער און א באנדיט, מיט וועלכען סאלאָמאָן איז בעז געווען. היינע האָט ניט געוואָלט שטעלען יענעמס ריכטיגען נאָמען, אבער אלע אין האמבורג האָבען געוואוסט וועמען מען מיינט. איבערהויפּט האָט דאָס געוואוסט סאלאָמאָן היינע און דאָס האָט איהם גרויס הנאה געטהאָן. ער האָט דערפאר געהאלטען פון „וויליאם ראטקליף" מעהר וויא פון זיין פלעמעניקס אלע ווערקע. דאָס איז געווען געשעפט... היינע האָט דערפאר גע'פועל'ט ביי זיין אָנקעל ער זאָל איהם געבען א רעקאָמענדאציע צו ראָטהשילד'ס באנק־הויז אין לאָנדאָן און א קרעדיט־בריעף אויף 400 פונט שטערלינג. פאר'ן אבורייזען האָט איהם דער אָנקעל אָנגעזאָגט, אז דער קרעדיט־בריעף איז ניט מעהר וויא א פּאָרמאלי־טעט, כדי צו ווייזען דיא ראָטהשילדס וויא ווייט דער אָנקעל האלט פון איהם, ער האָט איהם אָבער פערזאָגט דעם בריעף ניט צו בענוצען צו פראקטישע צוועקען.

היינע האָט אָבער ניט געוואָלט וויסען פון פּאָרמאליטעטען און נאָכדעם וויא ער איז געווען צוויי טעג אין לאָנדאָן, איז ער אוועק אין ראָטהשילדס קאנטאָר און האָט אויסגעביטען דעם קרעדיט־בריעף אויף 400 פונט שטערלינג. באראָן נאטהאן מאיר פאָן ראָטהשילד האָט איינגעלאדען היינען צו מיטאָג און האָט איהם פאָרגעשטעלט פאר זיין הויז־געזינד אלס בעריהמטען דייטשען דיכטער און שריפטשטעלער. געוועהנליך האָט אויך ראָטהשילד ניט פערגעסען באלד אוועקצושיקען א בריעף צו סאלאָמאָן היינע דערצעהלענדיג איהם, אז ער האָט געהאט דיא „עהרע" און דאָס „פערגניעגען" איינצולאדען זיין פלימעניק אלס גאסט און איהם געבען 400 פונט אויף זיין קרעדיט־בריעף.

מאקסימיליאן היינע, דעם דיכטערס ברודער דערצעהלט, אז ווען דער אלטער סאלאָמאָן האָט אין איניגע טעג שפּעטער ערהאל־טען דיעזען בריעף פון לאָנדאָן איז איהם „ארויסגעפאלען דיא ליולקע פון מויל" און ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט מיט א געשריי: „דער טייפעל זאָל נעהמען ראָטהשילד'ן מיט זיין עהרע און פערגניעגען!"

חוץ דעם וואָס היינע האָט געלעבט אין לאָנדאָן א גוטען טאָג האָט ער דאָך פון דעסטוועגען אָבגעשפּאָרט 800 טהאלער, וואָס ער האָט געשיקט צו זיינעם א פריינד אין בערלין, ער זאָל אויסצאָהלען אלע זיינע חובות, וואָס ער איז שולדיג געווען אין דיעזען אירדישען יאמערטהאל „און זאָל איהם דאָס איבריגע בעהאלטען" אויף א שלעכטע צייט. היינע איז דער פערפאסער פון דעם ליעד „מענש בעצאָהל דיינע חובות". היינעס פערוויילען אין לאָנדאָן איז ניט געווען אומזיסט, ער האָט דאָרט אויסגעשטודירט דאָס לעבען פון דיא ענגלענדער און האָט שפּעטער וועגען דעם געשריעבען. פון לאָנדאָן איז היינע ווידער געקומען נאָך האמבורג און האָט דאָרט באלד בעזוכט זיין אָנקעל.

מען קען זיך פאָרשטעלען דעם „שלום עליכם" וואָס ער האָט פון זיין אָנקעל געקריגען. דער אלטער איז געווען אויסער זיך פאר אויפ־רעגונג, ער האָט געשריען און געליארמט, געזאָגט מוסר און גע־שטראָפט. היינע איז געשטאנען גאנץ גלייכגילטיג, וויא ניט איהם מיינט מען. ענדליך, ווען דער אלטער איז פערטיג געוואָרען מיט זיין דרשה האָט זיך היינע אָבגערופען צו איהם : „ווייסטו, אָנקעל, אז דאָס בעסטע וואָס אין דיר געפינט זיך, איז דאָס, וואָס דו טראָגסט מיין נאָמען". דער אלטער איז צומישט געוואָרען פון דעם אונערוואַרטעטען ענטפער, אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאט צו ריידען א וואָרט האָט היינע א קלאפּ געטהאָן מיט דער טהיר און איז אוועק. היינעס נאָמען איז שוין געווען בעריהמט ווייט און ברייט אין גאנץ דייטשלאנד, אבער זיין גרעסטעס, ער־האבענסטעס ווערק זיין „בוך דער ליעדער" איז נאָך דאן ניט ער־שיענען אין בוך־פאָרם. ער האָט זיך געווענדעט צו זיין פערלעגער קאמפּע, אָבער דער פערלעגער האָט קיין חשק ניט געהאט ארויס־צוגעבען א בוך מיט ליעדער, וואָס זיינען שוין פריהער ערשיענען אין פערשיעדענע צייטונגען און מאגאזינען. היינע האָט דארום אָבגעגעבען קאמפּען זיין בוך במעט אומזיסט, אום ער זאָל דאָס נור דרוקען. דיא אונטערשטע שורה איז געווען, אז דאָס בוך איז פער־

קויפט געוואָרען אין דיא שווערע טויזענדע עקזעמפּליארען און קאמפּע האָט ווידער געמאכט געלד פון היינע'ס ארבייט.

דיא גאנצע וועלט האָט דאן געקאָכט מיט דעם דיכטער היינע, אלע האָבען איהם פערעהרט און פערגעטערט א חוץ זיין אייגענע פאמיליע, וועלכע האָט איהם נאָך אלץ ניט געוואָלט אנערקענען. היינע האָט זיך בעשלאָסען צו פערלאָזען האמבורג אויף אייביג, אָבער איידער ער איז אָבגעפאָהרען איז גראָד וויא אויף להכעיס געקומען זיין ערשטע געליעבטע, זיין קאָזינא מיט איהר מאן, א געוויסען פרידלענדער, פון קעניגסבערג נאָך האמבורג. דער ערשטער פייער האָט ווידער אויפגעפלאמט, עס האָבען אויפגעלעבט דיא אלטע וואונדען, אָבער זיי זיינען ניט מעהר געווען אזוי פערדערבליך וויא דיא „יוגענד ליידען". זיין געליבטערס מאן איז איהם ניט געפעהלען געוואָרען.

ווען היינע האָט פערלאָזען האמבורג האָט ער פערווײלט א קורצע צייט אין פראנקפורט א. מ., וואו ער האָט פערבראכט דיא גאנצע צייט מיט לודוויג בערנע. פון פראנקפורט האָט היינע געזאָלט אָבפאָהרען נאָך מינכען, וואו דער פערלעגער קאטטא האָט איהם איינגעלאדען צו רעדאקטירען א ווערק מיט'ן נאָמען „פּאָליטישע אננאלען". פאר'ן אָברייזען האָט בערנע דוקא געוואָלט אריינשלעפּען היינען אין א מחלוקת מיט געטהע, אָבער דאָס האָט היינע ניט געוואָלט. בערנע האָט שרעקליך פיינד געהאט געטהע'ן, אָבער היינע האָט פערשטאנען, אז דיא שנאה שטאמט דערפון, וואָס געטהע איז א העלענער, א לעבע מאן, וועלכער הענגט מיט אלע קרעפטען אָן דאָס מונטערע לעבען, ווערהענד בערנע איז געווען א איד דורכדרונגען מיט דעם מעלאנכאָלישען גייסט פון זיין פאָלק. אָבוואָהל בערנע האָט פּונקט וויא היינע געביטען זיין גלויבען, האָט ער אויך וויא היינע חרטה געהאט. היינע האָט זאָגאר געהערט, אז געטהע האָט שטארק קריטיקירט זיינע „רייזע בילדער", דאָך האָט היינע ניט געוואָגט צו בעליידיגען געטהע'ן, פון וועלכען ער האָט צו פיעל געהאלטען.

היינע'ס הויפּט קוק אין מינכען איז ניט געווען דיא „פּאָלי-

טישע אננאלען", זאָנדערן א רעגיערונגס שטעלע. ער האָט גע־וואָלט ווערען פּראָפעסאָר אין דער אוניווערזיטעט פון מינכען. נאכדעם וויא ער האָט אין בערלין קיין פּראָפעסאָר שטעלע ניט גע־קענט קריעגען, האָט ער געגלויבט, אז אין מינכען וועט ער דאָך זיין ציעל קענען עררייכען. ער האָט זיך פערשאפט רעקאָמענדא־ציעס פון דעם דאמאָלסדיגען מיניסטער פון אינלענדישע אנגעלע־גענהייטען עדואָרד פאָן שיק, אויך א בעקאנטער דיכטער, און אנ־דערע הויכע פּערזאָנען, וואָס האָבען צוגעזאָגט צו ריידען פאר איהם מיט'ן קעניג לודוויג דעם 1טען. היינע האָט צוליעב דיעזער אויס־זיכט וויעדער געמוזט א ביסעל זינדיגען דערמיט, וואָס ער האָט ניט געוואָלט ארויסגעהן מיט זיין גאנצע ליטעראַרישע קראפט און מיט'ן פולען אמת אין זיינע „פּאָליטישע אננאלען". דאָס הייסט, ער אליין האָט אין זיי ווייניג געשריעבען און דאָס, וואָס ער האָט געשריעבען, איז געוועזן אין א מילדערען טאָן. ער האָט פערשוויע־גען זאכען, וואָס ער וואָלט זאָגסט, אלס אן אונאבהייננגיגער מענש, שטארק ארונטערגעריסען.

פון מינכען איז היינע אָבגעפאָהרען נאָך איטאַליען. ער האָט דאָרט שנעל ערלעהרנט דיא איטאַליענישע שפּראכע און איז אויפ־גענומען געוואָרען מיט גרויס עהרע פון איטאַליענישע דיכטער און דיינקער. דער לויטערער הימעל און דיא הערליכע נאטור סצענעס פון דעם זוניגען איטאַליען האָבען היינע'ן בעגייסטערט און געגע־בען דיא געלעגענהייט צו שרייבען נייע „רייזע בילדער". איבער־הויפט האָט ער פערבראכט אין דיא בעדער פון לוקקא און אין פלאָ־רענץ. פון דאָרט האָט ער געזאָלט רייזען נאָך רוים. אָבער פּלוצלינג האָט ער ערהאלטען א ידיעה, אז זיין פאָטער איז גע־שטאָרבען. דאָס האָט איהם געטראָפען וויא א דונער און געמאכט א סוף פון אלע זיינע נסיעות אין דאָס לאנד פון דיכטער און קינסטלער. ווען היינע איז נאָך געוועזן אין פלאָרענץ האָט ער גע־שריעבען צו זיין גוטען פריינד, דעם רוסישען דיכטער פיאָדאָר י. טאטשעוו, וועלכער איז געוועזן דער אטאשע ביי דעם רוסישען גע־זאנדטעטען אין מינכען, אז ער זאָל זעהן אָנווענדען זיין דיפּלאָמא־

טישע קונסט, אויסצוגעפינען וועגען דער פראָפעססאָר שטעלע.

טראָטץ אַלע בעמיהונגען האָט אָבער היינע דיא געווינשטע שטעלע ניט בעקומען. איבערהויפּט האָט ער אין דעם בעשולדיגט דעם מיניסטער שיינק. היינע האָט שוין געהאַט בעשלאָסען צו ווידמען איהם דעם דריטען בוך „רייזע בילדער“, וואָס ער האָט גע־האַלטען אין שרייבען, אָבער ער האָט דאָס ניט געטהאָן. ער האָט דאָס בעסער געווידמעט זיין פריינד דעם דיכטער קארל איממערמאַן, וועלכער איז געוועזען און געבליעבען זיין אויפריכטיגער פריינד. וועה־רענד היינע איז געוועזען אין איטאַליען האָט ער זיך דערוואוסט, דאָס גראף פּלאַטטען, א דייטשער דיכטער, וועלכער איז אויך געוועזען דאַ־מאָלס אין איטאַליען, האָט זיך בעשלאָסען חוזק צו מאַכען פון איהם אין א קאָמעדיע. היינע האָט דיא זאַך גוט אויסגעפּאָרשט און ווען ער האָט ערפאַהרען, אַז דאָס איז אמת, האָט ער געשוואָרען אין הארצען נקמה צו נעהמען פון דעם גראף, אריינצולאָזען אין איהם דיא גאַנצע גאַל און גיפט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין איהם זייט זיינע אומזיסטע שונאים האָבען איהם אָנגעפאַנגען עפענט־ליך צו פערפאָלגען.

מיט דיעזען פעסטען בעשלוס איז דער בעליידיגטער און פער־ביטערטער דיכטער אָבגעפאָהרען נאָך זיין פאַטערלאַנד. היינע האָט צונויפגעזאַמעלט אַלע זיינע ליטעראַרישע פעהיגקייטען און האָט זיך גענומען פארטיג מאַכען דעם דריטען בוך „רייזע בילדער“. ער האָט ניט געצווייפעלט אין זיין גרויסע קראַפט זיך אָבצורעכע־נען מיט זיינע געגנער. ער האָט אָבער אַליין ניט געוואוסט, אַז זיין נייעס ווערק וועט מאַכען אַזא שרעקליכען רושם אין גאַנץ דייטש־לאַנד. וויא גיך דער דריטער באַנד „רייזע בילדער“ איז ערשיענען פון דרוק, האָבען זיך אָנגעפאַנגען קעהרען וועלטען. היינע איז דאָס מאָל ניט אָבגעקומען בלויז מיט וויטצען און שטעכווערטלאַך, זאָנ־דערן ער האָט גערעגענט מיט פעך און שוועבעל אויף דעם גראף פּלאַטטען. היינע איז דאָס מאָל, וויא מען זאָגט, „ארויס פון דיא כלים“. ער האָט שוין איבערגעכאַפּט דיא מאָאָס. ער האָט דעם גראף אַזוי צומישט און צוטומעלט, ער האָט איהם אַזוי בע־

גראַבען, אזוי אָפען און אָהן צרעמאָניעס דערלאנגט, אז דער גראַף האָט שוין מעהר קיין קאָמעדיע פון היינע'ן ניט געשריעבען. אָנ־שטאָט היינע'ן צו פערלאכען און איהם פאָרשטעלען אלס א קאָמישע פערזאָן, האָט ער איהם סתם גענומען זידלען מיט אלערהאנד זלזולים. איבערהויפּט האָט ער איהם צוגעוואָרפען א חרפּה, אז ער איז א איד, אז עס שטינקט פון איהם קנאָבעל און אז ער שטאמט פון א מיאוס פאָלק.

קיין כבוד האָט גראַף פלאטטען מיט אזעלכע ארגומענטען ניט געוואונען, דען אָבוואָהל מען האָט דאן אין דייטשלאנד געהאסט אי־דען, האָט מען אָבער דאָך ניט געקענט בעטראכטען אזעלכע שמור־ציגע ארגומענטען, אלס ליטעראריש אָדער אנשטענדיג. דעם גראַף'ס פריינד האָבען איהם געבעטען, אז ער זאָל אויפהערען זיך אזוי מיאוס מאכען און בעסער ארונטערשלינגען דיא ביטערע פּיל, וואָס היינע האָט איהם איינגעגעבען. אָבער ער האָט דאָס ניט גע־קענט, עס האָט איהם צו פיעל וועה געטהאָן און היינע איז פון דעם קאמפּף, וועלכער האָט דאן אויפגעקאָכט גאנץ דייטשלאנד, ארויס דער זיעגער.

צופיעל עהרע האָט אָבער דער זיעג היינען אויך ניט געגעבען. דען אָנשטאָט, וואָס מען האָט איהם פריהער געליעבט, האָט מען זיך יעטצט פאר איהם דערשראָקען. מען האָט פאר איהם אָנגעהויבען ציטערען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען האָט דער־זעהן אין דער דייטשער ליטעראטור אזא מין געפעהרליכע, פערניכ־טענדע, צושטערענדע קראפט. מען האָט דערזעהען, אז דער זי־סער, לירישער פּאָעט, פון וועמעס צארטע, זאנפטע פערזען עס וועהט א גלעטענדער ראָזענדופט און דער וויציגער, אמוזירענדער פּובליציסט איז פּלוצלינג געוואָרען אן אשמדאי, א בעזער גייסט, וואָס קען אָהן רחמנות צורייסען און צושמעטערען אין שטיקער.

עס איז איבעריג צו בעמערקען, אז דער בוך איז באלד פער־באָטען געוואָרען. אָבער דאָס האָט געמאכט, אז מען זאָל איהם נאָך מעהר לעזען, און היינע'ס פערלעגער, יוליוס קאמפּע, האָט וויע־דער פערדיענט שווערע טויזענדע טהאלער און איז רייך געוואָרען.

עס האָט געקאָכט און גע׳רעש׳ט אין אַלע רעסטאָראַנען און ביער־הייזער. אומעטום האָט מען גערעדט פון דער מחלוקת צווישען היינע און פּלאַטען. נישט צופריעדען פון היינע׳ס אָפענע דבורים און „צו שטאַרקע אויסדריקע״ זיינען נאָר געוועןֹ דיא דייטשע „משכילים״, דיא גריבלער, וואָס וועגען און מעסטען יעדעס וואָרט גלויבענדיג, אז מען קען בעקעמפּפען לומפּען מיט דיא זעלבע וואַפען, וואָס מען בעקעמפּפט מענשען. דאָס פאָלק אָבער האָט היינע׳ן נאָך מעהר ליעב בעקומען. דאָס פאָלק האָט דערזעהן, אז דיא קראַפט, וואָס קען אַזוי פערניכטען איין לומפּ, וועט געוויס קע־נען פערניכטען מעהר און דיא „שווארצע חברה״ וועלען יעטצט מורא האָבען.

ווען דיא מחלוקת איז אָנגעגאַנגען איז היינע געוועןֹ אין האַמ־בורג. דער אַלטער סכסוך צווישען איהם און זיין אָנקעל סאַלאָמאָן האָט זיך אויסגעגליכען. דער אַלטער באַנקיר האָט מוחל געוועןֹ דעם יונגען דיכטער און האָט איהם אָנגעהויבען צו בעטראַכטען מיט מעהר רעספּעקט. האָבענדיג פערלאָרען יעדע האָפנונג צו ווערען פּראָפעסאָר, האָט זיך היינע יעטצט אין גאַנצען איבערגעגעבען צו זיינע ליטערארישע ארבייטען. אין דעם יונגען דיכטער האָט דאַן אויפגעוואַכט א גרויסע ליעבע צו קעמפּפען פאַר פרייהייט און ער האָט אָנגעהויבען שרייבען שטאַרקע ארטיקלען געגען דיא אונטער־דריקונג, ווּאָס האָט דאַן געהערשט אין זיין פאַטערלאַנד. ער האָט פערלאַנגט פּרעס־פרייהייט און פּאָליטישע אויפקלערונג פאַר׳ן פאָלק. ער האָט געוואָרענט דיא רעגיערונג זיא זאָל זיך אין אכט נעהמען פאַרן צאָרען פון דיא אונטערדריקטע מאַסען. דיעזער נייער קאַמפּף האָט געמאַכט, אַז דער באָדען אונטער היינע׳ס פיס איז געוואָרען אונזיכער. דיא רעגיערונג האָט געהאַט אויף איהם אַן אויג און האָט גערעכענט איהם צו בעזייטיגען. דערצו האָט זיך היינע גאָר פון דאָס ניי צוקריעגט מיט זיין אָנקעל און דיא אידעע צו פערלאָזען דייטשלאַנד און אוועקפאָהרען וואוינען אין פּאַריז איז ביי איהם געוואָרען א זאַך, וואָס איז געשעהן. ער האָט פערשטאַנען, אז ער וועט זיינע פרייע אידעען און געדאַנקען אין דייטשלאַנד ניט

קענען פּאַטרוזעטצען. עס איז איהם אויך מיאוס געוואָרען דער שטענדיגער שטרייט מיט אזוי פיעל שונאים, וואָס האָבען איהם גע־זוכט צו רודף'ן פון אלע זייטען. מען האָט אויף איהם אויסגע־טראכט פערשיעדענע בלבולים. קוים האָט ער אויסגערעדט א וואָרט מיט א פרוי, האָט מען שוין געזוכט דערפון צו מאכען א גאנצע אינ־טריגע און בעשמוצען זיין נאָמען און דעם נאָמען פון דער פרוי. דאָס אלעס איז איהם געוואָרען עקעל.

איידער היינע איז אוועק פון האמבורג אויף אייביג איז איהם נאָך בעשערט געוועזען צו זעהן א צווייטען פּאָגראָם אויף אידען. וועל־כער איז געוועזען א סך שרעקליכער, וויא אין יאָהר 1819. זיין אי־דיש הארץ האָט זיך ווידער אָנגעזאפט מיט כעס און ביטערקייט געגען דיא קריסטען און געגען דייטשלאנד און ער האָט זיך כמעט א נדר געטהאָן א שפּיי צו געבען אויף דער אנטיסעמיטישער מדינה. דעם 1טען מאי, 1831, האָט היינע צום ערשטען מאָל בעטרעטען דעם פראנצויזישען באָדען און אין צוויי טעג שפּעטער איז ער געוועזען אין פּאריז.

פינפטער קאפיטעל.

היינע'ס גרויסע ליטעראַרישע טהעטיגקייט אין פּאַריז.—ער ווערט אויפגענומען מיט גרויס עהרע פון אלע פראַנצויזישע דיכטער, דיינקער און קינסטלער.—זיין בעקאַנטשאַפט מיט ריטשארד וואַגנער. זיין הייראַטה מיט מאַטהילדע קרעסצענטיאַ מיראַט און זיין ספּעקולאַציאַן אויף דער בערזע.—היינע און בערנע ווערן בלוטיגע שונאים.—היינע'ס צווייטער דועל.

אָבוואָהל היינע איז אוועקגעפאָהרען פון דייטשלאַנד מיט א ביטער הארץ און זעהר טרויעריגע ערפאהרונגען, האָט ער פון דעסטוועגען דאָך ניט געדיינקט, אז ער וועט קיינמאָל ניט צוריקפאָהרען. עס איז שווער צו טראָגען אן אייביגע שנאה אויף דעם באָדען, וואו א מענש איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרען. זייענדיג דערווייטערט פון יענעם אָרט, פערגעסט דער מענש דיא צרות, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אויסצושטעהן. ער פערגעסט זאָגאר אָן זיינע שונאים און פאנגט אָן צו בייגקען אהיים. דאָס הארץ ווערט פול מיט דעם טיפען שמערץ, וואָס הייסט „בענקענים“, מען וויל צוריק צו יענע ערטער, וועלכע זיינען אזוי בעקאַנט, אזוי איינגעדריקט אין דער זעעלע. מען ליעבט זיי, מען וויל זיי ווידער זעהן.

עס וועט דערפאר קיין וואונדער ניט זיין, וואָס זייענדיג אין דער פרייער, לוסטיגער פּאריז, ארומגערינגעלט מיט פריינד און גערקרוינט מיט עהרע, האָט היינע דאָך געביינקט אהיים. כמעט אלע בריעף, וואָס ער האָט געשריעבען דיא ערשטע צייט צו זיין מוטטער און שוועסטער און צו דיא איבעריגע מיטגליעדער פון זיין פאַמיליע, זיינען פול מיט הייסע ליעבע צו דייטשלאַנד. היינע האָט פּאָזיטיוו געגלויבט, אז ער וועט נאָך אין גיכען קומען ווידער אין זיין פאטערלאַנד. ער האָט ניט געוואוסט, אז דער שיקזאל האָט איהם בעשטימט צו ענדיגען זיינע לעטצטע יאָהרען אין דעם „גיהנום פון פערגניגען“, אין דעם לעבעדיגען, לאַכעדיגען און זודיגען פאַריז. וויא שטארק זיין „היימוועה“ איז געוועזען, אזוי שטארק און נאָך פיעל שטארקער איז אָבער געוועזען זיין ליעבע צו פרייהייט און לעבען, וואָס

ער האָט געפונען אין דער שעהנער רעזידענץ שטאָדט פון פראנק־רייך. אין דייטשלאנד האָט היינע געליטען אלס איד, אלס שריפט־שטעלער און אלס ליבעראל, ווערהענד אין פאריז איז פון דיא אלע זאכען גאָר קיין רייד ניט געווען. דערצו האָט שוין פאריז דאמאָלס געהאט א סך מעהר טהעאטערס, בעלער און פערשיעדענע פערגני־גענס וויא בערלין, מינכען און האמבורג צוזאמען גענומען. היינע האָט זיך אריינגעוואָרפען אין אן אָקעאן פון עולם הזה. ער האָט גע־טרונקען מיט'ן פולען מויל פון דיא כוסות פון ליעבע, לוסט און לע־בען, וואָס סעראפינא אנגעליג, דיאנא, האָרטענזע, קלאריזע, דזשאָ־לאנטע, מאריע, דזשענני, עממא און אנדערע געטטינען האָבען איהם אזוי ליעבליך און גראציעז צוגעטראָגען צו דיא ליפען.

דאָך אָבגעזעהן פון דיא אלע פערגניגענס האָט היינע דאָך ניט אראָבגענומען זיין שארפען בליק פון דעם אמת'ן לעבען און פון אלע זאָנסטיגע אומשטענדען, וואָס האָבען דאן געהערשט אין פאריז. ער האָט אלע איינדריקע פון דער גרויסער וועלט־שטאדט בעשריעבען מיט גרויס פינקטליכקייט. ער האָט זיך דאן גאנץ אָפט געזעהען מיט דיא פראָמינענטעסטע דייטשען, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען אין פאריז. אין דער בוכהאנדלונג פון איידעלהאָלץ און קאמפע פלעגט זיך היינע טרעפען און פערברענגען מיט אזעלכע וועלטבעריהמטע פערזאָנען וויא פעליקס בארטהאָלדי מענדעלזאָהן, אלעקסאנדער פאָן הומבאָלדט, סאפיר און אנדערע. דיא גרעסטע מענער דייטשלאנד'ס וואָס פלעגען בעזוכען פאריז פלעגען ניט פערגעסען אבצושטאטען א וויזיט דיא בעוואוסטע בוכהאנדלונג, וואו היינע מיט זיינע פריינד פלעגען זיטצען און פערברענגען.

היינע האָט זיך דאָס ערשטע יאָהר געפיהלט אזוי גליקליך אין פאריז, אז ער האָט אין זיינעם א בריעף צו א פריינד געשריעבען: „און פרעגט אימיצער וויא איך לעב דאָ זאָלט איהר איהם זאָגען וויא א פיש אין וואסער, אָדער נאָך בעסער, זאָגט זיי דאָרט אין דייטשלאנד, אז ווען איין פיש פרעגט ביי דעם צווייטען, וואָס ער מאכט, ענטפערט ער איהם: וויא היינע אין פאריז."

צו יענער צייט האָט זיך אויך געפונען אין פאריז היינעס אמאָליגער לעהרער פראָפעסאָר אגוסט ווילהעלם פאָן שלעגעל. וויא בעוואוסט האָט שלעגעל אמאָל פון היינע זעהר פיעל געהאלטען, אבער זייענדיג אין פאריז האָט ער עפעס אראָבגעקוקט אויף איהם פון אויבען אראָפּ. עס איז איהם ניט געפעלען געוואָרען דאָס, וואָס היינע האָט אזוי שטארק „געזידעלט" זיינע געגנער און האָט זיך ערלויבט צו שרייבען אויף איהם פאָלגענדען עפיגראם:

„דיין ערנסט קען פיר מיר ניט טויגען,
זידלען קען דער שפּאָטער נאָר,
דיין בעגייסטערונג איז פערפלויגען
דיינע „שמד־שטיק" זעהט מען קלאָר."

פאר דיעזען עפיגראם האָט זיך אבער היינע אָבגערעכענט מיט זיין אמאָליגען פראָפעסאָר אין א קאָררעספּאָנדענץ צו א דייטשע צייטונג. ער האָט איהם געוויזען, אז ער האָט גענוג ערנסט צו דערלאנגען ערנסטע קלעפּ אונטערגעפּעפּערט מיט ביטערע לצנות. היינע האָט דאמאלס א סך געשריעבען. פון פאריז פלעגט ער שיקען זיינע מייסטערהאפטע קאָררעספּאָנדענציעס נאָך דייטשלאנד, וואו מען פלעגט זיי לעזען מיט בעזאָנדערען פערגניעגען. וואָס מעהר זיינע געגנער האָבען איהם געזוכט צו פערשווארצען און פערניכטען האָט דאָס פאָלק אלץ מעהר איהם געליעבט און געשעטצט.

דיא הויפּט שולד, וואָס דיא געגנער האָבען אויף איהם ארויפגעוואָרפען איז דאָס, וואָס ער איז ניט „פּרינציפּיעל". אָבוואָהל היינע איז געוועזען איינער פון דיא ערשטע פרייהייטס־קעמפּפער פון זיין צייט און האָט אין זיינע ליעדער און דעקלאמאציאָנען ארונטערגעריסען דיא שקלאָווערייא און טיראניי, וואָס האָבען דאן געהערשט אין דייטשלאנד, דאָך איז היינע ניט געוועזען קיין פּאָליטישער כאראקטער. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט בעשליסען צו וועלכע פּארטיי ער זאָל געהערען. אין פריינקרייך זיינען דאן געווען רעפּובליקאנער און מאָנארכיסטען, אבער היינע האָט ניט בעלאנגט צו קיין איינציגע פון זיי, אָדער בעסער געזאָגט, ער האָט

בעלאנגט צוביידע און צו ביידע ניט. היינע האָט בעטראכט דעם דאמאָלסדיגען פּאָליטישען פלאָנטער פון א סוביעקטיווען שטאנד־פּונקט. ער האָט ניט געהאַט דיא געדולד און דעם כח צו בעקלערען דיא פּאָליטישע פראגען מיט א קאלטען ישוב הדעת, זיי אנאליזירען, צוגליעדערען און קומען צום שלום וועלכע פּארטהיי עס איז גערעכט, זאָנדערן ער האָט געהאנדעלט לויט זיינע אייגענע איינדריקע. אלס גרויסער דיכטער, אלס פּרייגייסט, מיט דיא געפיהלען פון א זומער־פויגעלע וואָס פליהט באלד אויף ד ע ר, באלד אויף י ע נ ע ר בלום, און מיט א געפליגעלטע פּאנטאזיע, וואָס שוועבט וויא דער אדלער אין דיא וואָלקען — האָט היינע זיך ניט געקענט בעגרענצען ביי א געוויסע פּארטהיי. ער האָט זיך ניט געקענט איינדריקען אין דעם ענגען קאָרסעט פון א פּראָגראם. דאָס האָבען אָבער זיינע שונאים און זייערע פּאנאטישע אנהענגער ניט פערשטאנען און ניט געוואָלט פערשטעהן. זיי האָבען ניט געוואוסט, אז היינעס פרייהייטס־ליעדער וועלען איבערלעבען זייערע פּראָגראמען און וועלען נאָך בעגייסטערען דיא מענשהייט פיר פרייהייט און מענ־שענרעכט אין דיא קומענדע דורות. היינע איז געווען צו גרויס און צו ערהאבען, זיך אונטערצואווארפען אונטער דיא פּאָרשריפט פון א חברה. מיט דעם קוק פון א נביא, וועלכער האָט דורכגעבליקט דורך דעם דיקען שלייער פון זיין צייט און געזעהען דיא ווייטע צוקונפט פון דיא אונגעבאָרענע דורות, האָט ער זיך ניט געקימערט וועגען דיא פארב פון זיין פּאָהן, אונטער וועלכע זיין שיף פּאָהרט. א פּאָהן איז ביי איהם געווען בלויז א געפארבטע שמאטע, א לאפּען, זיינע פיינד אָבער האָבען איהם דערפאר פערדאמט און פערפאָלגט, געיאָגט און געטריעבען פון אָרט צו אָרט מיט כעס, שפּאָט און פעראכטונג. מען קען זיך לייכט פּאָרשטעלען, וואָס היינע האָט דערפון געליטען, וויפיעל שמערצען אזא פערפאָלגונג האָט איהם פערשאפט. דאָס האָט זיין גייסט קיין מנוחה ניט געגעבען. גערייצט און פערוואונדעט פון אומזיסטע רדיפות פון נארישע „פּרינציפּען" און פּארטייליכקייטען איז היינע געווען גע־צוואונגען שטענדיג זיך צו האלטען אין איין קריגען און פּאָלעמי־

זירען און גיסען גיפט און גאל אויף זיינע בלוטיגע געגנער, וואָס פלעגען איהם ניט לאָזען לעבען. דאָס האָט ווידער איהם געמאכט נייע שונאים, וואָס פלעגען איהם בעטראכטען פאר א מענשען, וואָס ליעבט מחלוקת און ליעבט זיך ארומצורייסען.

„דיא פאָעזיע האָט מעהר מערטירער געמאכט וויא דיא רעליגיאָן“, האָט אמאָל היינע געזאָגט און ער אליין האָט געפיהלט און געוואוסט דעם אמת פון דיעזע ווערטער. זייט דיא רעאקציאָן האָט אריינגעטרעטען אין דייטשלאנד ביז צו דעם מאָמענט, וואָס היינע האָט געלעבט און געווירקט אין פראנקרייך, האָט מען איהם אין זיין פאטערלאנד ניט אויפגעהערט אָנצוטהאָן צרות. מען האָט איהם אזוי לאנג גערייצט און ער האָט אזוי לאנג געענטפערט אין דיא דייטשע בלעטער, ביז ער איז ענדליך מיעד געוואָרען און האָט איבערגעלאָזען דייטשלאנד פיר זיינע אונדאנקבארע לאנדסלייט און ער אליין איז געוואָרען א פאָלשטענדיגער פראנצויז. ער איז געוואָרען אזוי בעז, אז ער האָט צוגעמאכט דיא טהיר פאר דיא דייטשען, וואָס פלעגען איהם קומען בעזוכען אין פאריז. היינע פלעגט פון דיעזע בעזוכער זעהר פיעל ליידען, פריהער פלעגען זיי קומען צו איהם, איהם שמייכלען און זיך מיט איהם אונטערהאלטען, דאן פלעגען זיי אוועקפאָהרען צוריק נאך דייטשלאנד און איהם בעליידיגען אין דיא בלעטער, אָדער זיי פלעגען פון פאריז גופא איהם שענדען אין בריעף און קאָררעספאָנדענצען. פון דיא דייטשען וואָס היינע האָט געליעבט און האָט זיך מיט זיי גערן אונטערהאלטען, זיינען שפעטער געוועזען דיא בעריהמטע דיכטער פראנץ גרילפארצער, אנאסטאסיוס גרין (גראף אנטאָן אוערספערג), פראנץ דינגעלשטעדט, געאָרג הערוועג און אנדערע צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען היינריך לאובע.

מיט היינריך לאובע איז ער געוועזען בעזאָנדערס בעפריינדעט. היינריך לאובע האָט דאן פאָרגעשטעלט פאר היינען א'ן אָרימען דייטשען מוזיקער, וועלכער האָט צוגעפאסט א מעלאָדיע צו היינעס ליעד „צוויי גראנאדירען“. דערזעלבער מוזיקער האָט אויך געוואָלט דאן אויסארבייטען די לעגענדע פון דעם „פליהענדען האָלענדער“, אָדער

וויא דאָס הייסט אין ענגליש „פליאינג דאָטשמען“ אלס א סוזשעט פיר א אָפּערעטע. היינע האָט איהם דערצו געהאָלפען מיט ראטה און טהאט, אין זיעבען וואָכען איז דיא אָפּערא פערטיג געוואָרען. מען האָט איהר אויפגעפיהרט אין דייטשלאנד מיט גרויס ערפאָלג און דער נאָמען פון דעם מוזיקער ריטשאַרד וואַגנער איז בעקאנט געוואָרען איבעראל. מיט זיין שטענדיגען געפיהל פון האסס געגען אידען האָט וואגנער שפּעטער בעלייריגט היינען פאר זיין גוטהערציגקייט און האָט איהם גערופען דער „פּאָליטישער בדחן“.

היינע האָט אָבער געהאט דעם זעלבען מזל וואָס זיין פאָלק. ווען זיין זונן געהט אונטער אין איין לאנד געהט עס אויף אין א צווייטען. אין דער צייט, וואָס דיא דייטשען האָבען היינען כמעט גאָר אין גאנצען פערגעסען האָט איהם פראנקרייך געעפענט איהרע טויערען און עמפּפאנגען מיט עהרע און האָכאכטונג. זיין נאָמען איז בעקאנט געוואָרען אין דיא העכסטע קרייזען. ער האָט אָנגעהויבען צו פערקעהרען אין דיא רייכסטע סאלאָנס פון פּאריז. אומעטום האָט מען איהם געעפענט דיא טהירען מיט דעם גרעסטען רעספּעקט און טיעפּסטע אכטונג. זיין הויפּט־פערקעהר איז געווען ביי דער פאָרנעהמער סאלאָן־דאמע מאדאם זשובערט, וועלכע האָט איהם זעהר געשעצט און געאכטעט. דורך מאדאם זשובערט מיט וועלכע ער האָט זיך בעקענט אין דעם יאָהר 1835 האָט היינע געשלאָסען בעקאנטשאפט מיט דיא גרעסטע ליטעראטען, געלעהרטע און אקאדעמיקער פראנקרייך'ס. אבער גראד דאמאלס ווען דער דייטשער דיכטער איז געוואָרען דער ליעבלינג פון דיא פראנצויזישע סאלאָנס, האָט ער זיך אָבגעווענדעט פון אלע פירסטינען און פּרינצעסינס און האָט זיך פעראינטערעסירט אין א'ן איינפאכע דאָרפמיידעל, וועלכער וויא עס שיינט, איז בעשעהרט געווען צו טהיילען מיט איהם דעם שיקזאל פון זיינע לעטצטע יאהרען.

דאָס מיידעל איז געווען דיא טאָכטער פון א רייכען פראנצויזישען דאָרפסמאן, וועלכער האָט בעלאנגט צו זעהר א'ן אָרענטליכע געזעלשאפט און האָט זיין טאָכטער ערצויגען אלס א פּראָסטע, בעל־הבתי'שע שטוב־מיידעל. ווען זיא איז אלט געוואָרען א יאָהר

פופצעהן אָדער זעכצעהן האָט מאטהילדא קרעסצענטיא מיראט פערלאָזען איהר פאָטערס הויז און איז געקומען אין פאריז צו איהרע א טאנטע, א געוויסע מאדאם מאורעל, וועלכע האָט געהאלטען א שוך־קראָם. מאטהילדע איז געווען אָנגעשטעלט אין קראָם אלס פערקויפערין. דאָרט האָט זיך דאָס היינע מיט איהר בעקענט און זיך אין איהר פערליעבט. ווען דיא טאנטע פלעגט ניט בעמערקען פלעגט דאָס יונגע מיידעל ארויסגעהן פאר'ן טהיר ווארפען בליקען, בייטען א וואָרט מיט איהר געליעבטען און באלד וויעדער געהן צו איהר בעשעפטיגונג. עס האָט ניט לאנג געדויערט און היינע האָט בעשלאָסען מאטהילדע זאָל פערלאָזען איהר טאנטעס שוך־קראָם און אריינגעהן אין א פענסיאָן, א פרויענשולע, וואו זיא זאָל זיך כאָטש אויסלערנען אונטערשרייבען איהר נאָמען און א ביסעל לעזען. איהר אונוויסענהייט האָט היינען ניט געקימערט, דען זיא איז געווען שעהן, מונטער און שטענדיג פול מיט לעבען. היינע האָט דאן געשריעבען צו א פריינד וועגען זיין פערליעבענעם פאָלגענדע ווערטער: „האָט איהר אמאָל געלעזען דיא ליעבע פון שיר השירים פון קעניג שלמה, טאָ זייט אזוי גוט און לעזט דאָס נאָך אמאָל און איהר וועט פערשטעהן מיין יעצטיגע פערהעלטניס“. היינע האָט שטענדיג געדיינקט וועגען האָבען א „ווייב“ ניט דורך שדכנים און אָהן דיא צערעמאָניעס פון גייסטליכע און ער האָט דאָס אויסגעפיהרט.

דאָס יונגע פּאָאָר האָט געדונגען א וואוינונג צוזאמען און מאטהילדע איז געווען א'ן אויסגעצייכענטע בעל הבית'טע און א געטרייע, ליעבענדע פרוי. איבערהויפּט האָט זיך היינע געפרעהט וואָס זיין דיכטער־בערוף שפּיעלט ניט קיין ראָלע אין זיין ליעבע. דען מאטהילדע האָט איהר מאַן'ס מוטער־שפּראכע ניט פערשטאנען און אלעס וואָס זיא האָט זיך אויסגעלערנט אין דייטש זיינען געווען דיא ווערטער „נעהמען זיא פּלאטץ“. צו גליקליך איז אָבער היינע אין זיין פערהייראטעטעס לעבען ניט געווען. דען אָפט פלעגט ער ליידען פון אייפערזוכט. דאָס איז אָבער געווען דאן, ווען ער האָט אָנגעהויבען קערפּערליך צו ליידען און דער דלות

איז געוואָרען א׳ן אָפּטער בעזוכער ביי איהם אין הויז. מאטהילדע האָט פערשטאנען וויא צו לעבען עקאָנאָמיש, אָבער עס פלעגט מאנכעסמאָל ניט זיין אויף דירה־געלד און היינע פלעגט דארפען באָרגען אויף דאָס נויטיגע. דורך דיא בעקאנטשאפט וואָס היינע האָט דאן געמאכט מיט דזשיימס פאָן ראָטהשילד און אנדערע בעריהמטע פינאנציערען האָט זיך איהם אויך פערגלוסט שפּיעלען אויף דער בערזע, וואו ער האָט אין א גאנץ קורצער צייט פערלאָרען דאָס זעלביגע ביסעל געלד, וואָס ער האָט געהאט און ער האָט פּשוט ניט געקענט צאָהלען פאר זיינע לעבענסמיטעל. זעהענדיג אז עס איז שלעכט האָט ער זיך געווענדעט צו זיין רייכען אָנקעל, אָבער אנשטאט געלד האָט ער גאָר געקראָגען א בריעף פול מיט פאָרווירפע. סאלאָמאָן היינע פלעגט שיקען זיין פלימעניק 400 טהאלער יעהרליך אבער איבער דיעזער סוממע האָט ער ניט געוואָלט געהן. דעם דיכטערס ברודער, מאקסימליאן היינע, איז ענדליך געוואָרען א רודף שלום צווישען אָנקעל און פלעמעניק און סאלאָמאָן האָט פרייוויליג בעשלאָסען צו העכערן היינע׳ס געהאלט פון 400 אויף 800 טהאלער א יאָהר.

היינעס לאגע האָט זיך אָבער דאָך פערערגערט. דען אזוי וויא ער האָט אנגעפאנגען אָפטערס ליידען פון נערוועזיטעט האָט ער ניט געקענט אזוי פיעל ארבייטען און זיין יעהרליכער איינקונפט איז געוואָרען וועניגער וויא 3000 פראנק א יאָהר. אונטער אזעלכע אומשטענדען האָט היינע געמוזט אָנקומען צו א מיטעל, וואָס האָט געמוזט ווארפען א חשד אויף זיין כאראקטער. ער האָט גענומען ביז דעם יאָהר 1848 פון דער פראנצויזישער רעגיערונג 4,800 פראנק יעהרליך. היינע האָט דאָס גערופען א מין „צדקה גדולה“, וואָס דיא רעגיערונג גיט צו אויסלענדער, זיינע שונאים אָבער האָבען געזאָגט ,אז ער דיענט דיא פראנצויזישע רעגיערונג, אז ער קריעגט דאָס געלד כדי ער זאָל זידלען און בעליידיגען דייטשלאנד. און צו יענער צייט האָט טאקי היינע געמאכט א תל עולם פון דיא דייטשען, דען פארוואָס צו לויבען האָט ער זיי ניט געהאט. דיא פּאָגראָמען אין האמבורג, דיא יודענפערפאָלגונג אומעטום און דיא

רדיפות געגען איהם אליין זיינען געווען גרונד גענוג צו פערדאמען דייטשלאנד אויף אייביג און היינע האָט דאָס געטהאָן. אנדערע האָבען וויעדער געזאָגט, אז היינע קריעגט געלד כדי ער זאָל ניט ריידען קיין שלעכטס אויף דער פראנצויזישער רעגיערונג.

עס איז אין גרונד גענומען שווער צו זאָגען א ריכטיגע מיינונג וועגען דיעזען פאל. עס שיינט דאָך צו זיין א ביסעל אמת, אז היינע איז ניט אומזיסט געשטיצט געוואָרען פון דער רעגיערונג, ווייל פריהער האָט ער דיא זעלבע רעגיערונג שרעקליך קריטיקירט און ווען ער האָט געקראָגען דיא פענסיע האָט ער געשוויגען שטיל. דאגעגען אָבער שיינט דאָס צו זיין אמת, וואָס היינע האָט ערקלערט, אז דיא פראנצויזישע רעגיערונג שטיצט עהרענווערטהע אויסלענ־דער, דען גראד אין יענער צייט האָבען זיך געפונען אין פראנקרייך מאססען אזעלכע אויסלענדער צווישען וועלכע עס זיינען געווען באראָנען, גראפען, פירסטען, גענעראלען און עקס־מיניסטאָרען, פריעסטער און פאָלקסמענער, „א'ן אריסטאָקראטיע פון בעריהמט־הייטען פון טאלענט און אונגליק". אלע פערפאָלגטע און ענטלאָפענע פון פערשיעדענע מדינות, וועלכע האָבען געבראכט נאָך פראנקרייך א הויכע רעפוטאציע האָבען געקריעגען א רעגעלמעסיגע פענסיאָן פון דער פראנצויזישער קאסע.

אָבער אויך דיעזע שכירות האָט ניט געקלעקט צו דעקען היינעס חובות, וועלכע האָבען בעטראָפען אזוי פיעל וויא 22,000 פראנק. ערשט דאן, ווען ער האָט פערקויפט זיין פערלעגער קאמפע זיינע ווערק אויף עלף יאָהר פיר דיא גלייכע סומע צו בעצאָהלען אלע זיינע שולדען — האָט זיך היינע בערוהיגט און אָנגעפאנגען צו מאכען נייע פלענער פיר ליטעראַרישע ארבייטען.

דער צוזאמענהאנג פון דיעזע אלע זאכען, צופעלע און שטימונ־גען גיט אונז א קלאָרען בעגריף פארוואָס היינעס פאָעטישע שאפונגס־קראפט איז ביסלעכווייז געלעהמט געוואָרען און דיא מוזע וועלכע איז שטענדיג געווען זיין בעסטע פריינדין האָט איהם אָנגעפאנגען זעלטענער צו בעזוכען. ער האָט ניט מעהר געהאט קיין אמונה אין זיך אליין, אז ער קען נאָך שאפען אזעלכע שעהנע

ליעדער וויא אמאל. „מיין לעבענסאלטער איז ניט מעהר געאייגנעט צו פערזען און פערלאנגט פראזא“, האט היינע געזאגט. דער דיכטער איז געווארען א פראזא־שרייבער, אבער דיא פראזא איז געוועזען מייסטערהאפט און האט געוויזען דיא גרויסע זשעניאליטעט פון דעם שרייבער. זיינע שריפטען פון יענער צייט איבערהויפט דיא „פלארענטינישע נעכט“ צייגט מיט אונבעשטרייטבארע פאקטען אז דער הייליגער פלאם פון היינעס גאונות האט זיך נאך ניט אויסגעלאשען, אבוואהל זיינע געגנער האבען געהאלטען אין איין שרייען, אז ער איז שוין „אויסגעוועבט“ און „זיין גייסט געהט אויף קוליעס“. אזוי האט היינע אלץ מיט מעהר ביטערקייט געשריעבען זיך שלאגענדיג מיט א וועלט שונאים און שאפענדיג זיך טעגליך מעהר און מעהר בלוטיגע פיינד. אלס דער ערגסטער פון דיעזע שונאים איז איהם פארגעקומען זיין אמאליגער פריינד לודוויג בערנע.

דורך רכילות־טרייבער זיינען זיי געווארען אלץ פרעמדער און וויטער איינער צום צווייטען ביז עס האט זיך ענטוויקעלט צווישען זיי א טיעפע שנאה. בערנע האט איבערהויפט ניט פערשטאנען היינע׳ן בערנע איז געוועזען א „פארטיי־מאן“ א „פרינציפיעלער“ מענש, ארומגערינגעלט מיט היינע׳ס געגנער, וועלכע זיינען געוועזען טריי צו זייערע „פרינציפען“ און פלעגען נור האלטען אין איין זוכען חטאים אויף היינע׳ן.

היינע האט דערפאר זיך בעשלאסען אבצורעכנען מיט בערנע׳ן און האט שטילערהייד געשריעבען אויף איהם אלץ, וואס זיין שווער און ביטער הארץ האט איהם נאר דיקטירט. כל זמן בערנע האט געלעבט האט זיך היינע ניט געוואלט מיט איהם עפענטליך פערקריעגען, דאך ווען בערנע איז געשטארבען איז ערשיענען זיין לעבענסבעשרייבונג, וועלכע האט געשטעמפעלט היינען פאר דעם פערפאסער פון א מיאוס׳ען פאסקעוויל און פאר א גרויסען פייגלינג, א טרום. ווען היינע וואלט פערעפענטליכט דיזעלבע בעשרייבונג ווען בערנע האט געלעבט, וואלט דאס געמאכט א גרויסע ווירקונג, ווייל אזוי וויא היינעס אלע פאלעמישע ביכער אזוי איז אויך דיזער

בוך, פול מיט קראפט און אייזערנע אטאקעס, וואָס טרעפען וויא דונערן. ער האָט אָבער געוואָרט דערמיט ביז זיין געגנער איז געשטאָרבען, האָט ער זיך אונשטערבליך בלאַמירט.

שפעטער האָט היינע חרטה געהאַט, וואָס ער האָט דאָס בוך פערעפענטליכט און וואָס ער האָט איהם גאָר געשריעבען. „דו ליעבער גאָטט!“ שרייבט ער איינמאָל צו א פריינד, „ווער עס שרייבט ביכער איז שטענדיג אין סכנות צו בעגעהן גרויסע נארישקייטען. פון דעסטוועגען איז דער דאָזיגער בוך נאָך לאַנג ניט אזוי שלעכט וויא מען זאָגט אין מיין פאַטערלאנד“. און דער בוך איז ווירקליך גוט, נאָר אביסעל צו פיעל פערזענליך.

דיא גאַנצע אנגעלעגענהייט האָט נאָך אָבער געהאַט א זעל־טענעם נאָכשפּיעל: דער אנגריף אויף בערנע האָט שרעקליך אויפ־גערעגט און געקריינקט בערנעס פריינדין, מאַדאַם שטראוס און זיא האָט געשיקט איהר מאַן, סאַלאָמאָן שטראוס, ער זאָל זיך נוקם זיין אָן דעם אָנגרייפער. סאַלאָמאָן שטראוס האָט אָבגעוואָרט היינען אויפ׳ן גאַס און האָט זיך מיט איהם געוואָלט אויס׳טענה׳ן, אָבער היינע האָט ארויסגענומען זיין קאַרט און איהם געגעבען מיט דער בעמערקונג, אז אין גאַס פערהאַנדעלט מען ניט קיין געשעפטען און אויב ער וויל זיך מיט איהם פערהערען זאָל ער קומען אין צוויי וואָכען ארום ביי איהם אין הויז, ווייל ער פאָהרט יעצט אוועק. קאָררעספאָנדענטען האָבען באַלד צוקלונגען אין אלע צייטונגען, אז היינע האָט זיך דערשראָקען פאַר סאַלאָמאָן שטראוס און איז אנט־לאָפען. דאָס איז היינען שטאַרק ניט אָנגעשטאַנען און ער איז האַסטיג געקומען צוריק נאָך פאַריז, וואו ער האָט אויפגעפאָדערט סאַלאָמאָן שטראוס אויף א דועל. היינע און שטראוס האָבען זיך בעגעגענט מיט געלאָדענע רעוואָלווערס דעם 7טען סעפּטעמבער, 1841, אין דעם טהאָל פון סט. זשערמיין. דער סוף פון דעם דועל איז געוועזן, אז סאַלאָמאָן שטראוס האָט געטראָפען היינען אין קעשענע און האָט איהם דורכגעלעכערט דעם פּאַקעט־בוך (פּאָרט־מאָניי) און היינע האָט געשאָסען אין דער לופטען.

ביז דער צייט פון דיזער פּאַסירונג האָט ער נאָך אלץ געוואָהנט

מיט זיין מאטילדע אָהן א רעליגיעזע טרויאונג. זעהענדיג אבער, אז ער איז ארומגערינגעלט מיט שונאים פון אלע זייטען און פיהלענדיג אז ער ווערט אלץ שוואכער אין געזונד האָט איהם גענומען שרעקען דער געדאנק, אז זיינע פערפאָלגער זאָלען זיך נאָך זיין טויט ניט אָברעכענען מיט זיין פרוי. ער האָט זיך דערפאר דעם 30טען דעצעמבער 1841 געטרויט מיט איהר אין א קירכע און איהר געמאכט אלס זיין געזעצליכע פרוי.

זעקסטער קאַפּיטעל.

היינע'ס רייכער אָנקעל שטאַרבט.—א שרעקליכע קראַנקהייט לעגט אַוועק דעם דיכטער זיעבען יאָהר אויף א טויטען בעט.—היינע'ס ליידען אונבעשרייבליך.—אַרימקייט און עלענד פערפינסטערן זיינע לעצטע טעג.—היינע'ס שטאַרקער גייסט ווערט ניט אָבגעשוואַכט.—זיין אייגענע מצבה.—היינע'ס שטילע לויה און זיין אונשטערבליכער נאָמען.

יעצט קומט דער שלוס פון דער דראמא, היינעס לעבען נעהמט ענדליך א'ן ערנסטע ווענדונג. דער אונרוהיגער, לעבענס-לוסטיגער דיכטער געפינט זיך פּלוצלינג אויף א קראנקען בעט, פון וועלכען ער האָט זיך ניט מעהר געקענט בעפרייען. בלאַס, מיט האלב-פערמאכטע אויגען אבער מיט א שטארקען גייסט און א פרישע פּיה-לענדע הארץ ליעגט דער לעבעדיג טויטער דיכטער אין זיין צימער און דיכטעט זיינע הערצרייסענדע קלאגע-ליעדער. זיין איינציגער פריינד אין זיין טרויריגען יאמערפולען לעבען איז זיין פרוי, דיא געטרייע, אונוויסענדע און איבערגעבענע מאטהילדע.

אָבער ער ליידעט דאָך. אייפערזוכט צוברעכט זיין הארץ. מאטהילדע איז נאָך יונג, שעהן, מונטער פול מיט לעבען. זיא וויל נאָך געניסען פון דער וועלט. אלס א געבאָרענע פראנצויזקע ליעבט זיא טהעאטער, קאָנצערט, אָפּערא אָבער היינע קען מעהר מיט איהר ניט געהען. א קורצע צייט בלויז האָט זיא געהאט דאָס גליק צו שפּאציערען מיט איהר בעריהמטען מאן, וועמעס גרויסקייט זיא האָט ניט פערשטאנען. היינע פלעגט איהר מאנכעסמאָל ערלויבען צו געהן מיט א פריינדין אין טהעאטער, אָבער ער פלעגט דערביי ליידען אָהן א שיעור. ער האָט געוואוסט, אז זיא איז איהם טריי און ליעבט איהם נאָך אפילו יעצט אויך, אָבער זיין הארץ האָט איהם וועה געטהאָן.

היינעס קראנקהייט איז באלד בעגלייט געוואָרען מיט נויט און דיא לאגע איז געוואָרען שרעקליך. אין דעם יאהר 1845 האָט מען איהם פּלוצלונג אָנגעזאָגט, אז זיין רייכער אָנקעל סאלאָמאָן היינע איז געשטאָרבען. דיעזע בשורה האָט דעם קראנקען דיכטער נאָך קראנקער געמאכט. באלד נאָך דער טרויריגער בשורה האָט איהם זיין קאָזין קארל היינע, דער זוהן פון פערשטאָרבענעם סאלאָ־מאָן, געלאָזט וויסען אין א בריעף, אז דיא פּענסיע פון 800 טהאלער וועט מעהר ניט געשיקט ווערען, ווייל אין דער צוואה איז פון דעם כמעט וויא גאָר ניט גערעדט. פון אָנפאנג האָט היינע געזוכט אָנצואווענדען אלע מיטלען צו קריעגען זיין פּענסיע אויף א פריעד־ליכען אופן, זעהענדיג אָבער, אז דאָס קען ניט העלפען האָט דער פערצווייפעלטער דיכטער גענומען סטראשען, אז זיין פעדער איז א שארפע שווערד מיט וועלכער ער וועט צווינגען זיין קאָזין צו געבען ווייטער דאָס יעהרליכע געהאלט. ער האָט אריינגעשיקט א בריעף אין וועלכען ער האָט איבערציינגט מיט דעם אידישען מוזיקער מייערבעער, וועלכער איז דאן געוועזען היינעס פריינד, אז זיין אָנקעל סאלאָמאָן האָט פערשפּראָכען זיין פלעמעניק א פּענסיע אזוי לאנג וויא ער וועט לעבען. דיא אונטערהאנדלונג איז אָנגעגאנגען א ליינגערע צייט ביז ענדליך אין דעם יאָהר 1847 האָט זיך קארל היינע אויסגעגלייכט מיט זיין קאָזין און איהם ווידער פערשפּראָ־כען צו געבען זיין יעהרליכע פּענסיע וויא פריהער. דערפאר אָבער האָט היינע געמוזט פערזיכערען, אז ער וועט אויף זיין פאמיליע גאָר ניט שרייבען.

דערפון איז אייגענטליך צו זעהען, אז דער רייכער קאָזין האָט געגעבען געלד, ווייל ער האָט מורא געהאט פאר קריטיק. עס איז אפילו פון היינעס זייט ניט געוועזען אזוי חן'עוודיג צו געברויכען אזעלכע מיטעל, אבער מען מוז דאָס איהם פערצייהען, דען ער האָט זיך דאן ניט געקענט בעסער העלפען. אין יענער פינסטערער צייט האָט זיך היינע בעשלאָסען נאָך א מאָל צו מאכען א רייזע נאָך דייטשלאנד. ניט מעהר אָבער אויף אזא אופן וויא ער פלעגט רייזען אמאָל. ער האָט יעצט געוואָלט קומען נאָך בערלין זיך זעהן מיט

דעם בעריהמטען כירורג דיפענדאר, וועלכער איז געווען זיינער א יוגענד־חבר פון באננער אוניווערזיטעט. ער האט געוואלט דער דאקטאר זאל איהם אונטערזוכען און זאגען אויב ער קען נאך גע־היילט ווערען. דערביי האט ער זיך אויך געוואלט זעהן צום לעצטען מאל מיט זיין מוטטער, וועלכע ער האט אזוי געליעבט. אום דאס צו עררייכען האט זיך היינע געווענדעט צו זיין גוטען פריינד אלעקסאנדער פאן הומבאלדט, ער זאל אויסווירקען ביי דער רעגיע־רונג, דאס ווען ער וועט קומען אין פרייסען זאל איהם דיא פאליציי ניט טשעפען. קעניג פריעדריך ווילהעלם, וועלכער האט שטארק געהאלטען פון היינעס טאלענט האט זאגאר ניט געהאט דאגעגען, אבער דיא פאליציי האט ניט געוואלט געבען איהר עהרענווארט, אז זיא וועט דעם דיכטער ניט מאכען קיין שטערונגען. היינע האט דערפאר געמוזט אויפגעבען דיא האפנונג צו פאהרען נאך דייטש־לאנד און זיין געזונדהייט האט זיך אלץ מעהר פערערגערט.

היינעס קראנקהייט איז געווען אונהיילבאר. ער האט געלי־טען דיא גרעסטע יסורים, אבער קיין דאקטאר האט איהם ניט געקענט העלפען. עס האט איהם געטריקענט דער מארך אין דיא ביינער. אין צייטען פון שרעקליכע שמערצען פלעגט ער מוזען איינגעהמען מארפין אום צו לינדערן זיין וועהטאג. וויא היינע אליין שרייבט פלעגט ער אויסנעהמען יעהרליך פאר 500 פראנק מארפין א יאהר. דיעזער גיפט פלעגט שטילען זיינע וועהטאגען און איהם געבען א מעגליכקייט צו טהאן זיין גייסטיגע ארבייט. דאס מערקווירדיגסטע אין היינעס נאטור איז דאס, וואס זיינע קערפערליכע ליידען האבען אויף זיין גייסט קיין שום ווירקונג ניט געהאט. ער פלעגט שטענדיג זאגען וויטצען און מאכען געלעכטרס פונקט וויא אין דיא גליקליכסטע צייטען פון זיין לעבען. זיעבען שווערע, טרויעריגע יאהרען איז היינע געלעגען קראנק. מאנכעסמאל נאר פלעגט מען איהם ארייגזעצען אין א'ן אינוואלידען־שטוהל און ברענגען נאך דער גרויסער פאריזער שטאדט־ביבליאטהעק, וואו ער פלעגט לעזען זשורנאלען און ביכער און זיך דערוויסען פון אלץ וואס איהם האט אינטערעסירט. דיא גאנצע זיעבען יאהר פון

זיינע שווערע, אונבעשרייבליכע ליידען האָט היינע ניט אויפגע־הערט צו שרייבען. דיא פעדער פלעגט כמעט קיינמאָל ניט ארויס־געהן פון זיין האנד. אָבוואָהל ער פלעגט דאן זאָגען זיינע טרעפ־ליכע וויטצען און גלייכווערטלעך, דאָך האָט זיין הארץ ניט אויפ־געהערט וויינען.

דאן זיינען דאָס בעשאפען געוואָרען זיינע „לעטצטע געדיכטע“, וועלכע זיינען דורכגעווייקט אין טרעהרען און שווארצען פעסימיז־מוס. אין א סך פון יענע ריהרענדע, שוידערליכע געזאנגען זיינען דער יאוש און דער וויטץ אזוי נאטירליך צוזאמענגעוועבט, אז זיי רופען ארויס טרעהרען און געלעכטער צו דערזעלבער צייט. איבערהויפט האָט היינע אין זיינע „לעטצטע געדיכטע“ ניט פערגעסען זיין געטרייע מאטהילדע. אין ליעדער, וואָס צוברע־כען דאָס הארץ און מאכען שוידערן האָט היינע אויסגעגאָסען זיין גרויסע נשמה אין ליעבע און טרייהייט צו מאטהילדע, וועלכע האָט איהם געדיענט וויא א מוטער ביז זיין לעצטע מינוט.

אויף זיינע לעצטע ליעדער האָט היינע אליין געזאָגט: „דאָס איז א קלאָג וויא פון א קבר... דאָס געהט א לעבעדיג־בעגראָבענער דורך דער נאכט, אָדער גאָר א בר־מנן, אָדער גאָר דער קבר אליין. יא, אזעלכע טענער האָט נאָך דיא דייטשע ליריק ניט געהערט און זיי אויך ניט געקענט הערען, ווייל עס האָט נאָך קיין דיכטער אזוי ניט געליטען.“ דער העלדישער געוואלט פון גייסט איבער דעם צובראָכענעם לייב צווינגט אונז צו שטוינען און צו בעוואונ־דערען דאָס בילד פון ענטזעטצליכען יאָמער אין וועלכען דיא אונ־שטערבליכע זעעלע ראנגעלט זיך מיט דעם שטערבליכען גוף. דיעזע אונבעשרייבליכע ליידען האָבען א סך פון היינעס שונאים פערוואנ־דעלט אין פריינד. א סך דייטשען, וואָס האָבען דאן בעזוכט דעם דיכטער אין זיין קראנקענצימער האָבען געבראכט דיא נייעס אהיים, נאָך זייער פאטערלאנד, און האָבען אויפגעוועקט דאָס הארץ פון דייטשען פאָלק מיט טיעפער סימפאטהיע צו זיין אונגליקליכען פאָעט.

צווישען דיא געטרייע פריינדינען פון דעם קראנקען זינגער,

וועלכע פלעגען איהם שטענדיג בעזוכען, זיינען געוועזען מאדאם זשובערט, דיא פירסטין בעלגיאָדזשאָזא, דיא ענגלענדערין, ליידי דאָף גאָרדאָן, דיא רוסישע גרעפין קאלעריגס און איבערהויפט יענעם רעטזעלהאפטעם וועזען, וואָס האָט בעגלייט דעם זינגער פון שמערץ און ליעבע דורך אלע זיינע לעבענס־גאנגען — דיא מוזע.

אין דיא ליעדער, וואָס היינע האָט געדיכטעט דיא לעצטע צייט, שפּיעגעלט זיך אָב זיין צוריסענעם געמיטה, זיין שוועבען צווישען הימעל און ערד, נישט וויסענדיג אליין וואָס ער וויל און נאָך וואָס ער זאָל פערלאנגען. ער האָט געוואָלט שטארבען און לעבען. ריינער גלויבען און ווילדער אונגלויבען, שפּאָט און פרומ־קייט, לצנות און הייליגקייט, דאָס אלעס האָט זיך צונויפגעמישט אין זיין קראנקע־געזונדע זעעלע און האָבען זיך אויסגעדריקט אין שוידערליכע פּארשטעלונגען. טרויעריגע געשטאלטען, שוידערהאפ־טע חזיונות, הימעלשע הלויה'ם און טייפעלשע געלעכטערס. היינע האָט געוואוסט, אז ער איז פערהאסט ביי אידען און קריסטען און זיין לויה וועט זיין שטיל און אָהן צערעמאָניעס. ער האָט אליין נביאות געזאָגט אויף זיין סוף און געשריעבען א פערז, וועלכער מעג ווערען אויסגעקריצט אויף זיין מצבה.

נימ קיין קירכענגלאָק וועט קלינגען,
נימ קיין קדיש וועט מען זאָגען.
שטיל וועט מען צום גרוב מיך ברינגען,
שטיל וועט מען מיין מטה טראָגען.

דעם 17טען פעברואר 1856 האָט היינע צום לעצטען מאָל געאָטהעמט. אין דריי טעג שפּעטער, דעם 20טען פעברואר 1856, אין א קאלטען, נעבעלדיגען, ווינטערמאָרגען, אום עלף אוהר פאָר־מיטאג, איז געוועזען היינעס לויה. אונגעפעהר הונדערט מענשען האָבען איהם בעגלייט צום בית עולם פון מאָנטמארט אין פאריז. צווישען דיא פראנצויזען, וואָס האָבען צוגעטהיילט דעם דיכטער דיא לעצטע עהרע, האָט זיך אויך געפונען דער בעריהמטער נאָווע־

ליסט אלעקסאנדער דיומא. מאטהילדע היינע האט איבערגעלעבט איהר מאן מיט 27 יאהר. זייט דעם 17טען פעברואר 1883 רוהט זיא נעבען איהר אונשטערבליבען לעבענס־בעגלייטער אויף דעם בית עולם מאנטמארט.

אין אלגעמיין מעג מען זאגען, דאס מיט דער איינציגער אויס־נאהמע פון געטהע קען דייטשלאנד ניט אויפווייזען אין איהר גאנצער ליטעראטור נאך אזא ליריקער, אזא פיעלזייטיגען ליטעראט, אזא בעגייסטערטען און ליידענשאפטליכען זינגער וויא דעם איד היינריך היינע. דער אנטיסעמיטישער גייסט אבער, וואס הערשט איבער דיא דייטשען זייט לאנגע יאהרען, לאזט נאך אלץ ניט דאס דייטשע פאלק אבגעבען דעם דיכטער זיין פערדיענטע עהרע און אנערקענונג. אין דער צייט, וואס די דייטשען פעראייביגען קליינע, אונבעדייטענדע דיכטער און שריפטשטעלער אין שטיין און בראנז, האט נאך דער גרויסער דייטשער פאלקס־דיכטער אלץ קיין מאנו־מענט אין דייטשלאנד. דיא שטאדט דיסעלדארף, וואו היינע האט צום ערשטען מאל דערזעהן דאס ליכט, און וועלכע ער האט אזוי ליעב און הארצעדיג דערמאהנט אין זיינע בעריהמטע „רייזע בילדער", ערלויבט נאך אלץ ניט צו בעשעהנען איהר באדען מיט א היינע־מאנומענט.

א סך מאל האבען בעריהמטע דייטשע קינסטלער, ליטעראטען און געלעהרטע געוואלט אראבנעהמען דעם פלעק פון זייער פאטער־לאנד און אוועקשטעלען א מאנומענט נאך דעם געניאלען אידישען פאעט, אבער דאס איז זיי ניט געלונגען. פיר דיא גייסטליכע זיינען היינעס ווערק פול מיט אפיקורסות, פאר די סתם אנטיסעמיטען איז היינע סתם א איד, פאר די רעאקציאנערען און פינסטערע פאלקספערפיהרער איז היינע א פיינד פון דייטשלאנד, וועלכער האט פערשפאטעט דיא דייטשע קעניגע און אינסטיטוציאנען, פאר דיא מאראליסטען און פיינע בעלי בתי'שע דייטשען איז היינע אונ־מאראליש. פון איין דייטשער שטאדט נאך דער אנדערער האט געוואנדערט היינעס בעריהמטער מאנומענט, געמאכט פון א דייטשען סקולפטאר, וועלכער האט פערעוויגט אין שטיין היינעס

אונשטערבליכע געדיכט דיא „לאָרעליי", און אין ערגעץ האָט מען דעם מאָנומענט ניט אָנגענומען. אזוי האָט די אונשטערבליכקייט פון דעם הערליכסטען דייטשען זינגער געוואָגעלט אין שאנדע און פעראכטונג ביז עס איז ענדליך געקומען נאָך דער „נייער וועלט"— אמעריקא. דיא שטאָדט־פערוואלטונג פון ניו יאָרק האָט נאָך פיעלע דעבאטען ערלויבט אוועקצושטעלען דעם מאָנומענט אין בראָנקס־פארק. אבער אויך דאָ איז דעם מאָנומענט א'ן אונגליק געשעהן. אין א קורצער צייט ארום וויא מען האָט איהם אוועקגעשטעלט האָט מען איהם אין א געוויסען פריהמאָרגען געפונען צושמעטערט אין שטיקער. דיא פרעכטיגע פיגורען זיינען געווען צוהאקט און דיא קונסטפאָלע מארמאָרנע גליעדער צוואָרפען ארום און ארום דעם מאָנומענט. געוויינט האָט דער סקולפטאָר, וועלכער איז ספּעציעל געקומען נאָך אמעריקא בייצוואוואָהנען דיא צערעמאָניע, ווען מען וועט פון דעם מאָנומענט אראָבנעהמען דעם שלייער און איהם איבערגעבען צו דער שטאָדט. דיא אידען פון ניו יאָרק און אלע רעכטדענקענדע מענשען זיינען געווען גערירט פון דעם געמיינעם פערברעכען, אבער דער מאָנומענט איז באלד פעררעכט געוואָרען און ער ווערט יעצט געהיט פון ספּעציעלע שטאָדט־וועכטער.

היינע האָט נאָך א מאָנומענט אין א פרעמדע מדינה. אָבער אויך מיט דיעזען מאָנומענט איז פערבונדען א גרויסער סקאנדאל, וואָס מאכט דייטשלאנד ניט קיין עהרע. דיא געשיכטע פון דעם מאָנומענט איז זעהר ראָמאנטיש און דערצעהלט זיך אין קורצען אזוי:

דיא עסטעררייכישע קייזערין עליזאבעט, וועלכע איז געווען פערליעבט אין היינעס ווערקע, האָט געזוכט א געלעגענהייט אויס־צודריקען איהר טיעפע ליעבע צו איהר דיכטער עפענטליך פאר דער וועלט. צו דיעזען צוועק האָט זיך געגרינדעט א קאָמיטעט פון פּראָמינענטע דייטשען, וואָס האָט געזאמעלט געלד פיר א היינע מאָנומענט, וועלכער זאָל אוועקגעשטעלט ווערען אין א דייטשע שטאָדט.

דיא קייזערין פון עסטעררייך האָט זיך געצייכענט אן דער שפּיטצע פון דער זאמעל־ליסטע מיט א גרויסע סומע.

ווען דאָס איז בעקאַנט געוואָרען האָט ביסמארק, דער דאַמאלס־דיגער רייכסקאַנצלער דייטשלאַנד׳ס, ארייגגעשיקט א בריעף צום עסטרייכישען קייזער אויסדריקענדיג זיין פערוואונדערונג, וואָס א קייזערין פון א פריינדליכע נאַציאָן, זאָל פערעהרען א דיכטער, וואָס איז געווען אַ׳ן אָפענער פיינד פון דיא האָהענצאָלערן.

אָבוואָהל דאס קאָמיטעט האָט ניט געזאָגט אויסדריקליך אין וועלכער דייטשער שטאָדט עס דענקט דעם היינע מאָנומענט צו שטעלען, דאָך איז געווען א׳ן אָפענער סוד אז דיא בעשטימטע שטאָדט איז געווען וויען און דער בעשטימטער אָרט — דער קייזער־ליכער שלאָס פון עסטעררייך.

ביסמארק׳ס בריעף איז באלד בעקאַנט געוואָרען און דיא אנטיסעמיטישע פרעסע פון עסטרייך און דייטשלאַנד האָט אָנ־געפאַנגען שטארק צו פּראָטעסטירען. דיא אנטיסעמיטען זיינען געגאַנגען אזוי וויט אז זיי האָבען עפענטליך אטאַקירט דיא קייזערין און געשריעבען אז זיא איז משוגע, דען זאָנסט וואָלט זיא ניט געזוכט אָבצוגעבען כבוד א אידישען דיכטער.

קייזער פראַנץ יאָזעף האָט ניט געוואָלט איינרייסען מיט דייטשלאַנד, וועלכע האָט בעלאַנגט צום דריי־בונד, און האָט פער־באָטען דעם מאָנומענט אוועקצושטעלען אין זיין מדינה.

דיא קייזערין האָט זיך אָבער ניט אָבגעשראָקען און האָט בעשלאָסען דורכצופיהרען איהר וואונש אויף להכעיס דייטשלאַנד און דיא אנטיסעמיטען. זיא האָט זיך דערוואוסט, אז דער דענישער סקולפּטאָר האזעלריס אין רוים האָט געמאכט א צייכנונג פון א היינע־מאָנומענט. זיא האָט געהייסען ער זאָל אויספיהרען דיא סטאטוע פון איהר ליעבלינגס פּאָעט אין מארמאָר און זיא האָט דאָס אוועקגעשטעלט נעבען איהר פּרעכטיגען שלאָס אין קאָרפו, גריכענ־לאַנד.

ביסמארק האָט געקריצט מיט דיא ציינער, אָבער ער האָט גאָר ניט געקאָנט טהון. דיא עסטרייכישע קייזערין פלעגט שטענדיג אין פאַריז בעזוכען היינעס קבר און איהם בעקראַנצען מיט טהייערע בלומען. זיא האָט אויך בעזוכט היינעס שוועסטער שאַרלאָטע פאָן

העמדען און זיך געלאָזט דערצעהלען פערשיעדענע זאכען פון איהר הערצענסגעליעבטען פּאָעט.

פיר אונז אידען האָט היינע א ספּעציעלען ווערטה פאר זיין „ראבבי פאָן באכראך", זיין „פרינצעסין שבת" און פאר זיין ענערגישען שטרייט געגען דיא פערמאסקירטע „קריסטליכע ליעבע". היינע'ס געדיכט אויף יהודה הלוי, וועט לעבען אזוי לאנג וויא ישראל'ס אלטע קעניג'ס שטאָדט, ווענען דער פערפאסער פון „ציון הלא תשאלי" האָט אזוי הייס און שטארק געליעבט. היינע איז געוועזען א איד און פאר זיין טויט האָט ער אָפען חרטה געהאט אויף זיינע אנגריפע געגען דער רעליגיאָן און אויף זיינע געלעכטערס פון אלץ וואָס איז הייליג. „איך זעה יעצט" — האָט היינע געזאָגט — „אז דיא גריעכען זיינען נאָר געוועזען שעהנע אינגלאך, אבער דיא אידען זיינען שטענדיג געוועזען מענער, געוואלטיגע מענער, וועלכע מען האָט ניט געקענט בייגען. און ניט נאָר אמאָל זיינען זיי דאָס געוועזען, זאָנדערן זיי זיינען דאָס נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג, טראָטץ אכטצעהנהונדערט יאָהר פון רדיפות און עלענד. איך האָב זיי יעצט בעסער קענען געלערנט און ווען יעדער שטאָלץ פון געבאָרענע יחוס וואָלט ניט געוועזען א נארישער ווידערשפּרוך, וואָלט איך שטאָלץ געוועזען דארויף, וואס מיינע עלטערן שטאממען פון דאָס עדלע הויז פון ישראל; און וואָס איך קום ארויס פון יענע מערטירער, וואָס האָבען געגעבען דער וועלט א גאָט און א מאָראל, און האָבען געשטריטען און געליטען אויף אלע שלאכטפעלדער פון געדאנקען."

דאָס איז געווען בעוויז, אז היינע איז געוועזען און געבליעבען א איד. א קרבן פון אומשטענדען האָט ער ניט געקענט זיין אנדערש וויא ער איז געוועזען. מיר פערצייהען איהם אלע זיינע שוואכקייטען און נעהמען אָן זיין חרטה, וועלכע קומט פון טיעפען הארצען. מיר בעהאלטען זיין בעריהמטען, אונשטערבליכען נאָמען צווישען דיא איבעריגע גרויסע נעמען פון אידישע מערטירער, וועלכע דער גלות האָט אָבגעריסען פון אונז בלויז לפנים.

ע נ ד ע.

פרינצעסין שבת

פון היינריך היינע

איבערזעצט פון מאָררים ראָזענפעלד.

אין אראביענס בוך פון מעשיות
זעהען מיר פערשאָלטנע פרינצען,
וועלכע צייטענווייז געווינען
וויעדער זייער ערשטען פּנים.

דאָס מיט־האָר־בעוואקס'נע בריאה
איז א בן מלך געוואָרען;
אָנגעטהאָן אין בגדי מלכות,
גלאנצענדיג אין פראכט און ליעבע.

דאָך דער כשוף ווערט צורונען
און מיר זעהען פּלוצלינג וויעדער
זיינע קעניגליכע האָהייט
אין א חיה אומגעביטען.

פון א פרינץ אזוי פערשאָלטען
זינגט מיין ליעד, ער הייסט ישראל.
איהם פערוואנדעלט האָט א כשוף
לאנג צוריק שוין אין א הונד.

הונד מיט הינדישע געפיהלען,
לויפט ער אום דיא וואך דיא גאנצע
דורך דעם לעבענס קויט און עקעל
צום געשפעט פון גאסענייונגען.

אבער יעדען פרייטאג אבענד
בין השמשות, עפּעס פּלוצלונג
ווייכט דער כשוף און דער הונד
ווערט א מענש גאר פון דאס נייע.

מענש מיט מענשליכע געפיהלען,
מיט געהויב'נעם קאפּ און הארצען,
יום טוב'דיג געקליידעט טרעט ער
ווידער אין זיין פאטערס פּאלאסט.

„זיי געגריסט געליעבטע וואוינונג
פון מיין קעניגליכען פאטער!
יעקב'ס צעלטען ריין און הייליג
שעהנער איכל, זיי געגריסט מיר!"

דורך דער שול געהיימניספול
ציהט א שעפּטשען און א וועבען,
און דער בעל הבית שטעהט פּארכטיג
אטהעמט ציטרענדיג אין שטילקייט.

שטיל! עס הערט זיך נאר דער שמש,
דער געטרייער טעמפּעל־דיענער,
וועלכער שפּרינגט און איילט זיך אונטער
צו דער צייט דיא ליכט צו צינדען.

גאָלדנע ליכט פון טרייסט און האָפנונג
וויא זיי גלאנצען, וויא זיי שיינען!
שטאָלציג לייכט אויף דיא מנורה
מיט א בליאסק אויף דעם אַלמעמאָר.

פאר דעם ארון קודש דאָרטען,
וואו דיא תורה שטעהט פערהאנגען
מיט דעם זיידענעם פרוכת,
וועלכער פינקעלט פון דער ווייטענס —

שטעהט קאָקעטיש ביי דעם עמוד
דער קהלה׳ס שליח ציבור
אויסגעפוצט און אויסגעצוואָגען
שעהן און גרייט פאר גאָט צו טרעטען.

אום זיין ווייסע האנד צו ווייזען
האלט ער זיך ביים האלז גאָר זעלטזאם
אויף דיא שלייף דעם צייגעפינגער,
אויף דיא קעהל דעם „קומץ“ דריקענד.

פאר זיך פאנגט ער אָן פּאוואָליע,
באלד פערבלאָנדזשענדיג אין „שטייגער“,
„לכה דודי לקראת כלה!“
הויבט ער אויף דיא שטים און יובעלט:

„לכה דודי לקראת כלה —
קום, געליעבטער, עס ערווארט דיך
שוין דיא כלה. זיא דעקט אויף דיר
איהר פערשעמטע, שעהנע צורה!“

אָט דער שעהנער האַכצייטס־הלל
איז געדיכטעט פון דעם גרויסען,
ליעבען, אלטען מיננעזינגער
פון פארצייטען — שלמה הלוי.

אין דעם ליעד ווערט הויך בעזונגען
דיא קדושין פון ישראל
מיט דער פרוי פרינצעסין שבת,
וועלכע הייסט דיא שטילע פירסטין.

פערל און בלום פון אלע שעהנסטע
איז דיא פירסטין. שעהנער איז זיא
פון דער מלכה שבה אפולע
שלמה׳ם גרעסטע בוזים פריינדין.

דיא משכלת עטהיאָפּיאם —
וועלכע האָט געזוכט דורך חידות
צו פערדונקלען דעם „ויחכם"
און איז ענדליך מיעד געוואָרען.

דיא פרינצעסין שבת, וועלכע
איז דיא רוה אליין פעראבשייט
אלע חקירות און דעבאטען
און זיא אָטהעמט פריעד און פרומקייט.

יענע ליידענשאפט וואָס היטצט זיך
איז איהר פרעמד, און יענער פאטהאָס,
וועמעס „אייגנע האָר" עס פלאטערט
אין דער לופטען, איז איהר שעדליך.

צנועה'דיג בעהאלט דיא פירסטין
איהרע צעפּ אין ווייסען קאָפּ־טוך,
בליקט געשמאַק וויא א גאזעלע
זאנפט און ליעבליך וויא דער מאָרגען.

זיא ערלויבט דעם ליעבסטען אלעס,
נאָר ניט רויכערען קיין טאבאק.
„רויכען, רויכען, מיין געליעבטער,
איז פערבאָטען, היינט איז שבת!

„נאָר דערפאר וועט היינט צו מיטאָג
געהן א פארע אלס בעלוינונג
קומט א מאכל אמת געטטליך,
היינט זאָלסטו דעם טשאָלענט עסען!"

„טשאָלענט שעהנע געטער־פונקען
טאָכטער פון עליזעאום!"
וואָלט געקלונגען שיללערס הימנע
ווען ער טשאָלענט וואָלט פערזוכט נאָר.

טשאָלענט איז דער הימעלס־מאכל
וועלכען גאָט אליין האָט משה'ן
אויסגעגלעהרענט וויא צו קאָכען
אויף דעם הייליגען בארג סיני.

וואו געגעבען האָט דער בורא
זיינע צעהן געבאָט, וואו זיינע
געטליכקייט דורך רויך און פלאמען
האָט ענטפלעקט זיך מיט מתנות.

טשאָלענט איז דעם אמת'ן גאָטט'ס
כשרה אמבראָזיא:
לחם הפנים פון גן עדן
און מיט דיעזען שפייז פערגליכען

איז ניט מעהר וויא טייפעלס קויט נאָר
יענער מאכל פון דיא פאלשע
געטטער גריכענלאנד'ס וואָס זיינען
בלויז געווען מאסקירטע שדים.

עסט דער פרינץ פון דער פאטראווע,
שטראהלט זיין אויג פערקלעהרט און הייליג
און ער קנעפּעלט אויף דיא וועסטיל
און ער טענה'ט מיט א שמייכעל:

„הער איך ניט דעם ירדן רוישען?
זיינען דאָס ניט יענע ברונען
אין דעם פאלמענטהאל פון בית אל
וואו דיא קעמלען פלעגען רוהען?

„הער איך ניט דער סטאדעס גלעקלאך?
טרייבט דאָס ניט דיא פעטע לעמער
זינגענדיג פון גלעד'ס בערגער
שוין דער הירט צוריק פון פאשע?"

דאָך דער שעהנער טאָג געהט אונטער
וויא מיט לאנגע שאטענפיס קומט
פלוצלינג אָן דיא בעזע, שווארצע
כשוף־שעה — עס זיפצט דער פרינץ.

קאלטע מכשפה־פינגער
פיהלט ער נעהמען איהם ביים הארצען,
שוין דורכצוקט איהם שרעק און שוידער
נאָך א ווייל — ער ווערט א הונד!

דיא פרינצעסין גיט איהר פרינץ דעם
גאָלדנעם הדס פול מיט בשמים.
לאנגזאם שמעקט ער — וויל זיך לאָבען
נאָך איין מאָל מיט זיסע ריחות.

עס קרעדענצט אויך דיא פרינצעסין
באלד דעם אבשיידסטרונק דעם פרינצען,
האסטיג טרינקט ער און אין בעכער
נאָר פערבלייבען קארגע טראָפּען.

ער בעשפּריצט דערמיט דעם טיש,
נעהמט אין האנד דאָס וואקסען־ליכטעל
טונקט דעם פלעמעל אין דיא נאסקייט
און דאָס קניסטערט, און פערלעשט זיך...

לעבענסבעשרייבונגען

פון בעריהמטע מעננער

דיא פאמיליע ראטהשילד

זייער לעבען און פינאַנציעלע טהעטיגקייט.

פון פיליפ קראַנץ

Copyright, 1907,
By the International Library Publishing Co.

די פאמיליע ראטהשילד.

איינלייטונג.

אמאליגע און היינטיגע קרעזוסען.

מיליארדער אָדער ביליאָנער — דאָס זיינען נייע־געבאָרענע ווערטער פון אונזער צייט. אפילו אין אָנפאנג פון 19טען יאָהר־הונדערט האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון פערזאָנען, וואָס זאָלען צעהלען זייער קאפיטאל אין סומען פון מעהר ווי ניין ציפערען. זעהר רייכע מענשען זיינען נאָך געווען אין גאַנץ אַלטע צייטען. אין דער געשיכטע זיינען איינציגע פון זיי פערצייכענט געוואָרען אַלס אַ וועלטוואונדער. דער נאָמען פון דעם קעניג קרעזוס, וועלכער האָט געהערשט אין לידיא (קליין־אזיען) אין זעקסטען יאָהרהונדערט פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג, ווערט איבעראל געברויכט צו בעצייכענען אַ זעהר רייכען מאַן; אָבער אלע זיינע אוצרות, אפילו צוזאמען מיט „קרח'ס אוצרות", זיינען געווען אַ קלייניגקייט אין פערגלייך מיט דיא ריזיגע קאפיטאַלען פון היינטיגע געלד־מאַגנאַטען. אַ פערצייטיגער קרעזוס איז געווען אַן אָרעמאַן געגענאיבער אַ ראָקעפעלער, אַ ראָטהשילד, אַ וואנדערבילט א. ז. וו. אזא קרעזוס וואָלט מען ניט אריינגענומען אין דיא „פיער הונדערט", דעם צימעס פון דער אמעריקאנער געלד־אריסטאָקראטיע, וועלכע קוקט מיט פעראכטונג אויף איינעם, וואָס בעזיצט בלויז איין מיליאָן דאָלאר.

דיא גרעסטע און גרויזאמסטע דעספאָטען פון דיא אמאָליגע מלוכות אין אזיען האָבען ניט געקענט אָנקלייבען אזעלכע רייכטהימער, וויא אַ מאָדערנער געלד־קעניג קען מאַכען אין איין טאָג דורך אַ געלונגענע ספעקולאציאָן אויף דער בערזע. אין איין שטונדע ווערען יעצט געשאפען פיעל מעהר מיליאָנען, וויא אַן אזיאטישער דעספאָט האָט געקענט ארויסדריקען פון זיינע אונ־טערטאַנען און פון בעזיעגטע פעלקער זיין גאַנצען לעבען. וואָס

האָט ער דען דאַן געקענט צוזאַמענקלייבען אויסער גאָלד, זילבער און עדעלשטיינער? דיא תבואות און אנדערע שפּייז־ארטיקלען, וויא אויך געוועבטע שטאָפען האָט ער געוועהנליך ניט געקענט האָבען מעהר וויא אויפצוהאַלטען א פּאָאַר יאָהר זיינע סאָלדאַטען און דיענערס. דאָס האָט שליסליך ניט פיעל בעטראָפען. זיינע „אוצרות“, דאָס הייסט דיא צוזאַמענגעטריבענע טייערע שטיינער, גאָלד און זילבער — וויא פיעל האָט עס דען געקענט ווערטה זיין? וויא פיעל גאָלד האָט דאַן איבערהויפּט צירקולירט אין דער וועלט? דיא גרעסטע גאָלד־מינען זיינען דאָך ענטדעקט געוואָרען אין דער נייער צייט, בעזאָנדערס אין לעצטען יאָהרהונדערט. וואָס פאַר א ווערדע האָט דען גאָלד אַלס אַן ארטיקעל, אַלס סחורה, אין פערגלייך מיט דער גאַנצער סומע קאַפּיטאַלען אין א מאָדערנער געזעלשאַפט? אין דער וועלט איז נאָך וואַרשיינליך ניטאָ אַזוי פיעל גאָלד, אַז מען זאָל דערפון קענען אויסשלאָגען א גאַנצען מיליארד דאָלארס, יעדענפאַלס איז דיא סומע פון גאָלד, וואָס צירקולירט אַלס געלט, איינפאַך א טראָפּען אין פערגלייך מיט דיא סומע פון קרעדיט־פּאַפּירען, וועלכע שטעלען פאָר דעם אמת׳ען רייכטהום פון א קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

דאָס גאַנצע גאָלד פון אַמאָליגע צייטען, אפילו אין דער צייט פון רוים׳ס הערשאַפט, וואָלט זיך בעהאַלטען אין דיא קאַסעס פון א פינאַנץ־קעניג פון אונזער צייט. דער רייכטהום פון אַזא קעניג בעשטעהט ניט אין גאָלד און זילבער — עדעלשטיינער דיענען נאָר צום פּוץ — זאָנדערן אין דער מעגליכקייט צו קריגען געלט פאַר זיינע ווערטה־פּאַפּירען, פאַר זיינע אַקציעס און אָבליגאַציעס, וועלכע זיינען איינענטליך וועקסלען אויף דיא אייזענבאַהנען, טעלעגראַפען, פאַבריקען, מינען א. ז. וו. אין וועלכע זיין קאַפּיטאַל איז פאַרטאָן. זאָלען דיעזע געשעפטען רואינירט ווערען, ווערט דער מאָדערנער קרעזוס, דער מיליאַרדער, אַן אָרימאַן.

דיא ארט און ווייזע, וויא מען קען יעצט ווערען א קרעזוס, איז אויך א גאַנץ אנדערע וויא אפילו מיט א פּאָאַר הונדערט יאָהר

צוריק. אמאָל פלעגט מען אָנזאמלען אוצרות דורך מעהר אָדער ווענינער אָפענעם רויב, יעצט — דורך א געקינצעלטען און פער־שטעלטען רויב אין דער פאָרמע פון בערזען־ספעקולאציאָנען. א מיליארדער קען מען ניט ווערען אפילו דורך פרעמדע ארבייט אויף דעם אינדוסטריעלען וועג. פון אייגענע ארבייט איז שוין אָבגע־רעדט. מישטיינס געזאָגט, וואָס מען קען אָנקלייבען פון דיא איי־גענע צעהן פינגער, ווען מען זאָל אפילו האָרעווען איבער דיא כחות און אָבשפּאָרען פון דער קישקע, אז דיא נשמה זאָל זיך קוים האלטען אין גוף. אויב איהר האָט געטראָפען אזא ארביי־טער, וואָס זאָל נאָר פון זיינע אייגענע פראצע, גאָר אָהן דער מיט־ווירקונג פון אנדערע ארבייטער, קענען אָפּשפּאָרען עטליכע טוי־זענד דאָלאר, האָט איהר געזעהען איינע פון דיא זעלטענסטע זאַ־כען אין דער וועלט. עס איז איבעריגענס אַן אלגעמיין בעקאַנ־טער פאקט, דאָס פון אייגענע ארבייט קען מען ניט ווערען רייך. אָבער ניט אַלע ווייסען נאָך, אז בלויז פון פרעמדע ארבייט איז איינפאך אונמעגליך צו ווערען א מיליארדער. א פאבריקאנט, ווען ער זאָל אפילו בעשעפטיגען עטליכע טויזענד ארבייטער, וועט העכ־סטענס קענען אָנקלייבען א פּאָאָר מיליאָן דורך דעם רעגעלמעסי־גען גאנג פון דער קאפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. ווען זיינע פּראָפיטען זאָלען ווערען זעהר גרויס צוליעב אירגענד וועלכע אור־זאכען, וועלען אנדערע קאפּיטאַליסטען באלד זיך א לאָז טאָן צו קאָנקורירען מיט איהם, און ער וועט שליסליך ניט קריעגען א גרעסערען פּראָצענט אויף זיין קאפּיטאַל וויא אַלע אנדערע פאברי־קאַנטען אונטער עהנליכע אומשטענדען. דער פּראָפיט אין איג־דוסטריע און זאָגאר אין האנדעל איז פּראָפּאָרציאָנעל צום גע־ברויכטען קאפּיטאַל און קען לאנג ניט איבערשטייגען דיא געוועהנ־ליכע דורכשניטליכע מאָס. ווען איהר זאָלט אפילו אָנפאנגען צו פאבריצירען אָדער צו האנדלען מיט א מיליאָן דאָלאר — נאָר געצעהלטע מענשען קענען אזוי אָנפאנגען — וועט איהר דאָך אונטער קיינע אומשטענדען ניט ווערען א מיליארדער.

פּרובירט מאַכען דעם פאָלגענדען קליינעם חשבון. לאָמיר

אָנגעהמען, אז איהר הויבט אָן צו פאבריצירען טוך מיט א קאפּיטאל פון א מיליאָן דאָלאר, אז אייער אונטערנעהמונג געהט אזוי גוט, דאָס איהר מאכט ניט וועניגער וויא 20 פּראָצענט אויף אייער קאפּיטאל (היינטיגע צייטען זיינען גרויסע קאפּיטאליסטען זעהר צופריעדען צו קריעגען 5 פּראָצענט און נאָך וועניגער), און אז איהר וועט לעבען גאנצע 100 יאהר נאָכדעם וויא איהר זיינט געוואָרען א פאבריקאנט, דאַן וועט אייער גאנצער פּראָפיט אויס־מאכען ניט מעהר וויא 20 מיליאָן דאָלאר.

זאָל אָבער דער זעלבער מיליאָנער אָנפאנגען צו ספּעקולירען אויף דער בערזע, און ספּעקולירען גליקליך, דאָס הייסט מאכען אונגליקליך אנדערע ספּעקולאנטען, דאַן איז גאָר קיין שיעור ניטאָ צו דעם רייכטהום, וואָס ער קען זיך „ערווערבען". ערשט דאַן האָט ער מעגליכקייט צו ווערען א מיליארדער. אויף דער בערזע קען איהם געלינגען צו „פּערדיענען" אין איין שטונדע מעהר וויא דעם גרעסטען פאבריקאנט א גאנצען יאָהר.

נאָר אויף דיזען וועג קען מען „מאכען" מיליאָנען היינטיגע צייטען און נאָר אזוי זיינען אויפגעקומען דיא עטליכע מיליארדערען, וועלכע בעהערשען דיא בערזע און דורך דעם דיא גאנצע וועלט. נאָך מיט א יאָהר 30 צוריק האָט ראקעפעללער געדיענט אלס בוכ־האלטער אין דעם קעראָסין־געגענד פון פּענסילוויינא, יעצט איז ער דער רייכסטער מאן פון אמעריקא און וואהרשיינליך אויך פון דער גאנצער וועלט. דעם אָנפאנג האָט ער געמאכט דורך דער אונ־געהייערער ענטוויקלונג פון דער קעראָסין־אינדוסטריע, ספּעציעל דורך זיינע אונגעזעצליכע און יעדענפאלס ניט־כשר'ע אָפּמאכונגען מיט דיא אייזענבאהנען, און נאָך יעצט שעפּט ער אוצרות פון קעראָסין; אָבער ער וואָלט דאָך ניט געוואָרען א מיליארדער, ווען ער וואָלט גאָר ניט ספּעקולירט. נאָך מעהר איז עס דער פאָל מיט אנדערע פינאנץ־קעניגע פון אמעריקא, דאָס לאנד פון מי־ליארדערען.

אום צו קענען אָנזאמלען אזוי פיעל מיליאָנען דורך ספּעקולא־ציאָן איז נאָך ניט גענוג צו האָבען וואָס מען רופט מזל, זאָנדערן

גאַנץ ספּעציעלע פעהיגקייט. אַזוי גוט וויא מען קען ניט ווערען א וועלט־בעריהמטער שאך־שפּיעלער אָהן א ספּעציעלען טאַלענט דערצו, אזוי קען מען ניט ווערען א גרויסער און ערפאָלגרייכער בערזען־שפּיעלער. דער פעלד פון ספּעקולאַציאָן איז אונבעגרע־נעצט. מען ספּעקולירט ניט נאָר אויף זאכען וואָס עקזיסטירען אָדער וואָס האָבען א ווערטה, זאָנדערן וואָס וועלען נאָך ערשט עקזיסטירען אָדער קריעגען א ווערטה. מען קען, צום ביישפּיעל, מאַכען מיליאָנען דורך א ספּעקולאַציאָן אויף דיא גערעטענעס פון דיא נעכסטע יאָהרען, מען קען אָבער אויך ברעכען דעם קאָפּ, וויא דאָס פּאַסירט יעצט גאַנץ אָפט. מען קען אויך שעפּען מיליאָנען דורך א ספּעקולאַציאָן אויף מינען, וואָס וועלען מיט דער צייט ברייגגען פּראָפיטען אָדער זאָגאַר גאָר ניט. פון אַזעלכע ספּעקולאַ־ציאָנען, וואָס זיינען פון אָנפאַנג אָן בערעכענט אויף שווינדעל, אויף אָפּנאַרען דעם עולם, ריידען מיר דאָ ניט, הגם אויך זיי האָ־בען ניט ווייניג בייגעטראָגען צו פערגרעסערען דיא ריזיגע קאַ־פּיטאַלען פון אלע מיליאַרדען; מיר מיינען דאָ דעם „רעגעלמעסיגען“ און געזעצליך־אנערקענטען בערזען־שפּיעלער. אין דיזען בערזען־שפּיעל איז דיא ראָלע פון צופאַל זעהר א גרויסע, וויא אין יעדען שפּיעל; אָבער פריהער פאר אַלץ, אפילו פאר באַארעם געלט, דאַרף מען זיין געבאָרען דערצו, מען דאַרף זיך געפינען אויף דער בערזע וויא א פיש אין וואַסער, מען דאַרף פערשטיין, ווען, וואו און וויא אזוי צו ריזיקירען, מען דאַרף קענען ריזיקירען און אין דער זעל־בער צייט קאַלטבלוטיג און פּאַרזיכטיג בערעכענען, מיט איין וואָרט, מען דאַרף זיין איין זשעניע אין פינאַנציעלע ספּעקולאַציאָנען.

וויא ריכטיג דאָס איז און וויא אזוי מען מאַכט און מען קען מאַכען מיליאָנען דורך בערזען־שפּיעל, וועלען מיר זעהען אין דער בעשרייבונג פון דעם לעבען פון דיא ערשטע ראָטהשילדען, וועלכע זיינען אין א קורצער צייט געוואָרען „דיא רייכסטע צווישען דיא רייכע“. זייער פינאַנציעלע טהעטיגקייט איז ניט נאָר אינטערע־סאַנט, זאָנדערן אויך בעלעהרענד, דען זיא כאַראַקטעריזירט אויך דעם נערוו פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — דיא בערזע.

.1

מאיר אמשעל'ס ערציהונג און ערשטע „געשעפטען".

איינע פון דיא מערקווירדיגקייטען אין דער אלטער דייטשער שטאדט פראנקפורט־אם־מיין איז דיא הויז נומ. 152 אויף דער אלטער יודענשטראסע, אין דעם צענטער פון דער געוועזענער געהע־טא. פון דרויסען צייכענט זיך דיעזע הויז מיט גאר נישט אויס — עס איז א געוועהנליכע געביידע, א הויכע און א שמאלע, מיט שמאלע פענסטער, בעפוצט נאר מיט א רויטען שילד. אבער דער־פאר, ווען דער בעזוכער וויים, וואס דארטען איז פארגעקומען הינ־טער דיא פראסטע ווענט און שמאלע פענסטער, וואונדערט ער זיך נאך מעהר, ווען ערווארפט א בליק אויף דיא אלטע געביידע.

יא, עס איז א הויז מיט א גרויסע און מערקווירדיגע געשיכטע. יאהרענלאנג איז דארטען געווען, קען מען זאגען, דער פינאנץ־צענטער פון דער וועלט. דער שיקזאל פון מלוכות איז דארטען ניט איין מאל געהאנגען אין דער וואגשאל פון גאלד. דיא גרעסטע אריסטאקראטען, דיפלאמאטען, מיניסטערס און אפילו פרינצען האבען געמוזט אנקומען אהין; זיי האבען געמוזט דורכפאהרען דיא זעלבע גאס, וועלכע איז נאך ביז דעם אנפאנג פון 19טען יאהר־הונדערט גערעכענט געווען פאר א פערשאלטענע, פאר א פערפעס־טעטע.

עס איז אמת, אז זיי האבען געמוזט קומען אהין צוליעב דיא זעלבע אורזאכע, וועלכע האט נאך אין מיטעלאלטער געטריעבען אין דער יודענשטראסע איינינע אדעליגע און שטאלצע ריטער, נעמליך: צו קריעגען געלט געבארגט; אבער דיא אומשטענדען זיינען שוין געווען גאנץ אנדערע. אין דיעזען אונטערשיעד האט זיך אם קלארסטען ארויסגעוויעזען, אז דיא פינסטערע צייטען פון מיטעלאלטער זיינען פאראיבער און, אז עס איז אויפגעקומען א נייע וועלט. דער אמאליגער ריטער פלעגט זיך אריינ'גנב'ענען אין דער גהעטא אין דער פינסטער, ער האט זיך געשעמט, וואס ער מוז זיך ווענדען צו א אידישען פראצענטניק, דען קיין אנדער שייכות האט ער ניט געקענט האבען מיט אידען, אויסער ביי זיי

באָרגען געלט אָדער זיי צו בעפאָלען און צו בערויבען; און אַלע אידען האָבען דאַן געציטערט פאַר איהם אין זייער פערשאָלטענעם ווינקעל, דיא שוידערליכע גהעטאָ, וואו זיי זיינען קיינמאָל ניט זיכער געווען מיט זייער פערמעגען און לעבען; אָבער דיא אדע־ליגע און אפילו פּרינצען, וועלכע פּעלגען מוזען קומען אין דער הויז נומער 152 פון דער אלטער יודענשטראסע, האָבען זיך גע־רעכענט גליקליך, ווען דער אמאָליגער מלוה און וואוכערניק האָט זיי גוט אויפגענומען. ער האָט געפּיהלט, אז ער איז אַ מאַכט, פאַר וועלכע זיי מוזען זיך בויגען, פאַר וועלכע זיי מוזען זאָגאר קריעכען אויף דיא פיס, און זיי האָבען עס אויך גאַנץ גוט געפּיהלט. ווען זיי פלעגען זיך אַ מאָל פערגעסען און פעררייסען דעם נאָז, פלעגט ער זיי אָהן צערעמאָניעס דערמאָנען, דאָס זיי ליגען ביי איהם אין דיא הענד, און פלעגט זיך אויך גראָב אויסלאַכען פון זייער פּוס־טען יחוס.

דער בעל הבית פון דיזער הויז איז געווען מאיר אמשעל, דער גרינדער פון דער גרעסטער און מעכטיגסטער באַנקיר־קאַנטאָר אין דער וועלט. ער איז דאָרטען געבאָרען געוואָרען אין 1743, ווען זיין פאָטער איז געווען אַ געוועהנליכער מלוה, אזוי וויא פּיעלע אנ־דערע אין דער פראנקפורטער גהעטאָ. וועגען דעם פאָטער פון דיזען פינאַנציעלען זשעניע ווייס מען נאָר, אז ער האָט געהייסען אַמשעל משה אָדער אַנשעל משה, האָט געהאַנדעלט מיט אַנטיקען און אַלטע מטבעות און אויך געליהען געלד אויף פּראָצענט. ער האָט גע־לעבט זעהר פּראָסט און קאַרג, געקליבען דעם גראָשען אַלס דעם העכ־סטען צוועק אין לעבען. מען דערציילט פון איהם, אז ער פלעגט אָפט זאָגען: „אַ מענשענ׳ס רייכטהום בעשטעהט ניט אין דעם וואָס ער קריעגט, נאָר אין דעם וואָס ער שפּאָרט אָפּ.“ אַלע ראָטהשילדען האָבען זיך ביז איצט געהאַלטען אָן דיזע „גאָלדענע“ רעגעל, דען זיי האָבען קיינמאָל ניט פאַרלעבט מעהר וויא זייערע יעהרליכע איינקינפטע, וויא פיעל עס איז זיי ניט אויסגעקומען אויסצוגעבען.

אין אַלגעמיין האָט אַמשעל משה זיך מיט קיין זאַך ניט אויס־געצייכענט פון אנדערע איינוואָהנער פון דער יודענשטראסע, וועל־

כע האָבען נאָך געדיינקט דיא ביטערע און פינסטערע צייטען, ווען מען האָט זיי געהאַלטען עפּעס וויא ווילדע ברואים אין דער שטיקענדער גהעטאָ, וויא פאַרפּעסטעטע חיות אויף צוויי פים; ווען מען האָט זיי געצוואונגען צו טראָגען בעזונדערע קליידער אלס צייכען פון שאנדע; ווען מען האָט זיי געמאַכט פאר „אתה בחרתנו־ניקעס“ אין צרות און יסורים; ווען מען האָט אפילו בעשרענקט דיא צאָהל פון זייערע חתונות, אום דיא „פערשאָלטענע ראַסע“ זאָל זיך ניט פערמעהרען... נאָך אין 1614 האָט מען אלע אידען ווידער ארויסגעיאָגט אפילו פון זייער שרעקליכער גהעטאָ אין פראנקפורט, און אזוי וויא זיי האָבען איבעראל געקענט ערוואר־טען יעדען טאָג א בעפעהל: „מארש!“ האָבען זיי אָנגעשטרענגט אלע זייערע כחות און זייער גאנצען שכל צו האָבען אויפ'ן וועג וואָס מעהר גאָלד און איבערהויפּט געלט.

אין פערלויף פון יאהרהונדערטע האָבען דיא אונגליקליכע איינוואָהנער פון דיא גהעטאָס געקראָגען ניט נאָר אן אייגענאַרטיגע מאָראל, א ספּעציעלען כאַראַקטער, צוגעפּאַסט צו דער „אָבשפּאָרונג“, צום אָנזאַמלען פון באַארעס געלט, זאָנדערן אויך א בעזונדערע פיזיאָגנאָמיע, ספּעציעלע מאַניערען, נאָך וועלכע מען האָט זיי גלייך געקענט דערקענען אפילו אונטער דיא בעסטע אומשטענדען און אין דיא פּאָלקסקליידער. ווען דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזמוס האָט זיך דורכגעבראָכען א וועג דורך דיא פערגרעסערונג פון אינדוסטריע און האַנדעל און האָט צובראָכען דיא ראַמקעס, אין וועלכע דיא מיטעל־אַלטערליכע געזעלשאַפט איז געווען איינגעפּאַסט מיט אייזערנע קלאַמערן, האָבען דיא אידען גענומען ארויספליהען פון דיא גהעטאָס אויף דער גרויסער וועלט און האָבען זיך, דורך זייערע אָנגעקליבענע קאַפּיטאַלען און איינגעזויגענע פעהיגקייטען צום האַנדעל און צו פינאַנצען, שנעל אויסגעצייכענט. פון פריהערע ציטערנדיגע און דערשלאָגענע מלוה'ס און וואוכענריקעס זיינען זיי געוואָרען באַנקירען, ספּעקולאַנטען אויף דער בערזע און פינאַנץ־קעניגע.

אבער קיינעם פון זיי איז ניט געלונגען אזוי שנעל צו דער־

גרייכען צו אזא הויכע שטופע אין דער פינאנץ־וועלט, וויא אמשעל משה׳ס זוהן, וועלכער האָט געהאַט דיא מעגליכקייט צו פער־איינינען זיין פינאנציעלען זשעניע מיט דיא מיליאָנען פון א פרינץ, וויא מיר וועלען עס זעהען.

דער גרינדער פון דער באנקירען־דינאסטיע ראָטהשילד איז וויא געבאָרען געוואָרען צו זיין פינאנץ־ראָלע. מאיר אמשעל, אמשעל משה׳ס ווירדיגער זוהן אין „אבשפאָרען“ און וואוכער, האָט אנגעפאנגען זיין לעבען טרויעריג וויא אנדערע אינגלעך פון געהעטאָ. דערצו נאָך איז ער צו צוועלף יאהר געבליבען א יתום. פאר׳ן טויט האָט אמשעל משה אָנגעזאָגט, אז מען זאָל זיין איינ־ציגען זוהן געבען אזא ערציהונג, דאָס ער זאָל קענען ווערען א רב. מען האָט דארום אוועקגעשיקט דעם צוקינפטיגען פינאנץ־קעניג אין דער דאמאלס בעריהמטער ישיבה פון דער שטאדט פירט. אבער ער האָט גלייך ארויסגעוויזען, דאָס ער איז ניט בעשאפען געוואָרען צו קוועטשען דיא באנק און גריבלען זיך אין תלמוד. דאָס איז געווען א טהעטיגע און ענערגישע נאטור, וועלכע האָט זיך געריסען צו געשעפטען און געשטרעבט נאָך גאָלד, וואָס מעהר גאָלד, ניט אזוי אום צו געניסען מאטעריעלע פערגניגען דערפון, וויא צו קלייבען הנאה פון דעם בלעסק פון געלען מעטאל.

אין דער הויז פון זיין פאטער, דעם מלוה און מטבעות־הענדלער, איז ער געוואָהנט געוואָרען צו בעטראכטען א סך געלד און צו לעזען דיא אויפשריפטען אויף אלטע מאָנעטען. זייער קלאנג איז געווען דיא זיסעסטע מוזיק פאר איהם. קיין אנדער זאך האָט איהם ניט געצויגען. דארום האָט ער ביי זיך בעשלאָסען צו האנדלען מיט געלד נאָך ווען דיא אפעקונעס האָבען איהם אוועקגעשיקט אין דער ישיבה. צום תלמוד איז ער געווען זעהר גלייכגילטיג און האָט דיא ערשטע צייט געלערנט נאָר פאר א׳ן אָבקומענעס. אין עטליכע יאהר ארום האָט ער אין גאנצען אוועקגעוואָרפען אלע פלפולים, אום זיך איבערצוגעבען צו וואוכער און זיינע „באנק־געשעפטען“.

ער איז געוואקסען א לייט. נאָך אין דער ישיבה האָט ער אָנגעפאנגען צו באָרגען געלד זיינע חברים אויף פראָצענט. דאָס

געלד וואָס ער פלעגט קריגען פון זיינע אָפּעקונעס אויף קליינינגקייטען און נאַשעריי, האָט ער געלאָזט „וואַקסען“ דורך וואָכער. זיין פאַטער׳ס „גאָלדענע“ תורה וועגען אָבשפּאָרען האָט ער פּראַקטי־צירט אויף יעדען שריט. אויף דיא אָבגעשפּאָרטע געלד האָט ער אויך געקויפט עטליכע אַלטע מטבעות, וועלכע ער האָט פערקויפט מיט אַ גוטען פּראָפיט. דאָס האָט איהם צוגעגעבען חשק צו וויי־טערע אַזעלכע אָפּעראַציאָנען, זאָ דאָס ער האָט שנעל געקראָגען אַ נאָמען אין דער ישיבה אַלס אַ געשייטער פינאַנסיסט און גרויסער וואוכערניק.

ער האָט זיך אויך געסטאַרעט צו לערנען, אבער דיא תורה איז איהם ניט געקראָכען אין קאָפּ. וואָס וויי־טער האָט ער זיך אַלץ מעהר אריינגעלאָזען אין זיינע „געשעפטען“, אום צו קלייבען דעם גראָשען. ווען ער האָט זיך, נאָך עטליכע יאהר האנדלען אין דער ישיבה, איבערציי־גט אז ער וועט זיין אַ גוטער באַנקיר, אבער אַ זעהר שלעכטער רב, האָט ער, קיינעם ניט פרעגענדיג, זיך אומ־געקעהרט נאָך פראַנקפורט, וואו ער האָט זיך בעזעצט אין זיין פאַטער׳ס הויז און זיך אַ נעהם געטהאָן צו אַלערליי געשעפטען, וואו נאָר ער האָט פּאַראויסגעזעהען, אז ער וועט עפּעס פערדיענען; נור בעזאָנדערס האָט ער געשטרעבט צו באַנק־אָפּעראַציאָנען. דיא בערזע, וועלכע האָט זיך שוין דאַן ענטוויקעלט כמעט וויא אין אונזער צייט, האָט איהם געצויגען וויא אַ מאַגנעט; ער האָט אבער מורא געהאַט צו ריזיקירען און האָט געוואַרט אויף אַ געלעגענ־הייט אָנצופאַנגען אַזוי, אז ער זאָל זיכער זיין צו פערדיענען. ריזיקע איז איבערהויפּט ניט געלעגען אין זיין נאַטור, נור ווען ער האָט געפיהלט און אויסגערעכענט, אז ער געהט אויף אַ זיכערען וועג, האָט ער זיך אויך ערלויבט צו ספּעקולירען גאַנץ הויך.

ביי אַלע זיינע געשעפטען און ספּעקולאַציאָנען האָט ער זיך שטענדיג אויסגעציי־כענט מיט פּינקטליכע עהרליכקייט, גראַדע וויא פיעל עס איז נויטיג געוועזען, אום ניט צו איבערטרעטען דיא געזעצע. ער האָט געהאַלטען וואָרט און האָט זיך געסטאַרעט צו קריעגען אַ נאָמען פון אַ געשעפטסמאַן, אויף וועלכען מען קען זיך פערלאָזען

און צו וועמען מען מעג האָבען צוטרויען. ער האָט אזוי זיך ערוואָרבען אַ שם ניט נאָר פאַר אַ פעהיגען פינאַנסיסט, זאָנדערן אויך פאַר אַ געלאַסענעם און עהרליכען געשעפטסמאַן, וואָס עס האָט איהם זעהר פיעל געהאָלפען דיא ערשטע צייט.

אום צו ערלערנען גרינדליך באַנק־אָפּעראַציאָנען און ספּעקולאַ־ציאָנען אויף דער בערזע איז ער אָנגעקומען אין דער גרויסער קאָנ־טאָר פון אָפּענהיים אין האַנאָווער. דאָרטען האָט ער אַ פּאָר יאהר געדיענט און אויך פאָרטגעזעצט זיינע אייגענע וואוכער־געשעפטען. ער האָט זיך באַלד אזוי אויסגעצייכענט מיט זיינע פעהיגקייטען צו פינאַנסען, דאָס מען האָט איהם אויפגענומען אַלס אַ שותף אין דער קאָנטאָר. וואָס מעהר געלד ער האָט געמאַכט אין פערבינדונג מיט דער פירמע אָפּענהיים, אַלץ מעהר האָט ער גענומען טראַכטען וועגען אַ'ן אייגענעם באַנק. דארום האָט ער זיך ניט פארגונען אויסצו־געבען אַ'ן איבריגען גראָשען און האָט אַלץ געשפּאָרט ביז ער האָט בערעכענט, אז ער מעג שוין אָנפאַנגען אויף זיין אייגענער רעכנונג. מען קען ניט וויסען, וויא פיעל געלד ער האָט אזוי צוזאַמענגעקליבען, ווען איהם איז געוואָרען אַ יאהר 25; אבער עס איז בעוואוסט, אז ער האָט געלעבט זעהר קארג, נאָך איינפאַכער וויא פיעלע פון דיא קלענסטע אָנגעשטעלטע אין דער קאָנטאָר.

זיין קאַפּיטאַל האָט נאָר געקענט זיין אַ קליינער, ווען ער האָט אַרום 1770 יאהר פערלאָזען האַנאָווער און געעפענט אַ מין באַנק אין זיין הויז אויף דער יודענשטראַסע אין פראַנקפורט. זיין ערפאַהרונג אין אָפּענהיים'ס קאָנטאָר האָט ער גוט אויסגענוצט אין פראַנקפורט, וואו ער האָט מייסטענס געזוכט צו מאַכען באַנק־אָפּעראַציאָנען. אזוי וויא ער איז שטענדיג געגאַנגען אויף אַ זיכערען בריק און געאַרבייט ענערגיש, האָט ער זיין קאַפּיטאַל שנעל פערגרעסערט. ערשט דאַן האָט ער בעשלאָסען חתונה צו האָבען. זיין ווייב איז געווען אַ געוויסע גדולה שנופּע, וועגען וועלכער עס וועט אויסקומען שפּעטער צו ריידען. מען ווייס ניט, אויב ער האָט געקראָגען נדן, וואהרשיינליך יא; נאָר דאָס האָט יעדענ־פאַלס ניט געקענט פיעל פערגרעסערן זיין קאַפּיטאַל.

.2

דעם העססענער לאַנדגראַף'ס מיליאָנען און נאַפּאָלעאָנ'ס מלחמות.

וויא פעהיג מאיר אמשעל איז ניט געווען אין באַנק־אָפּעראַציאָ־נען, וויא פיעל ער האָט ניט געשפּאָרט און וואָלט ניט געשפּאָרט, וואָלט ער דאָך ניט געוואָרען א פיעלפאַכער מיליאָנער אין א גאַנץ קורצער צייט, ווען א צופאַל וואָלט איהם ניט צוגעהאָלפען. דיזער צופאַל וואָלט אבער ניט געטראָפען, ווען מאיר אמשעל וואָלט ניט בעקאַנט געוואָרען אלס א'ן עהרליכער און פעהיגער פינאַנסיסט ניט נאָר אין פראַנקפורט, זאָנדערן אויך ווייט ארום. מען מוז זאָגען, אז דער צופאַל האָט געטראָפען דעם ריכטיגען אָרט. גראַדע אזוי וויא א קערנדיל, וואָס פאַלט אויף א גוטען באָדען, הייבט שנעל אָן צו וואקסען, אזוי האָבען דיא פרעמדע מיליאָנען וועלכע זיינען אריינגעפאַלען אין מאיר אמשעל'ס הענד, אָנגעפאַנגען צו שטייגען אַלץ העכער און העכער.

דיזע מיליאָנען האָט ער געקראָגען פון דעם לאַנדגראַף פון העססען, ווילהעלם דער 9טער, וועלכער האָט אָנגעקליעבען ריעזיגע סומען דורך דעם שענדליכען האַנדעל מיט זיינע רעקרוטען און וועלכער האָט געזוכט א פעהיגען פינאַנציעלען אַגענט זיי צו בענוצען אין געשעפטען.

וויא אזוי מאיר אמשעל, וועלכער האָט שוין דאַן געטראָגען דיא פאַמיליע ראָטהשילד — זיינע עלטערן האָבען קיין בעזונדערען פאַמיליען־נאָמען ניט געהאַט, יעדענפאַלס וויים מען ניט פון אזעלכען; דעם נאָמען ראָטהשילד האָט מען אָנגעפאַנגען צו געברויכען צוליעב דעם רויטען שילד אויף דער הויז נומער 152 פון דער יודענשטראַסע — איז צוגקומען צום העססענער לאַנדגראַף, וויים מען ניט אויף זיכער. זיינע זיהן און אייניקלעך האָבען זיך שטענדיג ענטזאָגט צו געבען אירגענד וועלכע אויסקינפטע וועגען דעם און האָבען איבערהויפּט פיינט געהאַט צו דערצעהלען עפּעס פון זייער פאַמיליע. וויא ווייט מען האָט געקענט דערגיין, איז מאיר אמשעל

רעקאָמענדירט געוואָרען פון א געוויסען באַראָן עסטאָרף, וועלכער איז געווען א נאָהענטער פריינד פון דעם לאַנדגראַף. מיט דיזען באַראָן האָט מאיר אמשעל געהאט געוויסע געשעפטען נאָך אין האַנאָווער. וואהרשיינליך האָט דער יונגער שותף פון אָפּענהיים׳ס קאָנטאָר געבאָרגט געלד דעם באַראָן. מען דערצעהלט, אז ווען מאיר אמשעל איז געקומען זיך פאָרשטעלען פאר דעם לאַנדגראַף נאָך דער רעקאָמענדאציאָן פון באַראָן עסטאָרף, האָט ער זיי ביידען געפונען פערטיעפט אין שאַך־שפּיעל. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבען טהיר און האָט זיך שטילערהייט צוגעקוקט צום שפּיעל. ווען דער לאַנדגראַף האָט געהאַלטען ביים פערליערען האָט ער זיך ארומגעקוקט, אזוי וויא ער וואָלט זוכען הילפע. דערזעהענדיג דעם באַנקיר האָט ער איהם אַ פרעג געטאָן: „קענט איהר שפּיעלען שאַך?“ אנשטאט צו ענטפערן יא, האָט מאיר אמשעל בעמערקט: „וויל אייער האָהייט געפעליגסט אַ רוק טהון אָט דיעזע שטיק?“ דער לאַנדגראַף האָט אָנגענומען דעם ראַטה פון דעם באַנקיר און האָט שליסליך געוואונען דיא פּאַרטיע. נאכהער האָט ער זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט דעם איד, און דער רעזולטאט פון זייער געשפּרעך איז געווען, אז מאיר אמשעל האָט מיט אַ מאָל אריינגעקראָגען אין זיינע הענד אַ׳ן ערך פון 200 מיליאָן פראַנק פיר פינאַנציעלע ספּעקולאַציאָנען. מען דערצעהלט אויך,אַז נאָכדעם וויא מאיר אמשעל איז אוועק, האָט דער לאַנדגראַף געזאָגט צום באַראָן: „עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז איהר האָט מיר ניט רעקאָמענדירט אַ נאַרר“.

דער ריעזיגער פערמעגען, וואָס דיא העססענער לאַנדגראַפען האָבען אָנגעקליעבען דורך פערדינגען זייערע סאָלדאטען צו פרעמדע מלוכות, בעזאָנדערס צו ענגלאַנד, האָט אויפגעלעבט אין מאיר אמשעל׳ס הענד און האָט געלעגט, מען קען זיכער זאָגען, דעם פונדאַמענט פון דער פינאַנציעלער גרויסקייט פון ראָטהשילד׳ס הויז. טויזענדער אָרימע דייטשע בויערן זיינען געפאלען אין פערשידענע שלאַכטען אין פרעמדע לענדער, און פון זייערע בלוט און ביינער זיינען געוואָרען בערג מיט גאָלד אין ראָטשילד׳ס קעלערן. ווען

ווילהעלם דער 9טער איז געוואָרען דער לאַנדגראַף פון העססען, האָט ער גע׳ירש׳ענט פון זיין פאטער פריעדריך דער 2טער ניט וויניגער פון 56 מיליאָן טהאלער. ענגלאנד האָט גוט געצאָהלט פאר דיא סאָלדאטען, וועלכע זיא פלעגט דינגען ביי דיא קליינע דייטשע פרינצען. דיא העססענער לאַנדגראַפען האָבען זיך ספּעציעל אָבגעגעבען צו דיזען ניעדערטרעכטיגען מסחר. ווען דיא אמערי־קאנער קאָלאָניעס האָבען זיך פערבונדען, אום אראָבצושליידערן פון זיך דעם ענגלישען יאָך, האָט דער לאַנדגראַף פריעדריך דער 2טער צוגעשטעלט דער ענגלישער רעגיערונג 16 טויזענד רעקרוטען און האָט דערפאר געקראָגען 22 מיליאָן טהאלער. זיין זוהן ווילהעלם דער 9טער, וועלכער האָט זיך ניט בענוגענט דערמיט, וואָס דיזע מיליאָנען זיינען געלעגען אין זיינע קעלערן און האָט זיי געזוכט „פרוכטבאר" צו מאכען דורך מאיר אמשעל׳ס פינאנציעלען קאָפּ,— ער האָט אויך פערדונגען צו ענגלאנד 16 טויזענד רעקרוטען, וועלכע זיינען געברויכט געוואָרען צו שלאָגען זיך געגען נאַפּאָלעאָנען און פון וועלכע נאָר געצעהלטע האָבען דערלעבט צוריקצוקעהרען זיך מיט גאנצע ביינער.

דערפאר האָט נאַפּאָלעאָן, ווען ער איז געוואָרען דער הערשער פון אויראָפּא בעשטראָפט דיזע הענדלער מיט פולווער־פלייש. אין 1806 האָט ער ארויסגעלאָזען א בעפעהל, וועלכער האָט געלויטעט אזוי : „אין אנבעטראכט, דאָס דיא העססענער לאַנדגראַפען האָבען ארויסגעצייגט א ניעדערטרעכטיגען גייץ, פערקויפענדיג זייערע אונ־טערטהאַנען צו דער ענגלישער רעגיערונג, און האָבען אויף אזא שטייגער צוזאמענגעקליבען א ריעזיגען פערמעגען — ערקלערען מיר, אז דיא פרינצליכע הויז פון דיזע לאַנדגראַפען הערט אויף צו עקזיסטירען."

נאָר נאָך נאַפּאָלעאָן׳ס פאל אין 1814, ווען עס האָט זיך אָנגעפאנגען דיא צייט, וועלכע טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען רעסטאָראציאָן (צוריקשטעלונג, ערניירונג) און וועלכע האָט ווידער געבראכט דיא פערױאָגטע מלכים אויף זייערע טראָנען, האָט אויך דער העססענער לאַנדגראַף ווידער געקענט פערדינגען

זיינע ליעבהארציגע אונטערטהאנען צו פרעמדע מעכטע; אבער דיא צייטען האבען זיך נאך דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן אזוי געענדערט, אז דיא דייטשע אונטערטהאנען זיינען קליגער געווארען און האבען אויך געקראגען א דעה. דער שענדליכער האנדעל פון דיא העססענער און אנדערע קליינע דייטשע פרינצען מיט זייערע רעקרוטען איז געווארען א זאך פון דער פינסטערער פערגאנגענהייט צוזאמען מיט אנדערע בארבארישע פיהרונגען, וועלכע דער שטורם פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן האט פאנאנדערגעיאגט; אבער דער „פערדיענסט" אין דיעזען האנדעל איז פערבליבען אונטער אזעלכע פעסטע שלעסער, אז אפילו נאפאלעאן האט זיי ניט געקענט איינברעכען.

אין דער צייט, ווען נאפאלעאן האט פעריאגט דעם העססענער לאנדגראף צוזאמען מיט אנדערע מלכים און פרינצען, האט שוין דאס גאלד, וואס מען האט אויסגעשלאגען פון דיא ביינער פון דיא ארימע העסענער סאלדאטען, צירקולירט איבער דער וועלט דורך דיא פערמיטלונג פון מאיר אמשעל. דער לאנדגראף האט גענאסען גאנץ רוהיג דיא פראצענטען, וועלכע דער געניאלער אידישער פינאנסיסט האט איהם פינקטליך און עהרליך געצאהלט. נאך מעהר, דעם העססענער לאנדגראף'ס מיליאנען האבען ניט וויניג מיטגעהאלפען צו ברעכען נאפאלעאן'ס מאכט, דען, וויא מיר וועלען עס שפעטער זעהען, האט מאיר אמשעל'ס דריטער זוהן, נאטהאן ראטהשילד, אויך א פינאנציעלער זשעניע, ספעקולירט געגען איהם און געמאכט מיליאנען נאך דער שלאכט פון וואטערלא.

נאר וויא אזוי מאיר אמשעל האט ניט געקראגען דעם לאנדגראף'ס מיליאנען פיר פינאנציעלע ספעקולאציאנען — דיזער פונקט בלייבט נאך אלץ א געהיימניס — זיכער איז עס, אז ער האט זיך דערמיט אזוי קונציג בענוצט, דאס אין א קורצער צייט איז ער אליין געווארען א פיעלפאכער מיליאנער. דעם לאנדגראף'ס מיליאנען זיינען געוועזען פאר איהם וויא פליגלען צו שוועבען איבער דער בערזע אזוי וויא א מעכטיגער אדלער הויך אין דער לופט. ער האט אויסגעצייכענט פערשטאנען, וויא צו לאזען אין גאנג יעדען

טהאלער, אז ער זאָל זיך שנעל, זאָ צו זאָגען, אבקינדלען מיט נייע. „מען דארף ניט לאָזען געלד ליעגען אין קאָסטען", פלעגט ער טענה'ן. ווען עס איז נאָר מעגליך, לאָזט אייערע טהאלערס און פראנקען אין וועג. וואָס גרעסער דיא סומע אין צירקולאציאָן, איז אלץ בעסער. 100 טהאלערס זיינען ניט הונדערט מאָל „מעכטיגער" וויא 1 טהאלער, זאָנדערן „ט ו י ז ע נ ד מ אָ ל". ער האָט זיך שטענדיג געהאלטען אָן דיזע רעגעל, און זיין זעלטענע ענערגיע, זיין מערק־ווירדיגען פינאנציעלען זשעניע האָט ער זיין גאנצען לעבען אָנגעווענ־דעט צו געפינען פאר זיינע טהאלערס דעם בעסטען און אויף דעם זיכערסטען וועג צו פערמעהרען זיך וואָס שנעלער.

מאיר אמשעל איז דאָן ניט געווען דער איינציגער אזוי צו האנדלען. אז געלד וואקסט דורך צירקולאציאָן און געשעפטען, איז גוט בעקאנט געווען אין אלטע צייטען. מען האָט נאָר בעדארפט וויסען, וויא דאָס אויסצופיהרען. ביי דיא פרינצען, גראפען, באראָנען און אלע אדעליגע, וויא אויך אין דיא קלויסטערס און ביי פיעלע בורזשואזנע פאמיליען זיינען געלעגען אָנגעזאמעלט א סך גאָלד און זילבער; נאָר אין מיטעלטאלטער האָבען זעהר וועניג פינאנסיסטען געוואוסט, וויא דאָס צו געברויכען אין געשעפטען. ביסלעכווייז, דורך דיא ענטוויקלונג פון אינדוסטריע און האנדעל, האָט מען גענומען ארויסשלעפען דיא בעהאלטענע אוצרות אויף דער האנדעלסוועלט און זיי לאָזען אין גאנג. דיא פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אין גאנצען צוטרייסעלט אלע פונדא־מענטען פון דער מיטעלאלטערליכער געזעלשאפט און אויך געצייגט דיא אדעליגע, אז מיט זייערע פערבאָרגענע גאָלד קענען זיי גאנץ פיין לעבען אָהן זייערע מאיאָנטקעס, ווען נאָר זיי זאָלען עס איבער־געבען אין ריכטיגע הענד פיר פינאנציעלע ספעקולא־ציאָנען — אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן און פון דיא נאפּאָלעאָנישע מלחמות זיינען מאסען אדעליגע געצוואונגען געווען אויסצו־וואנדערן און זיך צו פערלאָזען אויף זייערע באנקירען, ווען זיי האָבען געהאט שכל איבערצוגעבען בע־צייטענס דיא אָנגעקליבענע גאָלד און זילבער — דיזע רעוואָלוציאָן

האָט אויך אריינגעטריעבען אין דער בערזע מאסען נייע קאפּיטאַלען. דיא עקאָנאָמישע ענדערונגען, וועלכע דיזע גרויסע פּאָליטישע איבערקעהרענים האָט ארויסגערופען, זיינען דורך דעם נאָך גרעסער געוואָרען.

דיא פערמיטלערס צווישען דיזע טויטע אוצרות פון מיטעל־אַלטער און דיא בערזע זיינען אַ געוויסע צייט, בעזאָנדערס צו ענדע פון 18טען און אין אנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט, מייסטענס געוועזן אידישע באנקירען; אבער קיינעם פון זיי, אָבוואָהל איי‌ניגע זיינען געוועזן זעהר געשייטע און פעהיגע פינאַנסיסטען, איז ניט געלונגען ארויסצוטרעטען מיט אזא ריעזיגען פרעמדען קאפּיטאַל, וויא מאיר אמשעל. דארום האָט אויך קיינער פון זיי ניט געקענט דערגרייכען צו אזעלכע רעזולטאטען און האָבען אזא אונגעהויערען ערפאָלג, וויא ער.

דיא מלחמות, וועלכע האָבען זיך געצויגען זייט דעם אָנפאנג פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן אין 1789 ביז דעם וויענער קאָנגרעס אין 1814 און האָבען איינגעשלונגען מיליאָנען מענשען און מיליארדען געלד, האָבען געצוואונגען דיא רעגירונגען צו מאכען הלואות וואו נור זיי האָבען געקענט. מאיר אמשעל, וועלכער האָט גוט פערשטאנען, אז אזעלכע הלואות זיינען דיא בעסטע און זיכערסטע פינאנציעלע אָפּעראציאָנען, האָט זיך אָבגעגעבען ספּע־ציעל אויסצוהעלפען דיא מלכים מיט דעם העססענער גראף׳ס מיל־ליאָנען און מיט אנדערע סומען, וועלכע ער האָט געקראָגען ביי אנדערע פּריצים. אין זיינע הענד האָט שוין קיין גראָשען ניט גערדרע־מעלט. ער איז אָבער געוועזן זעהר פּאָרזיכטיג, ווען ער פלעגט מאכען אַ׳ן הלואה. דערביי האָט ער זיך נאַטירליך געלאָזט גוט בעצאָהלען. אויסער אַ קאָמיסיאָן, וועלכע האָט אָפט דערגרייכט ביז אנדערט־האלבען פּראָצענט, פלעגט ער נאָך נעהמען ניט ווייניגער וויא 6 פּראָ־צענט יעהרליך אויף׳ן געבאָרגטען קאפּיטאַל. פון יעדען מיליאָן פלעגט ער אזוי „מאכען“ יעהרליך ניט ווייניגער וויא 60 טויזענד.

ווען ער האָט אָנגעפאנגען צו באָרגען געלד דירעקט צו רעגיע־רונגען, ווייס מען ניט גענוי, נאָר זיכער איז עס, אז דורך דעם האָט

ער ניט נור „געבארען" א סך נייע מיליאָנען, זאָנדערן האָט אויך געלעגט דעם פונדאמענט פון דער געוואלדיגער פינאנציעל־פאָליטי־שער מאכט, מיט וועלכער זיינע זיהן האָבען זיך גלענצענד און וואונדערבאר אויסגענוצט. פון דיא ערשטע אָפעראציאָנען האָט דאָס פובליקום כמעט גאָר ניט געוואוסט. דיא פערהאנדלונגען פלעגען געפיהרט ווערען אונטער געשלאָסענע טהירען אין זיין הויז מיט דעם רויטען שילד. אויב ער האָט איבערגעלאָזען ביכער, וואו זיינע פינאנציעלע אָפעראציאָנען זיינען פערצייכענט געוואָרען, ליעגען זיי ביי זיינע יורשים, וועלכע האלטען זיי אין גרוים געהיים. ביז יעצט האָט מען ביי דיא ראָטהשילד'ס קיין שום אויסקונפט ניט געקענט קריעגען וועגען דיזע אָפעראציאָנען, וועלכע האָבען אויך א היסטאָרישען ווערטה, ווייל זיי זיינען אויך פערבונדען מיט דעם קאמפף פון אלע מלכים געגען נאפאלעאָן.

מאיר אמשעל האָט ביז זיין טויט אין 1812 געוואָהנט אין דער אלטער הויז פון זיין פאטער, נאָר ער האָט געהאט געשיקטע אגענטען, זיינע געזאנדטע, אין דיא גרעסטע שטעדט פון אייראָפא. דיזע אגענטען האָט ער אבער געהאלטען ניט דערצו, אז זיי זאָלען פיהרען פאר איהם געשעפטען, נאָר אום צו קריעגען נאכריכטען פון דיא ערשטע און זיכערע קוועלען. אין זיינע פינאנציעלע אָפעראַ־ציאָנען האָט ער קיינעם ניט צוגעלאָזען זיך אריינצומישען. ער פלעגט אלעמען אליין אויסהערען און דורכקוקען אלע רעכנונגען. ער האָט פיינט געהאט פערמיטלערס און האָט זיך אויף קיינעם ניט פערלאָזען אין זיינע געשעפטען, דען ער האָט איבערהויפט ווייניג צוטרויען געהאט צו מענשען. געאַרבייט האָט ער אונערמיעדליך אפילו ווען ער איז קראנק געווען. זיין ענערגיע און פליים פלעגען יעדען וואונדערען. אויף דער פראגע, ווארום ער האוועט אזוי, ווען ער האָט שוין אָנגעזאמעלט אפילו פאר זיינע אור־איינ יקלעך, האָט ער קורץ און איינפאך געענטפערט : „יעדער דארף טהון זיין זאך, איך טהו מיינע."

אין זיין הויז פלעגען זיך יעדען טאָג שטופען מאסען מענשען. ניט זעלטען פלעגען זיך דאָרטען אָבשטעלען קארעטען פון מיניס־

טערם און פּרינצען. ער פלעגט יעדען אויסהערען פּערזענליך אָהן צערעמאָניעס. אין זיין בענעהמען זיך איז ער געבליבען אזוי פּראָסט, וויא ווען ער איז נאָך ארוים פון דער ישיבה. ווער עס האָט נור געוואָלט האָט איהם געקענט זעהען און מיט איהם ריידען, נאַטירליך ווענען געשעפטען. אַנדערע זאַכען האָט ער ניט פער־שטאַנען און אויך ניט געוואָלט פערשטעהן.

אין אַלגעמיין האָט ער זיך געפיהרט וויא א טרייער אידישער פאַמיליען־פאטער. ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט זיינע פינף זיהן און צאהלרייכע אייניקלעך מערקווירדיג איינפאַך.

אויף דער עלטער האָט ער זיך גענומען א ביסעלע צו צדקה. זיין געוואָהנהייט איז געווען צו געבען א נדבה יעדען אָרימאַן, וואָס ער פלעגט טרעפען אין גאַס אין דער צייט, ווען ער פלעגט נאָך מיטאג ארויסגעהן שפּאַציערען, מייסטענס אבער דיא זעלבע גאַסען. נאַטירליך, דיא אָרימע לייט פלעגען איהם נאָכלויפען, און ער איז דורך דעם זעהר בעליעבט געוואָרען פון זיינע אָרימע ברידער אין דער געהעטאָ.

ער האָט זיי אויך פּאָליטיש געהאָלפען. אזוי וויא ער האָט נאַטירליך געהאט א גרויסע דעה ביי דעם לאַנדגראַף, האָט ער אויסגעפיהרט, אז מען זאָל דיא פראַנקפורטער אידען בעוויליגען גלייכע פּאָליטישע רעכטע. דערביי האָט ער אויך געהאַנדעלט אזוי פּאָרזיכטיג וויא אין זיינע באַנקיר־געשעפטען. ער איז ניט געקראָכען צום לאַנדגראַף מיט ביטעס פאר אידען און האָט איבער־הויפּט ניט געזוכט צו שפּיעלען דיא ראָלע פון א מליץ יושר; נאָר ער פלעגט ניט פערפעהלען צו בענוצען זיך מיט אַ גינסטיגער געלעגענהייט צו זאָגען אַ גוט וואָרט און צו פערטהיידיגען זיינע ברידער.

ער איז געווען אַ פרומער איד און האָט זיין הויז געפיהרט אָרטהאָדאָקסיש גראַדע אזוי וויא זיין פאטער. נאָר מיט אידישע קהל'שע אַנגעלעגענהייטען האָט ער זיך אזוי ווייניג אָבגעגעבען וויא זיינע זיהן, וועלכע זיינען אייגענטליך געבליבען אידען, ווייל זיי

זיינען אזוי געבאָרען געוואָרען און האָבען פערשפּראָכען זייער פאטער אויף דער שטערבע־בעט זיך ניט צו טויפען.

פאר'ן טוידט האָט ער צוזאמענגערופען אלע זיינע זיהן און האָט זיי אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלען בלייבען טריי דער אידישער רעליגיאָן, האנדלען צוזאמען און קיין זאך ניט אונטערנעהמען, ניט אָנפרעגענדיג פריהער זייער מוטער. „האלט זיך אָן דעם, האָט ער צו זיי געזאָגט, און איהר וועט ווערען דיא רייכסטע צווישען דיא רייכע." מען בעהויפּטעט, אז דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער. זיינע זיהן האָבען יעדענפאלס היילג געהאלטען זיין לעצטען וואונש און זיינען טאקע אין א קורצער צייט געוואָרען דיא רייכסטע צווישען רייכע.

❧ ❧ ❧

3.

דיא מוטער פון בערזען־נאפאלעאָנען.

מאיר אמשעל׳ס פינף זיהן האָבען זיך צושפרייט אויף דער וועלט, אבער זיי האָבען זיך ניט אָבגעטהיילט און צושיידעט. זיי האָבען נאָר אויסגעקליבען בעזאָנדערע צענטערס פיר זייער טהעטיגקייט, אום בעסער צו קאָנטראָלירען דיא בערזע און דורך דעם צו בעהערשען דיא פינאנץ־וועלט. זיי האָבען צווישען זיך צוטהיילט אויראָפא, און געמיינשאפטליך איהר צו האַלטען אין זייערע „גאָלדענע" הענד. דער עלטסטער, אנסעלם, איז פערבליעבען אין דייטשלאנד, אין זיין פאטער׳ס געבורטס־שטאדט, שלמה האָט אויסגעקליבען וויען, נתן—לאָנדאָן, קארל—נעאפעל, יעקב—פאריז.

אין דער אַלטער געהעטאָ־הויז איז נאָר פערבליעבען זייער מוטער גדולה, וועלכע האָט איבערגעלעבט איהר מאַן 37 יאהר. זיא איז געשטאָרבען אין 1849, ווען זיא איז אַלט געווען 96 יאהר. זיא האָט אויף קיין פאל ניט געוואָלט פערלאָזען דיא אַלטע הויז, וויא פיעל איהרע קינדער האָבען עס איהר ניט געבעטען, און וויא פיעל דיא דאָקטוירים האָבען עס איהר ניט געראטהען צו טהון. זיא האָט זיך איינגעגלויבט, אז דיא הויז איז מזל׳דיג און אַז זיא מוז אין איהר שטאַרבען. זיא האָט געציטערט, דאָס ווען זיא וועט ארויסציהען, וועלען זיך דאָרט אַריינכאַפּען שדים און ברענגען אונגליק אויף איהרע קינדער. אויך איז זיא געווען שטאַרק צוגעבונדען צו דער הויז, וואו זיא האָט פערבראַכט איהרע בעסטע און גליקליכסטע יאהרען און וואו זיא האָט געזעהן, וויא איהר מאַן איז געוואָרען, קען מען זאָגען, א וועלט־מאַכט.

זאָ לאנג זיא האָט געלעבט, פלעגען זיך איהרע זיהן צוזאַמענפאָהרען, אום צו בעשפּרעכען וויכטיגע אנגעלעגענהייטען אין איהר אַנוועזענהייט, וויא זייער פאטער האָט עס זיי אָנגעזאגט פאַר זיין טויט. זיא פלעגט זיך ניט מישען אין זייערע פערהאַנדלונגען און שטרייטען; נאָר ווען זיא פלעגט זעהען, אַז זיי צוהיצען זיך און נעהמען זיך קריעגען, פלעגט זיא זיי דערמאָהנען אָן דער צואה פון

דעם פאטער, אז זיי זאָלען האַנדלען צוזאמען און בלייבען טריי
דעם אידישען גלויבען. דאָס פֿלעגט אויף זיי שטארקער ווירקען
וויא דיא בעסטע עצות. עס קען זיין, אַז צוליעב דעם האָט עס
מאיר אמשעל זיי אָנגעזאָגט אָנצופרעגען זייער מוטער אין אלע
זייערע אונטערנעהמונגען. זיא האָט זיך געפֿיהרט וויא אַ פֿראָסטע
אידענע און האָט געלעבט זעהר איינפֿאַך. היינריך היינע שרייבט
וועגען דיזע גדולה און איהר הויז אזוי — „דאָ, אין דער אַלטער
קליינער הויז לעבט אַ ווירדיגע פֿרוי, וועלכע האָט געבאָרען אַזוי פֿיעל
נאַפֿאָלעאָנען פֿון דער בערזע. זיא דיא גרויסע מוטער פֿון מיליאָנען־
הלוואות, ניט אַכטענדיג אויף דיא אַלוועלטליכע מאַכט פֿון איהרע
קעניגליכע זיהן, וויל דאָך אויף קיין פֿאַל ניט פֿערלאָזען איהר קליי־
נעם, אבער טהייערען אָרט אויף דער יודענשטראַסע. היינט האָט
זיא צוליעב חנוכה בעפֿוצט דיא פֿענסטער מיט ווייסע פֿאָרהאַנגען.
וויא געמיטהליך עס ברענען דיא ליכט, וועלכע דיא אַלטעטשקע האָט
אָנגעצונדען מיט איהרע ציטערנדע הענד צום אַנדענקען פֿון דעם
טאג, ווען יהודה המכבי מיט זיינע העלדישע ברידער האָבען
בעפֿרייט זייער פֿאטערלאַנד“...

* * *

נאטהאן ראָטהשילד אין לאָנדאָן.

פון דיא פינף זיהן איז דער גרעסטער און פעהיגסטער פינאַנ־סיסט געוועזן נאטהאַן (נתן) ראָטהשילד, דער גרינדער פון דער לאָנדאָנער קאנטאָר, דער זיידע פון דעם יעצטיגען פינאַנץ־קעניג לאָרד נאַטהאַניעל ראָטהשילד. ער האָט גע'ירש'ענט דיא גרויסע פעהיגקייטען פון זיין פאטער און דערצו נאָך האָט ער אויך געקענט ריזיקירען אין וויכטיגע מאָמענטען. ער איז דער אינטערעסאַנטעס־טער פון אלע ראָטהשילדען און אויך אַ מערקווירדיגער טיפּ פון א גרויסען בערזען־ספּעקולאַנט. מיר וועלען דארום צוערשט בעשריי־בען אין קורצען זיין לעבען און טהעטיגקייט.

ער אַליין האָט אזוי דערצעהלט וועגען דעם אָנפאנג פון זיין פינאַנציעלע קאריערע: „אין מיין פאטער'ס הויז האָב איך געהאט אויפצופאַסען אויף ענגלישע סחורות. אין 1798 איז צו אונז אין פראַנקפורט געקומען א גרויסער ענגלישער סוחר, וועלכער האָט בעהערשט דעם בוימוואָל־מארקעט. איך האָב איהם מיט עפּעס בעליידיגט, און ער האָט זיך אָבגעזאָגט מיר צו צייגען סעמפּעלס (מוסטערס). דאָס, געדענק איך, האָט געטראָפען א דיענסטאג. דאן האָב איך געזאָגט צו מיין פאטער: „איך פאָהר נאָך ענגלאנד". איך האָב ניט געקענט רעדען אירגענד וועלכע שפּראַך אויסער דייטש. דעם צווייטען טאָג, דאָנערשטאג, בין איך שוין געוועזן אין וועג. וואָס נעהנטער איך בין צוגעקומען צו ענגלאנד, אלץ ביליגער זיינען געוועזן ענגלישע סחורות. ווען איך בין אָנגעקומען אין מאַנטשעסטער, האָב איך בענוצט דאָס געלד, וואָס איך האָב מיטגענומען, אויף אָנקויפען פערשידענע סחורות, וועלכע זיינען געוועזן זעהר ביליג און וועלכע איך האָב נאכהער פערקויפט מיט אַ זעהר גוטען פּראָפיט. באלד האָב איך זיך ארומגעזעהען, אז מען קען פערדיענען אויף דריי זאכען מיט אַ מאָל: אויף בוימוואָל, פארבען און דיא פאַבריקאַציאָן. דארום האָב איך געזאָגט צום פאַבריקאַנט: „איך וועל אייך צושטעלען בוימוואָל און פארבען און

איהר וועט מיר ליפערן אייערע פאבריצירטע ארטיקלען". צוליעב דעם האָב איך ניט נאָר געקאנט מאכען א סך געלד ביי יעדען מסחר, זאָנדערן בין נאָך אין שטאנד געווען צו פערקויפען ביליגער פאר יעדען אנדערן. אין א גאנץ קורצער צייט האָב איך אזוי אומגע־וואנדעלט מיינע 20 טויזענד פונט סטערלינג אין 60 טויזענד. מיין גאנצער ערפאָלג איז בעגרינדעט געוואָרען אויף פאָלגענדער רעגעל: „איך קען אויספיהרען אַלעס, וואָס א'ן אנדערער קען טהון, און דארום וועל איך קאָנקורירען מיט דעם סוחר, וואָס האָט מיר ניט געוואָלט צייגען זיינע מוסטערס, און מיט אירגענד וועלכען פאבריקאנט".

איהם איז דאַן געוואָרען א יאהר 24. מעהר וויא דיא געשעפ־טען פון זיין פאטער האָט ער ניט געלערנט. מאיר אמשעל האָט אַליין ניט געהאלטען פון וויסענשאַפטען און קונסט, אויסער דיא קונסט צו מאכען געלד, און האָט אויך זיינע זיהן ערצויגען אויף זיין וועג. אויסער א ביסעל אידיש און דייטש האָבען זיי גאָר ניט געקענט. מאיר אמשעל האָט קיינמאָל ניט געלעזען א בוך איבער אירגענד וועלכע פראגע, אפילו ניט איבער פינאַנצען, און האָט אויך איינגעפלאנצט אין זיינע זיהן א פעראַכטונג צו ביכער און איבערהויפט צו לערנונג. דערפאר האָט ער זיך גע־סטאַרעט, אז זיי זאָלען דורכמאַכען זיין שולע און ווערען דורכגעריעבענע געשעפטסלייט. אין דעם האָט ער אזוי פיעל ערפאָלג געהאט, אז די שילער האָבען איבערגעשטיגען דעם רבי'ן. ווען נאַטהאַן איז אלט געווען 12 יאהר, האָט איהם זיין פאטער שוין אנפערטרויט געוויסע געשעפטען, וועלכע האָבען געפאָדערט גרויסע פאָרזיכט און געשיקטקייט. דער צוקינפטיגער וועלט־ספעקולאנט האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעצייכענט, זאָ דאָס ווען איהם איז געוואָרען 18 יאהר, איז ער שוין געווען דער פער־וואַלטער פון דעם האנדעל מיט ענגלאנד.

דער פאַל מיט זיין ערשטע רייזע נאָך ענגלאנד כאַראַקטעריזירט איהם זעהר גוט. ער האָט דערביי ארויסגעוויזען דיא פעהיגקייטען, וועלכע האָבען איהם שפעטער געמאַכט פאר דעם הערשער איבער דער

לאַנדאָנער בערזע, נעמליך: שנעלקייט צו פאַסען אַ בעשלוס, פאָל־קאָמענע זיכערהייט אין זיך זעלבסט, ריזיקע אויף אַ בערעכענטען וועג און פיעבערהאַפטע טהעטיגקייט. אין זיין שטרעבונג בייצו־קומען אַלע קאָנקורענטען האָט ער זיך אם וועניגסטען געקימערט וועגען מאָראַל און מענשליכקייט, אַבוואָהל ער האָט אייגענטליך קיינע שווינדעל בעגאנגען — דאָס הייסט שווינדעל וועלכע ווערען אנערקענט אַלס אזעלכע אין דער געשעפטס־וועלט. ער האָט געקוקט אויף דיא געפאַלענע אין דיא בערזען־שלאַכטען, אויף דיא רואיניר־טע, גלייכגילטיג און מיט פעראַכטונג, עפּעס אזוי וויא ער וואָלט זיי גאָר ניט גערעכענט פאַר מענשען.

„איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט און וועל קיינמאָל ניט האָבען אירגענד וועלכע געשעפטען מיט מענשען, וועלכע עס געהט ניט: ווען זיי קענען ניט פיהרען זייערע געשעפטען, טאָ צו וואָס טויגען זיי מיר?" דאָס איז געוועזען איינע פון זיינע שטרענגסטע רעגעלן אין זיינע בעציהונגען צו מענשען און דאָס צייגט, פון וואָס פאַר אַ האַרטע טייג ער איז געקנאָטען געוואָרען. האָסט קיין ערפאָלג ניט אין לעבען — אַרונטער פון מאַרק! דו ביזט אַ קבצן — געה אין דר'ערד אריין! עס מאַכט ניט אויס, צוליעב וועלכע אורזאַכען דו האָסט קיין ערפאָלג געהאַט, ווארום דו ביזט געבליעבען אַ'ן אָרימאַן.
נאַטהאַן ראָטשילד האָט גאָר ניט געטראַכט וועגען דעם, וויא עס טראַכטען ניט אַלע אַנדערע געלד־מאַכערס, וועלכע שעצען אַ מענשען נאָר אויף אזוי פיעל, וויא פיעל ער איז ווערטה אויפ'ן געלד־מאַרקעט, וויא ווייט זיין קרעדיט דערגרייכט.

דאָס איז דיא פילאָזאָפיע פון דער געלד־אַריסטאָקראַטיע און איבערהויפּט פון דער גאַנצער בורזשואזער געזעלשאַפט, נאָר ניט אַלע זיינען אָפענהערציג גענוג דאָס אַזוי גראָב און ציניש אַרויס־צוזאָגען, וויא אַ נאַטהאַן ראָטהשילד, פאַר וועמען געלד איז געוועזען דער העכסטער ציעל אין לעבען.

דיא צייט איז גראַדע געוועזען דיא בעסטע צו מאַכען געלד דורך געשיקטע ספּעקולאַציאָנען אויף דער בערזע. נאַטהאַן ראָטה־שילד איז געוועזען דער ריכטיגער מאַן אין דער ריכטיגער צייט און

אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ. אָהן דיא נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און אָהן דיא לאָנדאָנער בערזע וואָלט ער מיט אַלע זיינע פעהיגקייטען, אפילו מיט דער הילפע פון דעם העססענער לאַנדגראַף'ס מיליאָנען, ניט געקענט אזוי שנעל מאַכען אזוי פיעל מיליאָנען. דער אָנפאַנג פון 19טען יאהרהונדערט איז אויך געוועזן דער אָנפאַנג פון א'ן אינדוסטריעלע אויפבליהונג. דאַן האָט מען געקראָגען אזא מעכטיגע וואפע אין דער פאַבריקאַציאָן וויא דיא דאַמפּף־מאַשין. דיא אינדוסטריע און דער האַנדעל פון ענגלאַנד זיינען ריעזיג געוואַקסען טראָטץ דיא מלחמות מיט דער פראַנצויזישער רעפּובליק און מיט נאַפּאָלעאָנען. לאָנדאָן איז געוועזן ניט נאָר דער צענטער פון דער האַנדעלסוועלט, אזוי וויא יעצט, זאָנדערן אויך פון דיא לאַנגע און קאָסטבארע מלחמות מיט נאַפּאָלעאָנען. געשייטע באַנקירען האָבען זיך בענוצט דערמיט צו באָרגען דיא רעגיערונגען געלד פאַר דיא מלחמות, רעכענענדיג הויכע פּראָצענטען, און אין דערזעלבער צייט צו ספּעקולירען אויף דיא רעזולטאַטען פון דיא שלאַכטען, וועלכע האָבען אָפט ענטשיידעט דעם שיקזאַל פון עטליכע מלוכות.

פאַר נאַטהאַן ראָטהשילד האָט זיך אזוי געעפענט א ריעזיגער פעלד צו ספּעקולירען, און ער איז שנעל געוואָרען דער נאַפּאָלעאָן פון דער לאָנדאָנער בערזע. ער איז געשטאַנען וויא א גענעראַל אויף א שלאַכט לעבען איינעם פון דיא זיילען פון דער בערזען־געביידע, און אַלע ספּעקולאַנטען האָבען מיט אַנגסט געקוקט אויף איהם, זוכענדיג עפּעס אַן אָנווייזונג וויא דער ווינד בלאָזט, וויא זיי דאַרפען שפּיעלען. נאָר זיי האָבען אומזיסט געקוקט — זעלטען ווען זיין געזיכט האָט איהם ארויסגעגעבען.

דיזער בערזען־נאַפּאָלעאָן האָט אונערמיעדליך געאַרבייט געגען דעם קריעגס־נאַפּאָלעאָן. זיין פאַטער האָט אונטערשטיצט, וויא מיר ווייסען עס שוין, דיא מלכים געגען נאַפּאָלעאָנען. מאיר אמשעל האָט געהאַט א וויטען און טיעפען בליק אין דיא פּאָליטישע פערהעלטניסע פון זיין צייט און האָט פאָראויסגעזעהן נאַפּאָלעאָן'ס פאַל. אין דער צייט ווען נאַפּאָלעאָן האָט דערגרייכט דיא העכסטע שטופע פון זיין גדולה און מאַכט, ווען אייראָפּא איז געלעגען צו זיינע פיס,

ווען ער האָט געשאַפען און אָבגעשאַפען קעניגע און געבאַקען נייע מלוכות — אין דער צייט האָט דער גרויסער געלד־הענדלער פון דער פראַנקפורטער יודענשטראַסע געזאָגט : „דיא אַקציען פון קייזער שטעהען אַ סך ניעדריגער וויא מען צאָהלט פאַר זיי". זיין זוהן האָט זיך ניט בענוגענט מיט שטיצען נאַפּאָלעאָנס געגנער, ער האָט אויך דירעקט ספּעקולירט אויף נאַפּאָלעאָנס פאַל. דאָס האָט ער ניט געטאָן אוים ליעבע צו ענגלאַנד, וואו ער האָט זיך בעזעצט אויף שטענדיג — ער האָט אפילו ניט געוואוסט מיט וואָס פּאַטריאָ־טיזמוס שמעקט, איבערהויפּט זיינע אידען און הויכע שטרעבונגען געווען ווייט פון איהם — אבער, ספּעקולירענדיג אויף דער לאָנדאָנער בערזע, האָט ער זיך אַלץ מעהר איבערצייגט, אַז נאַפּאָלעאָן מוז שליסליך פערליערען און ענגלאַנד מוז זיעגען. וויא נאָר ער איז געקומען צו דיזער איבערצייגונג, האָט ער זיך שוין ניט געוואָרפען אהין און אהער און האָט ענערגיש אונטערשטיצט ענגלאַנד, מאַכענ־דיג שטענדיג דערביי מיליאָנען.

וויא ער האָט איין מאָל אליין דערצעהלט, ווען ער איז געווען אין אַ גוטען מוטה, איז איינע פון זיינע ערשטע גרויסע אָפּעראַציאָ־נען אין לאָנדאָן געווען פאָלגענדע : „אַ קורצע צייט נאכדעם, וויא איך האָב געגריינדעט מיין פירמע אין לאָנדאָן, האָב איך צונויפגע־קויפט אַלע וועקסלען פון הערצאָג וועלינגטאָן, וועלכע האָבען כמעט גאָר ניט געקאָסט. אבער איך האָב געוואוסט, אַז ענגלאַנד וועט בעצאָהלען פאַר זיי, ווען זייער איינציגער פעהיגער גענעראַל וועט זיעגען. נאָך דער שלאַכט ביי וואַטערלאָ האָב איך טאַקע געקראָגען פאַר זיי ביז דעם לעצטען גראָשען."

„א'ן אנדערס מאָל, האָט ער דערצעהלט, האָב איך זיך דער־וואוסט, אַז דיא אָסט־איידישע קאָמפּאַניע האָט צו פערקויפען 800 טויזענד פונט שטערלינג אין גאָלד, און איך האָב עס גלייך געקויפט. איך האָב דאָן אויך געוואוסט, אַז הערצאָג וועלינגטאָן'ס אַרמעע אין פּאָרטוגאַל נויטיגט זיך זעהר אין באַארעס געלד און אַז איך וועל דורך דעם מאַכען אַ גוט געשעפט. מיין רעכנונג איז געווען אַ ריכטיגע. ווען דיא ענגלישע רעגיערונג האָט זיך דערוואוסט

פון מיין מסחר, האָט זיא געשיקט נאָך מיר און פערלאַנגט איך זאָל איהר אָבטרעטען דאָס גאָלד. איך האָב עס געטאָן, אבער קיינער האָט ניט געוואוסט, וויא אַזוי איך האָב עס טראַנספּאָרטירט נאָך פּאָרטוגאַל. איך האָב דיא גאַנצע סומע איינפאַך געשיקט דורך פראַנקרייך!... דאָס איז געווען מיין בעסטע און קונציגסטע אָפּעראַציאָן."

מען האָט בעהויפּטעט, אַז ביי דיזער אָפּעראַציאָן האָט ער געמאַכט ביז א מיליאָן טהאַלער; אבער דערביי האָט ער דאָך ריזיקירט מיט 800 טויזענד פונט שטערלינג, דען עס איז איבריג צו זאָגען, אַז דיא פראַנצויזען וואָלטען מיטביידע הענד צוגעכאַפּט דאָס געלד, ווען זיי וואָלטען נור געהאַט דיא קלענסטע אהנונג, אַז אימיצער ווערט וואַגען צו שיקען שטיצע דער ענגלישער אַרמעע דורך זייער לאַנד. דורך דיזען קונץ האָט נאַטהאַן ראָטהשילד געקראָגען חן אין דיא אויגען פון דיא ענגלישע מיניסטערס, און דאָס האָט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט צו בעקומען פון זיי פריהער פון אַנדערע אַזעלכע נאַכריכטען, וועלכע האָבען איהם געדיענט אָדער געקענט העלפען אין זיינע ספּעקולאַציאָנען אויף דער בערזע. יעדע וויכטיגע נאַכריכט, וועלכע עס פלעגט איהם געלינגען צו ערהאַלטען כאָטש מיט עטליכע שטונדען פריהער פאַר אַנדערע בערזען־ספּעקו־לאַנטען, פלעגט איהם רייכער מאַכען מיט טויזענדער פונטען. דער צופאַל האָט איהם דערביי נאָך אַזוי מערקווירדיג געהאָלפען, דאָס אין פינף יאָהר האָט ער פערגרעסערט זיין קאַפּיטאַל 2500 מאָל! קיינער פון דיא גרעסטע ספּעקולאַנטען אין יענער צייט האָט ניט בעוויעזען אַזא קונץ.

איהם איז דאַן געווען 30 יאהר. ער איז שוין געווען א גרויסער מיליאָנער אויף זיין אייגענער רעכנונג. דיא מיליאָנען פון דעם העססענער לאַנדגראַף האָבען איהם פערהעלטניסמעסיג ווייניג געהאָלפען אין זיינע אייגענע ספּעקולאַציאָנען. ער האָט אַליין דערצעהלט, אַז איין מאָל האָט ער געקראָגען 600 פונט שטערלינג פון דעם געלד, וואָס דער לאַנדגראַף האָט אַנפערטרויט זיין פאַטער. „איך האָב זיי גלייך געלאָזען אין גאַנג אַזוי גוט, אַז דער לאַנדגראַף

האָט מיר געשאָנקען זיין וויין און וועש", האָט ער זיך מודה געווען.

וועגען זיינע איינפעלע און קונציגע ספעקולאציאָנען דערצעהלט מען לעגענדען. מיר וועלען דאָ איבערגעבען נאָר איינע פון דיא וויכטיגסטע, וועלכע איז היסטאָריש ריכטיג און כאראקטעריזירט איהם אַם בעסטען.

עס איז געווען דיא רעכטע צייט, ווען דער שיקזאל פון פיעלע מלוכות, פון גאַנץ אייראָפּאַ קען מען זאָגען, איז אָבהענגיג געווען פון איין שלאכט; ווען אַלע האָבען געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון דער בעריהמטער וואַטערלאָאָ-שלאַכט, אין וועלכער נאַפּאָלעאָן האָט געשטעלט זיינע לעצטע קרעפטע אין קאָן. נאָך מיט אַ פּאָר יאהר פריהער האָט נאַטהאַן ראָטהשילד איינגעפיהרט זיין אייגענע פּאָסט צו קריגען שנעלער אין ענגלאנד זיכערע נאַכריכטען פון קאָנטינענט, בעזאָנדערס פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד. דיא נאַכריכטען וואָס ער פלעגט בעקומען פון דיא ענגלישע מיניסטאָרען, אָפט דער ערשטער, זיינען געווען גענוג פאר איהם. ער האָט אָרגאַניזירט אַ'ן אייגענעם סיסטעם, געדונגען אייגענע עסטאַפּעטען און שיפען, זאָ דאָס ער פלעגט ניט זעלטען קריעגען נייעס פאר דער רעגיערונג. אין יענער צייט, ווען מען האָט נאָך ניט געוואוסט פון טעלעגראַפען, האָט מען אָפט ניט געקענט קריעגען דיא וויכטיגסטע נאַכריכטען צוליעב, צום ביישפּיעל, אַ שטורם אויפ'ן ים. פון איין פּאָסט ביז דער אַנדערער האָבען אַזוי געקענט פאַראיבערגעהע, טעג. דער וואָס פלעגט קריעגען פריהער אַ נאַכריכט, האָט געקענט זיכער זיין וועניגסטענס עטליכע שטונדען, אַז קיינער וועט עס ביי איהם ניט אויסכאַפּען.

נאַטהאַן ראָטהשילד האָט געהאַט אַגענטען און קאָררעספּאָנדענטען, וועלכע פלעגען נאַכפאָלגען דיא אַרמעען און איהם גלייך מעלדען אַלע וויכטיגע פּאַסירונגען, וועלכע ער פלעגט קונציג בענוצען אין זיינע ספעקולאַציאָנען אויף דער בערזע. ער האָט אויך איינגעפיהרט אַ טויבען-פּאָסט, אום ניט נאָר צו זיין אונאַבהענגיג פון שיפען, זאָנדערן אויך שנעלער קריעגען נייעס אין ענגלאַנד. נאַטירליך, דאָס האָט איהם געקאָסט אַ סך געלד; אבער ביי איין

געלונגענער ספעקולאציאָן פלעגט ער כפל כפלים אויסשלאָגען אַלע זיינע הוצאות. אויף דיזער וויזע האָט ער געקענט אָנזאָגען דער ענגלישער רעגיערונג וועגען נאפאָלעאָן'ס ניעדערלאגע און וועגען דיא רעוואָלוציאָן אין פאריז אין יולי 1830.

צוליעב דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער געוואוסט אין ענג־לאַנד וועגען דעם רעזולטאט פון דער שלאכט ביי וואטערלאָאָ, האָט ער אין איין טאָג געמאכט עטליכע מיליאָן פונט סטערלינג. וויא אַזוי אבער ער האָט געקענט קריעגען אזא נאכריכט נאָך פריהער פאר דער ענגלישער רעגיערונג? אָט וויא ער האָט בעוויזען דיזען קונץ און וויא ער האָט זיך בענוצט דערמיט:

ווען נאפאָלעאָן איז אַנטלאָפען פון אינזעל עלבא און איז אויפ־גענומען געוואָרען מיט פריידע אין פראנקרייך, איז דאָס געווען אויך אַ ביטערער קלאפ פאר דעם נאפאָלעאָן פון דער לאָנדאָנער בערזע. נאטהאָן ראָטהשילד האָט, וויא מיר וויסען עס שוין, שטענדיג שפעקולירט אויף נאפאָלעאָן'ס פאל. זיין גלויבען אין דעם שליסלי־כען זיעג פון ענגלאנד האָט איהם אויף אַ מינוט ניט פערלאָזען אפילו, ווען נאפאָלעאָן איז ווידער געוואָרען קייזער. נאָר יעצט, פיהלענדיג, אז זיין צוקונפט הענגט אויך אָב פון דער שלאכט ביי וואטערלאָאָ, האָט ער בעשלאָסען אליין אוועקצופאָהרען נאָך בעל־גיען, אום צו זיין ביי דער ענטשיידענדער שלאכט. ער האָט אין אזא וויכטיגען פאל מורא געהאט צו פערלאָזען זיך אין גאנצען אויף זיינע אַגענטען. וויא נאָר ער זיא אָנגעקומען אין בעלגיען, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער ענגלישער אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון הערצאָג וועלינגטאָן. ווען דיא בעריהמטע שלאכט לעבען וואטערלאָאָ האָט זיך אָנגעפאנגען, האָט ער אויסגעקליבען אַ'ן אָרט, פון וועלכען ער האָט געקענט בעטראכטען דעם גאנצען שלאכט־פעלד. ער איז געווען זעהר נערוועז, וואָס עס האָט מיט איהם זעלטען פאסירט, און האָט יעדע מינוט געפרעגט אַנדערע צוקוקערס, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אייניגע מיניסטערס, דיפלאָמאטען און גענעראלען, וואָס זיי דענקען וועגען דעם רעזולטאט פון דער שלאכט. אבער ווען ער האָט דערזעהן, אז דיא בעריהמטע פראנ־

צוויזישע גווארדיע, וועלכע איז ביז דאן געווען אונבעזיעגבאר, איז צוריקגעשטויסען געוואָרען פון דיא ענגלענדער, האָט ער שוין גאָר קיינעם ניט געפרעגט וועגען דעם רעזולטאט, זאָנדערן האָט גלייך פערלאָזען דעם שלאַכטפעלד און איז האַסטיג אוועקגעפאָהרען נאָך בריסעל. דער קריעגס־שטורם, דיא קנאַקערייַ פון דיא קאַנאָנען, דיא מאַסען געפאַלענע סאָלדאַטען האָבען איהם דיא גאַנצע צייט ניט אינטערעסירט. ער האָט נור איין אויג געהאַלטען איין זאַך: צו דערגעהן וואָס שנעלער דעם רעזולטאט פון דער שלאַכט און אויך וואָס שנעלער אָנקומען מיט דיא נייעס נאָך ענגלאנד. יעצט נאָך דער צוריקגעשטויסענער אַטאַקע פון נאַפּאָלעאָנס גווארדיע, איז ער געווען זיכער, אז דער זיעג איז אויף דער זייט פון דיא ענגלענדער, און מיט דיזער זיכערהייט האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן נאָך ענגלאנד. עס איז מעגליך, אז ווען דיא פּרייסען וואָלטען ניט אונטערגעקומען אין דער ריכטיגער מינוט צו העלפען דיא ענגלענדער, וואָלט נאָך אלעמען נאַפּאָלעאָן דאָך געזיעגט, נאָר נאַטהאַן ראָטהשילד האָט גראדע געטראָפען. זיין „גאָלדענער“ שטערן האָט איהם אויך דיזעס מאָל ניט פערלאָזען.“

פון בריסעל איז ער אוועק נאָך דעם פּאָרט אָסטענדע, וואו ער איז אָנגעקומען אין דער פריה זעהר אַ׳ן אויסגעמאַטערטער. אויפ׳ן ים האָט געשטורמט, און דיא פישערס האָבען מורא געהאט אריבער־צופאָהרען דעם לאַמאַנש. ניט אַכטענדיג אויף זיין אויסגעמאַטערט־קייט און אויף דעם שטורם, איז ער ארומגעלאָפען אין פּאָרט, זוכענ־דיג אַ מוטהיגען פישער, איהם גלייך אריבערצופיהרען נאָך ענגלאנד. ער האָט אַלץ געהעכערט דעם פּרייז, אום צו בעוועגען דיא פישערס צו ריזיקירען. ענדליך האָט ער געקראָגען איינעם, וועלכער האָט אונטערנומען איהם אריבערצופיהרען פאַר 2000 פראנק מיט דער בעדינגונג, אז דאָס געלד זאָל אויסגעצאָהלט ווערען צו זיין ווייב איידער מען וועט ארוים פון פּאָרט אין שטורמדיגען ים.

נאַטהאַן ראָטהשילד האָט דאָ וויעדער געהאט מזל. וויא נאָר דער פישער איז ארוים מיט זיין קליינער זעגעל־שיפעל אין ים, האָט דער שטורם אויפגעהערט, און עס האָט גראדע אָנגעפאַנגען

צו בלאָזען אַ ווינד צו דיא ברעגעס פון ענגלאַנד. דארום האָט ער דעם זעלבען אבענד געקענט אָנקומען אין דאָווער, וואו ער האָט זיך ניט ערלויבט צו רוהען אפילו א שטונדע. ער האָט גלייך גערונגען דעם בעסטען דיליזשאַנס, און דעם נעכסטען מאָרגען איז ער שוין געשטאַנען אין דער לאָנדאָנער בערזע אָנגעשפארט אָן דעם זייל, וואו ער פלעגט געוועהנליך מאַכען זיינע אָפּעראַציאָנען. קיינער האָט נאָך דאָן נישט געוואוסט וועגען דעם שיקזאל פון נאַפּאָלעאָן ביי דער וואַטערלאָא־שלאַכט.

דער נאַפּאָלעאָן פון דער לאָנדאָנער בערזע איז געשטאַנען מיט אַ זעהר פערזאָרגטען פּנים. ער האָט זיך געמאַכט, אז ער איז זעהר צוטראָגען און שרעקט זיך פאר עפּעס. אויף דער בערזע איז נאַטירליך גלייך בעקאַנט געוואָרען, אז ראָטהשילד האָט זיך אין איילענעס צוריקגעקעהרט פון קאָנטינענט און אז זיינע אגענטען פערקויפען אין איילענעס אַלע ווערטה־פּאַפּיערען. אייניגע האָבען דערפון געצויגען דעם שלוס, אז עפּעס אַ גרויסער אונגליק פאר ענגלאַנד האָט געטראָפען אויף דעם קאָנטינענט, און דיזע מיינונג האָט זיך שנעל פערשפּרייט, און אַלע ספּעקולאַנטען זיינען צומישט און איבערגעשראָקען געוואָרען, וויא דאָס טרעפט ניט זעלטען אויף דער בערזע, ווען מען ערווארטעט זעהר וויכטיגע נייעס. דערצו נאָך האָט נאַטהאַן ראָטהשילד איינעם איינגערוימט אַ סוד בלומרשט אַלס צייכען פון בעזאָנדערער פריינדשאַפט, אז גענעראַל בליכער איז בעזיעגט געוואָרען פון דיא פראַנצויזען, און אז הערצאָג וועלינג־טאָן וועט מיט זיין קליינער אַרמעע ניט זיין אין שטאַנד אָבצו־שטויסען נאַפּאָלעאָנ'ס זיעגרייכען מאַרש. ווען דיזער „סוד" איז בעקאַנט געוואָרען אויף דער בערזע, האָט זיך גלייך אָנגעפאַנגען אַ פּאַניקע, אַלע האָבען געגלויבט, אז נאַפּאָלעאָן האָט געזיעגט און וועט ווידער ווערען דער הערשער פון אייראָפּא, און דער רעזולטאַט איז געווען, אז אַלע ווערטה־פּאַפּיערען זיינען שטאַרק געפאַלען אין פּרייז.

נאָך דעם נעכסטען טאָג, ווען מען האָט זיך דערוואוסט דיא וואהרהייט, אז נאַפּאָלעאָן איז געשלאָגען און אז וועלינגטאָן האָט

נאָך גלענצענד געזיעגט, איז די פּאַניקע אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ווילדע פריידע. נאַטהאַן ראָטהשילד, וועלכער האָט געוואוסט, אז באַלד וועלען אָנקומען די נאַכריכטען פון דער רעגיערונג וועגען וועלינגטאָן'ס זיעג, האָט עס פערבאַפּט בעצייטענס און אַליין אָנגעזאָגט די ענגלענדער די פרעהליכע בשורה אויף דער בערזע. ער האָט בלויז געהאַלטען דיזע וויכטיגע נייעס פאַר זיך 24 שטונדען, אבער אין דיזער צייט האָט ער געמאַכט מיליאָנען. וויא נאָר ער האָט מיט אַ פרעהליכען טאָן, רייבענדיג די הענד פאַר שמחה, ארויסגעלאָזען דעם קלאַנג, אז וועלינגטאָן האָט געזיעגט, האָבען זיך אַלע ווערטה־פּאַפּיערען דערלאַנגט אַ הויב. די 24 שטונדען האָט ראָטהשילד איינפאַך אויסגענוצט אויף אַזאַ אופן: אין דער צייט ווען אייניגע פון זיינע אַגענטען האָבען אָפען פערקויפט פערשידענע ווערטה־פּאַפּיערען, אום צו פערקלענערן זייער פרייז, האָבען אַנדערע אַגענטען פיעל מעהר צוזאַמענגעקויפט אין דער שטיל נאָך די ניעדריגסטע פרייזען. אַזעלכע קונצען פּראַקטיצירט מען יעצט גאַנץ אָפט אויף די בערזען, אבער אין יענע צייטען איז דאָס געווען אַ זעלטענהייט און יעדענפאַלס האָט נאָך קיינער פריהער ניט געמאַכט דיזען קונץ אין אַזאַ גרויסער מאָס. אין איין טאָג, דורך די קינסטליכע ערנידערונג און נאַטירליכע הייבונג פון אַקציען, איז נאַטהאַן ראָטהשילד רייכער געוואָרען מיט וועניגסטענס 5 מיליאָן פראַנק.

ווען די איינצעלהייטען פון דיזען ווירקליך מערקווירדיגען בערזען־קונץ זיינען בעקאַנט געוואָרען, זיינען ראָטהשילד'ס איינפלוס און אויטאָריטעט נאָך פיעל גרעסער געוואָרען. אפילו די גרעסטע ספּעקולאַנטען האָבען איהם ניט ווילענדיג בעוואונדערט. אַלע האָבען איהם בלינד געגלויבט, איהם נאָכגעפאָלגט און נאָכגעטאַנצט וויא וויט זיי האָבען נאָר געקענט. זיין וואָרט איז געוואָרען אויף דער בערזע אַזוי וויא אַ הייליגע תורה. אַלע רעגיערונגען, וועלכע האָבען זיך גענויטיגט אין געלד, האָבען זיך מייסטענס געווענדעט צו איהם, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אז דורך זיין פערמיטלונג קענען זיי שנעלער און לייכטער אויספיהרען זייער

וואונש. ער האָט ניט אָבגעזאָגט צו באַרגען געלד אַ רעגיערונג, דען ער האָט גוט געוואוסט, אז דאָס זיינען דיא בעסטע און זיכערסטע פינאַנציעלע אָפּעראַציאָנען; אבער דערביי האָט ער שטענדיג געפאָדערט, אז אין לאַנד זאָל הערשען רוהע, אום נאָך זיכערער צו זיין מיט זיין געלד. רעוואָלוציאָנען און מרידות האָט ער זעהר פיינד געהאט. „פעלקער און דעמאָקראַטישע רעגירונגען טאָר מען ניט געטרויען אַ גראָשען", פלעגט ער זאָגען. מען דער־צעהלט, אז אַ מיניסטער פון דער נעאַפּאָליטאַנער מלוכה האָט פריהער געשיקט אויף קאַטאָרגע 500 פּאָליטישע געפאַנגענע איידער ער האָט זיך געווענדעט צום נאַפּאָלעאָן פון דער לאָנדאָנער בערזע נאָך אַ'ן הלואה. יעדענפאַלס איז עס זיכער, אז נאַטהאַן ראָטה־שילד האָט אויף דיזער ווייזע געהאט אַ'ן איינפלוס אויף דער אינער־ליכער פּאָליטיק אין פיעלע לענדער, און נעמליך: געגען ליבעראַ־ליזמוס און דיא אינטערעסען פון דיא פעלקער.

אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אויך אריינגעלאָזען אין פערשידענע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, וואו נאָר עס איז געוועזען אַ מעגליכקייט צו מאַכען געלד דורך ספּעקולאַציאָנען. בעזאָנדערס כאַראַקטעריסטיש איז זיין ספּעקולאַציאָן מיט דיא שפּאַנישע קוועקזילבער־מינען. ביז דיא ענטדעקונג פון דיא מינען אין קאַליפאָרניא פלעגט מען אין אייראָפּאַ קריגען קוועקזילבער פון דיא מינען אין אלמאַדען (שפּאַניען) און אינדריא (עסטרייך). אין 1831 האָט דיא שפּאַנישע רעגיערונג פערזעצט דיא אלמאַדענער מינען ביי ראָטהשילדען פאַר אַ'ן הלואה. ער האָט זיך גלייך בענוצט דערמיט צו פערדאָפּלען דעם פרייז פון קוועקזילבער. דיא ענגלענדער האָבען זיך דאַן געווענדעט צו דיא עסטרייכישע מינען; אבער ראָטהשילד איז געוועזען גיכער פאַר זיי. ער איז אויך געוואָרען דער בעל הבית איבער דיזע מינען, און דער עולם האָט געמוזט צאָהלען וויפיעל ער האָט בעשטימט. פון אלע זייטען האָט מען געשריען און פּראָטעסטירט, וואָס אזא נויטיגע זאַך פאַר מעדיצין איז טהייערער געוואָרען, און דיא צייטונגען האָבען גערידעלט דעם בערזען־נאַפּאָלעאָן וויפיעל עס איז אין איהם אריין; אבער ער

האָט זיך אויסגעלאַכט דערפון, וויא אַלע זיינע ברידער, וועלכע האָבען נאָר געקוקט אויף דער פּרעסע וויא אויף זייערע אַ דיענערין פאַר געלד, ווען זיי האָבען בעדאַרפט האָבען איהר מיטווירקונג,— און ער האָט נור געזאָגט וועגען דיזע אָפּעראַציאָנען: „דאָס איז אַ פיינער שפּיצעל". זייט דאַן ווערט דער קוועקזילבער קאָנטראָלירט פון דער פירמאַ ראָטהשילד.

מען דערצעהלט וועגען איהם אויך אַזאַ אַנעקדאָט. מיר גיבען איהם דאָ איבער, ווייל ער צייגט וואָס פאַר אַ מערקווירדיגע פערזאָן נאַטהאַן ראָטהשילד איז געוועזן.

איין מאָל האָט מען אין ענגלישען באַנק געבראַכט צו דיסקאָנטירען אַ וועקסעל אויף אַ גרויסער סומע, וועלכען זיין ברודער אַנסעלם פון פראַנקפורט האָט איהם צוגעשיקט. דיא דירעקטאָרען פון באַנק האָבען זיך ענטזאַגט אָנצונעהמען דעם וועקסעל מיט דער ערקלערונג, אַז זיי דיסקאָנטירען נאָר זייערע אייגענע וועקסלען; אבער ניט פון פּריוואַט־פּערזאָנען.

ווען זיינער אַ'ן אַגענט האָט איהם איבערגעגעבען דיזע אַנטוואָרט, האָט ער אויסגערופען: „פּריוואַט־פּערזאָנען! גוט, איך וועל געבען דיא דירעקטאָרען אַ לעקציע וואָס פאַר פּריוואַט־פּערזאָנען מיר, ראָטהשילדען, זיינען."

אין אַ וואָכען דריי אַרום האָט ער זיך אריינגעכאַפּט אין ענגלישען באַנק מיט זיינע אַגענטען פּונקט ווען מען האָט געעפענט דיא טהירען. דיזע עטליכע וואָכען האָט ער צוזאַמענגעקויפט אזוי פיעל באַנק־נאָטען, וויא פיעל ער האָט נאָר געקענט קריעגען. אין דעם בעשטימטען טאָג, ווען ער האָט בערעכענט, אז ער האָט גענוג באַנק־נאָטען, האָט ער זיי צוטהיילט צווישען זיינע אַגענטען, און אַלע האָבען זיך אויסגעשטעלט לעבען דיא קאַסירען, וויא נאָר דיא קאַסען זיינען געעפענט געוואָרען. נאַטהאַן ראָטהשילד האָט ארויסגענומען פון קעשענע אַ באַנק־נאָט אויף 5 פונט און געבעטען גאָלד. דער קאַסיער האָט איהם גלייך דערלאנגט 5 גאָלדענע מטבעות. ראָטהשילד האָט לאַנגזאַם אַרומגעקוקט דיא מאָנעטען, אויב זיי זיינען ריכטיגע, און האָט זיי לאַנגזאַם אריינגעלעגט אין אַ זעקעל,

וואָס איז אראָבגעהאנגען פון זיין גארטעל. נאכהער האָט ער ארויסגענומען איין באַנק־נאָט נאָך דעם אַנדערען און יעדעס מאָל לאַנגזאַם ארומגעקוקט דיא גאָלדענע פונטען, איידער ער האָט זיי אריינגעלעגט אין זעקעל. אַ פּאָר מאָל האָט ער זאָגאר פערלאנגט, מען זאָל איבערוועגען דיא גאָלדענע מטבעות, אזוי וויא דאָס געזעץ גיט איהם רעכט דערצו. ווען דאָס זעקעל איז פול געוואָרען מיט גאָלד, האָט ער עס דערלאנגט זיינעם אַ'ן אַגענט, און ארויסגענומען אַ'ן אַנדער טייסטער מיט באַנק־נאָטען און נאָך אַ זעקעל. אזוי איז ער אָבגעשטאַנען לעבען איין קאסע אַ גאנצען טאָג, בייטענדיג קאָלטבלוטיג באַנק־נאָטען אויף גאָלד. דאָס זעלבע האָבען געטאָן זיינע אַגענטען ביי אַלע אנדערע קאַסען פון באַנק. מען קען זיך פאָרשטעלען דיא ערשטוינונג פון דיא קאַסירען און דיא ערגערניס פון פובליקום, וואָס האָט ניט געקענט צוקומען צו דיא קאַסען און אויסבייטען אפילו איין באַנק־נאָט. אין דיזען טאָג, רעכענט מען, האָט ראָטהשילד מיט זיינע אַגענטען אויסגעביטען אויף גאָלד ניט וויינינגער וויא 210,000 פונט סטערלינג. זייטיגע מענשען האָבען געלאכט פון דיזען איינפאַל; אבער דיא דירעקטאָרען פון באַנק זיינען געוואָרען דערשראָקענע, ווען דעם נעכסטען טאָג האָט זיך ראָטהשילד ווידער בעוויזען מיט זיינע אַגענטען לעבען אַלע קאסען און ווען ער האָט זיי געגעבען אָנצוהערענים, אז ער האָט גענוג באַנק־נאָטען צו בייטען אויף גאָלד אין פערלויף פון גאַנצע צוויי מאָנאַט. דאָס האָט געהייסען, אַז ער קען ארויסציהען פון באַנק ניט וועניגער וויא 11 מיליאָן פונט סטערלינג אין גאָלד, כמעט אַלעס וואָס דער באַנק האָט דאַן געהאט אין זיינע קעלערן. דארום האָבען דיא דירעקטאָרען בעשלאָסען זיך גלייך אונטערצוגעבען, און דעם נעכסטען טאָג איז אין באַנק אָנגעקלעפּט געוואָרען א צעטעל, אַז פון יעצט אָן וועט מען דיסקאָנטירען ראָטהשילד'ס וועקסלען אָהן שום שווירינקייטען.

עטליכע מאָל האָט עס געטראָפען, אז ער איז דורכגעפאלען אין זיינע רעכנונגען, אדער אז מען האָט איהם אויך אָבגענאַרט, וויא שטאַרק ער האָט זיך ניט געהיט און וויא געשייט און אויסגערעכענט

ער איז ניט געווען. בעזאָנדערס קוריעז איז עס וויא א געוויסער ספעקולאַנט לוקאס האָט איהם אָנגעפייפט. דיזער לוקאס האָט זיך דערוואוסט, אז ראָטהשילד וויל אויספיהרען עפּיס א וויכטיגע ספּעקולאַציאָן, און אום צו דערגעהן דעם סוד, האָט ער זיך פער־שטעלט פאַר א שכור און האָט זיך אָהן צערעמאָניעס אריינגעריסען אין ראָטהשילד'ס קאָנטאָר. ער איז אַנידערגעפאַלען לעבען דעם קאַבינעט, וואו ראָטהשילד האָט געגעבען אינסטרוקציאָנען זיינע אַגענטען. אויף דעם גערויש איז ראָטהשילד אליין ארויס און האָט פּראָבירט אָבמינטערען זיין קאָלעגע פון דער בערזע. אבער וויא פיעל וואסער מען האָט ניט געגאָסען אויף לוקאס'ן, איז ער אלץ געבליבען ליגען וויא א פלאַכטע. זעהענדיג, אז מען קען איהם ניט אָבמינ־טערען, האָט מען איהם געלאָזען ליגען און פאָרטגעזעצט דעם אונ־טערבראָכענעם געשפּרעך. לוקאס האָט מעהר ניט געוואונשען. ער האָט זיך גאַנץ גוט צוגעהערט, וועלכע פּאַפּיערען ראָטהשילד האָט אָנגעזאָגט זיינע אגענטען צוזאַמענצוקויפען דעם נעכסטען טאָג, און איז שפּעטער ארויס שאַקלענדיג זיך וויא א שכור. ווען ראָטהשילד איז געקומען אויף דער בערזע, איז ער ניט ווייניג ערשטוינט געוואָ־רען, דאָס אַלע פּאַפּיערען, וועלכע ער האָט זיך געקליבען צו קויפען, זיינען אויסגעקויפט געוואָרען פון לוקאס'ן. ער האָט נאַטירליך פערשטאַנען, אז לוקאס האָט זיך מיט איהם אָבגערעכענט, און ער האָט געשריען : „עס איז געמיין, עס איז שענדליך!" אבער לוקאס האָט איהם נור געענטפערט מיט א געלעכטער. דיזען ספּעקולאַנט איז גלאַט נעפעלען געווען, וואָס איהם איז געלונגען אָבצונאַרען און צו ערגערן דעם בערזען־נאַפּאָלעאָן, און וועגען דיא מיטל דערצו האָט ער זיך אזוי ווייניג געקימערט, וויא ראָטהשילד זעלבסט, ווען פּאָראויס האָט געשיינט דער גלאַנץ פון געלען מעטאַל.

אין זיין פּריוואַט־לעבען האָט זיך נאַטהאַן ראָטהשילד געפיהרט וויא א געוועהנליכער איד. ער האָט חתונה געהאַט אין 1806 מיט דער טאָכטער פון א געוויסען לעווי קאָהן, וועלכער איז דאַן געווען איינער פון דיא רייכסטע אידישע קויפלייטע אין ענגלאַנד. זיין וואָהנונג איז געווען פול מיט לוקסוס־זאַכען, אבער ער אליין האָט

אָפט געטראָגען א'ן אלטע אויסגעריבענע קאפּאָטע און פלעגט זיך ניט פערגינען דיא צייט צו עסען מיטאג מעהר וויא א האלבע שטונדע. ער איז שטענדיג געווען פערטאָן אין זיינע געשעפטען. דיא גאַנצע וועלט איז אין זיינע אויגען געווען וויא א גרויסע בערזע, וואו ער דארף נאָר מאַכען געלד, געלד אָהן א שיעור. ביז זיין לעצטע מינוט (ער איז געשטאָרבען אין 1835, ווען ער איז אלט געווען 60 יאהר) האָט ער ניט גערוהט, זוכענדיג אלץ נייע ספּעקולאציאָנען און אונטערנעהמונגען.

מיט מענשען איז ער זיך בעגאַנגען גראָב און שטאָלץ. ער האָט זיי געלאָזט פיהלען, אז ער פעראַכטעט זיי, אז ער שעצט דיא מאַכט פון געלד און נאָך מעהר דיא פיעבערהאפטע טהעטיגקייט צו שאַפען מיליאָנען, עס מאַכט ניט אויס מיט וועלכע מיטעל, אבי נור צו האלטען זיך אין דיא גרענצען פון געזעץ. זיינע בעאַמטע פלעגט ער בעהאַנדלען שטרענג און אָפט אויך הארצלאָז. מען האָט איהם געמוזט פאָלגען אויפ'ן וואונק.

❧ ❧ ❧

5.

דזשעמס ראָטהשילד אין פּאַריז.

א גאַנץ אַנדערער געלדמאַכער איז געווען מאיר אמשעל'ס אינגסטער זוהן יעקב (דזשעמס), וועלכער האָט זיך בעזעצט אין פּאַריז אין 1812 און איז געווען דער גרינדער פון דער פּאַריזער פירמע. ער האָט ניט בעוויזען גרויסע קונצען אין בערזען־ספּעקולאַציאָנען, נאָר האָט פערהעלטניסמעסיג שטילערהייט געמאַכט וואהרשיינליך ניט ווייניגער מיליאָנען וויא דער נאַפּאָלעאָן פון דער לאָנדאָנער בערזע. ער איז יעדענפאלס געווען דער פעהיגסטער פון מאיר אמשעל'ס זיהן נאָך נאַטהאַן ראָטהשילד. אויסער געלד האָט ער אויך געשטרעבט צו כבוד און טיטולען און האָט גרויס פערגניגען געהאַט, ווען ער פלעגט קענען דערלאַנגען א שטאָך און ערניעדריגען די אדעליגע, וועלכע האָבען שטאָלצירט מיט זייער יחוס. אין דער צייט, ווען דיא בורבאָנען זיינען צוריק אַרויף אויפ'ן טראָן, נאָך דער בעשטימונג פון וויענער קאָנגרעס, האָט זיך איהם פערגלוסט פּאָרצושטעלען זיין פרוי אין קעניגליכען הויף. דיא שטאָלצע פּרינצעסין אַנגולעם האָט דאַן אויסגעשריען: „ניין, קיינמאָל ניט! מען דאַרף ניט פערגעסען, אז דער פראנצויזישער קעניג טראָגט דעם טיטול: קריסטליכער." דזשעמס האָט געענט־פערט: „גוט, זאָלען זיי אבער וויסען, אז איך וועל זיי ניט געבען א גראָשען," און ער האָט ניט נאָר געהאַלטען וואָרט, זאָנדערן האָט זיך א פּאָאָר מאָל זעהר עמפּפינדליך אָבגערעכענט אויף דער בערזע מיט דיא בורבאָנען.

זיין קאָנטאָר האָט ער געעפענט אויף דער לאַפּיט־שטראַסע, וואו זיא געפינט זיך נאָך עד היום, אין דער צייט, ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך א לאָז געטאָן נאָך רוסלאַנד. דאָס איז ניט געווען א פּאַסענדע צייט צו ספּעקולירען אין פּאַריז, און דזשעמס האָט ניט געקענט זיך אַרויסצייגען. אונטער דיא בורבאָנען האָט ער א ביסעל פּאַנאַנדערגעלאָזען דיא פליגלען מיט דער הילפע פון זיין פאַטערס און ברודערס מיליאָנען, אבער עס האָט ניט פיעל געפעהלט, אז ער

זאָל אלעם פערלירען. דאָס איז געשעהן ביי דיא יולי־רעוואָלוציאָן אין 1830. קאַרל דעם צעהנטענ'ס מיניסטער פּאָליניאַק האָט זיך געקליבען צו פּערעפענטליכען דיא בעריהמטע דעקרעטען (בעפעה־לע) געגען דיא קאָנסטיטוציאָנעלע פּריוהייטען, בעפעהלע, וועלכע האָבען טאַקי ארויסגערופען אַ רעוואָלוציאָן און געפיהרט צו דער פּליטה פון דיא בורבאָנען.

אַ פראנצוויזישער באַנקיר האָט זיך בעצייטענס דערוואוסט פון פּאָליניאַק'ס פּלאַן אָבצושאפען דיא פּאָליטישע פּרייהייטען, וועלכע דאָס פראנצויזישע פּאָלק האָט זיך ערוואָרבען מיט זיין בלוט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן, און איז אוועקגעפאָהרען נאָך לאָנדאָן, וואו ער האָט גענומען פערקויפען פראנצויזישע ווערטה־פּאַפּיערען אין מאַסען, אום פון זיי וואָס גיכער פּטור צו ווערען. נאַטהאַן ראָטהשילד, וועלכער האָט זיי צוזאַמענגעקויפט און האָט ניט פערשטאַנען ווארום מען פערפלייצט מיט זיי דיא לאָנדאָנער בערזע, האָט טעלעגראַפירט צו זיין ברודער דזשעמס צו ערקונדיגען זיך אויף זיכער דיא אורזאכע. דזשעמס איז גלייך אוועק צו פּאָלי־ניאַק'ן און געפאָדערט אַ'ן ערקלערונג אין נאָמען פון זיינע וויכ־טיגסטע אינטערעסען. פּאָליניאַק האָט געענטפערט, אז ער וויל איינפיהרען געוויסע ענדערונגען און געזעצע, נאָר דאָס איז אַ קלייניגקייט. דער פערבלענדעטער מיניסטער האָט ניט געזעהן, אַז דיזע „קלייניגקייט" וועט פעריאָגען אויף אימער דיא בורבאָנען דינאַסטיע פון פראַנקרייך. נאָר דזשעמס האָט אָנגענומען דעם מיניסטער'ס ערקלערונג פאַר אַ כשר'ע מטבעה און האָט זיך געהאַל־טען מיט דיא פראנצויזישע ווערטה־פּאַפּיערען ביז דיא רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכען און ער האָט טאַקי פערלאָרען אַ רעכט ביסעל מיליאָנען.

דערפאר האָט ער געקראָגען דיא בעסטע געלעגענהייט צוריק־צוקריגען דיא פערלאָרענע מיליאָנען מיט גרויס ריוח, ווען דער אָרלעאנער פּרינץ לואי פיליפּ איז געוואָרען קעניג נאָך דער יולי־רעוואָלוציאָן. דיזער קעניג איז ניט נאָר געווען דער רייכסטער מאַן אין פראַנקרייך, זאָנדערן האָט אויך ספּעקולירט אויף דער

בערזע און האָט זיך געפיהרט וויא אַ פּראָסטער בורזשוא, אַ געמיטה־ליכער קויפמאַן. דיא 18 יאהר וואָס דיזער זאָגענאַנטער „בירגער־קעניג" איז געזעסען אויפ'ן טהראָן — פון יולי 1830 ביז פעברואר 1848 — זיינען געווען דיא גאָלדענע צייט פון דער בורזשואַזיע איבערהויפּט און פון דזשעמס ראָטהשילד בעזאָנדערס. עס איז שוין גאָר קיין רעדע ניט געווען וועגען אויפנעהמען איהם אין קעניגליכען הויף. ער איז דאָרטען געוואָרען אַ בן־בית; נאָך מעהר, ער האָט געקענט גערעכענט ווערען פאר דעם שני למלך. יעדע וואָך פלעגט ער עסען מיטאג מיט'ן קעניג, וועלבער פלעגט איהם דערצעהלען אנעקדאָטען. אויף זיינע בעלער פלעגען קומען מיניסטערס און אפילו געקרוינטע קעפּ. עס איז גערעכענט געווען פאַר אַ גרויסע עהרע צו זיין איינגעלאדען אויף ראָטהשילד'ס אַ באַל. אין דער צייט האָט ער זיך אָפּט זעהר גראָב אָבגערעכענט מיט דיא געבאָרענע אַריסטאָקראַטען פאר דיא בעליידיגונג, וואָס ער האָט געקראָגען פון דיא בורבאָנען, וועלכע ער האָט זייט דאַן געהאסט. עס איז געווען זיין גרעסטער פערגניגען צו זעהען, וויא זיי בייגען זיך פאַר איהם און טראָגען אַריבער זיינע שטעכווערט־לעך און בעליידיגונגען, וייל ער, דער פריהער „פערפלוכטער יודע", בעזיצט מיליאָנען. מען דערצעהלט, אז ווען אַ געזאנדטער האָט איהם אַ פרעג געטאָן: „וואָס מאכט אייער פרוי?" האָט ער געקראָגען אזא אָנטוואָרט: „וואָס איז דאָס אייער דאגה, זאָגט מיר נאָר?"

זיין מאכט איז געוואָרען אזוי גרויס, דאָס אין 1840 האָט ער ניט דערלאָזען צו אַ מלחמה צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד. טיער איז דאַן געווען דער הויפּט־מיניסטער און האָט געוואָלט אָנפאַנגען אַ מלחמה מיט דייטשלאנד צוליעב אַ רייסעריי וועגען דיא ברעגעס פון טייך רהיין. דער קעניג האָט אָבער פריהער געוואָלט אויסהערען דיא מיינונגען פון דיא גרעסטע באַנקירען. ראָטהשילד האָט איהם גלייך אהן צערעמאָניעס ערקלערט, אז אין פאַל פון אַ מלחמה וועט ער זיין אויף דייטשלאנד'ס זייט. דאָס האָט אזוי איבערגעשראָקען דעם קעניג, אז ער האָט בעשלאָסען

ארונטערצושלינגען א בעליידיגונג פון דייטשלאנד און אז טיער האט געמוזט רעזיגנירען.

ארום דער צייט איז דזשעמס ראטהשילד'ס פערמעגען געשאצט געוואָרען אין 600 מיליאָן פראנק. ער איז געווען דער צווייטער רייכסטער מאן אין פראנקרייך, דער ערשטער איז געווען דער קעניג לואי פיליפ זעלבסט, אלס דער הויפט פון דער ריעזען־רייכער ארלעאנער פאמיליע (זיין פערמעגען האט בעטראָפען 800 מיליאָן פראנק). אלע פערבינדונגען פון באנקירען געגען איהם, מיט דעם איד פעריירא אן דער שפיצע, האבען איהם ניט געקענט שעדיגען, דען ער איז געווען צוויי מאָל אזוי רייך וויא זיי אלע צוזאמען.

דיזע מיליאָנען האט ער אָנגעזאמעלט ניט דורך אזעלכע ריזיקאלישע ספעקולאציאָנען, וויא זיין ברודער, זאָנדערן דורך הלוואות און געוועהנליכע גרויסע באנק־אָפעראציאָנען.

זיין מערקווירדיגסטע „אָפעראציאָן" איז געווען אין נאפאָ־לעאָן דעם דריטענס צייט. דאן האט זיך אָנגעפאנגען א פיעבער אויף בויען אייזענבאהנען. ווען נאפאָלעאָנס רעגיערונג האט בעקאנט געמאכט, אז זי וועט געבען א קאָנצעסיאָן אויף דער נאָרד־אייזענבאהן (פון פאריז ביז ליטיך אין בעלגיען) דעם יעניגען וואָס וועט איהר בויען ביליגער, האט דזשעמס ראטהשילד אונטער־געקויפט אייניגע קאָנקורענטען און אנדערע האט ער פערשפראָכען אקציעס, זאָ דאָס ער איז שליסליך געבליעבען דער איינציגער אָנבאָטער. ער האט דאן נאטירליך געקראָגען דיא קאָנצעסיאָן נאָך זיין אייגענעם פרייז, אָבער דערמיט האט ער זיך נאָך ניט בענוגענט. ער האט גלייך ארויסגעלאָזט 300,000 אקציעס צו 500 פראנק יעדע אלס קאפיטאל צו בויען דיא אייזענבאהן. דעם גרעסטען טהייל פון דיא אקציעס האט ער געלאָזען פאר זיך און נאָר א זעהר קליי־נעם טהייל געגעבען צום פערקויפען. פיעלע האבען זיך א כאפ געטאָן צו קויפען, ערווארטענדיג גרויסע פראָפיטען פון דער אייזענ־באהן, זאָ דאָס אין א קורצער צייט האט א'ן אקציע געשטיעגען ביז 850. דאן האט ראטהשילד א לאָז געטאָן זיינע אקציעס אויף דער בערזע און האט אזוי „געמאכט" אָן יעדער פערקויפטע אקציע

350 פראנק. דורך דעם גרויסען אַנגעבאָט פון דיזע אַקציעס זיינען זיי אבער געפאלען ביז 550. דאַן האָט ראָטהשילד געהייסען זיינע אגענטען זיי צוזאַמענקויפען אויף דיזען פּרייז און האָט זיי א געוויסע צייט געהאלטען ביי זיך ביז זיי האָבען ווידער אָנגע־פאנגען צו שטייגען. נאכהער האָט ער גענומען ווידער פערקויפען זיינע אייגענע אקציעס. עטליכע מאָל האָט ער אזוי קינסטליך געהויבען און פערקלענערט דעם פּרייז פון דיא אַקציעס, פערדינענ־דיג שטענדיג דערביי מיליאָנען. מען האָט אויסגערעכענט, אז צוזאַמען האָט ער ביי דיזען „שפּיעל" געמאכט ניט וויינינער וויא פינף און צוואנציג מיליאָן פראַנק. נאָך איידער די נאָרד־אייזענ־באהן, וועלכע געהערט ביז יעצט צו דיא פאַריזער פירמע ראָטה־שילד, איז אויסגעבויט געווארען, האָט דזשעמס אזוי „פערדיענט" 75 מיליאָן פראנק, ניט אריינלעגענדיג אין דעם „געשעפט" א סענט געלד, אויסער דיא קאָסטען צו דרוקען דיא אַקציעס...

אָט אויף אַזא איינפאַכען, אָבער זיכערען וועג האָט דזשעמס ניט איין מאָל געמאַכט מיליאָנען. עס איז קיין קונץ ניט צו מאַכען אזעלכע, פשוט גערעדט, רויבערישע „אָפּעראציאָנען", נאָר דערצו דאַרף מען האָבען אַ סך געלד, אום צו קענען צו יעדער צייט איינ־קויפען אַ סך אַקציעס אין א קורצער צייט. דזשעמס ראָטהשילד האָט דערביי אפילו ניט ריזיקירט מיט איין גראָשען. ער איז פון אָנפאנג אָן זיכער געווען צו מאַכען מיליאָנען אויף דער רעכנונג פון קליינע ספּעקולאנטען און איבערהויפּט פון פּובליקום, וואָס האָט זיך געלאָזט איינרעדען פון צייטונגען, אז דיא נאָרד־אייזענ־באהן איז אַ גאָלד־גרוב. א גאָלד־גרוב איז זיא טאַקע, אבער נאָר פאר ראָטהשילד'ן...

נאָך דער רעוואָלוציאָן פון 1848 יאהר, ווען דיא רעפּובליקאַ־נישע רעגיערונג פון פראַנקרייך האָט זיך געווענדעט ניט צו דיא באַנקירען, נאָר צום פאָלק נאָך געלד, דאָס הייסט, ווען זיא האָט איינגעפיהרט זאָגענאַנטע אינערליכע הלואות, האָבען דיא ראָטה־שילדס און אַנדערע גרויסע באַנקירען זיך גענומען צו אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען און בעזאָנדערס צו בויען אייזענבאהנען. דערביי

האָבען זיי אָפט געמאַכט נאָך מעהר וויא ביי דיא פריהערדיגע בעסטע הלואות. נאָר קיינער האָט ניט אַרויסגעשלעפּט פון „האָכ־געשעצטען פּובליקום" 75 מיליאָן פראַנק מיט איין קלאַפּ, איינפאַך פאַר שטיקלעך פּאַפּיער, וויא דזשעמס ראָטהשילד, ווען ער האָט פערקאַפט דיא נאָרד־אייזענבאַהן פון פראַנקרייך.

אויף דיזער אַרט האָט ער געקענט איבערלאָזען זיינע יורשים ניט ווייניגער וויא אַ מיליארד פראַנק... וועגען זיינע פינאַנציעלע טהעטיגקייט קען מען אין אַלגעמיין זאָגען, אַז ער האָט געמאַכט מיליאָנען, ווייל ער האָט אַרויסגעטראָטען בעוואָפנעט מיט זיין פאָטער'ס און ברודער'ס מיליאָנען. נאַטהאַן ראָטהשילד וואָלט געקענט מאַכען מיליאָנען איינפאַך אַלס ספּעקולאַנט, מיט אַ גאַנץ קליינעם קאַפּיטאַל אין אָנפאַנג, דזשעמס — ניט.

דיזער אינגסטער זוהן פון מאיר אמשעל האָט איבערגעלעבט אַלע זיינע ברידער. ער איז געשטאָרבען אין 1868, ווען ער איז אַלט געווען 90 יאהר, אָבוואָהל ער האָט שטענדיג געליטען פון אַ מאָגען־קראַנקהייט און האָט דיא לעצטע 20 יאהר פון זיין לעבען זיך געשפּייזט נור מיט מילך.

ער איז געווען אַ מערקווירדיג פלייסיגער מענש. ער האָט געאַרבייט אַזוי פיעל און לאַנג, דאָס זעהר ווייניג מענשען וואָלטען עס געקענט אויסהאַלטען אפילו עטליכע יאהר. מיר ווילען דאָ אין קורצען איבערגעבען, וויא אַזוי ער האָט פערבראַכט אַ טאָג אין זיין קאָנטאָר, ווען ער איז שוין געווען איבער 70 יאהר:

פינף אוהר אין דער פריה איז ער שוין געזעסען לעבען זיין שרייב־טיש אין אַ ווינקעל פון זיין גרויסען קאַבינעט. אַרום ניין אוהר, ווען מאַסען מענשען האָבען זיך געשטופּט איהם צו זעהען וועגען געשעפטען, איז ער שוין געווען פערטיג מיט זיין אייגענער אַרבייט. אַ רייהע אַגענטען, מאַקלערס, באַנקירען, געשעפטסלייטע האָבען זיך געצויגען צו איהם אין פערלויף פון ווייניגסטענס דריי שטונדען ביז מיטאַג־צייט. ער פלעגט יעדען אַליין אויסהערען קאַלטבלוטיג און עטוואָס בייז און זעלטען ווען ער פלעגט אימיצען זאָגען אַ גוט וואָרט. זיינע צוויי זיהן און איידעם, וועלכע האָבען

זיך ארומגעדרעהט אין קאבינעט, האבען מייסטענס נאר זיך פער־נומען מיט דער איגערליכער ארבייט פון דער קאנטאר. יעדער מאקלער פלעגט איהם דערלאנגען א טאבעלע פון קורס און ווארטען אויף א בעפעהל צו קויפען אדער צו פערקויפען. מיט זעלטענע געדולד פלעגט ער אויסהאלטען דיזע טעגליכע אטאקעס פון הונדער־טער מענשען מיט פערשידענע פארשלעגע. ער פלעגט אלעס אויסהערען און בעטראכטען אזוי וויא פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. א זייטיגער מענש וואלט זיך געוואונדערט צו וואס דארף ער דאס אין גאנצען. אבער ער האט דורך דעם געהאט א קורצען איבערבליק אויף דעם צושטאנד פון דער בערזע יעדען טאג.

אט האט ער מיט כעס אראבגעריסען 80 פראנק פון דער רעכנונג פון איינעם פון זיינע אגענטען. באלד נאך דעם איז א הענדלער מיט אנטיקען צוגעקומען און האט איהם פארגעשלאגען צו קויפען א גאלדענע קעסטעלע מיט א זעלטענע עמאל. דא זיינען צוגעשטאנען צו איהם צוויי אריסטאקראטישע דאמען, א מוטער מיט א יונגע שעהנע טאכטער, און איהם געבעטען קומען זעהען ביי זיי א קאמאד פון לודוויג דעם פונפצעהנטען, וואס ער האט זיך קורץ און שארף אבגעזאגט צו טאן. ווייטער איז געקומען א דיאמאנטען־הענדלער, א'ן ערפינדער, א'ן אינזשיניער, א'ן ענג־לענדער, א'ן איטאליענער, מענער און פרויען פון פערשידענע נאציאנען און קלאסען — יעדער מיט א פארשלאג און א בעטענדער מינע.

דער טומעל אין דעם פארדער־צימער און אין קאבינעט פון דעם געלד־קעניג איז אלץ געווארען גרעסער, כמעט אזוי וויא אויף א בערזע, און דא איז נאך מיט א מאל אריינגעלאפען א 6־יעהריגער אינגעלע, רייטענדיג אויף א שטעקעל און בלאזענדיג מיט אלע כחות אין א טרומייטער. נאך איהם האבען זיך געיאגט צוויי מיידעלעך מיט פרעהליכע געשרייען. זיי האבען זיך א ווארף געטאן אויף זייער זיידען און גענומען קריכען אויף זיינע קניע. ער האט אויך געדולדיג אויסגעהאלטען דיזע אטאקע און האט זיי מיט ליעבע געקושט.

אין מיטען דערינען האָט אַ בעאַמטער אריינגעפיהרט אַ בלאָנדען יונגען מאַן און האָט שטילערהייט געזאָגט ראָטהשילד'ן זיין נאָמען. דאַן האָט זיך דער פינאַנץ־קעניג געלאַסען אויפגעהוי־בען פון זיין שטול, אויף וועלכען זיין עלטערער זוהן האָט זיך געזעצט אויפצונעהמען דיא מאַקלערס און אגענטען. דער באַנקיר און דער יונגער בלאָנדער מאַן האָבען זיך אָבגעשטעלט לעבען אַ פענסטער. דער יונגער מאַן איז געווען אַ פערטרעטער פון אַ גרויסמאַכט, וועלכער האָט זיך געהאַלטען זעהר שטאָלץ אין טיולערי (נאַפּאָלעאָן'ס פּאַלאַץ), אבער איז דאָ געשטאַנען מיט אַ'ן איינגע־בויגענע קאָפּ און בעטענדען שמייכעל. אין דיזען צימער, וועלכער איז געווען אזוי וויא אַ'ן עפענטליכער פּלאַץ און וואו עס האָט גערוישט וויא אויף דיא טרעפּ פון דער בערזע, האָט ראָטהשילד ניט איין מאָל עמפּפאַנגען דיפּלאָמאַטען און אפילו דעם קייזער'ס מיניסטערס, שטעהענדיג לעבען אַ פענסטער אָדער אין אַ ווינקעל.

דערוויילע איז געקומען מיטאָג־צייט, און דער פינאַנץ־קעניג איז אוועק אין עסצימער, בעגלייטעט פון זיינע שרייענדע אייניק־לעך. דאָרטען האָט זיך שוין געפונען זיין פאַמיליע, זיהן, טעכ־טער און אייניקלעך, ארום אַ גרויסען טיש. דיזען טאָג זיינען דאָרט געווען 19 שטיק, דארונטער 8 אייניקלעך. לעבען זיין אָרט, ביי'ן עק פון טיש, איז געשטאַנען אַ טאַסע מילך — זיין איינ־ציגע שפּייז. ווען ער האָט זיך אנידערגעזעצט, האָט ער צוגעמאַכט דיא אויגען פון אויסגעמאַטערטקייט. נאַכהער האָט ער מיט צי־טערענדע הענד צוגעטראָגען דיא טאַסע מילך צום מויל, דערלאַנגט אַ זופּ און אויסגערופען מיט אַ קרעכץ: „וויא האָב איך זיך היינט אויסגעמאַטערט!" אָבער מען האָט איהם ניט געלאָזען רוהיג אויס־טרינקען דאָס ביסעל מילך, דען דיא מאַקלערס און אגענטען, וועלכע זיינען ערשט געקומען פון דער בערזע, האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן צו איהם אין עסצימער, וואו זיין פאַמיליע, וועלכע איז געוואָהנט געווען צו דיזען שטענדיגען טומעל, האָט גאַנץ לוסטיג געגעסען אלערליי געריכטען, און דיא קינדער האָבען געלאַרעמט....

אָט אזוי גליקליך האָט געלעבט אויף דער עלטער דיזער

מיליאַרדער, דיזער הערשער פון דער פאַריזער בערזע, דיזער מעכ־טיגער פינאַנץ־קעניג....

אין דעם ראָמאַן „געלט" שילדערט עמיל זאָלאַ אַזוי דיזען מיליאַרדער: „סאַקאַר (אַ ספּעקולאַנט און דער העלד פון ראָמאַן) האָט ניט אַראָפּגעלאָזען דיא אויגען פון ראָטהשילדען, וועלכער האָט לאַנגזאַם געשלונגען מילך מיט אַזאַ אָנשטרענגונג, אַז עס האָט געשיינט, דאָס ער וועט עס קיינמאָל ניט אויסטרינקען. ער האָט ניט געטאָרט אָנריהרען איר־גענד וועלכע אַנדערע שפּייז אויסער מילך. צו וואָס דאַרף ער אַ מיליאַרד פראַנק? האָט סאַקאַר געטראַכט. פרויען האָבען איהם קיין מאָל ניט געצויגען. פערציג יאָהר איז ער געבליבען טריי זיין פרוי, און יעצט איז ער שוין אַלט און שוואַך. צו וואָס דאַרף ער אויפשטיין פינף אַ זייגער אין דער פריה, זיך פערנעהמען מיט אַזאַ שרעקליכען געשעפט, ווערען אויסגעמאַטערט ביז'ן ביין, פיה־רען אַ קאַטאָרזשנעם לעבען, פון וועלכען יעדער בעטלער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט, און אַרומטראָגען זיך מיט אַ קאָפּ פול מיט ציפער און מיט אַ שאַרבען וואָס האַלט ביי'ן פּלאַצען? צו וואָס דאַרף ער צוגעבען נאָך נוצלאָזעס געלד צו זיין גאָלד, ווען מען קען אפילו ניט קויפען אין גאַס אַ פונט וויינשעל און עס אויפעסען, ווען מען קען ניט אוועקפיהרען אין אַ קליינעם רעסטאָראַן אויפ'ן ברע־טייך אַ פרויענצימער, וואָס מען בעגעגענט אין גאַס, ווען מען קען ניט געניסען פון אַלעס, זיך פוילען, זיין פריי! און סאַקאַר האָט, טראָץ זיין אונערזעטליכען גייץ, געליעבט געלד פאַר דיא מאַכט, וואָס זיי גיבען, האָט געפיהלט אַ הייליגען ציטער, ווען ער האָט געקוקט ניט אויף אַ געוועהנליכען קמצן, וועלכער קלייבט גלאַט געלט, נור אויף אַ פליסיגען ארבייטער אָהן טהירישע ליידענשאַפ־טען, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פערגעניגען, פון אַלעס, נאָר וועלכער זעצט פאָר, טראָץ זיין קרענקליכען אַלטער, צו הויבען אַלץ העכער זיין מיליאָנען־טהורם מיט דעם איינציגען ציעל איבער־צולאָזען עס זיינע קינדער, אַז זיי זאָלען דיעזען טהורם העכער מאַכען ביז ער וועט בעהערשען דיא וועלט."

דערביי איז רזשעמס אויך געווען קארג. וועגען זיין קארג־קייט דערצעהלט מען א סך געשיכטען. מיר וועלען נאר איבער־געבען איינע, וועלכע איז זעהר כאראקטעריסטיש. איין מאל איז ער אוועק צום בעריהמטען מאלער האראס ווערנע צו בעשטעלען זיין פארטרעט.

— וויא פיעל וועט איהר פערלאנגען ? — האט ער געפרעגט.

— ביי אייך ? 4000 פראנק.

— אט באלד וועל איך זיי אייך שטעקען ! 4000 פראנק פאר עטליכע שמירעכצען מיט'ן פינזעל ! דאס איז שוין א צו לייכטער מיטעל צו מאכען געלט !

— פון דעסטוועגען 4000 פראנק און אפילו א סאנטים ניט ווייניגער, האט דער מאלער קאלטבלוטיג ערקלעהרט.

— איהר זייט פשוט א משוגענער ! האט דער מיליארדער אויסגערופען און איז ארויס.

— ווארט א ביסעל, האט איהם דער מאלער נאכגעשריען, איך וועל מאכען אייער פארטרעט אומזיסט.

דער קינסטלער האט עס ווירקליך געמאכט, אבער אזוי, אז אפילו רזשעמס ראטהשילד, וועלכער האט זיך ווייניג געקימערט וועגען דיא עפענטליכע מיינונג וויא זיין ברודער אין לאנדאן, האט געמוזט זיין אונצופריעדען. דער קינסטלער האט איהם אפגעמאלט אויף א בילד, וואס האט פארגעשטעלט דיא אונטערגעבונג פון דעם אלזשירער העלד אב־דעל־קאדער צו דיא פראנצויזען, אין דער פערזאן פון א העסליכען און קארגען איד, וועלכער אנטלויפט אין שרעק מיט א קעסטעלע געלד און צירונג. אין דעם געזיכט פון דיזען פייגען אידעל האט יעדערער געקענט דערקענען דעם מיליארדער, און דער עולם האט ניט ווייניג געלאכט פון דיזען איינפאל.

טראץ זיין קארגקייט האט ער דאך זיך ערווארבען א נאמען פון א פילאנטראפ. ער פלעגט מנדר זיין גרויסע סומען אויף פערשיעדענע צדקה־אנשטאלטען; אבער דאס האט ער ניט געטאן אוים מיטלייד און ליעבע צו מענשען, וויא אוים ליעבע צו כבוד.

ווען ער פלעגט געבען צדקה, האָט ער זיך געסטאַרעט, אז מען זאָל עס גוט וויסען. זיין שטרעבונג זיך אויסצופיינען האָט איהם אויך געפיהרט צו קויפען זיך אַ באַראָן־טיטעל אין עסטרייך. אַ מאָל פלעגט ער זוכען אויסצושלאָגען דיא הוצאה אויף צדקות דורך אַ קליינע ספּעקולאַציאָן אויף דער בערזע. מען דערצעהלט, אז איין מאָל האָבען איהם עטליכע אידען פאַרגעוואָרפען, דאָס ער זאָרגט גאָר ניט וועגען זיינע אָרימע ברידער, און האָבען איהם פאָרגעשלאָגען ער זאָל זיי געבען עפּעס אַ געלעגענהייט צו מאַכען געלט אויף דער בערזע. ער האָט דאַן ארויסגערופען אַ קינסטליכע העכערונג פון געוויסע ווערטה־פּאַפּירען, און אַ געוויסע צאָהל אידען האָ־בען דערביי „פערדיענט" 850 טויזענד פראַנק. מען בעהויפּטעט אויך, אז אַ טהייל פון דיעזען „פערדיענסט" איז פערברויכט גע־וואָרען צו בויען אַ סינאַגאָגע אין פּאַריז...

אויסהעלפען אימיצען מיט זיין געלד האָט ער זעהר פיינד געהאַט. מען דערצעהלט, אז ווען אַ פריינד האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט אַ ביטע צו געבען איהם קרעדיט פאַר אַ געווי־סען געשעפט, האָט ער געענטפערט: „געלד וועל איך אייך ניט גע־בען אפילו איין סאַנטים, נאָר העלפען קען איך אייך. קומט, מיר וועלען צוזאַמען פאָהרען אויף דער בערזע". ווען זיי זיינען געקו־מען, איז ראָטהשילד עטליכע מאָל מיט איהם ארומגעגאַנגען גע־אָרמט איבער'ן זאַל. נאָכהער, ווען ראָטהשילד איז אוועקגעפאָה־רען, האָבען אַלע ארומגערינגעלט זיין פריינד און איהם פאָרגע־שלאָגען זעהר גוטע געשעפטען. זיין קאַריערע איז אַזוי געמאַכט געוואָרען, ווייל מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ פריינד פון דעם בערזען־קעניג.

.6

דיא יורשים פון דיא ערשטע פינאַנץ־קעניגע.

ווענען דיא איבעריגע דריי זיהן פון מאיר אנשעל איז ניטאָ וואָס בעזאָנדערס צו זאָגען. זיי האָבען נאַטירליך אויך געמאַכט געלט אין זייערע קאנטאָרען אין פראנקפורט, וויען און נעאַפּעל; אָבער זיי זיינען ניט געווען פעהיגע ספּעקולאנטען און האָבען אויך ניט ארויסגעצייגט אזא זשעדנעקייט צו גאָלד און אזא האַלזבּרעכענדע טהעטיגקייט וויא זייערע ברידער אין לאָנדאָן און פּאַריז. קארל, וועלכער האָט זיך בעזעצט אין נעאַפּעל, האָט פערהעלטנישמעסיג ווייניג געטויגט צו פינאַנציעלע געשעפטען. א געוויסע צייט האָט ער אפילו ניט געעפענט אַ קאַנטאָר. פון דעסטוועגען האָט ער אויך איבערגעלאָזען ניט ווייניגער וויא 200 מיליאָן פראנק. זיינע קינדער האָבען גאָר קיין נייגונג געהאַט צו געשעפטען. זיי האָבען געלעבט אָהן שום בעשעפטיגונג, ווען מען זאָל ניט רעכענען זייערע וואנדערונגען איבער בילדער־גאַלערעען און מוזעאומען. לעבענדיג אין איטאַליען, האָבען זיי ליעב געקראָגען קונסטווערק און זיינען אַזוי פערטאָן געווען אין קאָלעקציאָנען פון אַנטיקען, וויא איינינע זייערע שוועסטער־קינדער אין ענגלאנד מיט רייסעס (וועטרענען), טייערע פערד, הינד און אַנדערע ספּאָרטס נאָך דעם ענגלישען מוסטער. דער גייסט פון דיא רייכע און געבילדעטע קלאַסען אין דיזע לענדער האָט זיך אָבגערופען אויף דיא יעניגע פון מאיר אמשעל'ס אייניקלעך און אור־אייניקלעך, וועלכע האָבען איבערגעגעבען זייער חלק אין דיא הענד פון דיא געשעפטס־פיהרער פון זייער פאַמיליע און געלעבט נאָך זייער געשמאַק און פערגניגען.

דיא געשעפטען פון דער נעאַפּאָליטאַנער פירמע זיינען אין גאַנצען איבערגעגאַנגען צו דער פּאַריזער.

דער פראַנקפורטער ראָטהשילד האָט זיך אונטערשיידעט פון אַלע זיינע ברידער דערמיט, וואָס ער איז געווען א פרומער איד. ער איז געשטאָרבען אָהן קינדער, איבערלאָזענדיג זיינעם אַ פּלימעניק א 200 מיליאָן פראַנק. דער גרינדער פון דער וויענער פירמע

האָט זיך מיט גאָר נישט אויסגעצייכענט אויסער מיט זיין געקויפטען טיטול באראָן. דיזע פירמע איז אייגענטליך געווען אַ'ן אבטיילונג פון דער פאריזער.

אַלע ברידער האָבען געלעבט זעהר פריינדליך צווישען זיך, געשטיצט איינער דעם אַנדערען, זאָ דאָס פּראַקטיש זיינען זיי געווען שותפים פון איין געשעפט. אַלע צוזאַמען האָבען זיי אויסגעפיהרט פיעלע גרויסע אונטערנעהמונגען וויא, צום ביישפּיעל, דיא אויפ־בויאונג פון דיא וויכטיגסטע אייזענבאהנען אין עסטרייך־אונגארן.

ווען מאיר אמשעל וואָלט געקענט זעהען, וואָס זיינע אייניקלעך טהוען, וואָלט ער בעזאָנדערס נחת געהאט פון נאטהאַן'ס שפּאָרעוו־דיגען זוהן ליאָנעל. דיעזער האָט גע'ירש'ענט דיא פינאנציעלע פעהיגקייטען פון דעם זיידען און פאטער. נאטהאַן ראָטהשילד האָט איבערגעלאָזען פיער יורשים: נאטהאַניעל, ליאָנעל, מעיער און אַנטאָני. דער עלטערער איז געווען אַ מעלאַנכאָלישער מענש און האָט זיך ענטזאגט פון אירגענד וועלכע געשעפטען. ער איז אַוועק נאָך פּאריז, וואו ער האָט געלעבט איינזאם, שטיל און אונ־פערהייראַטעט. זיין ליעבלינג־בעשעפטיגונג איז געווען זאַמלען אַלטע מטבעות. נאטהאַן'ס צוויי אינגערע זיהן האָבען זיך אין גאַנצען אָבגעגעבען צו ספּאָרטען און האָבען געזוכט זיך אויסצו־צייכנען מיט זייערע פערד און געיעג־פלעצער. זיי האָבען נאָכ־געטאַנצט דיא רייכע ענגלישע לאָרדען, וועלכע האָבען אויך ניט וואָס צו טהון מיט זיך און טויטען דיא צייט אין ספּאָרטס. קיין מענש קען ניט זיצען אין גאַנצען ליידיג, אָבלעבען זיינע יאהרען מיט פערלייגטע הענד, און ספּאָרט איז וויא צוגעפּאַסט צו דיא רייכע, וועלכע האָבען קיינע פעהיגקייטען און קיין נייגונג צו עפּעס אַ ניצ־ליכע טהעטיגקייט.

מעיער'ס גרעסטע אַמביציאָן איז געווען צו געווינען דיא בעריהמטע דערבי־רייסעס מיט זיינע פערד, און ווען דאָס איז איהם געלונגען איז ער געווען איבערגליקליך. ער האָט זיך אפילו געפוילט צו זיצען אין פּארלאַמענט, ווען מען האָט איהם אויס־

געקליבען נאָך דעם הייסען קאמפף פאר דיא פּאָליטישע רעכטע פון אידען אין ענגלאנד.

ליאָנעל האָט געפיהרט אַלע געשעפטען. דיא ברידער האָבען איהם אַנפערטרויט זייער חלק און האָבען זיך ניט גענאַרט, דען ער איז געווען א שפּאָרעוודיגער און שטרענגער בעל הבית. ער האָט נאָכגעפאָלגט זיין פאטער, וועלכער האָט איהם פריה בעקאַנט געמאכט מיט דיא אָפּעראַציאָנען און געהיימניסע פון דער בערזע. נאָר ער האָט ניט געהאט דיא פעהיגקייטען פון זיין פאטער צו ספּעקולאַציאָנען און האָט מורא געהאט צו ריזיקיר'ען. ער האָט מעהר געארבייט אין זיין קאָנטאָר וויא אויף דער בערזע און האָט דאָרט איינגעפיהרט א זעהר שטרענגע צענטראַליסטישע אָרגאַניזאציאָן. זיין פינאַנציעלע טהעטיגקייט איז כמעט אויס־שליסליך בעשטאַנען אין באָרגען געלד צו רעגיערונגען. ער האָט געהאט 44 הלוואות אויף צוויי מיליארד פראנק, און איז געווען דער פינאַנץ־אַגענט פון איינ׳גע רעגיערונגען. דאָרונטער אויך פון דער רוסישער. געלד האָט קיין מאָל ניט געפעהלט אין זייגע קעלערן. ער האָט שטענדיג געוואוסט, וויא ער האַלט אין דער וועלט מיט זיין אייגענעם ריעזיגען קאַפּיטאַל און מיט דיא קאַפּיטאַלען, וועלכע ער האָט צו יעדער צייט געקענט שאַפען. ווען דיא ענגלישע רעגיערונג האָט געמוזט קריגען 40 מיליאָן פונט אין געלד, אום אויסצוקויפען דיא אַקציעס פון זועץ־קאַנאַל, האָט עס ליאָנעל ראָטהשילד איהר צוגעשטעלט אָהן שוויריגקייטען. דורך דיזע אָפּעראַציאָנען האָט ענגלאַנד אריינגעקראָגען אין איהרע הענד דעם קאַנאַל, וואָס דיא פראַנצויזען האָבען געבויט. דאָס איז געווען צוגלייך א פינאַנציעלער און פּאָליטישער זיעג איבער פראַנק־רייך, א זיעג, וועלכער האָט שליסליך געפיהרט דערצו, אז ענגלאַנד האָט אויך פערבאַפּט עגיפּטען.

אזוי וויא דיא ראָטהשילדס זיינען ניט איין מאָל בע׳גנב׳עט און בערויבט געוואָרען פון זייערע אַגענטען און בעאַמטע, האָט ליאָנעל איינגעפיהרט א ספּעציעלע געהיים־פּאָליציי אין זיין קאָנ־טאָר און פלעגט פלוצלינג מאַכען רעוויזיעס אין דיא ביכער.

בעזאָנדערס האָט ער זיך אַזוי געהיט נאָכדעם, וויא זיין אָנקעל דזשעמס איז בערויבט געוואָרען אויף גאַנצע 32 מיליאָן פראַנק פון אַ געוויסען קאַרפּאַנטיע, וועלכער האָט עס אויסגעארבייט און אָרגאַניזירט דעם פּלאַן צו בערויבען דאָס פּובליקום אויף 75 מיליאָן פראַנק דורך דיא אויפהייבונג און נידריגונג פון דיא אַקציעס פון דער פראַנצויזישער נאָרד־אייזענבאַהן, וויא דאָס איז אויבען ערקלערט געוואָרען. דיזער געשייטער פראַנצויז האָט מערקווירדיג קונציג בע׳גנב׳עט זיין בעל הבית און איז נאכהער וויא אין וואסער אריין.

וועגען ליאָנעל ראָטהשילד קען מען זאָגען, אַז ער איז געזעסען אויף זיינע קאַסעס מיט גאָלד וויא אַ הוהן אויף אייער. דיא לעצטע 20 יאהר פון זיין לעבען איז ער איבערהויפּט געוועזען צוגעשמידט צו זיין שטול, ווייל ער האָט געליטען רעוומאַטיזמוס אין דיא פיס; נאָר פריהער האָט ער אויך גאַנץ ווייניג געוואוסט פון פערגניגען. ער האָט זיך ניט געפיהלט היימליך אין געזעלשאַפטען און פלעגט נאָר אויפלעבען אין זיין קאָנטאָר.

נאָר בעריהמט איז ער געוואָרען דורך דעם קאַמפּף פאַר דיא פּאָליטישע רעכטע פון אידען אין ענגלאַנד. דערביי איז ער געוועזען מעהר אַ׳ן אינסטרומענט, וויא אַ בעוועגונגס־מאַשין. אין 1847 יאהר איז ער אויסגעוועהלט געוואָרען אלס מיטגליעד פון פּאַרלאַ־מענט צו פערטרעטען דיא באַנקירען און רייכע קאָרפּאָראַציאָנען פון דער לאָנדאָנער סיטי, דעם רייכסטען פּונקט אויף דער ערד. נאָר ער האָט ניט געקענט פאַרנעהמען זיין פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט, ווייל מען האָט, נאָך דעם געזעץ, געמוזט שווערען אויף דעם עוואַנגעליום (ברית חדשה) און געבראַכען אין דער שבועה דיא ווערטער „נאָך דעם אמת׳ן גלויבען פון קריסטען“.

דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בעוועגונג פאַר דיא ענדערונג פון דיזער שבועה אַזוי, אַז אידען זאָלען קענען זיצען אין פּאַרלאַ־מענט. דיא ליבעראַלען זיינען ארויסגעטראָטען פאַר דיא אידען, און דיא קאָנסערוואַטיווע, בעזאָנדערס דיא לאָרדען, האָבען זיך

איינגעשפּאַרט אַנצוהאַלטען דיא אַלטע שבועה. אין דער האַוז אָוו קאָמאָנס (רעפּרעזענטאַנטען־ אָדער דעפּוטאַטען־קאַמער) איז מיט אַ גרויסע מאַיאָריטעט אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאַג אָבצושאַפען דיא קריסטליכע שבועה, אבער דיא האָוז אָוו לאָרד (דיא קאַמער פון אַריסטאָקראַטען, אַ מין סענאַט) האָט עס פערוואָרפען. ליאָנעל וואָלט פיליכט אויפגעגעבען דעם קאַמפּף, אָבוואָהל ער האָט נאַטירליך געוואָלט אויספיהרען דעם וואונש פון אַלע אידען, און איבערלאָזען אַן אַנדערען צו ווערען אַ דעפּוטאַט; אבער זיינע פריינד זיינען צו איהם צוגעשטאַנען און האָבען איהם איינגערעדט ער זאָל ארויסטרעטען אַלס קאַנדידאַט ביי דיא נעכסטע פּאַרלאַ־מענטס־וואַהלען. מען האָט איהם ווידער אויסגעקליבען אין דער לאָנדאָנער סיטי נאָך מיט אַ גרעסערער מאַיאָריטעט וויא דעם ערשטען מאָל. דיא באַנקיערען און געשעפטסלייטע האָבען דערמיט געוואָלט אויסדריקען זייער פּראָטעסט, וואָס זייער פערטרעטער ווערט ניט אָנגענומען אין פּאַרלאַמענט. אויף אַ גרויסען פּראָטעסט־מיטינג איז דאַן בעשלאָסען געוואָרען, אַז ליאָנעל ראָטהשילד זאָל קומען אין פּאַרלאַמענט און ערקלערען דעם ספּיקער (פּאָרזיצענדער פון דעפּוטאַטען־קאַמער), אַז ער וויל שווערען אויף דעם אַלטען טעסטאַמענט, וויא אַ איד. עס האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען אַ נייע גרויסע דעבאַטע וועגען דיזער פראגע, נאָר דער סוף איז דיזעס מאָל געווען, אַז מען האָט בעשלאָסען דאָס „סער ראָטהשילד אַלס אַ איד, קען ניט פערנעהמען אַ פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט".

דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו שילדערן דיזען אינטערעסאַנטען קאַמפּף, וועלכער האָט זיך געצויגען 11 יאהר און וועלכער האָט זיך געענדיגט אין 1858 מיט אַ זיעג פאַר דיא אידען. ליאָנעל ראָטהשילד האָט ענדליך געקענט זיצען אין פּאַרלאַמענט, אבער ער איז דאָרטען ווייניג געזעסען. ער איז אייגענטליך נאָר געווען אַ נאָמען פאַר דיא יודענפריינדליכע קעמפּפער. אין פּאַרלאַמענט האָט ער זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכענט. דיא דעבאַטען האָבען איהם ווייניג אינטערעסירט און ער האָט קיינמאָל ניט פּראָבירט צו האַלטען עפּעס אַ רעדע. געשטימט האָט ער מיט דער

ליבעראלער פּארטיי, צו וועלכער ער האָט געהערט אזוי וויא כמעט אלע אידען פון זיין צייט.

געשטאָרבען איז ער אין 1879, ווען ער איז אלט געווען 69 יאהר. זיין פּלאַץ איז פערנומען געוואָרען פון זיין זוהן נאַטהאַניעל, דעם יעצטיגען לאָרד ראָטהשילד. דער אור־אייניקעל פון דעם פעראכטעטען מלוה פון דער פראנקפורטער יודענשטראסע זיצט יעצט צוזאמען מיט דער העכסטער ענגלישער אריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט נאָך מיט א יאהר 40 צוריק ניט געוואָלט צולאָזען זיין פאטער אין פארלאמענט. דיזער אַלמעכטיגער לאָרד, דער גרעסטער פינאנץ־קעניג אין דער וועלט, איז געראָטהען אין זיין פאטער. ער איז דער איינציגער פון ליאָנעל'ס דריי זיהן צו פיהרען דיא ריעזיגע געשעפטען פון דער פירמע. דיא אנדערע צוויי זיהן, לעאָפּאָלד און אַלפרעד, האָבען זיך מייסטענס אָבגעגעבען צו ספּאָרטס און צו א לוקסוס־לעבען. זיי גיבען דעם טאָן דער ענגלישער אריסטאָקראַטיע, ווייל זיי קענען אויסגעבען מעהר געלד אויף בעלער, באנקעטען, טהייערע פערד, יאכטען, פּארקען פאר געיעג א. ז. וו. ווער איז דען אים שטאנד אויסצוגעבען א יאהר ביז 100 מיליאָן פראנק? דער לוקסוס פון דיא ראָטהשילדען איבערטרעפט יעצט אלעס וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען.

לאָרד ראָטהשילד קלייבט ווייטער מיליאָנען. דער מיליאָנען־טהורם ווערט אַלץ העכער דורך זיין אונערמיעדליכע ארבייט. ער האָרעוועט אַזוי וויא זיין פאטער אין דער קאָנטאָר, ספּעקולירענדיג גאנץ ווייניג, אָבוואָהל ער דארף גאנץ ווייניג מורא האָבען צו פער־לירען אונטער געוועהנליכע אומשטענדען. ער האָט אויך קיין פערגניגען אין דער געזעלשאפט און פיהלט זיך נאָר גוט אין זיין קאָנטאָר, וואו ער איז דער דיקטאטאָר, דער אונבעשרענקטער הערשער. ער איז אַזוי פערנומען מיט דער פיהרונג פון דיא ריעזיגע געשעפטען, דאָס ער האָט כמעט קיין צייט ניט פאר זייטיגע זאכען. ער איז אַלזאָ אזא שקלאוו פון זיינע מיליאָנען וויא זיין פאטער דזשעמס ראָטהשילד.

דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען דיא מיטגלידער

פון דער פּאַריזער פירמע. דיא געשעפטען ווערען דאָרטען אויך געפיהרט פון איינעם, וועלכער איז פעהיגער צו פינאַנצען און וויל זיך דערמיט פערנעהמען, אום ניט אָבצושטעהן פון זייערע זיידעס. דיא איבריגע לעבען וויא מאָנאַרכען און טויטען זייער צייט אין פערגניגען, רעכנענדיג דארונטער אויך איינקויפען בילדער, סטאַטוען און איבערהויפּט קונסטווערק. מאַנכע פון זיי זיינען פעראינטערעסירט אין ליטעראַטור און נאַטורוויסענשאַפטען, אונטערשטיצענדיג ניט זעלטען געלעהרטע צו מאַכען קאָסטבאַרע נאַכפאָרשונגען. זיי ווילען זיך אַרויסצייגען אַלס אונטערשטיצער פון קונסט און וויסענשאַפט. אנדערע גיבען זיך אָב מעהר צו פילאַנטראָפּיע, האַלטען אויף אָדער אונטערשטיצען צדקה־אנשטאַלטען. אין אַלגעמיין קען מען זאָגען, אַז קיינער פון זיי האָט זיך נאָך מיט גאָר נישט אויסגעצייכענט אויף אירגענד וועלכען פעלד און אַז זיי פיהרען זיך פיעל אַנשטענדיגער און בעסער, וויא אירגענד וועלכע יורשים פון מיליאַרדערען. אין זייער אונגעהויערן לוקסוס פערגעסען זיי דאָך ניט אַ געוויסע מאָס פון אינטעליגענץ און אַדעלקייט. פאָרלויפיג איז נאָך דיא פאַמיליע ניט דעזשענע־רירט געוואָרען, וויא דאָס טרעפט געוועהנליך מיט זעהר רייכע פאַמיליעס.

דער ריעזיגער פערמעגען, וועלכער קען גערעכענט ווערען אין מילאַרדען, געפינט זיך אייגענטליך אויך יעצט אין עטליכע הענד, גראַדע וויא נאָך מאיר אמשעל'ס טויט. דיא פאַמיליע איז גאָר ניט גרויס, סך הכל אונגעפעהר 50 פּערזאָן. דאָס איז פון ערשטען בליק זעהר זאָנדערבאַר, ווען מען נעהמט אין אַנבעטראַכט, דאָס מאיר אמשעל האָט איבערגעלאָזען פינף זיהן, פון וועלכע פיער האָבען געהאַט גאָר ניט וויניג קינדער אין אָנפאַנג פון לעצטען יאהרהונדערט. אבער אין דער ווירקליכקייט איז דאָס געקומען דורך צוויי גאַנץ איינפאַכע אומשטענדען : ערשטענס, דורך דעם וואָס אין דער פאַמיליע איז איינגעפיהרט געוואָרען חתונה צו האָבען צווישען זיך, געוועהנליך צווישען שוועסטער־קינדער, און צווייטענס, האָבען דיא מייסטע פון דיא מיטגליעדער, וועלכע

האָבען קיינע געשעפטען געפיהרט, אויך ניט חתונה געהאַט. דאָס איז אַ צופאַל אָדער אַ געוויסע פאַמיליען־רעגעל, אבער דער פאַקט איז יעדענפאַלס אַ מערקווירדיגער. זעהר ווייניג פרעמדעס בלוט פליסט אין די אָדערן פון מאיר אמשעל'ס אור־אייניקלעך. אַ'ן אנדער פאַמיליע וואָלט צוליעב דעם שוין אין גאנצען פערשוואונ־דען אין פערלויף פון 100 יאהר; אבער די ראָטהשילד פאַמיליע איז אַ זעלטען קרעפטיגע און לאַנג־יעהריגע, דען דער דורכשניט־ליכער לעבען פון דיא זיהן און אייניקלעך פון מאיר אמשעל איז אונגעפעהר 70 יאהר.

נאָר וויא מען זאָל ניט ערקלערען דיזע זעלטענע לעבענס־קראַפט פון דער פאַמיליע, טראָץ דיא חתונות פון נאָהענטע בלוט־פערוואַנדטע — דיא מיליאַרדען, וואָס זיינען אָנגעקליבען געוואָרען אין דיא לעצטע 120 יאהר, זיינען יעצט צענטראַליזירט אין אַ פּאָר הענד. דער הויפּט קאָמאַנדיר פון דיזער ריעזיגער פינאַנציעלער מלוכה איז לאָרד נאַטהאַניעל ראָטהשילד.

ענדע.

לעבענסבעשרייבונגען
פון בעריהמטע מעננער

מעיערבער

דער אָפּערא קעניג.

זיין לעבען, זיינע אָפּערען און
מוזיקאלישע אויפטואונגען.

פון פיליפ קראנץ

Copyright, 1907,
By the International Library Publishing Co.

מעיערבער.

איינלייטונג.

דיא דייטשע אידען און דיא פראנצויזישע רעוואלוציאן.

דער געניאלער קאמפאזיטאר יעקב מעיערבעער איז געבארען געווארען אין דער צייט, ווען די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציאן האט זיך אריבערגעריסען דעם גרענעץ און האט גענומען שטורמען איבער גאנץ אייראפא. די קלאנגען פון דער מארסאליעזע, וועלכע איז פערפאסט געווארען פון דעם פראנצויזישען אפיציער רוזשע דע־ליל צו בעגייסטערן די רעוואלוציאנערע ארמעען אין דעם קאמפף געגען די מלכים און אלע אונטערשטיצער פון דער מיטעל־אלטערליכער ארדנונג, האבען אלץ מעהר געוועקט די פעלקער און זיי גערופען צו פרייהייט. די אידעען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, וועלכע די רעוואלוציאנערע פראנצויזישע רעפובליק האט געזוכט צו פערווירקליכען אין לעבען, האבען אויפגערודערט די גאנצע וועלט. דער טריקאלאר — די דריי־פארביגע פאהן פון דיזער רעוואלוציאן אלס סימבאל פון די אנגעקינדיגטע פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט פון אלע מענשען, פעלקער און ראסען — האט אנגעפאנגען זיין זיעגרייכען מארש איבער אלע אייראפעאישע לענדער.

עס איז געווען די געוואלדיגע געבורט פון א נייער וועלט אין דעם שוים פון דער אלטער, א וועלט, וועלכע האט פערשפראכען אזוי פיעל גליקען און וועלכע האט צוגעצויגען די הערצער פון אלע אונטערדריקטע און ערנידריגטע. עס איז איבריג צו זאגען, אז די

אידען, וועלכע האָבען אזוי שרעקליך געליטען אין פינסטערן מי־טעלאַלטער און וועלכע זיינען אין ערגעץ ניט אנערקענט געווען פאר גלייכבערעכטיגטע בירגער, אפילו ווען די פינסטערע וואָלקענס פון קאַטאָליציזמוס זיינען צוזאָגט געוואָרען דורך די פרייע פילאָ־זאָפיע, רעפאָרמאַציאָן און ענטוויקלונגען פון קונסט און וויסענ־שאַפט, האָבען בעזאָנדערס סימפּאַטיזירט מיט די שטרעבונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. פאַר זיי איז געוועזען אַן אמת'ע ישועה, מען קען זאָגען, משיח'ס צייטען. עס איז גענוג צו וואַרפען אַ קורצען בליק אויף דער לאַגע פון אידען פאַר דעם שטורם פון דער באַסטיליע און נאכדעם, אום צו פערשטעהן וואָס פאַר אַן אונגעהייערע איבערקעהרענים דיזע רעוואָלוציאָן האָט אַרויסגערו־פען ניט נאָר אין די בעציהונגען פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער צו אידען, זאָנדערן אויך אין אידישען פאָלק גופא.

פון די רייהען פון די ניעדערגעשלאָגענע, פערפינסטערטע און אונטערדריקטע אידען האָבען זיך באַלד ארויסגעהויבען פיעלע, ווע־מעס נעמען זיינען וועלטבעריהמט געוואָרען, וועלכע האָבען ניט נאָר געגלאַנצט אין קונסט, ליטעראטור און פילאָזאָפיע, זאָנדערן האָבען אויך בעזאָנדערס קרעפטיג פערקערפערט אין זיך די פרייהייטליכע שטרעבונגען פון דער נייער צייט. ספּעציעל האָבען אויפגעלעבט די אידען אין דייטשלאַנד אונטער דער פרייהייטס־גלאָקע, וועלכע האָט אָבגעקלונגען פון פראַנקרייך. דערצו זיינען זיי פאָרבערייטעט גע־ווען דורך די טהעטיגקייט פון משה מענדעלסאָהן און לעסינג *) דער אָנפאַנג פון 19טען יאהרהונדערט איז געווען די גלענצענדסטע רענעסאַנס (אויפלעבונג)־צייט פון דייטשע אידען, זייער גייסטיגער תחית המתים. פון פערשפרייטער פון תלמוד און בלינדע אָרטאָדאָקסיע, ווי זיי זיינען געווען אין מיטעלאַלטער, זיינען זיי געוואָרען די פערשפרייטער פון אויראָפּעאישע בילדונג און השכלה צווישען זייערע ברידער אין הינטערשטעליגע לענדער. דער פריי־

*) זעהט זייערע ביאָגראפיען, ארויסגעגעבען פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער לייברערי פּאָבלישינג קאָמפּ.

הייטס־גייסט, וועלכער איז איינגעפּלאַנצט און איינגעוואָרצעלט געוואָרען דורך די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, האָט געפונען אין זיי די טרייעסטע, גלענצענדסטע און איינפלוסרייכסטע קעמפּפערס. מיט זייערע געניאַלע קעפּ און מעכטיגע פעדערס האָבען זיי געהאָלפען צו צוטרייסלען די זיילען פון דער אלטער געזעלשאַפט און אויפצושטעלען די זיילען פון דער נייער געזעלשאַפט.

איינער פון דיזע מערקווירדיגסטע זשעניען, וועלכע זיינען אין יענער צייט ארויס פון די דייטשע אידען, איז יעקב מעיערבעער. דאָס וואָס היינע איז געווען אין דער פּאָעזיע, בערנע אין דער פובליציסטיק, דאָס איז ער געווען אין דער מוזיק, בעזאָנדערס אין דער אָפּערן־מוזיק. ער איז געווען, קען מען זאָגען, א רעוואָלוציאָנער אויף דעם מוזיקאַלישען וועג, ניט נאָר ווייל ער האָט מיט זיין גלענצענדען זשעניע איינגעפיהרט פילע וויכטיגע ענדערונגען אין אָפּערעס, זאָנדערן ווייל ער האָט זיי געדיכטעט, ווי אַ מענש מיט אַ פרייען גייסט, ווי א מענש, וואָס האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון פאָרורטהיילע, ווי א וועלטמענש צו דער גאַנצער וועלט.

ריכאַרד וואַגנער און אַנדערע אנטיסעמיטישע מוזיקאנטען האָבען איהם בעשולדיגט, דאָס אין זיינע קאָמפּאָזיציאָנען האָט ער אריינגעצויגען אידישע מעלאָדיען; אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. מעיערבעער איז אייגענטליך נאָר געווען אַ איד מיט'ן נאָמען. די אומשטענדען, אונטער וועלכע ער איז ערצויגען געוואָרען, האָבען גאַנץ ווייניג געקענט פיהרען צו דער ענטוויקלונג פון אידישע געפיהלען און שטרעבונגען אין איהם. עס איז איבערהויפט געווען די צייט, ווען די געבילדעטע אידען האָבען זיך געוואָלט וואָס ענגער אַסימילירען מיט די פעלקער, צווישען וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען צו לעבען. אין דעם ענטהוזיאזמוס, וואָס די ניי־געבאָרענע פּאָליטישע פרייהייטען האָבען ארויסגערופען, האָט מען פערגעסען אָן די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע פאָראורטהיילע, וועלכע האָבען שפעטער געפונען א ביטערן און זעהר טרויעריגען אויסדרוק אין אנטיסעמיטיזמוס. מען האָט דאַן געטרוימט, אַז עס איז גאָר נאָהענט די צייט, ווען אלע מענשען וועלען זיין פריי און לעבען ווי

ברידער, ווען קאָסמאָפּאָליטיזמוס וועט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון נאַציאָנאַליזמוס.

דאָס זיינען געווען די קינדער־יאהרען פון פּאָליטישע פרייהייטען. עס האָט געשיינט, אז מען דארף נאָר זיי איינפיהרען, אום עס זאָל קומען א סוף צו אַלע אלטע צרות און פאָראורטהיילע; עס האָט זיך געדוכט, אז עס איז גענוג צו ערקלערען רעליגיעזע פרייהייט, אום עס זאָל ווירקליך הערשען טאָלעראַנץ; עס האָט זיך געדוכט, אז מען דארף נאָר ערקלערען פּרעס־פרייהייט, פערזאמלונגס־פרייהייט און גלייכהייט פון יעדען מענשען פאַר'ן געזעץ, אז אלע זאָלען געהאָלפען ווערען, אז אלע זאָלען זיין צופריעדען, אויב ניט גליקליך אויף דיזער זינדיגער וועלט. זעהר וועניגע האָבען דאַן פאָראויסגעזעהן די ביטערע ענטטוישונגען פון די נעכסטע דורות, ווען פּאָליטישע פרייהייטען זיינען שוין ערוואָרבען געוואָרען נאָך בלוטיגע קעמפּפע און ווען מען האָט געמוזט אָנפאַנגען א קאמפּף אויף פיר עקאָנאָמישע גלייכהייט.

דער קלאַס אידען, צו וועלכען מעיערבעערס עלטערן האָבען געהערט, זיינען געווען בעזאָנדערס פערבלענדעט מיט אזעלכע האָפנונגען. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די צייטען פון אינטאָלעראַנץ, פון יודענפערפאָלגונגען זיינען פאָראיבער. זיי האָבען דאַרום געפּרעדיגט אַסימילאַציאָן ביז צו די ווייטעסטע גרענצען און האָבען אַזוי ערצויגען זייערע קינדער, אַז אויסער אידישע נעמען איז ביי זיי גאָר נישט געבליעבען פון יודענטהום. א טהייל האָבען זיך איינפאַך געטויפט, אום זייער אסימילאַציאָן זאָל זיין אַ פאָלשטענדיגע.

מעיערבעער האָט ניט דורכגעמאַכט דיעזע אַסימילאַציאָנסטויפע, ווי מענדעלסזאָהן־באַרטהאָלדי, דער אַנדערער אידיש־דייטשער מוזיקאלישער זשעניע, נאָר אין אלע הינזיכטען איז ער געווען א קינד פון זיין צייט און פון זיין קלאַס, ווי מיר וועלען עס זעהען אין די נעכסטע קאַפּיטלעך.

.1

זיין פאַמיליע און ערציהונג.

זעלטען ווען עס טרעפט, אז א זשעניע ווערט געבאָרען אין א גאָלדענע העמדעלע. געוועהנליך איז די נויט זיין צווייטע מוטער, און ער מוז פיעל ליידען אין זיינע יונגע יאָהרען איידער איהם געלינגט זיך דורכצוברעכען א וועג אין דער גרויסער וועלט און צו צייגען וואָס ער קען. ניט איין זשעניע איז פריהצייטיג אַריינגעיאָגט געוואָרען אין קבר אָדער איז צו גרונדע געגאַנגען אין דעם שווערען און ביטערען קאמפף מיט ארמוטה און אונוויסענהייט. מיר ווייסען נאָר פון די טאַלענטען און זשעניען, וועלכע זיינען אין שטאַנד בייצוקומען אלע שטערונגען אויף זייער וועג און ווערען בעריהמט; אָבער פון די געפאַלענע, צובראָכענע, בעזיעגטע — ווער ווייס פון זיי אויסער זייערע נאָהענטסטע קרובים און פריינד?

מעיערבעער איז ערשיענען אויף דער וועלט אונטער אַ גליקליכען שטערן. ער איז געווען דאָפּעלט מזל'דיג. ניט נאָר האָבען זיינע עלטערן געהערט צו די רייכסטע אידישע פאמיליען אין בערלין, זאָנדערן זיין מוטער איז געווען א זעלטען עדעלע און הויך־געבילדעטע דאמע. אין דיזער בעציהונג קען זיך מיט איהם פערגלייכען נאָך איין אידישער זשעניע, אויך א מוזיקאנט — מענדעלסזאָהן־באַרטהאָלדי.ביידע האָבען פערבראַכט אזא גליקליכע יוגענד, ווי נאָר קינדער פון זעהר רייכע עלטערן קענען עס האָבען. קיין זאַך האָט זיי ניט געפעהלט, קיין זאַך איז ניט שווער געווען צו שאַפען פאַר זיי, אבי זיי זאָלען קענען ענטוויקלען זייערע איינגעבאָרענע טאַלענטען און זיך אָבגעבען מיט לייב און זעלע צו זייער געליעבטע קונסט. מענשען מיט מיטעלמעסיגע פעהיגקייטען און געוועהנליכע טאַלענטען וואָלטען געקענט ווערען גרויס

אונטער אזעלכע העכסט גינסטיגע אומשטענדען, בפרט נאָך זשעניען.

מעיערבעער׳ס פאטער איז געווען א באַנקיר און דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ גרויסע צוקער־פאַבריק. דער פאַמיליען־נאָמען איז געווען בעער, אָבער מען האָט געמוזט צוזעצען דעם נאָמען מעיער נאכדעם וויא א רייכער פערוואַנדטער, אַ געוויסער מעיער, איז גע־שטאָרבען, איבערלאָזענדיג זיין פערמעגען מיט דער בעדינגונג, אַז זיין נאָמען זאָל פערבונדען ווערען מיט דער פאַמיליע בעער. מע־יערבעער׳ס פאָטער איז אלזאָ נאָך רייכער געוואָרען דורך די ירושה. וואָס אנבעלאנגט צו זיין מוטער, איז זי געווען די טאָכטער פון דעם רייכסטען בערלינער איד, ליפּמאַן מעיער וואָלף, און האָט זיך אויס־געצייכענט מיט איהר בילדונג, שעהנהייט און פילאַנטראָפּיע.

אין זייער הויז פלעגען זיך צוזאמענקומען די גרעסטע קינסט־לער, שרייבער און געלעהרטע פון בערלין. זיי האָבען געהערט צו דעם נייעם דור און האָבען מייסטענס געזוכט צוזוציהען פריינעזאָ־נענע קריסטען. וועגען מעיערבעער׳ס מוטער שרייבט היינריך היינע, וועלכער האָט בעזוכט איהר רייכען סאַלאָן, אזוי: „עס געהט ניט אַוועק אַ טאָג, אז זי זאָל ניט העלפען אַן אָרימאַן. עס שיינט אזוי ווי זי קען ניט רוהיג איינשלאָפען אָהן צדקה. זי שטיצט יעדען איינעם, אידען, קריסטען, טערקען און אפילו אונגלויביגע פון דעם ניעדריגסטען סאָרט. זי איז אונערמיעדליך אין וואָהלטהעטיגע זאַכען און בעטראַכט עס הפּנים אלס דעם העכסטען ציעל אין איהר לעבען.“

בעזאָנדערס האָט זי, ווי אויך איהר מאַן, וועלכער איז געווען א ליידענשאַפטליכער ליעבהאָבער פון מוזיק, געשטיצט מוזיקער און פּאָעטען. זייער הויז, קען מען זאָגען, איז געווען פול מיט מו־זיק, זאָ דאָס דער צוקינפטיגער קאָמפּאָזיטאָר פון „הוגענאָטען“ האָט פון זיינע אינגסטע יאָהרען, פּשוט גערעדט, זיך געבאָדען אין מוזיק. מען האָט איהם נאַטירליך געגעבען די בעסטע ערציהונג, וואָס רייכטהום אין אַ גרויסער ציוויליזירטער שטאָדט קען צושטע־לען. זיין מוטער פלעגט אַליין גוט און קלוג אויפּפּאַסען אויף די

ערציהונג פון איהרע קינדער. זי איז קיינמאָל ניט געווען אזוי פערטאָן אין מאָדעס, בעלער און אַלע אַנדערע פערגניגענס פון רייכע און אריסטאָקראטישע דאַמען, אז זי זאָל פערגעסען אָן איהרע פפליכטען צו איהרע קינדער, וועלכע זיינען אַלע געווען געראָטענע.

יעקב מעיערבעער, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין 1791, איז געווען דער עלטסטער זוהן. פון זיינע דריי ברידער האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט ווילהעלם אלס מאַטעמאַטיקער און אסטראָנאָם. דער לעצטער האָט זיך אויסגעבויט אין זיין פאָטער'ס הויז אַן אָבסערוואַטאָריע, וואו ער האָט זעהר פלייסיג געלערנט און געשריעבען די רעזולטאַטען פון זיינע אַסטראָנאָמישע בעאָבאַכטונגען. דער אינגסטער ברודער מיכעל האָט געהאַט אַ זעהר פּאָעטישע נאַטור. נאָך אַלס אינגעל האָט ער ארויסגעצייגט גרויס טאַלענט אין דיכטונגען. אבער ליידער איז ער געשטאָרבען יונגערהייט פון אַ היצקריינק. אויף איינע פון זיינע בעסטע פּאָעמען, „סטרוזענע“, האָט יעקב מעיערבעער נאכהער אַנגעשריבען מוזיק. דערמיט האָט ער אויך אונשטערבליך געמאַכט זיין ברודער.

ווי דאָס איז געוועהנליך דער פאַל מיט זשעניען, האָט מעיערבעער בעזאָנדערס ליעב געהאַט זיין מוטער. ער האָט איהר איינפאַך פערגעטערט. אפילו ווען ער איז שוין געווען אַן עלטערער מאַן, פלעגט ער קיין וויכטיגע זאַך ניט אונטערנעהמען אָהן איהר ראַטה און צושטימונג. איהר הסכמה אויף זיינע ווערק האָט ער געשעצט מעהר פון אַלעס. איין בריעף איהרען, אין וועלכען זי האָט איהם געוואונשען ערפאָלג, ווען מען האָט אויפגעפיהרט זיין אָפּערע „ראָבערט דער טייוועל“, פלעגט ער שטענדיג ארומטראָגען מיט זיך אזוי ווי אַ קמעה.

זעהר יונג האָט מעיערבעער ארויסגעוויזען אַ מערקווירדיגען מוזיקאַלישען טאַלענט. ווי נור מען האָט איהם געצייגט צו שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ, האָט ער גלייך אָנגעפאַנגען צוצוקלייבען טענער צו די מאָטיווען, וועלכע ער האָט געהערט, און פלעגט נאָך אַליין צוזאַמענשטעלען אַן אַקאָמפּאַנימענט. ווען ער איז אַלט געווען פיער יאהר, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט פון זיינע חברים אַ מין

אָרקעסטער, וועלכען ער פלעגט דיריזשירען און פאַר וועלכען ער פלעגט זאָגאר פערפאסען אייגענע מוזיק. מיט זיינע מערקווירדיגע מוזיקאלישע פעהיגקייטען האָט ער אלעמען איבערראשט, און זיינע עלטערן האָבען גלייך בעשלאָסען איהם צו געבען א גרינדליכע מוזיקאַלישע ערציהונג. מען האָט איהם באַלד איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם בעוואוסטען מוזיק־לעהרער פראַנץ לאוסק. אונטער די לייטונג פון דיזען לעהרער האָט ער געצייגט ווירקליך וואונדער. זיין זשעניע האָט זיך ארויסגעצייגט אזוי פריהצייטיג ווי ביי מאָצארט׳ן, וועלכער ווערט גערעכענט פאר דעם גרעסטען מוזיקאַלישען זשעניע. ווען ער איז געוואָרען זיעבען יאָהר אלט, האָט ער שוין געשפּיעלט ווי א קינסטלער און האָט אויך ערשטוינט מוזיקער מיט זיינע קאָמפּאָזיציאָנען.

צו ניין יאָהר איז ער ארויסגעטראָטען אין אַן עפענטליכען קאָנצערט. ער האָט געשפּיעלט, צווישען אנדערע שטיקער, אויך מאָצארט׳ס קאָנצערטען, און אלע צייטונגען זיינען פול געווען מיט איהם אַלס א וואונדער־קינד. די גרעסטע קריטיקער האָבען ערקלערט, אז אין איהם וואקסט איינער פון די גרעסטע מוזיקער וואָס עס איז ווען געבאָרען געוואָרען. דאָס פּובליקום איז ענטציקט געווען פון זיין שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ און פלעגט איהם אויפנעהמען מיט בעגייסטערונג. דער יונגער פּיאַניסט האָט געמאַכט אַזעלכע גלענצענדע פאָרטשריטע, דאָס ער האָט איבערשטיגען זיינע לעהרער, און מען האָט איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם דאמאָלס בעריהמטען מוזיקער קלעמענטי. דער גלח פאָגלער, וועלכער האָט געהאַט א שם אלס א מוזיקאלישער טעאָרעטיקער און זיך אויסגעצייכענט אַלס דירעקטאָר פון א מוזיק־שולע אין דארמשטאדט, האָט גענומען דעם קליינעם קינסטלער אויפ׳ן פערהער, ווען ער איז אָנגעקומען אין בערלין, און האָט נאכהער געזאָט צו איהם: „אויב איהר וועט זיין פלייסיג און וועט ניט אויפהערען צו אַרבייטען, וועט איהר ווערען איינער פון די בעריהמטעסטע מענשען אין אייראָפּאַ.“ דער גלח האָט איהם אויך רעקאָמענדירט א גוטען לעהרער פון מוזיקאַלישע טעאָריע. אַזוי ווי געלד האָט ניט געפעהלט,

זיינען די שוויריגקייטען נאָר בעשטאַנען אין קריגען אמת גוטע לעהרער. זיין מוזיקאַלישע ערציהונג האָט געקאָסט די רייכע על־טערן אוצרות, אָבער זייער געלד איז ניט געווען ארויסגעוואָרפען. זיי האָבען געוואוסט, אז זייער קינד איז א מוזיקאַלישער זשעניע, און האָבען זיך געסטאַרעט, אז ער זאָל זיך וואָס בעסער און שנעלער ענטוויקלען און ברענגען די בעסטע פריכטע.

זיין דיכטונגס־קראַפט איז אויך אזוי שנעל געשטיגען ווי די טעכניק פון זיין פּיאַנאָ־שפּיעלען. צו צעהן יאָהר, ווען ער האָט נאָך ניט געלערנט די רעגעלן פון קאָמפּאָזיציאָן, האָט ער אָנגעשריעבען צוויי קאַנטאַטען לכבוד דעם געבורטסטאָג פון זיין פאָטער. אין דער צייט, ווען ער פלעגט שפּיעלען, פלעגט ער אויך אָפט קאָמפּאָנירען און נאָכהער עס פערשרייבען, זאָ דאָס ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאָהר, האָט ער שוין געהאַט פערפאַסט א סך מוזיקאַלישע שטיקער.

אין דער צייט, ווען מען האָט איהם אויף דער בעסטער אַרט צוגעגרייט צו זיין מוזיקאַלישע קאַריערע, האָט מען איהם אויך געגעבען אַן אויסגעצייכענטע אַלגעמיינע בילדונג. די בעסטע לעה־רער האָבען איהם געגעבען אונטערריכט אין שפּראַכען, געשיכטע, מאַטעמאַטיק, פיזיק, א. ז. וו. ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט מען מיט איהם שטודירט די געשיכטע פון ליטעראַטור און די ווערק פון קלאַסיקער. אזוי ווי ער איז געווען א פלייסיגער אינגעל און האָט אויך געשטרעבט צו קענען וואָס מעהר, בעזאָנדערס שפּראַכען, האָט ער ניט נור אויסגעלערנט די פראַנצויזישע און איטאַליענישע שפּראַכען אזוי ווי דייטש, זאָנדערן האָט אויך פריי געקענט לעזען לאַטיין, גריכיש און העברעאיש. מען האָט געהאַלטען פאַר איהם און אויך פאַר זיינע ברידער א בעקאַנטען אידישען לעהרער, אָבער ניט אזוי אום זיי זאָלען ערלערנען די אידישע רעליגיאָן, ווי די העברעאישע שפּראַך, און איבערהויפּט ניט פערגעסען, אז זיי שטאַ־מען פון אידען. אין דעם איז אייגענטליך בעשטאַנען מעיערבעער'ס יודענטהום. אזוי ווי ער האָט געקענט א סך שפּראַכען, איז ער אין שטאַנד געווען צו לעזען די קלאַסיקער און די ווערק פון די בעסטע

שרייבער אין אָריגינאַל, וואָס עס האָט איהם שפּעטער זעהר פיעל געהאָלפען, ווען ער האָט געלעבט אין איטאַליען און פראַנקרייך און ווען ער האָט זיך אַ נעהם געטאָן צו אָפּערעס.

ער איז געווען זעהר בעלעזען אין דער געשיכטע און ליטעראַטור פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער, און אין געשפּרעכען האָט ער ארויסגעוויעזען אַזוי פיעל קענטניסע, אַז די צוהערער פלעגען איהם בעוואונדערען. אין דיעזער בעציהונג איז ער געווען, קען מען זאָגען, אַ זעלטענהייט צווישען מוזיקאַנטען. געוועהנליך האָבען מוזיקאַנטען ווענינ צייט צו שטודירען אַנדערע זאַכען אויסער דאָס, וואָס געהערט צו זייער פּראָפעסיאָן. אויסער דעם האָבען זיי אויך ניט די מיטלען צו ערלערנען שפּראַכען און איבערהויפּט צו ווערען געבילדעטע לייט אין פולען זינען פון דיזען וואָרט. דער גרעסטער טהייל פון מוזיקער זיינען ליידער גאַנץ ווענינ געבילדעט, ניט זעלטען איינפאַך אונוויסענדע מענשען, וואָס קענען גאָר ניט אויסער זייערע נאָטען און אינסטרומענטען. די אָרימע פון זיי, און זיי זיינען מייסטענס קינדער פון אָרימע עלטערן, האָבען נעביך גענוג צרות איידער זיי קענען עפּעס דערגרייכען אין זייער פּראָפעסיאָן. מיט דער הילפע פון זיין פאָטער׳ס געלד, וואָס עס האָט איהם בעפרייט פון אירגענד וועלכע זאָרגען, איז מעיערבעער ניט נור געוואָרען אַ גרויסער מוזיקאַנט און קאָמפּאָזיטאָר, זאָנדערן אויך אַ העכסט געבילדעטער מאַן.

אין 1810 האָט מען איהם געשיקט אין דער דאַמאָלס בעריהמטער מוזיק־שולע פון דעם גלח פאָגלער אין דאַרמשטאַדט. דאָס איז געשעהען נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעשריעבען אַ פוגע (דאָס איז אַ געוויסע קאָמפּאָזיציאָן וואָס ווערט גערעכענט פאַר זעהר אַ שווערע אין דער מוזיקאַלישער קונסט). זיין לעהרער פון האַרמאָניע איז אַזוי ענטציקט געוואָרען פון דיזער פוגע, דאָס ער האָט איהר אריבערגעשיקט צום גלח פאָגלער, אום צו צייגען וואָס פאַר אַ גוטער לעהרער ער איז. אַ לענגערע צייט האָט דער גלח ניט געענטפערט, און דער לעהרער האָט געמיינט, אַז דאָס קומט דורך דעם, וואָס דער גלח איז איהם מקנא אַזאַ גוטען שילער, אָבער דער גלח האָט דיעזע

צייט בענוצט אַנצושרייבען א גאנצע ערקלערונג, ווי מען דארף שריי־
בען פוגעס נאָך דער טהעאָריע, און האָט דערביי אָנגעצייגט אויף
אלע פעהלער, וועלכע מעיערבעער האָט געמאכט. דער לעהרער, וועל־
כער איז געווען א שוואכער טהעאָרעטיקער, איז דאן געווען אויסער
זיך פון ערגערנים; אָבער מעיערבעער האָט מיט פריידע געלעזען און
איבערגעלעזען דעם גלח'ס ערקלערונגען, האָט יעדען פונקט קריטיש
בעטראכט און אויספּרובירט ביז ער איז אימשטאנד געווען אָנצו־
שרייבען א פוגע נאָך אלע רעגעלען. דיזע פוגע האָט ער אליין גע־
שיקט צום גלח און האָט געקראָגען פאָלגענדע אנטוואָרט: „קומט
צו פאָהרען צו מיר. איך וועל אייך אויפנעהמען ווי א זוהן און וועל
אייך העלפען צו שעפּען קענטניסע פון די ריכטיגע קוואלען פון ווי־
סענשאפט.“

זיינע עלטערן האָבען איהם אָנפאנגס ניט געוואָלט שיקען נאָך
דארמשטאדט, אָבער אייגענטליך ניט ווייל זיי איז ניט געפעלען גע־
ווען, דאָס זייער זוהן זאָל לערנען אין א קאטוילישער שולע; זאָנ־
דערן איינפאך, ווייל זיי האָבען איהם צו שטארק געליעבט צו שיי־
דען זיך מיט איהם אפילו אויף א קורצע צייט. נאָר ער איז אזוי
צוגעשטאַנען צו זיי, אז זיי האָבען געמוזט נאכגעבען זיין וואונש.

אין דיזער שולע האָט מעיערבעער ניט נאָר פלייסיג געלערנט,
ווי צו שרייבען קאָמפּאָזיציאָנען, אלע קונצען פון קאָנטראַ־פּונקט
און פוגע, זאָנדערן האָט זיך אויך בעפריינדעט מיט זיינע קריסטלי־
כע חברים. ער איז ניט געווען דער איינציגער מוזיקאלישער
זשעניע אין דיזער שולע, וואוהין די בעסטע טאלאנטען פלעגען קו־
מען לערנען פון אלע עקען דייטשלאנד. דאָרט האָט שטודירט קארל
וועבער, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס אונשטערבליך געמאכט מיט
זיין אָפּערע „פריישיץ“.ביידע צוקינפטיגע בעריהמטהייטען האָבען
זיך זעהר בעפריינדעט. וועבער איז אויך געווען א פּאָעט און האָט
איינמאָל אָנגעשריעבען א געדיכט לכבוד זייער לעהרער'ס געבורטס־
טאָג, און צוזאמען מיט מעיערבעער'ן האָט ער פערפאסט די מוזיק
דערצו. אויסער זיי זיינען נאָך אין דער שולע געווען עטליכע אנ־
דערע זעהר טאלאנטפאלע שילער, וועלכע האָבען זיך שפּעטער ער־

וואָרבען גרויסע נעמען אין דער מוזיקאַלישער וועלט. אַלע שילער האָבען זעהר ליעב געקראָגען זייער איינציגען אידישען חבר ניט נאָר פאַר זיין סימפּאַטישען כאַראַקטער, זאָנדערן אויך פאַר זיין גוטסקייט. ער איז געווען דער איינציגער גביר צווישען זיי און פלעגט זיך ברידערליך טהיילען מיט זיי, ווען ער פלעגט קריעגען קאָנפעקטען און אַנדערע נאַשערייען פון זיינע עלטערן. אויך פלעגט ער זיי אויסבאָרגען זיינע ביכער. אין דיזער שולע האָט ער געקענט אין גאַנצען פערגעסען, אז ער איז א איד, נאָר שפּעטער, ווען ער איז ארויסגעטראָטען אויף דער וועלט-ביהנע מיט דעם גרעסטען גלאַנץ, האָט מען עס איהם ניט איין מאָל זעהר עמפּפינדליך דערמאָנט.

געלערנט האָט מען דאָרטען נאָר מוזיק. די לעהר-צייט פלעגט זיך אָנהויבען מיט א קאַטוילישען מאָרגען-געבעט. דער גלח פאָגלער פלעגט פּראָווען די צערעמאָניע מיט די הילפע פון זיין שילער וועבער. נאכהער פלעגט ער זיי געבען אויפגאבען צו שרייבען קאָמפּאָזיציאָנען אויף קאַטוילישע תפילות, ווי „סאַנקטוס“, „אווע מאַריאַ“, „קיריע עלעיסאָן“, א. ז. וו. יעדען זאָנטאג און יעדען פעסט-טאָג פלעגען אלע שילער זיך צוזאמענקלייבען אין דער קאטהעדראַל-קירכע, וואו דער גלח פלעגט אָנשפּיעלען מאָטיווען אויף איין אָרגאַן און די שילער פלעגען ענטוויקלען דיזע מאָטיווען און מאכען וואַריאַציאָנען נאָך זייער געשמאַק. דאָ האָבען אַזעלכע זשעניען ווי מעיערבעער און וועבער געקענט ארויסצייגען זייער קראַפט און לאָזען פליהען זייערע רייכע פאַנטאַזיעס. איין שילער האָט געזוכט איבערצושטייגען דעם אַנדערען אין קענטשאַפט און אָריגינאַליטעט. א מוזיקאנט, וועלכער האָט בעשריעבען דיזע שולע, בעמערקט וועגען דיזע מוזיקאַלישע געפעכטען פאָלגענדעס: „ווען דיזע גלענצענדע יונגע מוזיקער פלעגען זיך אַ לאָז טאָן פריי צו פאַנטאַזירען נאָך זייער פּאָעטישער בעגייסטערונג, זוכענדיג אלץ קלינגענדערע מעלאָדיען און קינסטליכערע וואַריאַציאָנען, פלעגט דער גוטער לעהרער בלייבען זיצען ווי א צוגעשמידטער. ער האָט שוין ניט דערקענט אין זיי זיינע געהאָרכזאַמע שילער. ער האָט זיך ניט געבייזערט, נאָר איז געווען אומעטיג, ווייל זייער שפּיעלען האָט אָנגעוויזען

אויף אזעלכע קוועלען פון פּאָעטישע בעגייסטערונג, אוים וועלכע ער אַליין האָט ניט געקענט שעפּען. ער האָט פערשטאַנען, אַז זיי זיינען מעהר פון איהם בעגאַבט פון דער נאַטור און ער מוז בלייבען אויף דעם שוועל, וואו עס עפענט זיך פאר זיינע שילער א גלענצענדער און בליהענדער וועג.“

אין פערלויף פון צוויי יאָהר, וואָס מעיערבעער האָט פערבראכט אין דיזער שולע, האָט ער אויסגעלערנט די גאנצע מוזיקאַלישע תורה און איז פערטיג געווען ארויסצוטרעטען אַלס מייסטער פאר דעם גרויסען פובליקום. צו פיערצעהן יאָהר האָט ער אַלזאָ גרינדליך אויסגעלערנט די קונסט פון מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען; איהם איז נאָר געבליעבען צו פראקטיצירען און דיכטען נאָך זיין טאַלענט און געשמאַק.

.2

זיינע ערשטע קאָמפּאָזיציאָנען און אָפּערעס און זיין פּיאנאָ־שפּיעלען.

ער האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרט מוזיק, פאַר וועלכער ער איז ווי געשאַפען געוואָרען, נעמליך: צו אָפּעראס. עס האָט איהם געצויגען צו דראמע, צו דער טהעאַטער ביהנע. ער האָט זיך אַזוי אָבגעגעבען צו אָפּעראס, דאָס ער האָט געשריעבען פערהעלט־ניסמעסיג גאַנץ וועניג אַנדערע קאָמפּאָזיציאָנען. אין פערגלייך מיט די שוואכסטע פון זיינע אָפּערעס, זיינען די מייסטע פון זיינע אַנדערע קאָמפּאָזיציאָנען גאַנץ געוועהנליכע ווערק.

נאָך זייענדיג אין פאָגלער׳ס שולע האָט ער קאָמפּאָנירט אַ׳ן אָפּערע אונטער דעם נאָמען „פּראָצעס“. אין אונגעפעהר דער זעל־בער צייט האָט ער אָנגעשריעבען די קאַנטאַטע „גאָט און נאַטור“, וועלכע איז מיט גרויס ערפאָלג אויפגעפיהרט געוואָרען אין דארמ־שטאַדט. מען האָט איהם דערפאַר בעעהרט מיט דעם טיטול האָף־קאָמפּאָזיטאָר פון דעם דארמשטאַטער הערצאָג. אַזוי ווי אין דעם גלח׳ס שולע האָט ער בעזאָנדערס פראַקטיצירט אין רעליגיעזע מוזיק, זיינען זיינע ערשטע ווערק געשריבען געוועזן אין דיזען גייסט. ער האָט זיך געסטאַרעט נאָכצופאָלגען די טהעאָרעטישע רעגעלען און די טרוקענע סיסטעם פון זיין לעהרער, נור זיין זשעניע האָט זיך אָפט געגען זיין ווילען דורכגעריסען און האָט אַריינגעהויכט אַ דראַמאַטישען עלעמענט.

אין אלע זיינע ערשטע קאָמפּאָזיציאָנען, ביז וואַנען ער איז אַוועק נאָך איטאַליען, דאָס לאַנד פון מעלאָדישע און דראַמאַטישע מוזיק, האָט ער זיך ארויסגעוויזען אַלס פאָגלער׳ס שילער. ער איז געווען איינגעשלאָסען אין די רעגעלען פון קאָנטראַ־פונקט און אין דער קאַטוילישן־רעליגיעזער מוזיק ווי הינטער אייזערנע גראַטעס. דארום

האָבען זיינע קאָמפּאָזיציאָנען וועניג ערפאָלג געהאַט, ווען איהם איז אויסגעקומען זיי אויפצופיהרען פאַר'ן פּובליקום אין קאָנצערט־זאַאַלען אָדער אין טהעאַטערס.

זיין ביבלישע אָפּערע „יפתח'ס נדר" איז געשפּיעלט געוואָרען אין מינכען. זיינע שול־חברים און נאָהענטע פריינד זיינען געווען ענטציקט פון איהר, אָבער זי איז דאָך דורכגעפאַלען, אַבוואָהל ער אַליין האָט געמאַכט רעפּעטיציעס מיט די ארטיסטען און דירי־זשירט דעם אָרקעסטער, ווי אויך ניט געזשאַלעוועט קיין געלד אויף גוטע דעקאָראַציאָנען און סצעניש עפעקטען. די גרויסע קאַסע פון זיינע עלטערן איז געווען אָפען פאַר איהם און ער האָט דאַרום געקענט גלייך אויפפיהרען זיינע אָפּערעס, ווערהענד כמעט אַלע אנדערע קאָמפּאָזיטאָרען האָבען לאַנג געמוזט נאָכלויפען די טהעאַטער־די־רעקטאָרען און זיך איינבעטען ביי די ארטיסטען ביז זייערע ווערק האָבען דערלעבט צו זעהען דעם שיין פון דער ביהנע.

מעיערבעער האָט זיך נאַטירליך געערגערט, וואָס זיין אָפּערע האָט גאָר ניט אויסגענומען. ער האָט ניט פערשטאַנען, ווארום דאָס איז אזוי און האָט בעשלאָסען, אז די שולד איז געלעגען אין א שלעכטער ליברעטאָ. ער האָט זיך דאַרום געווענדעט צו איי־נעם פון די בעסטע ליברעטיסטען אין דייטשלאַנד און האָט אָנגע־שריבען א נייע אָפּערע. אבער שוין ניט אויף א ביבלישען סיוזשעט, זאָנדערן אויף איינע פון די געשיכטען פון „טויזענד און איין נאַכט". די ליברעטאָ איז געווען זעהר א לעבעדיגע, גייסטרייכע, פול מיט וויצען, און מעיערבעער האָט זיך אָנגעשטרענגט גוט צוצו־פּאַסען די מוזיק צום אינהאַלט, אָבער ער איז ווידער דורכגעפאַלען. דיזעס מאָל איז די אורזאַכע געווען, וואָס ער האָט זיך גענומען צו א קאָמישע אָפּערע, וואָס איז גאָר ניט געווען אין זיין גייסט. זיין מוזע האָט איהם נור בעגייסטערט פאַר ערנסטע מוזיק און גרויסע דראַמען מיט גלענצענדע עפעקטען און ריהרענדע סצענען.

דיזע קאָמישע אָפּערע, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען „אַלימעלעק, דער ווירטה און דער גאַסט", איז געווען זיין שוואַכסטע ווערק. מען האָט איהר צוערשט אויפגעפיהרט אין שטוטגאַרט,

וואו זיין פריינד קארל וועבער האָט איהם פיעל מיטגעהאָלפען, אָבער זי האָט גאָר קיין ערפאָלג ניט געהאט. מען האָט דיזע אָפּערע נאָכהער געשפּיעלט אין וויען, וואו זי האָט אויך ניט אויסגענומען. מעיערבעער איז דאן איינפאך פערצווייפעלט געוואָרען. ער האָט גאָר ניט געוואוסט, ווי צו ערקלערען זיין דורכפאל.

אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך זיך ארומגעזעהען, אז ער איז גאָר ניט צופריעדען מיט זיך אלס פּיאניסט. דאן האָט זיך בע־זאָנדערס אויסגעצייכענט מיט זיין שפּיעלען א פּיאניסט הוממעל. ווען מעיערבעער האָט איהם געהערט אויף א קאָנצערט, איז ער ענט־ציקט געוואָרען פון זיין שפּיעלען און האָט געמוזט צוגעבען ביי זיך אין הארצען, אז איהם אליין פעהלט נאָך טעכניק צו זיין אזא קינסט־לער. דאָס האָט איהם ניט וועניג געערגערט, אָבער ער האָט גלייך בעשלאָסען זיך צו נעהמען צו דער ארבייט און אזוי לאנג צו פּראקטיצירען אויף דער פּיאנאָ, ביז ער וועט ארויסצייגען נאָך מעהר קונסט ווי הוממעל. ער איז געווען אזוי פלייסיג ווי עהרגייציג, און ווען ער האָט עפּעס בעשלאָסען אויסצופיהרען, פלעגט ער עס טאָן מיט חשק און ענערגיע. דארום האָט ער ניין מאָנאט פּראקטיצירט שטונדען־לאנג יעדען טאָג. ער האָט אין דער צייט גאָר ניט קאָמ־פּאָנירט און נור געארבייט מיט די פינגער ביז ער האָט געפיהלט, אז ער קען שוין ארויסטרעטען געגען הוממעל'ן און צייגען זיין קונסט. ער האָט זיך ניט גענארט אין זיינע ערווארטונגען. ווי מיר ווייסען עס שוין, האָט ער פון קינדווייז אָן געשפּיעלט פּיאנאָ און איז נאָך אלס אינגעל גערעכענט געווען פאר א ווירטואָז; נאָר אין פאָגלער'ס שולע און נאכהער, ווען ער האָט זיך אָבגעגעבען צו קאָמפּאָזיציאָנען, האָט ער פערנאכלעסיגט זיין שפּיעלען. יעצט אָבער האָט אין איהם אבגעלעבט דער ווירטואָז און אויף א קאָנצערט האָט ער אויסגענומען מעהר ווי זיין געגנער. אויסער א זעלטענע טעכניק האָט ער אויך ארויסגעוויזען געפיהל. מיט זיין שפּיעלען פלעגט ער איינפאך בעגייסטערען די צוהערער.

אין וויען האָט ער זיך צוזאמענגעטראָפען מיט בעטהאָווען, וועלכער ווערט גערעכענט פאר דעם גרעסטען קאָמפּאָזיטאָר, וואָס

איז ווען געשאַפען געוואָרען. דיזער קעניג פון קלאַסישע מוזיק האָט דאן אָנגעשריעבען די סימפאָניע „וועלינגטאָן'ס זיעג". די גרעסטע מוזיקאַנטען האָבען אנטהייל גענומען אין דעם אָרקעסטער. מעיער־בעער'ן איז אויסגעקומען צו קלאַפען אין פויק. אזוי ווי ער איז ניט געוואָהנט געווען צו דיעזען אינסטרומענט און האָט זיך גאָר ניט היימליך געפיהלט, האָט ער ניט געקלאַפט אין טאַקט און דערמיט ארויסגערופען בעטהאָווען'ס אונצופרידענהייט. ער האָט דערפאר געבאַפט א פּאָרציע פון דעם אַלטען געניאלען קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער האָט נאכהער געזאָגט: „איך בין גאָר ניט געווען צופריעדען מיט מעיערבעער'ן. ער איז אַלץ געווען צו שפּעט, זאָ דאָס איך האָב איהם טאַקי גוט אויסגעזידעלט. מיט איהם איז גאָר ניט צו מאַכען, עס פעהלט איהם ארויסצוטרעטען אין צייט." ווען מעיערבעער איז געווען דער אנערקענטער קעניג פון אָפּערע, האָט ער ליעב גע־האַט צו דערצעהלען ווי בעטהאָווען האָט זיך געבייזערט אויף איהם און איהם ערקלערט פאר א שלעכטען באַראַבאַנשטשיק.

אין 1812 האָט ער קאָמפּאָנירט א קאַנטאַטע לכבוד דעם גע־בורטסטאָג פון זיין געליעבטער מוטער און אויך א פּאַטריאָטישע שטיק וועגען די דייטשע בעוועגונג געגען נאַפּאָלעאָנען. די לעצטע קאָמפּאָזיציאָן איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין בערלין מיט א צימ־ליך גוטען ערפאָלג. אין אַלגעמיינען אָבער איז דעם יונגען קאָמפּאָ־זיטאָר, וועלכער האָט געטרוימט צו שוועבען הויך און ברייט ווי אַן אָדלער, נאָך ניט געלונגען צו צייגען זיין מאַכט דעם פּובליקום, טראָץ דעם וואָס ער האָט אויספּראָבירט פערשיעדענע סאָרטען פון מוזיקאַלישע דיכטונגען. דאָס פּובליקום איז אַלץ געבליבען גלייכ־גילטיג צו זיינע קאָמפּאָזיציאָנען. ער איז דורך דעם אזוי נידערגע־שלאָגען געוואָרען, אז ער האָט אפילו ניט געגלויבט זיינע פריינד, וועלכע האָבען איהם אויפגעמונטערט און פערשפּראָכען א גלענ־צענדע צוקונפט. בעזאָנדערס האָט איהם ניט פערלאָזען זיין חבר קאַרל וועבער, וועלכער האָט איהם אויך געלויבט אין צייטונגען אין זיינע מוזיקאַלישע איבערזיכטען. וועבער האָט צו גוט געוואוסט, וואָס פאר א מעכטיגער טאַלענט עס שטעקט אין זיין פריינד, און ער

האָט עס גרויסמוטהיג געזוכט צו ערקלערען דעם פובליקום. אין איינער פון זיינע שריפטען האָט וועבער איהם פאָרגעשטעלט אלס א העכסט געבילדעטען מאן, אלס דעם גרעסטען פיאניסט פון זיין צייט און אלס א קאָמפּאָזיטאָר, וואָס צייכענט זיך אויס מיט א לעבעדיגע, ריכטיגע אויפפאַסונג פון כאַראַקטערען, נייאיגקייטען און רייכטהום פון האַרמאָנישע דיכטונגען און אַ קונציגע אָרקעסטרירונג.

דיזע כשר־פערדיענטע שבחים פון אַזאַ מוזיקאַלישען זשעניע ווי וועבער האָבען אָבער ווייניג געווירקט אויף דאָס פובליקום, און מעיערבעער׳ס פערצווייפלונג איז אַלץ גרעסער געוואָרען ביז דער בעוואוסטער איטאַליענישער קאָמפּאָזיטאָר סאַליערי האָט איהם געראטהען צו פאָהרען נאָך איטאַליען און זיך צוקוקען, ווי מען פיהרט דאָרטען אויף אָפּערעס. „אין אייערע קאָמפּאָזיציאָנען,“ האָט סאַליערי געזאָגט צו איהם, „איז צופיעל אונשולד. זיי זיינען צו פרום און צו טרוקען. אייער קונסט איז נאָך בתולה׳דיג. איהר דאַרפט אונטערפייערען אייער מוזע מיט א קוש.“ ווייטער האָט ער איהם ערקלערט, אַז ער פערשטעהט נאָך ניט ווי צו קאָמפּאָנירען פאר שטימען און אז דאָס קען ער נאָר ערלערנען אין איטאַליען, וואו די קאָמפּאָזיטאָרען קימערען זיך ניט אזוי פיעל וועגען קאָנטראפּונקט און טרוקענע טהעאָריע, ווי אין דייטשלאַנד, און זוכען צו שאַפען קלינגענדע און לעבעדיגע מעלאָדיען.

מעיערבעער האָט געפיהלט, אז דער איטאַליענער האָט רעכט. ער האָט דאַרום גלייך אָנגענומען זיין ראטה. נאָר זיין פאָטער האָט געוואונשען, ער זאָל פריהער בעזוכען פאַריז, און דאָרטען זיך בעקענען מיט גרויסע קינסטלער. דער יונגער און רייכער קאָמפּאָזיטאָר האָט נאַטירליך געהאַט די בעסטע רעקאָמענדאַציאָנען און איז אויפגענומען געוואָרען פריינדליך אין די רייכסטע און בעסטע אריסטאָקראַטישע סאלאָנען פון פאַריז. ער האָט דאָרטען זעהר לוסטיג פערבראַכט א יאָהר, אָבער די פערגניגען האָבען איהם ניט געקענט אָפּרייסען אין גאַנצען פון זיין געליעבטע קונסט און אויך פון ליטעראַרישע שטודיען. ער האָט זיך בענוצט מיט דיזער צייט נאָך גרינדליכער צו ערלערנען די פראַנצויזישע שפּראַך און ליטעראַטור.

.3

זיין רייזע נאָך איטאַליען און זיינע איטאַליענישע אָפּערעס.

איטאַליען האָט מעיערבעער בעזוכט, ווען איהם איז געוואָרען 25 יאָהר. ער האָט דאָרטען פערבראַכט די בעסטע יאָהרען פון זיין לעבען און איז פון דאָרטען ארויסגעטראָטען אלס א קעניג פון אָפּע־רעס. איטאַליען איז נאָך דאַן געווען דער איינציגער צענטער פון דער מוזיקאַלישער וועלט. די איטאַליענישע אָפּערע האָט איבעראַל געהערשט. פון אַלע לענדער פלעגען אהין קומען מוזיקאנטען ניט בלויז צו מאַכען לוסט־רייזען און זעהען, ווי די קונסט האַלט דאָרטען, זאָנדערן איינפאַך צו לערנען און בעסער נאָכצומאַכען די איטאַליע־נישע מייסטערס, צו קאָמפּאָנירען נאָך זייער מוסטער. די הויפּט אנציהונגס־קראַפט פון דער איטאַליענישער מוזיק איז בעשטאַנען אין איהרע מעלאָדישע קאָמפּאָזיציאָנען און אין דער שטרעבונג צו געבען די זינגערס וואָס מעהר מעגליכקייט צו צייגען זייערע שטי־מען און קונסט. אפילו אין דייטשלאַנד, וואו בעטהאָווען און מאָ־צאַרט, די צוויי אונפערגלייכליכע ריעזען אין דער מוזיק־קונסט, האָבען אויפגעהויבען די נאַציאָנאַלע מוזיק און געלייגט דעם פונדאַ־מענט צו דער דייטשער אָפּערע, וועלכע האָט שפּעטער פערנומען כמעט אין גאַנצען דעם פּלאַץ פון דער איטאַליענישער — אפילו אין דייטשלאַנד האָט מען מעהרסטענס געזונגען איטאַליענישע מע־לאָדיען און נאָר געשעצט איטאַליענישע אָפּערעס.

דער קעניג פון דער איטאַליענישער אָפּערע איז דאַן געווען ראָסיני, וועלכער איז אויפגעוואַקסען און ערצויגען געוואָרען אויף דער סצענע פון פאָלקס־טהעאַטערס. זיין פאַטער און מוטער זיינען געווען וואַנדערענדע זינגער, און זייער זוהן, איינער פון די גרעסטע איטאַליענער מוזיק־מייסטערס, איז נאָך אלס קינד ארויסגעטראָטען אלס זינגער אויף די פאָרשטעלונגען פאַר'ן פאָלק אין דער צייט פון יארידען און פאָלקס־פעסטליכקייטען. ווי פערשיעדען איז געווען

זיין יוגענד פון מעיערבעער׳ס! ראָסיני איז געוואקסען אין ארמוטה און אונוויסענהייט אלס פאָלקס־קינד, וועהרענד מעיערבעער האָט זיך געבאָדען אין וואוילטאָג. אָבער ראָסיני איז געוועזען אַזאַ ריעזי־גער זשעניע און האָט זיך אזוי גלענצענד אויסגעצייכענט מיט זיינע לעבהאפטע קאָמפּאָזיציאָנען צו 18 יאָהר, דאָס ער האָט זיך שנעל דורכגעבראָכען א וועג און גענומען דאָס איטאַליענישע פאָלק און דורך דעם די גאנצע מוזיקאלישע וועלט מיט שטורם. דיזער וואונ־דערבארער זשעניע איז אין פיעלע הינזיכטען געוועזען דער היפוך פון מעיערבעער׳ן. ער האָט כמעט גאָר ניט געקענט אויסער מוזיק, און דאָס האָט ער אויך ניט שטודירט נאָך אלע רעגעלען פון דער טהע־אָריע. ער האָט געדיכטעט פריי ווי א נאַטור־קינד, ווי זיין אייגענע פאַנטאַזיע האָט איהם געטראָגען, און ער האָט קאָמפּאָנירט מערק־ווירדיג שנעל. אין פערלויף פון אונגעפעהר צעהן יאָהר האָט ער אָנגעשריעבען א דרייסיג אָפּערעס, פון וועלכע אייניגע ווערען נאָך ביז היינט געשפּיעלט, ווי, צום ביישפּיעל, „ווילהעלם טעלל“, און וועלכע וועלען נאָך לאַנג־לאַנג ניט אראָפּגעהן פון דער אָפּערן־סצענע.

מעיערבעער איז אָנגעקומען אין איטאַליען, ווען ראָסיני׳ס אָפּע־רעס האָבען געהערשט. ער אליין איז אזוי ענטציקט געוואָרען פון זיי, דאָס אייניגע האָט ער געקענט אויסוויינינג מיט אלע איינצעלהיי־טען. וואָס פאַר אַ גרויסען איינפלוס איטאַליען און ראָסיני האָבען געהאַט אויף איהם, ערקלערט ער אָפען אליין אין אַ בריעף צו זיינעם א פריינד אין דייטשלאַנד.

„גאַנץ איטאַליען,“ שרייבט ער, „האָט זיך דאַן געפונען אין א גליקליכען צויבער. עס האָט געשיינט ווי די גאַנצע נאַציאָן האָט דערגרייכט איהר געוואונשענעם גן־עדן און אז זי קען נאָר גליקליך זיך פיהלען דורך ראָסיני׳ס מוזיק. איך בין ניט ווילענדיג ארומגע־רינגעלט געוואָרען מיט דיזע וואונדערליכע נעצען פון קלאַנגען און בין אריינגעפאַלען אין א בעצויבערטען גאָרטען, פון וועלכען איך האָב ניט געקענט און ניט געוואָלט ארויסגעהן. אלע מיינע געפיה־לען און געדאַנקען זיינען געוואָרען איטאַליעניש. נאַכדעם, ווי איך האָב דאָרטען פערבראַכט איין יאָהר, האָט זיך מיר געדוכט, אז איך

בין א געבאָרענער איטאַליענער. אז אזא פאָלשטענדיגע אומענ־דערונג פון גייסטיגען לעבען מוז האָבען א ווירקונג אויף מיין דיכ־טונג — איז זעלבסטפערשטענדליך. איך האָב ניט געוואָלט נאָכמאַן ראָסיני'ן און שרייבען נאָך דעם איטאַליענישען מוסטער, ווי מען בעהויפטעט עס, זאָנדערן איך האָב ג ע מ ו ז ט אזוי שרייבען, ווי איך האָב געשריעבען, איינפאַך דורך אן אינערליכע נייגונג."

אין אן אנדער בריעף שרייבט ער וועגען דיזע צייט פון זיין לעבען אזוי: „דער פאַקט, דאָס איך בין אין דעם צווייטען פעריאָד פון מיין מוזיקאַלישער דיכטונג מעהר געניינגט געווען צו איטאַליע־נישער מעלאָדיע, איז גאַנץ נאַטירליך, ווען מען זאָל נור נעהמען אין אנבעטראַכט, דאָס איך בין צו שטרענג געשולט געוואָרען פון לעה־רערס אין קאָמפּאָזיציאָנען, וועלכע האָבען נור געפאָדערט אן אנ־שטרענגונג פון פערשטאַנד, און דאָס די לעבעדיגע געפיהלען, וועל־כע זיינען אונטערדריקט געוואָרען דורך טרוקענע מוסטערס, זיינען אויפגעוועקט און אויפגעלעבט געוואָרען פון איטאַליען'ס ווארימ־קייט און פון איהרע נאַכטיגאַלען. עס פערשטעהט זיך, איך בין צו ווייט פערקראָכען אין דיזער ריכטונג, וועלכע איז ארויסגערופען געוואָרען פון די אומשטענדען און פון לעבען זעלבסט."

אין דעם איטאַליענישען גייסט, מיט וועלכען ער איז אזוי שנעל דורכגעדרונגען געוואָרען, ווייל ער איז איבערהויפט געווען אן עמפּפינדליכע נאַטור, האָט ער אין 1818 אָנגעשריעבען די אָפּערע „ראָמילדאָ און קאָנסטאַנציא", וועלכע איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין פּאַדוא מיט א צימליך גוטען ערפאָלג. נאָכהער האָט ער אָנגע־שריעבען אויף דער זעלבער אַרט עטליכע אָפּערעס, פון וועלכע דער „קרייץ־ציגער" האָט געהאַט דעם גרעסטען ערפאָלג. מען האָט אויך דיזע אָפּערע אויפגעפיהרט אין די פעראייניגטע שטאַאטען און אנ־דערע לענדער פון דער נייער וועלט, און דער בראַזיליאַנער קעניג האָט דערפאַר בעעהרט דעם קאָמפּאָזיטאָר מיט א'ן אָרדען.

4.

זיין לעבען אין איטאַליען.

אָבער נאָך מעהר ערפאָלג האָט ער דאָן געהאַט ביי איטאַליע־נער פרויען. ער איז ניט נור געווען יונג, טאַלענטפאָל און רייך, זאָנדערן אויך שעהן, עלעגאַנט און העכסט אנציהענד. יעדען טאָג פלעגט ער קריעגען פעק מיט ליעבע־בריעף, און וואו נאָר ער פלעגט זיך בעווייזען, פלעגט ער באָמבאַרדירט ווערען מיט פלאַמענדע בליקען פון איטאַליענער שעהנהייטען. ניט־ווילענדיג איז ער געוואָרען א דאַמען־העלד. נאָר ער איז צופיעל פערטיעפט געווען אין מוזיק און איבערהויפט אין קונסט, לעזענדיג נאָך דערצו זעהר פיעל די ווערק פון די בעסטע איטאַליענער פאָעטען און שריפטשטעלער, אום זיך אָפצוגעבען אין גאַנצען צו פערגעניגען און ראָמאַנען. פערהעלטניסמעסיג האָט ער גאַנץ ווייניג געזינדיגט. ער האָט געלעבט זעהר איינפאַך און בעשיידען, הגם ער האָט געהאַט גענוג מיטעל צום גרעסטען לוקסוס. אָפט פלעגט ער פערברענגען גאַנצע טעג אין דיכטען, שפּיעלען און בעטראַכטען די הערליכע איטאַליענישע נאַטור, פון וועלכער ער פלעגט שעפּען בעגייסטערונג.

נאָר טראָץ דעם, וואָס ער פלעגט אויסמיידען צו פערפיהרען ראָמאַנען און ענטפערען אויף די ליעבע־בריעף, איז ער ניט איין מאָל ארויסגערופען געוואָרען אויף א דועל פון זיינע געגנער. אזוי ווי ער איז אָבער געוועהנליך געווען גאַנץ אונשולדיג, האָט ער זיך שטענדיג געקענט ארויסדרעהען פון דועלען. מיט אריסטאָקראַטישע דאַמען און פרימאַדאָנעס, וועלכע האָבען געזוכט ארייגצוציהען איהם אין זייער נעץ, האָט ער זיך בעזאָנדערס געהיט צו פערפיהרען א ראָמאַן, און דערפאַר האָבען איינינע פון זיי זיך אָבגערעכענט מיט איהם אויף זייער פאַסאָן. וועגען איינעם פון אזעלכע פעלע האָט ער דערציילט אין א בריעף צו זיינעם א פריינד אזוי:

„ווען איך האָב געשטעלט מיין אָפּערע „ראָמילדאָ און קאָנסטאַנציא" אין פאַדוא, האָט זיך די פרימאַדאָנאַ, וועלכער איך האָב געצייגט איהר ראָלע, זיך ארייגגענומען אין קאָפּ, אז זי זאָל מיט מיר

חתונה האָבען נאָך פאַר דער פאָרשטעלונג, אָבוואָהל איך האָב איהר קיין געלעגענהייט ניט געגעבען צו אזעלכע האָפנונגען. ווען איך האָב בעמערקט, וואָס זי בעצוועקט, בין איך נאָך פאָרזיכטיגער געוואָרען. מיר האָט זיך גאָר ניט גע'חלום'ט, וואָס פאַר טרויעריגע רעזולטאַטען דאָס וועט האָבען פאַר מיין אָפּערע. איך האָב ערוואַרטעט א גרויסען ערפאָלג. אָבער ווען עס איז געקומען די נאַכט פון דער פאָרשטעלונג — א זעהר הייסע נאַכט — און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעפאַנגען בין איך א צוציטערטער געוואָרען. שטעלט זיך פאָר מיין לאַגע, ווען די זינגערס האָבען געזונגען, אַזוי ווי זיי וואָלטען ערשט אַראָב פון א קראַנקען־בעט און אַז דער אָרקעסטער האָט ניט אָנגעהויבען צו שפּיעלען ריכטיג. דאָ האָט דער טרומייטער דורכגעלאָזען א נויטיגע נאָטע און מיט א מאָל א בלאָז געטאָן אין ועכטען מיטען פון אַן אריע, אַז עס האָט געדונערט אין די אויערען; דאָ האָט דער באַראַבאַן געקלאַפּט אזוי ווי ער וואָלט געוועקט מתים; דאָס איז די פלייטע פערקראָכען אין בויבעריק. דאָס פּובליקום האָט זיך אָנפאַנגס קראַנק־געלאַכט פון דיזע „קונצען", אָבער צולעצט זיינען אַלע אין כעס געוואָרען. ווען איך בין צוגעלאָפען צום דירעקטאָר און צו די אַרטיסטען, האָב איך געקראָגען די אַנטוואָרט: „עס איז צו הייס, מען קען גאָר ניט אַטהעמען." צו אַלע צרות האָבען נאָך די איטאַליענישע צייטונגען פערשפּרייט א בעריכט, אַז מיין אָפּערע איז דורכגעפאַלען און האָבען געמאַכט בייסענדע בעמערקונגען אויף מיין רעכנונג. איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז די זינגערס און דער אָרקעסטער האָבען זיך פערבונדען געגען מיר, אָבוואָהל איך האָב זיי גאַנץ גוט בעהאַנדעלט און זיי זיינען געוועזען פריינדליך צו מיר ביי די רעפּעטיציעס. אָבער ערשט מיט א צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט פון איינינע מוזיקאַנטען, אַז די אורזאַכע פון גאַנצען סקאַנדאַל איז געווען די פּרימאַדאָנאַ, וועלכע האָט געהערשט אין טהעאַטער און האָט אַלעמען געצוואונגען צו שפּיעלען, ווי איהר האָט זיך געוואָלט, אום זיך אָפּצורעכענען מיט מיר פאַר מיין גלייכגילטיגקייט צו איהר ליעבע. דאָס איז געווען איהר ווייבערשע ראַכע."

.5

פערלאָזט בערלין און בעזעצט זיך אין פּאַריז.

אין 1822 האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נאָך בערלין מיט א נאָמען פון אַן ערפאָלגרייכען קאָמפּאָזיטאָר אין איטאַליען. דאָן איז אויך געקומען א סוף צו זיינע ראָמאַנען אָדער גיכער צו די ליעבע־אַטאַקעס פון פיעלע שעהנהייטען אויף איהם, דען ער האָט חתונה גע־האַט מיט זיין קוזינע מינע מאָססאָק.

ער האָט גערעכענט, אז יעצט, ווען ער האָט זיך געמאַכט א נאָמען אין איטאַליען, וועט ער נעהמען בערלין מיט שטורם; אבער ער האָט גאָר א ביטערען טעות געהאַט. פון אַלע זייטען האָבען זיך א שאָט געטאָן אויף איהם פיינדליכע קריטיקען. מען האָט איהם ערקלערט פאַר אַן איינפאַכען שקלאַוו פון דער איטאַליענער אָפּערע און פאַר א פעררעטהער צו דער דייטשער מוזיק, וועלכע איז דאַן ארויסגעטראָטען אַלץ קרעפטיגער אויף איהר זיעגרייכען וועג. פיעלע האָבען געשריען, אז ער איז ראָסיני׳ס נאָכשלעפּער און אז ער איז אין גאַנצען פערלאָרען פאַר די דייטשע מוזיק. אפילו זיין גרויסער פריינד קאַרל וועבער, וועלכער האָט איהם געהאָלפען אויפ־צופיהרען די אָפּערע „עמא ראָזבור“ אין דרעזדען, האָט נאָך דער פאָרשטעלונג געשריעבען צו א פריינד: „מיין הארץ ווערט בעגאָ־סען מיט בלוט, ווען איך זעהע, דאָס א דייטשער קאָמפּאָזיטאָר מיט א ריעזיגען טאַלענט ערניעדריגט זיך נאָכצומאַכען צוליעב א קלעגליכען ערפאָלג ביי דער מענגע.“

דיזע אַלגעמיינע אַטאַקעס פון דייטשע מוזיקאַנטען און קריטי־קער האָבען איהם נאַטירליך שרעקליך געקרענקט. ער האָט אָנ־פאַנגס זיך ניט געקענט ערקלערען, וואָרום מען איז אזוי בייז אָנ־געפאַלען אויף איהם; אבער ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו די ערנסטע קריטיקער, האָט ער זיך ארומגעזעהען, דאָס ער איז ווירקליך געווען צופיעל אונטער דעם איינפלוס פון דער איטאַליענער מוזיק און אז ער האָט כמעט פערלאָרען זיין זעלבסטשטענדיגקייט. דאָרום האָט ער זיך אָבגעזאָגט צו שרייבען ווייטער איטאַליענישע אָפּערעס,

אַבוואָהל ער האָט געקראָגען פיעלע בעשטעלונגען פון טהעאטער־דירעקטאָרס.

צו די צרות, וואָס ער האָט געהאַט פון די דייטשע קריטיקערס, זיינען נאָך צוגעקומען פאַמיליען־אונגליקען. זיין פאָטער, וועלכען ער האָט היים געליעבט, איז געשטאָרבען, און ניט לאַנג נאָכדעם, זיינע ערשטע צוויי קינדער. דאָס האָט אויף איהם אזוי שמערצ־ליך געווירקט, אַז אַ פּאָר יאהר האָט ער גאָר ניט געקענט אונטער־נעהמען. זיין דיכטונגס־קראפט איז ווי אָבגעשטאָרבען געוואָרען. אויסער רעליגיעזע מוזיק האָט ער גאָר ניט געקענט קאָמפּאָנירען.

ווען מעיערבעער איז שוין געוועזן אַן אַלטער מאַן, פלעגט ער ניט קענען רעדען וועגען דיזע צייט אָהן טרערען אין די אויגען.

נאָר מיט דער צייט זיינען די וואונדען ביסלעכווייז פערהיילט געוואָרען, און ער האָט זיך געקענט נעהמען צו דער אַרבייט. אין דייטשלאַנד אָבער, וואו די מוזיקאַלישע וועלט איז אזוי העפטיג אַרויסגעטראָטען געגען איהם און האָט איהם בעטראַכט אלס א פער־רעטהער צו דער דייטשער מוזיק, האָט ער ניט געקענט האָפען אויף אַן ערפאָלג, און ער האָט דאָרום בעשלאָסען צו פּרובירען זיין גליק אין אַ'ן אַנדער לאַנד. ער האָט ניט פיעל בעדאַרפט טראַכטען, אום אויסצוקלייבען פראנקרייך, וואו ברייטע פעלדער זיינען געווען אָפען פאַר אלע טאַלענטען און וואו אלע פרייהייטס־קעמפּפער, אלע גרויסע גייסטער האָבען געפונען וואָס זיי האָבען געזוכט און דערצו נאָך פרייהייט און זיכערהייט. פּאַריז איז דאַן געווען דער צענטער פון דער ציוויליזירטער וועלט נאָך מעהר ווי אין אונזערע טעג. קונסט און ליטעראטור האָבען דאָרט בעזאָנדערס געגלענצט און געפונען א פרייען וועג. קינסטלער, פּאָעטען, פּאָליטישע עמיגראַנטען, געלעהר־טע — יעדערער האָט דאָרטען געהאַט זיין קרייז און האָט געקענט אויף פערברענגען די צייט מיט פערגניגען. דאָס לעבען האָט דאָר־טען געקאָכט, און דער פּאָליטישער קאַמפּף, וועלכער האָט זיך גע־ענדיגט אין יולי 1830 מיט אַ נייער רעוואָלוציאָן, האָט געברענט.

אָבער מעיערבעער איז געוועזן צו פיעל פערטיפט און פערטאָן אין זיין קונסט, אום זיך צו בעשעפטיגען מיט פּאָליטיק. קינסטלער

נעהמען איבערהויפט זעהר זעלטען אנטהייל אין א פּאָליטישען קאמפף, זייער קונסט פיהרט זיי אין א גאנץ אנדער ריכטונג; זיי אינטערעסירען זיך מעהר מיט א בילד, א סטאטוע, א דראמע, אָפּערע, א. ז. וו., ווי אפילו מיט א רעוואָלוציאָן. מעיערבעער איז אין דיזער בעציהונג ניט געווען אן אויסנאהמע, ער איז געבליבען פרעמד צו די פּאָליטישע בעוועגונגען אין פראנקרייך ניט נאָר ווען ער האָט זיך דאָרט בעזעצט, זאָנדערן אויך ווען ער איז געוואָרען א פראנצויז און איז, זאָ צו זאָגען, צוזאמענגעוואקסען געוואָרען מיט זיין צווייטען פאטערלאנד. זיין פרייהייטס-גייסט האָט ער נאָר אויסגעדריקט אין זיינע אָפּערעס, מיט וועלכע ער האָט ערשטוינט און ענטציקט די וועלט. דער פרייער, לעבעדיגער און דראמאטי־שער גייסט פון די פראנצויזען האָט זיך אויסגעגאָסען אין זיין מו־זיק. אָהן פראנקרייך וואָלט זיך מעיערבעער'ס זשעניע ניט ארויס־געצייגט מיט אזא פּראכט און גלאנץ.

גראדע ארום דער צייט, ווען ער האָט בעשלאָסען צו פערלאָ־זען זיין אונדאנקבארע פאטערלאנד, איז ער איינגעלאדען געוואָרען פון דעם אָפּערן-דירעקטאָר ראָסיני אין פּאריז צו דיריזשירען זיין אָפּערע „קרייץ-ציגער", וועלכע האָט אין א קורצער צייט גענומען די איטאליענער מיט שטורם אן האָט אויך געמאכט א רייזע איבער דער ציוויליזירטער וועלט. דיזע אָפּערע איז זיכער געווען די בעסטע פון די יעניגע, וועלכע ער האָט געשריבען אין איטאליען נאָך דעם איטאליענישען מוסטער. פריהער האָט דיזע אָפּערע גראדע ניט אויסגענומען אין פּאריז, אָבער דיזעס מאָל איז דער ערפאָלג געווען א ריעזיעגער. אזא טריאומף האָט ער נאָך ביז דאן ניט געהאט. פּאריז, די וועלט-שטאָדט פון קונסט, איז איינפאך געלעגען צו זיינע פיס. מען האָט איהם געטראָגען אויף די הענד און בעשאָטען מיט בלומען. אפילו זיין גליקליכע מוטער, וועלכע איז געקומען זעהען איהר זוהן'ס נצחון, האָט מען בעשאָטען מיט בלומען. פּאָעטען האָבען איהר געלויבט אלס די מוטער פון אזא געניאלען זוהן. ראָסיני זעלבסט, דער גרויסער איטאליענישער מייסטער, וועלכער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער פּאריזער אָפּערע, האָט איהם

ערעלמוטהיג געשטיצט, ווי איבערהויפּט אלע יונגע טאלענטען.

דאָס האָט פּאַסירט אין 1827טען יאָהר. נאַטירליך, די טירען פון די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען זיינען געווען פאַר איהם אזוי אָפען ווי די טעמפּלען פון קונסט. אין די סאַלאָנען פלעגט ער זיך צוזאַמענטרעפען מיט די גרעסטע פּאָעטען און קינסטלער פון יענער צייט, ווי היינע, אדאַם מיצקיעוויטש, וויקטאָר הוגאָ, לאַמאַרטין, שאַטאָבריאַן, האַלעווי, אָבער, א. ז. וו. ווען ער האָט זיך אין גאַנ־צען אריבערגעצויגען אין זיין וואָהנונג אין פּאַריז, איז דאָרט געוואָ־רען א צענטער פאַר די גרעסטע מענער פון דער וועלט־שטאָדט. דער גרויסער פערמעגען פון זיינע עלטערן האָט איהם ערלויבט צו לעבען ווי א מאָנאַרך און צו געבען הערליכע אונטערהאַלטונגען פאַר די געסט, וועלכע פלעגען האַלטען פאַר אַן עהרע צו זיין ביי איהם. ער זעלבסט האָט געלעבט זעהר איינפאַך, אָבער ער איז געווען זעהר גאַסט־פריינדליך און האָט ליעב געהאַט צו פערברענגען די צייט אין דער געזעלשאַפט פון זיינע אינטימע פריינד, וועלכע זיינען כמעט אלע געווען קינסטלער און פּאָעטען. אונטער אזעלכע אומשטענדען האָט ער שנעל פערגעסען אָן די קריינקונגען און פאַמיליען־שמערצען, וואָס ער האָט געהאַט אין בערלין, און זיין מוזע האָט אויפגעלעבט מיט א נייער קראַפט, א קראַפט, וועלכע האָט שנעל בעצויבערט די וועלט.

די יעניגע, וועלכע האָבען געמיינט, אז מעיערבעער האָט אין דעם גערויש און אין די פערגניגען פון א רייכען לעבען אין פּאַריז פערלאָרען זיין פריהערען חשק צו ארבייט, האָבען א גרויסען טעות געהאַט. זיין קינסטלערישע נאַטור האָט איהם קיין מאָל ניט דער־לאָזען זיך אָבצוגעבען צו ניעדריגע ליידענשאַפטען, צו תאוות; זי האָט איהם געטריעבען צו גייסטיגע פערגניגען, צו דאָס שעהנע און ערהאַבענע. אין דעם קרייז פון רייכטהום, גלאַנץ און עלעגאַנץ, אין וועלכען ער האָט געלעבט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו לעזען, שטודירען דעם כאַראַקטער פון פראַנצויזישען פאָלק און בעזאָנדערס פון די פראַנצויזישע מוזיק. ביסלעכווייז איז ער דורכ־געדרונגען געוואָרען מיט'ן פראַנצויזישען גייסט, ווי פריהער מיט

דעם איטאַליענישען. וואָס מעהר ער האָט שטודירט די פראַנצויזישע מוזיק, האָט ער זיך אַלץ שטאַרקער איבערצייגט, אז זי פּאַסט אַם בעסטען פאַר זיין כאַראַקטער, פאַר זיין זשעניע. „איך האָב לאַנג געזוכט און קאָמפּאָנירט,“ האָט ער ערקלערט, „ביז איך האָב אויסגעפונען, צו וואָס איך בין מעהר גענייגט און געשאַפען. איך האָב לאַנג פּרובירט ביז איך האָב זיך איבערצייגט, אז געשיכטע און שטאַרקע דראַמאַטישע כאַראַקטערען זיינען מיין עלעמענט.“

ער האָט דאַן בעשלאָסען צו מאַכען אַ פּראָבע אויף דיזען נייעם וועג; נאָר צוערשט האָט ער בעדאַרפט אויסגעפינען אַ פּאַסענדען ליברעטיסט. ער האָט גלייך געזעהן, אז פאַר אַן אמת דראַמאַטישע מוזיק דאַרף מען האָבען אַזאַ אינהאַלט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו איהר און זאָל זיין געשריעבען פון אַ קינסטלער אין זיין פאַך. ער האָט לאַנג געזוכט אַ גוטען ליברעטיסט. ער האָט זיך געווענדעט צו פיעלע בעוואוסטע שריפטשטעלער און זיי פערשפּראָכען די בעסטע בעלוינונג; אָבער ער האָט געקראָגען ווענינ בעלנים אויף אַזאַ שווערע און אויך אונדאַנקבארע אַרבייט. אַ גוטע ליברעטאָ פאַר אַן אָפּערע איז אַ העלפט פון ערפאָלג. ניט איין מאָל זיינען אָפּערעס פון די גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרען דורכגעפאַלען צוליעב שלעכטע און נאַרישע ליברעטאָס. פון דעסטוועגען קימערט זיך דאָס פּובליקום גאָר ניט וועגען דעם פערפאַסער פון אַ ליברעטאָ. מען קומט זעהן אַן אָפּערע, און געוועהנליך אינטערעסירט מען זיך ניט צו וויסען דעם ליברעטיסט'ס נאָמען. דארום ענטזאָגען זיך בעוואוסטע דראַמאַטורגען און שריפטשטעלער פון אַזאַ אַרבייט. ווי מעיערבעער האָט אַליין דערצעהלט, האָט ער בעשטעלט ביי פיעלע פּאָעטען ליברעטאָס, נאָר ער האָט זיי געמוזט אָבגעבען צוריק זייער אַרבייט, נאָכדעם ווי ער האָט בעצאָהלט דערפאַר. אין אַ בריעף צו זיינעם אַ פריינד האָט ער זיך בעקלאָגט, וואָס די פּאָעטען האָבען געקוקט אויף אַן אָפּערע ווי אויף אַ שפּיעלכעל, אויף אַ „קיצלען פון אויערן“, און האָבען ניט געוואָלט צוגעבען, דאָס מען קען מוזיקאַליש **אויסדריקען אַ כאַראַקטער פון אַ פּערזאָן.**

.6

די אָפּערע „ראָבערט־טייוועל“.

ענדליך האָט מעיערבעער געפונען א פּאסענדען ליברעטיסט אין דער פּערזאָן פון דעם בעריהמטען סקריב. זיי זיינען געווען ווי געבאָרען איינער פאר דעם אנדערען. סקריב האָט ליעב געהאט גלענצענדע עפעקטען, דראמאטישע סצענען, און זיין פאנטאזיע איז געווען רייך און אָפט ווילד. צו זיינע ליברעטאָס האָט מעיערבעער לייכט געקענט פערפאסען אזא מוזיק, אז זיא זאָל זיין גלענצענד און דראמאטיש.

די ערשטע ליברעטאָ, וואָס סקריב האָט אָנגעשריעבען פאר מעיערבעער'ן, איז געווען „ראָבערט־טייוועל“. דער אינהאלט איז בעגרינדעט אויף א לעגענדע אין נאָרמאנדיען וועגען א פּרינץ ראָ־בערט, וואָס איז געבאָרען געוואָרען מיט אלע צייהנער און האָט אויס שלעכטסקייט געביסען די ברוסט פון זיין מוטער. דערפאר האָט מען איהם א נאָמען געגעבען: „טייוועל“. אין דיזער פאנטאסטישער געשיכטע ווערט פאָרגעשטעלט דער קאמפף צווישען שלעכטעס אין דער פּערזאָן פון דעם פערקערפּערטען טייוועל בערטראַם, און גוטעס אין דער פּערזאָן פון אליסא. ראָבערט טייוועל מאכט אָן אזוי פיעל צרות, פערפיהרט פרויען און טויטעט זייערע מענער, פאָטערס און ברידער, ביז מען פערייאָגט איהם און ער הויבט אָן צו וואנדערן אי־בער דער וועלט, זוכענדיג דעם טויט אין שלאכטען און דועלען. זיין פאָטער, בערטראַם, וועלכער האָט פערפיהרט די שיינע און שטאָלצע בערטהא, די טאָכטער פון דעם נאָרמאנער פּרינץ, פערטהיידיגט איהם איבעראל און רעטעט איהם פון טויט. ער האָט ליעב זיין זוהן און שטרעבט נור איהם אָנצורייצען צו אלעם בייזעס, אום איהם נאכהער אריינצוקריגען אין גיהנום. אין די אונטערהעצונגען פון דעם טייוועל בעשטעהט דער גאנצער דראמאטיזמוס פון דער ליב־רעטאָ. די איינצעלהייטען זיינען פאנטאסטישע אין העכסטען גראד. ראָבערט בעגעהט פיעלע פערברעכען, ער וויל זאָגאר בע־געהן א גרויסע גאָטעס־לעסטערונג, נעמליך אראָבצורייסען די אייביגע

גרינע צווייג אויף דעם קבר פון דער הייליגער ראָזאַליא. בערטראַם רעדט איהם ענדליך צו צו פערקויפען זיין נשמה צום טייוועל, אָבער ראָבערט ווערט גערעטעט אין דער רעכטער מינוט פון דער גוטער אליסא און האָט שליעסליך חתונה מיט זיין געליעבטער פּרינצעסין איזאבעלא פון סיציליען. דאָס גוטע בעזיעגט דאָס שלעכטע, ווי דאָס פּאַסירט אַזוי אָפט אין טהעאַטער און אַזוי זעלטען אין ווירקליכען לעבען...

עס וואָלט גענומען צו לאַנג צו דערצעהלען דעם גאַנצען אינהאַלט פון „ראָבערט־טייוועל“, ווי פון אַנדערע אָפּערעס, וועלכע מעיערבעער האָט נאָכדעם קאָמפּאָנירט אויף אונגעפעהר דעם זעלבען וועג. פון די אָנגעצייגטע אַלגעמיינע שטריכען פון „ראָבערט־טייוועל“ זעהט מען גענוג, אַז מעיערבעער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו געבען ווירקליך דראַמאַטישע מוזיק, צו ריהרען דעם עולם מיט האַרמאָנישע קלאַנגען, וועלכע זאָלען ענטשפּרעכען די מאָנאָלאָגען און ווערטער. ווי ווייט דאָס איז איהם געלונגען, האָט געצייגט דער אויסעראָרדענטליכער ערפאָלג פון דיזער אָפּערע, וועלכע איז צוערשט אויפגעפיהרט געוואָרען אין 1830 און וועלכע פערבלייבט נאָך ביז יעצט אַלס אַנציהונג אין יעדער אָפּערן־הויז.

זעלטען ווען אַן אָפּערע האָט אַזוי אויפגערודערט אַ וועלט און האָט גלייך אַזוי שטאַרק אויסגענומען, ווי „ראָבערט־טייוועל“, מעיערבעער האָט קיין מיה און געלד ניט געשפּאָרט צו געבען אַזאַ גלענצענדע פאָרשטעלונג, ווי עס איז נור מעגליך געווען אין יענער צייט. ער האָט אויסגעקליבען די בעסטע זינגערס און דעם בעסטען אָרקעסטער. דער בעריהמטער נורי האָט געשפּיעלט די ראָלע פון ראָבערט טייוועל, און מאַדאַם פאַלקאָן, וועלכע האָט געגלאַנצט מיט איהר זיסער שטימע אַזוי ווי מיט איהר שעהנהייט און יוגענד, האָט געשפּיעלט די פּרינצעסין איזאבעלא. מען האָט געמאַכט אַזאַ רעש מיט די גרויסע פאָרבערייטונגען, דאָס ווען מען האָט נאָך רעפּעטירט די אָפּערע, האָט שוין דער עולם געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגעדולד אויף איהר. די ערשטע פופציג פאָרשטעלונגען האָבען געגעבען אונערהערטע אין יענער צייט אייננאהמען. אין זיין בע־

גייסטערונג האט דער עולם פערגעסען אפילו אן אזעלכע געליעבטע קאמפאזיטארען ווי ראסיני און אבער. אין דער פאריזער געזעלשאפט האט זיך איינפאך געקעהרט א וועלט מיט „ראבערט-טייוועל“. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דעם איינדרוק, וואס דיזע אפערע, וועלכע איז ניט נאר רייך מיט הערליכע מעלאדיען, זאנדערן איז אויך פערפאסט געווארען אין א נייעם גייסט און מיט געוואלדיגע דראמאטישע עפעקטען, האט דאן געמאכט אויף די צוהערער.

פון פאריז האט זי געמאכט א שנעלע רייזע איבער דער וועלט און האט אויך אריבערגעשפרייזט דעם אטלאנטישען אקעאן. מען האט די פראנצויזישע ליברעטא באלד איבערזעצט אין אלע שפראכען פון דער ציוויליזירטער וועלט און איבעראל איז „ראבערט-טייוועל“ אויפגענומען געווארען מיט אזעלכע שטורמדיגע אפלאדיסמענטען, ווי אין פראנקרייך. אין איינִיגע שטעדט האט מען געשפיעלט „ראבערט-טייוועל“ אין צוויי טהעאטערס מיט א מאל.

אט דאס איז געווען דער ערפאלג, וועגען וועלכען מעיערבעער האט אזוי לאנג געטרוימט. יעצט האט ער שוין קיין צווייפעל געהאט, אז ער האט געטראפען דעם ריכטיגען וועג, אז ער האט געעפענט א נייעם וועג אין דער אפערע-מוזיק. פון אלע זייטען האט מען איהם געלויבט ביז׳ן הימעל און ערקלערט פאר דעם גרעסטען אפערן-קאמפאזיטאר. די מאטיווען פון „ראבערט-טייוועל“ האט מען געקענט הערען אין פאריז און שפעטער אין אנדערע שטעדט אויף יעדען ווינקעל, און זאגאר יעצט — ווער האט ניט געהערט זינגען אן אריע פון דיזער פאפולערער אפערע? נאר אין דייטשלאנד האט מען איהם נאך אלץ ניט געוואלט אנערקענען און מען האט אויף איהם געגאסען פעך און שוועבעל. דער ערפאלג פון „ראבערט-טייוועל“ האט נאך מעהר אויפגעבראכט די דייטשע קריטיקער. זיי האבען נאר געזוכט אנצוצייגען אויף די פעהלערען און די שוואכע זייטען פון דיזער אפערע, און מען דארף ניט זיין א מוזיקאנט אדער א מוזיקאלישער קריטיקער, אום צו געפינען דארטען חסרונות; אבער זיי האבען ניט פערשטאנען אדער ניט געוואלט

פערשטעהן איהרע גוטע זייטען און ספּעציעל דעם דראַמאַטיזמוס פון דער מוזיק.

מעיערבעער׳ס ביטערסטע געגנער אין דייטשלאַנד זיינען געװען שומאַן און מענדעלסזאָהן־באַרטהאָלדי, ביידע גרויסע זשעניען. זיי האָבען איהם ניט געקענט פערגעבען וואָס ער האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון דער דייטשער מוזיק. זייער מוזיק האָט געטראָגען א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. שומאַן האָט זיך בעזאָנדערס בעריהמט געמאַכט מיט זיינע ליעדער; מענדעלסזאָהן־באַרטהאָלדי מיט זיינע קאָנצערט־שטיקער און אָראַטאָריעס. זייער מוזע איז יעדענפאַלס ניט געשאַפען געװאָרען פאַר אָפּערעס. מענדעלסאָהן־באַרטהאָלדי, װעלכער איז טריי געבליבען צו דער דייטשער שולע, האָט אזוי געשריעבען װעגען „ראָבערט־טייוועל״:

„דאָ געהט יעצט שטענדיג מעיערבעער׳ס „ראָבערט־טייוועל״ מיט גרויס ערפאָלג. דער טהעאַטער איז פול, און די מוזיק געפעלט אַלעמען. דיזע אָפּערע איז א געמישעכץ פון אַלערליי סצענען, וואָס אַזעלכע האָב איך נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהן. װער עס קען נאָר טאַנצען, זינגען און שפּיעלען אין פּאַריז, טאַנצט, זינגט און שפּיעלט דאָרטען. דער סוזשעט איז א ראָמאַנטישער, דאָס הייסט, דער טייוועל בעװייזט זיך, (דאָס איז גענוג פאַר דעם ראָמאַנטיזמוס און די פאַנטאַזיע פון די פּאַריזער). אָבער ער איז דאָך זעהר א שלעכטער, און װען ניט די צוויי סצענען פון פערפיהרונג, װאָלט ער אויך קיין עפעקט ניט געמאַכט. דיזער טייוועל איז א קלעגליכער טייוועל, ער ערשיינט אין דעם קאָסטיום פון א ריטער און הייסט בערטראַם. אויף אזא קאַלטע און אויסגעקוועטשטע פיגור קען איך מיר גאָר ניט פאָרשטעלען אירגענד װעלכע מוזיק, דארום געפעלט מיר ניט דיזע אָפּערע. זי איז דורכאַויס קאַלט, אָהן א נשמה. איך האַלט זאָגאַר, אז זי איז ניט עפעקטפאָל. פיעלע לויבען די מוזיק, אָבער דאָרטען, וואו עס איז ניטאָ קיין אמת און געפיהל, דאָרטען קען איך קיין מאָס ניט געפינען.״

דער געניאַלער קאָמפּאָזיטאָר פון „ליעדער אָהנע װאָרטע״ האָט דאָ געזאָגט א גרויסע װאַהרהייט; אָבער ער האָט פערגעסען, אז ניט

אלע מענשען זיינען גלייך אין זייערע געפיהלען און שטרעבונגען און אז דער גרויסער עולם זוכט ניט די וואהרהייט אין אָפּערעס. בערטראַם און ראָבערט־טייוועל זיינען פאַנטאַסטישע פּערזאָנען, און די גאנצע ליברעטאָ האלט ניט אויס די מינדעסטע ערנסטע קריטיק; אָבער די אריען זיינען דאָך מערקווירדיג דראמאטיש און מעלאָדיש. דאָס פּובליקום איז ענטציקט געוואָרען פון דיזער אָפּערע גראדע צוליעב דיזע דראמאטישע מוזיק און האט זיך אין אלגעמיין גאנץ וועניג געקימערט אויב דער סוזשעט האט עפּעס א טיעפען זינען.

מעיערבעער האט יעדענפאלס אויך געהאט דעם פערגניגען צו זעהען, ווי זיינע דייטשע קריטיקער האבען געקריצעט מיט די צייר נער אין מאכטלאָזען כעס, ווען „ראָבערט־טייוועל“ איז אין 1832 אויפגעפיהרט געוואָרען אין בערלין מיט גרויס ערפאָלג. ער אליין האָט דיריזשירט, און אין טהעאטער האָט עס געדונערט מיט אפּלאָ־דיסמענטען נאָך יעדען אקט, נאָך יעדער אריע, נאָך יעדען דועט. דער קעניג האָט איהם בעעהרט מיט דעם טיטול האָף־קאָמפּאָזיטאָר. נאָר איהם איז דאָן געוועזן צו ענג אין בערלין, עס האָט איהם געצויגען נאָך פּאריז, און וויטער האָט ער ניט געקענט פערטראָגען די אטאקעס פון זיינע קריטיקער, וועלכע האבען ניט גערוהט. דארום האָט ער זיך אין א קורצער צייט נאָך דער פאָרשטעלונג ווידער געזעגענט מיט זיין געבורטס־שטאָדט.

7.

„די הוגענאָטען“.

„ראָבערט־טייוועל“ האָט מיט אזא צויבערקראַפט געצויגען דעם עולם, דאָס די דירעקציאָן פון דער פּאַריזער אָפּערע האָט באַלד בעשטעלט ביי מעיערבעער׳ן אַ נייע אָפּערע אויף סקריב׳ס א ליברעטאָ אונטער דעם נאָמען „די הוגענאָטען“. ער האָט נאַטירליך גלייך אָנגענומען דעם פּאָרשלאַג, און האָט זיך אַ נעהם געטאָן צו דער אַרבייט מיט גרויס בעגייסטערונג. ער האָט זיך דאַן געפיהלט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. זיין גרויסער עהרגייץ איז בעפריעדיגט געוואָרען. זיין נאָמען האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. זיין מוזע האָט דערגרייכט ביז צום הימעל, און דער ריעזיגער ערפאָלג פון „ראָבערט טייוועל“ האָט איהם געגעבען מוטה און בעלעבט. דערצו נאָך איז די ליברעטאָ פון „די הוגענאָטען“ ניט דער ערך בעסער ווי די ליברעטאָ פון „ראָבערט־טייוועל“. סקריב האָט אויך געפיהלט, אז ער דאַרף שאַפען אזא ליברעטאָ, וואָס זאָל ווירקליך זיין היסטאָריש, דראמאַטיש און שפּאַנענד פאר׳ן פּובליקום.

ניט אומזיסט האָט ער אויסגעקליבען די טראגישע צייט פון דער באַרטהאָלאָמעער נאַכט פאַר די מעכטיגע טענער פון מעיערבעער׳ס מוזיק. דאָ האָט ער געקענט אָנשרייבען א ריהרענדע דראמא און בלייבען אויף א ווירקליך היסטאָרישען באָדען. אין „ראָבערט־טייוועל“ איז פון דער געשיכטע ניט געוועזען מעהר, ווי דער נאָמען פון דעם העלד; אָבער אין „די הוגענאָטען“ איז פאָרגעשטעלט א ריכטיגע היסטאָרישע צייט. דאָרט ווערט איבערגעגעבען דער געוואלטיגער און בלוטיגער קאַמפּף צווישען די קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען אין פראנקרייך אין 16טען יאהרהונדערט. אַ קאַמפּף, וועלכער האָט אַרויסגערופען איינע פון די שרעקליכסטע בלוטפערגיסונגען אין דער געשיכטע — די אויסשלאַכטונג אין דער נאַכט פון 24טען אויגוסט, 1572, גענאַנט לכבוד דעם קאַטאָלישען הייליגען בארטהאָלאָמעאוס: „באַרטהאָלאָמעער שחיטה“.

אזוי ווי אין „די הוגענאָטען“ האָט מעיערבעער בעזאָנדערס

ארויסגעוויזען זיין זשעניע, און אזוי ווי דיזע אָפּערע איז ניט נור זיין בעסטע און גלענצענדסטע ווערק, זאָנדערן אויך איינע פון די בעסטע אָפּערעס אין דער וועלט, אזעלכע וואס וועט וואהרשיינליך קיין מאָל ניט אראָבגעהן פון דער סצענע, ווּעלען מיר אין קורצען איבערגעבען איהר אינהאלט.

די טראגעדיע איז ענטוויקעלט ארום דער ליעבע פון דעם הוגענאָט (פּראָטעסטאנט) ראאול צו דער טאָכטער פון דעם פאנאטישען קאטאָלישען פיהרער, גראף סען־ברי.

דער ערשטער אקט פאנגט זיך אָן מיט א פעסט אין דעם שלאָס פון דעם קאטאָלישען גראף נעווער, וועלכער האָט אויך איינגעלאדען ראאול׳ן אלס צייכען פון פריעדען מיט די הוגענאָטען. די געסט פערברענגען די צייט זעהר לוסטיג און דערצעהלען געשיכטען, בעזאָנדערס פון זייערע ראָמאנען. ראאול דערצעהלט דאָן, אז גראדע ניט לאנג צוריק האָט ער שפּאצירענדיג בעגעגענט א טראָג־בעטעל, וועלכע איז בעפאלען געוואָרען פון א באנדע יונגע בויאנעס. ער האָט זיך א לאָז געטאָן צו הילפע און האָט פעריאָגט די בויאנעס. נאָר ווי גרוים איז געוועזן זיין ערשטוינונג, ווען ער האָט אויף דעם טראָג־בעטעל דערזעהן א יונגע מיידעל פון בלענדענדע שעהנהייט. זי האָט אין איהם אויך גלייך אָנגעצונדען א פלאַם פון ליעבע; אָבער ביז יעצט ווייס ער נאָך ניט ווער זי איז. נאָר דיזע ליעבעס־געשיכטען ווערען אונטערבראָכען דורך א דיענער, וועלכער זאָגט אָן דעם בעל־הבית, אז אן אונבעקאנטע וויל איהם זעהן אין גאָרטען. ער לאָזט זיך ניט לאנג בעטען. ער האָט שוין ניט איין מאָל בעזיעגט ווייבערשע הערצער און ער איז זיכער, אז דאָס איז א נייער ראָמאן. די געסט לויפען צו די פענסטער א קוק טאָן אויף דער אונבעקאנטער דאמע, צווישען זיי אויך ראאול, וועלכער דערקענט צו זיין שרעק און פערצווייפלונג, אז דאָס איז די רייצענדע מיידעל, וועלכע ער האָט געראַטעוועט פון די בויאנעס. אָבער ער האָט ניט פיעל צייט צו טראכטען וועגען דעם, דען באלד קומט אָן א פּאזש פון דער קעניגין מארגארימע מיט א בריעף, אין וועלכען מען לאָזט איהם וויסען, דאָס פאר זונען־אונטערגאנג וועט קומען נאָך

איהם איהרער א שליח און וועט איהם אוועקפיהרען מיט פערבונ־דענע אויגען אין איהר פאלאץ. די געסט זיינען איהם זעהר מקנא, רינגלען איהם ארום און בעגריסען איהם מיט אזא גליק. זיי מיי־נען, אז די קעניגען זעלבסט האט זיך אין איהם פערליעבט. בעזאנ־דערס פרעהט זיך זיין דיענער מארסעל, וועלכער איז א פערברענטער הוגענאט און איז זעהר צוגעבונדען צו זיין יונגען הערר. דיזער מארסעל שטעלט פאר א טיפ פון א פייערדיגען הוגענאט, וואס איז בערייט צו געהן אין פייער און וואסער פאר זיין גלויבען און זיין פארטיי. דער אקט ענדיגט זיך מיט דער סצענע, ווי פערמאסקיר־טע מענשען קומען נאך ראאול׳ן, פערבינדען איהם די אויגען און פיהרען איהם אוועק צו דער קעניגין.

די געסט האבען אבער געהאט א טעות, ווען זיי האבען גע־מיינט, אז די קעניגין האט געוואלט פערפיהרען א ליעבע מיט דעם יונגען הוגענאט. דער צוועק פון דער זאנדערבארער איינלאדונג, וועלכע שטימט מיט די פיהרונגען פון יענער צייט, איז געוועזען פון איהר זייט נאר א פאליטישער. דאס ערקלערט זיך אין צווייטען אקט, וועלכער פאנגט זיך אן מיט א לוסטיגע סצענע אין דעם גאר־טען פון דער קעניגין׳ס פאלאץ אין שענאנסא. איינינע האפדאמען באדען זיך, אנדערע לויפען ארום און שפיעלען זיך אין גארטען. די קעניגין פיהרט אין דער צייט אן ערנסטען געשפרעך מיט איהר געליעבטע האף־פריילין וואלענטינע, וועלכע גיסט אויס איהר הארץ וועגען איהר ליעבע צו ראאול׳ן. זי דערצעהלט, אז זייט זי איז געראטעט געווארען פון דעם יונגען הוגענאט, האט זי אויפגעהערט צו ליעבען איהר חתן גראף נעווער. זיא איז דארום אוועק צו איהם אין שלאס בעטען איהם ער זאל איהר בעפרייען פון איהרווארט. די קעניגין פערשפרעכט איהר הילפע, דען זי וויל פערבינדען די קאטאלישע פריילין מיט א הוגענאט, אום דורכדעם אבצושוואכען דעם פארטיי־קאמפף צווישען די קאטאליקען און פראטעסטאנטען. דארום הייסט זי עם ברענגען דעם העלד אין איהר פאלאץ. באלד ווי ער ערשיינט פאר דער קעניגין, ערקלערט זי איהם איהר צוועק, און ווען ער שטימט איין חתונה צו האבען מיט א קאטאלישער פריי־

ליין, רופט זי צוזאמען איהרע האָף־קאוואלירען, דארונטער אויך די גראפען נעווער און סען־ברי. דער לעצטער שטעלט פאָר זיין טאָכ־טער ראאול'ן, וועלכער טרייסעלט זיך אָב פון איהר, ווייל ער האָט איהר געזעהען אין נעווער'ס גאָרטען. ער ענטזאגט זיך מיט איהר חתונה צו האָבען, און וואלענטינע, וועלכע פערשטעהט ניט די אור־זאכע, פאלט אין אָהנמאכט. איהר פאָטער און גראף נעווער פער־לאַנגען אַן ערקלערונג. זיי זיינען העכסט אויפגעבראכט פאַר אזא בעליידיגונג. ראאול ענטזאגט זיך אָבער און שווייגט. ער ווייס ניט, אז וואלענטינע איז געווען נעווער'ס כלה, און ער וויל איהר ניט ארויסגעבען. זיי רופען איהם ארויס אויף א דועל; אָבער די קעניגין מישט זיך אריין און האַלט אָב דעם דועל דורך דעם, וואָס זי הייסט ארעסטירען דעם יונגען הוגענאָט. אין דערזעלבער צייט זאָגט זי אָן די צוקאָכטע גראפען, אז דער קעניג פערלאַנגט זיי זאָלען דעמזעלבען טאָג קומען אין פאַריז. זיי ווילען ניט פאָהרען. אָבער זיי האָבען מורא ניט צו פאָלגען. זיי פערלאָזען דארום די קעניגין, נאָר זיי שווערען זיך אָבצורעכענען מיט דעם הוגענאָט.

דער דריטער אקט קומט פאָר אין פאַריז. וואלענטינע, וועלכע האָט פערלאָרען די האָפנונג אויף ראאול'ס ליעבע, לאָזט זיך איינ־רעדען פון איהר פאָטער חתונה צו האָבען מיט איהר פריהערען חתן גראף נעווער. אויף דער סצענע בעוויזט זיך אַ חתונה־פראָ־צעסיאָן, וועלכע קומט אריין אין א קירכע. וואלענטינע בעט גראף נעווער צו לאָזען איהר אליין אין קירכע נאָך דער צערעמאָניע, דען זי וויל בעטען ביי גאָט טרייסטונג און בערוהיגונג. אין הארצען האָט זי נאָך אלץ ליעב ראאול'ן, אָבוואָהל זי דענקט, אז ער האָט איהר אָבגענאַרט און בעליידיגט. גראף נעווער גיט נאָך איהר ביטע און געהט ארויס פון קירכע צוזאמען מיט זיין שווער, גראף סען־ברי. נאָר ער שטויסט זיך באלד צוזאמען מיט מאַרסעל'ן, וועלכער איז געקומען נאָך פאַריז מיט זיין העררן ראאול. מאַרסעל דער־לאַנגט דעם גראף סען־ברי אַ בריעף פון זיין העררן און ווערט אַ צו־ציטערטער, ווען ער דערוויסט זיך פון דעם גראף, אז דאָס איז אַן אויפפאָדערונג צו אַ דועל. ער בעשליסט גלייך אויפצופאַסען, אז דער

דועל זאָל ניט געפּאַכטען ווערן. גראף סען־ברי זאָגט גאָר ניט זיין איי־
דים וועגען די אויפפאָדערונג, אום ניט צו שטערען זיין גליקליכע
חתונה. ער געהט אריין מיט זיינעם א מיטהעלפער אין דער קירכע,
וואו זיי בעשליסען אומצובריינגען ראאול'ן. וואלענטינע דערהערט
זייער געשפּרעך און לויפט ארויס אין שרעק פון דער קירכע. דער־
זעהענדיג מארסעל'ן, דערצעהלט זי איהם וועגען די פערשווערונג
אויף דעם לעבען פון זיין הערר, און ביידע מאכען אָפּ איהם צו רע־
טען. דערווייל קומט אָן ראאול און באלד נאָך איהם א באנדע
בעוואפענטע מענשען, וועלכע רינגלען איהם ארום און זיין טרייען
דיענער מארסעל. דאן הויבט מארסעל אָן צו שרייען און צו רופען
צו הילפע די הוגענאָטען, וועלכע קומען צולויפען און פאנגען אָן א
געפעכט מיט די קאטאָליקען. נאָר אין רעכטען מיטען פון דיזען
אלגעמיינעם קאמפף בעווייזט זיך די קעניגין מיט גראף נעווער,
וועלכער איז געקומען אָבנעמען זיין פרוי וואלענטינע. אויס אכ־
טונג צו דער קעניגין הערען די געגנער אויף זייער געפעכט און צו־
געהען זיך מיט סטראשונקעס און פיינדליכע אויסרופען.

אין פיערטען אקט ווייס שוין ראאול, אז וואלענטינע ליעבט
איהם. ער גנב'עט זיך אריין אין איהר פאלאץ, אום איהר צו ער־
קלערען די אורזאכע פון דער מיספערשטענדניס, צוליעב וועלכע זיי
זיינען ביידע אונגליקליך געוואָרען. זיי האָבען אָבער קיין צייט ניט
פאר ליעבע, דען גראדע קומען אָן פיעלע קאטאָלישע אדעליגע צו־
זאמען מיט די גראפען סען־ברי און נעווער. סען־ברי ערקלערט
זיי דעם פּלאן ווי אויסצושעכטען אלע הוגענאָטען. גראף נעווער
ענטזאגט זיך אנטייל צו נעמען אין אזא ניעדערטרעכטיגע פערשווע־
רונג. ער ערקלערט, אז זיין עהרע ערלויבט איהם ניט צו בעגעהן
אזא געמיינעם פערברעכען. ראאול, וועלכער ליגט די גאנצע צייט
בעהאלטען און הערט פון דעם פּלאן פון דער „בארטהאָלאָמעער
שחיטה", וויל ביי די ערשטע געלעגנהייט אוועקלויפען אָנזאָגען
זיינע ברידער הוגענאָטען פון דער געפאהר און קעמפּפען מיט זיי
צוזאמען אויף לעבען און טויט. וואלענטינע לאָזט איהם אָבער ניט
געהן, זי בעט איהם רחמים, מיט טרערען אין די אויגען, ער זאָל ניט

געהן אויף א זיכערען טויט. ער בלייבט שטעהן א מינוט, ניט ווי־סענדיג וואס צו טאָן, נאָר ווען ער דערהערט פון גאס געשרייען פון אטאקע און קרעכצען פון די בעפאלענע אָפּפער, שפּרינגט ער ארויס דורך א פענסטער און לאָזט איבער זיין געליעבטע אליין.

דער פינפטער און לעצטער אקט שטעלט פאָר די שרעקליכע בארטהאָלאָמעער נאכט. וואלענטינע פאָלגט נאָך ראאול'ן און גע־פינט זיך דארום אין די רייהען פון די הוגענאָטען. איהר עדעלער מאן פאלט אין א געפעכט, ווען ער וויל פערטהיידיגען מארסעל'ן, וועלכער קעמפּפט ווי א לייב. גראף סען־ברי איז דער אנפיהרער פון א באנדע קאטאָלישע פאנאטיקער, וועלכע שעכטען הוגענאָטען אָהן ערבארמען. ער הייסט זיי שיסען אויף אלע הוגענאָטען, און איינע פון די ערשטע קוילען טרעפט גראדע זיין טאָכטער, וועלכע פאלט א טויטע.

דאָס איז א גרויסע דראמע, וועלכע ווערט מיט אנדערע איינ־צעלהייטען אויך געשפּיעלט אָהן מוזיק. מעיערבעער האָט זיך מיט בעגייסטערונג אָנגעכאפּט אָן אזא געלעגענהייט צו בעווייזען זיין דראמאטישע קראפט אין מוזיק. ער האָט געארבייט ליידענשאפט־ליך, און דער אונגעהייערער ערפאָלג פון דער אָפּערע איז געווען זיין פערדיענטע בעלוינונג. ווען מען וויל ריכטיג אורטהיילען מעיערבעער'ן און זיין מוזיק, דארף מען שטודירען דיזע אָפּערע, וועלכע איז זיין קרוינונגס־ווערק. ווען ער וואָלט מעהר גאָר ניט קאָמפּאָנירט, וואָלט ער זיך אונשטערבליך געמאכט בלויז מיט „די הוגענאָטען", אזוי ווי גונאָ מיט זיין בעסטע אָפּערע „פאוסט". דאָס זיינען אמת'ע בעגייסטערטע ווערק פון צוויי גרויסע מוזיקאלישע זשעניען.

די פראנצויזישע צייטונגען זיינען פול געווען מיט איינצעל־הייטען און בעריכטען וועגען דיזע גלאנץ־אָפּערע נאָך לאנג איידער מען האָט איהר איבערגעגעבען די ארטיסטען צום שטודירען. אין דער צייט, ווען מעיערבעער האָט שוין אויסגעקליבען די ארטיסטען, נאטירליך, די בעסטע און פאסענדסטע, האָט עס גראדע געטראָפען, אז זיין פרוי איז ערנסט קראנק געוואָרען און האָט געמוזט אוועקגע־

פיהרט ווערען אין א קורבאד. מעיערבעער האט געהאט אויסצו־קלייבען צו צאהלען 30.000 פראנק שטראף פאר ניט שטעלען די אפערע אין צייט אדער לאזען זיין פרוי אין פרעמדע הענד. ער האט בעשלאסען בעסער צו פערלירען 30.000 פראנק צו דער גרעסטער אונצופריעדענהייט פון דער אפערע־דירעקציאן. זיין פרוי האט זיך, צו אלגעמיינער צופריעדענהייט, שנעל ערהאלט, און אין פעברואר, 1836, האט מען ענדליך געקענט געבען די ערשטע פארשטעלונג פון „די הוגענאטען“. דער דירעקטאר, וועלכער האט פאראויסגעזעהען א גרויסען פערדיענסט, איז געווען גרויסמוטהיג גענוג אומצוקערען די 30.000 פראנק דעם איבערגליקליכען קאמפאזיטאר.

דער בעסטער און ערפאלגרייכסטער נומער פון דיזער גלענצענדער אפערע איז דער דועט פון ראאול און וואלענטינא אין פיערטען אקט. דאס ווערט אנערקענט פון אלע מוזיקאלישע קריטיקער. אבער ערשט נאך דער פארשטעלונג האט מען זיך דערוואוסט, אז דיזער דועט איז געשאפען געווארען אין א הייסער מינוט גראדע מיט א טאג פאר דער פארשטעלונג.

דאס האט פאסירט אזוי: נאך דער לעצטער אלגעמיינער רעפעטיציע איז מעיערבעער געקומען צו זיין נאהענטען פריינד הועין זעהר א דערשלאגענער און בלייכער.

— אה, די אפערע וועט דורכפאלען, האט ער אויסגעשריען אין פערצווייפלונג און האט זיך אראבגעלאזען אויף א שטוהל אן אויסגעמאטערטער. — אלעס געהט קאפויר. נורי ערקלערט, אז ער וועט קיינמאל ניט זיין אין שטאנד צו זינגען דעם לעצטען נומער פון פיערטען אקט, און אלע גיבען עס צו. וואס זאל איך יעצט טאן?

— ווארום זאלט איהר ניט אנשרייבען א נייע אריע? האט דער פריינד געפרעגט.

— דאס איז אונמעגליך. סקריב ענטזאגט זיך צו ענדערן יעצט אפילו איין ווארט אין דער ליברעטא.

— אזוי גאר! וויפיעל ווערזען דארף מען האבען?

— ניט פיעל, בלויז פיר די אנדאנטע.

— גוט, ווארט נאָר דאָ עטליכע מינוט. איך וועל שוין אויפ־זוכען אַ פּאָעט.

עס איז שוין געווען 11 אוהר ביי נאַכט, אָבער מעיערבעער׳ס טרייער פריינד האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום פּאָעט עמיל דעשאַן, וועמען ער האָט גראָדע געפונען צו הויזע און האָט איהם גלייך מיטגעבראַכט. דער פּאָעט האָט זיך אַ נעהם געטאָן צו דער פעדער, און דער קאָמפּאָזיטאָר צו דער פּיאַנאָ. אין אונגעפעהר פיער שטונדען איז אַזוי געשאַפען געוואָרען אַ נייער דועט. מעיערבעער האָט אַן אויג ניט צוגעמאַכט דיזע נאַכט, און ווי נאָר עס האָט אָנגעפאַנגען צו טאָגען, האָט ער זיך אריינגעריסען צום זינגער נורי מיט׳ן דועט אין האַנד.

— פּראָבירט נור זינגען, פּיעלייכט וועט אייך דיזער דועט געפעלען ווערען בעסער ווי דער ערשטער — האָט ער מיט גרויס אויפרעגונג אויסגעשריען.

דער פערשלאָפענער נורי האָט איבערגעקוקט דעם דועט, גענומען זינגען, און ווי נור ער האָט געענדיגט, האָט ער ארומגעכאַפּט דעם קאָמפּאָזיטאָר און אויסגעשריען:

— אָט דאָס איז וואָס מען דאַרף! דאָס הייסט אַן אונגעהייערער ערפאָלג! איך פערזיכער אייך, איך שווער עס! לויפט גלייך אָנשרייבען אלעס וואָס איז נויטיג פאַר דעם אָרקעסטער. פערליערט ניט אַ מינוט!

דיזער דועט איז אַזוי געזונגען געוואָרען דעם זעלבען אבענד. איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָבגעלאָזען נאָך דעם פיערטען אַקט, איז דער קאַפּעלמייסטער גאַבענעק ארויפגעשפּרונגען אויף דער ביהנע אונטער די דונערנדע אפּלאָדיסמענטען פון פּובליקום און האָט ארומגענומען ראַאול׳ן (נורי) און וואַלענטינע (מאַדאַם פאַלקאָן). אלע צוזאַמען, די זינגערס, די כאָריסטען און מוזיקאַנטען, האָבען ארויסגעטראָגען דעם קאָמפּאָזיטאָר אויף דער ביהנע און איהם מיט דער גרעסטער פרייד בעגריסט אין דער צייט, ווען דאָס גאַנצע פּובליקום האָט געשטורמט מיט אפּלאָדיסמענטען און בראַוואָס.

אין דער גאַנצער וועלט האָט עס אין אַ קורצער צייט אָבגעקלונ־גען מיט די אַריעס פון „די הוגענאָטען“. דיזע אָפּערע איז שנעל געוואָרען פּאָפּולער אין אַלע לענדער, אפילו אין דייטשלאַנד, וואו די קריטיקער זיינען געקראָכען פון הויט אָבצוקיהלען די בעגייסטע־רונג פון פּובליקום. דיזע קריטיקער האָבען וויעדער נור געזוכט פעהלערען און שוואַכע זייטען, אָבוואָהל זיי האָבען געמוזט צוגעבען, אז עס איז שווערער צו געפינען אַזעלכע ווי אין „ראָבערט־טייוועל“.

אין זייער האַס צום „פּעררעטהער“, וועלכער האָט מיטגעריסען אַ וועלט פאַר זיין מוזיק, האָבען זיי ניט געוואָלט זעהען, אז די אַריען פון די הויפּט העלדען אין „די הוגענאָטען“ זיינען ניט נור מעלאָדיש און ריהרענד אין העכסטען גראַד, זאָנדערן ענטשפּרעכען אויף זייער כאַראַקטער. מען דאַרף ניט וויסען, צום ביישפּיעל, ווער מאַרסעל איז, מען קען איהם פּערשטעהן נאָך די טענער און אַריעס, וואָס מע־יערבעער האָט איהם אַריינגעלייגט אין מויל. דאָס נעמליכע קען מען זאָגע וועגען וואַלענטינע, סען־ברי און ראַאול. וואָס אַנבעלאַנגט צום אויבען־דערמאָנטען דועט אין 4טען אַקט, זאָ האָט אַ בעוואוסטער מוזיקאַנט און קריטיקער ערקלערט, אז „דאָס איז איינער פון די בעסטע שירים פון ליעבע. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט עס אַרויסגעריסען פון זיין האַרצען און אַ שליידער געטאָן צאַפּלענדיג אויף דער סצענע.“

שוין באַלד 60 יאָהר זיינען פאַראיבער נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „די הוגענאָטען“, און דאָך בלייבט דיזע אָפּערע איינע פון די אַנציהענדסטע און בעליעבטעסטע אין אַלע לענדער. ווער ווייסט וויפיעל מאָל זי איז שוין אויפגעפיהרט געוואָרען אין דער וועלט?

.8

זיין מוזיקאַלישע טהעטיגקייט אין בערלין.

אַ קורצע צייט נאָך דער אויפפיהרונג פון „די הוגענאָטען" האָט מעיערבעער בעזוכט זיין מוטער אין בערלין און האָט אויסגעפונען אַ סיוזשעט פאַר אַ נייע גרויסע אָפּערע. נאָך דיזען סיוזשעט האָט סקריב אָנגעשריעבען „די אפריקאַנערין". נאָר דיעזעס מאָל האָט מעיערבעער פערלאַנגט אַזוי פיעל ענדערונגען, אַז סקריב האָט פערלאָרען די געדולד און האָט זאָגאַר געסטראַשעט מיט אַ פּראָצעס.

זיי וואָלטען זיך אין גאַנצען צוקריעגט, ווען מעיערבעער וואָלט ניט איינגעלאַדען געוואָרען פון פּריסישען קעניג פריעדריך וויל־העלם צו פערנעמען דעם פּלאַץ פון גענעראַל־מוזיק־דירעקטאָר. אין דערזעלבער צייט האָט איהם דיזער קעניג אויך בעעהרט מיט אַ גרויסען אָרדען. מעיערבעער האָט אָנגענומען דיזע הויכע שטעלע, נאַטירליך ניט צוליב די געהאַלט (דאָס האָט בעטראָפען סך הכל 4000 טהאַלער, און מעיערבעער האָט עס געשאָנקען דעם אָרקעס־טער), נאָר אום צו ערגערען זיינע בייזע קריטיקער. ער האָט עס מיט רעכט בעטראַכטעט פאַר אַ זיעג נאָך די אונאויפהערליכע אַטאַ־קעס פון די דייטשע קריטיקער און קאָמפּאָזיטאָרען.

אין בערלין איז ער צו דער צייט געווען אַ ליעבלינג פון קעניג און פון גאַנצען פּובליקום. דער קעניג פלעגט איהם אָפטמאָל איינ־לאַדען צו זיך אויף אַ מאָהלצייט און זיי פלעגען זעהר אנגענעהם פערברענגען די צייט. די פּרינצען, פּרינצעסינען און פיעלע העפ־לינגע זיינען דאַן גראַדע געווען ליעבהאָבערס פון מוזיק און זיי האָ־בען אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ גאָט.

דאָך האָט עס איהם געצויגען נאָך פּאַריז, וואו דער קלימאַט האָט אויך געשטימט מיט זיין נאַטור. ער איז אימער געווען אַ שוואַכער, און אין בערלין האָט ער זיך פיעל ערגער געפיהלט ווי אין פּאַריז. דערצו נאָך איז ער ניט געווען געשאַפען פאַר אַ לעבען אין אַ קעניגליכען הויף, וואו אינטריגען ווערען אַ צווייטע נאַטור. ער האָט זיך דארום אָבגעזאָגט פון דעם אמט, אָנהאַלטענדיג אָבער דעם

טיטול, ווי דער קעניג האָט עס געוואונשען. ער האָט זיך ווידער בעזעצט אין פאריז, נאָר אויף א קורצע צייט פלעגט ער קומען נאָך בערלין צו דיריזשירען זיינע אייגענע אָפּערעס אָדער וויכטיגע קאָנצערטען אין קעניגליכען הויף. מען האָט איהם געהאַלטען פאר אַן אויסגעצייכענטען קאַפּעלמייסטער, נאָר ער האָט פיינט געהאַט אוועקצונעהמען צופיעל צייט און די רעפּעטיציעס פלעגען איהם אויך זעהר ערגערן. „די רעפּעטיציעס פלעגען מיך אָפּט קראַנק מאַכען," האָט ער ערקלערט. דערצו האָט ער געפיהלט, אז ער איז א צו וווייכער מענש צו האַלטען אין צוים די ארטיסטען. ער האָט פּראָטעסטירט געגען די בעהויפּטונג, אז א קאַפּעלמייסטער מוז זיין גראָב צו די ארטיסטען; אָבער ער האָט צוגעגעבען, אז מען מוז זיך אַזוי פיהרען, דאָס זיי זאָלען אכטען און ליעבען דעם קאַפּעלמייסטער, אָבער אויך מורא האָבען פאר איהם.

ער איז געוועזן צו גוטהערציג און העפליך, אז מען זאָל פאר איהם זיך שרעקען. דערפאר האָט מען איהם זעהר שטאַרק געליעבט. די מוזיקאנטען האָבען איהם איינפאך פערגעטערט, ווייל ער האָט זיי אויך פינאנציעל געהאָלפען. ער האָט איבערהויפּט גרויסמוטהיג געשטיצט אַרטיסטען, קאָמפּאָזיטאָרען און דראמאַטורגען, אַפּילו זיינע געגנער. ער האָט, צום ביישפּיעל, אויסגעפיהרט, אז די קאָמפּאָזיטאָרען און פערפאַסערס זאָלען קריעגען צעהן פּראָצענט פון די איינגאַהמען און אם וויינינגסטענס דריי נייע דייטשע אָפּערעס זאָלען געשטעלט ווערען יעדען יאָהר. ער פלעגט אויך אָפּט געבען קאָנצערטען פאר וואָהלטהעטיגע צוועקען.

ארום דער צייט האָט ער צום אַנדענקען פון זיין פערשטאָרבענעם ברודער קאָמפּאָנירט מוזיק צו דער טראַגעדיע „סטרוענזע". דאָס איז געוועזן איינע פון די בעסטע פּאָעטישע ווערק פון זיין אונגליקליכען ברודער, און ער האָט אויך געוואָלט דערפרעהען זיין מוטער מיט פּאַסענדע מוזיק צו דיזער היסטאָרישער טראַגעדיע. (סטרוענזע איז געוועזן א ליבעראַלער הויפּט־מיניסטער פון דענעמאַרק, האָט געקעמפּפט געגען די יעזואיטען און איז געקעפּט געוואָרן אין 1772טען יאָהר.) דיזע מוזיקאַלישע שטיק איז אויפגעפיהרט

געוואָרען אין בערלין אין 1846; אָבער מעהר ווי די אָוועךטורע ווערט יעצט ניט געשפּיעלט אויף קאָנצערטען. דיזע אָוועךטורע געהערט צו די בעסטע אין דער מוזיק.

דער קעניג פריעדריך־ווילהעלם האָט איין מאָל געבעטען מעיער־בעער׳ן קאָמפּאָנירען מוזיק צו א גריכישע טראגעדיע. דער קאָמ־פּאָזיטאָר האָט געמאַכט א פּראָבע, אָבער ער האָט עס באלד אויפ־געגעבען, דען ער האָט קיין לוסט געפיהלט דערצו. דאָס איז ניט געוועזען אין זיין כאַראַקטער. אין א בריעף צו זיינעם א פריינד שרייבט ער וועגען דעם אזוי: „ניין, איך האָב קיין חשק צו שריי־בען מוזיק צו קלאַסישע טראגעדיען און סיוזשעטען, ווי מענדעלס־זאָהן. אריינגעבען אונזערע מאָדערנע מוזיק די העלדען פון די אַלטע צייטען איז, נאָך מיין מיינונג, אַן אונזין. די יעצטיגע פּאָעטען און קאָמפּאָזיטאָרען, וואָס האָבען פּראָבירט זייערע קרעפ־טען אין קלאַסישע סיוזשעטען, האָבען אונז ניט פאָרגעשטעלט גריע־כען, רוימער און אלט־דייטשע העלדען, זאָנדערן אַזעלכע מאָדערנע מענשען, ווי מיר זיינען. ווען מען וויל שאַפען אַזאַ מוזיק, ווי די גריכען און רוימער האָבען געהאַט, איז עס איינפאַך לעכערליך און צייגט נאָר אויף אונוויסענהייט וועגען די געשיכטע פון קולטור. די אַמאָליגע פעלקער האָבען ניט געהאַט אַזאַ מוזיק, וועלכע מען זאָל ווי ניט איז קענען פערגלייכען מיט אונזערע.“

מעיערבעער איז דאָ געוועזען אַזוי איינזייטיג, ווי מענדעלסזאָהן און שומאַן, וועלכע האָבען איינפאַך ניט געקענט פערטראָגען זיין מוזיק. ער האָט ניט געוואָלט נעהמען אין אַנבעטראַכט, אַז דער פּאָעט און קאָמפּאָזיטאָר דריקען שטענדיג אויס אין זייער ווערק דאָס, וואָס זיי פיהלען אליין. ווען מיר הערען מענדעלסזאָהן׳ס אַן אָראַטאָריע, צום ביישפּיעל, „אליהו הנביא“, פערשטעהען מיר גאַנץ גוט, אַז אליהו מוז אויסדריקען זיינע געפיהלען אין מוזיקאַלישע טענער אַנ־דערס, ווי ראַאוּל אין „די הוגענאָטען“. מיר פערלאַנגען נאָר, **אַז דער קאָמפּאָזיטאָר זאָל ווי ווייט מעגליך זיין טריי צו דעם כאַ־**ראַקטער פון זיינע העלדען און אונז עס מאַכען פיהלען. מעיער־בעער׳ס גייסט איז איינפאַך געוועזען ווייט פון קלאַסישען און עס

האָט איהם געצויגען פּאָרצושטעלען מאָדערנע כאַראַקטערען און בילדער.

צו דער צייט האָט ער קאָמפּאָנירט די אָפּערע „דער לאַגער אין סילעזיען", וועלכע איז געשפּיעלט געוואָרען ביי דער ערעפנונג פון נייען אָפּערן־טהעאַטער אין בערלין. די ליברעטאָ איז געשריעבען געוואָרען פון א דייטש און די מוזיק איז קאָמפּאָנירט געוואָרען נאָך דער דייטשער שולע. דאַרום האָט דיזע אָפּערע, וועלכע בעציהט זיך אויף געוויסע פּאַסירונגען אין דעם לעבען פון פריעדריך דעם גרויסען, וויינינגער ערפאָלג געהאַט אויסערהאַלב דייטשלאַנד. שפּעטער האָט מעיערבעער איהר געענדערט אזוי, אז פון פריעדריך דעם גרויסען איז געוואָרען פּעטער דער גרויסער, און די דייטשע העלדען זיינען אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין רוסישע. מען האָט דאָן אויפגעפיהרט די אָפּערע אין פּאַריז און אין פיעלע אנדערע ערטער אונטער דעם נאָמען „נאָרד־שטערן".

אין 1847 האָט ער בעזוכט לאָנדאָן, וואו ער האָט דיריזשירט זיינע אָפּערעס, און נאַכהער האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין בערלין, וואו ער האָט געהאָלפען אויפפיהרען ריכאַרד וואגנער׳ס אָפּערע „ריענזי". טראָץ דיזע געפעליגקייטען האָט איהם שפּעטער דיזער יודענפיינדליכער קאָמפּאָזיטאָר ניט נאָר אונגערעכט קריטיקירט, זאָנדערן אויך געמיין גערזידעלט.

.9

„דער פּראָפעט“.

נאָך דער פאָרשטעלונג פון וואַגנער'ס „ריענזי“ אין בערלין איז מעיערבעער אַוועק נאָך פּאַריז צו שטעלען זיין אייגענע אָפּערע. דאָס איז געוועזן דער „פּראָפעט“, וואָס ווערט מיט רעכט אָנגענומען אלס זיין בעסטע אָפּערע נאָך „די הוגענאָטען“. די ליברעטאָ איז אָנגעשריעבען געוואָרען פון סקריב'ן, מיט וועלכען דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געשלאָסען שלום. די ליברעטאָ פון „פּראָפעט“ איז געשריעבען נאָך סקריעב'ס געשמאַק און דראַמאַטישער קונסט. דער אינהאַלט איז א דראמאטיש-היסטאָרישער. איינע פון די מערקווירדיגסטע פּאַסירונגען אין דער געשיכטע פון דייטשלאַנד ווערט דאָרטען געשילדערט. דאָס איז נעמליך דער אויפשטאַנד פון די בויערן געגען די פּריצים אונטער דער פיהרונג פון דער רעליגיעזער סעקטע אַנאַבאַפּטיסטען אין 16טען יאהרהונדערט. זיי זיינען געוועזן פאַנאַטיקער מיט סאָציאַל-פּאָליטישע שטרעבונגען. ספּעציעל האָבען זיי אונטערגעהעצט די בויערן געגען די פּריצים אום אַליין צו ווערען הערשער.

אונטער דער ליטונג פון זייער הויפּט-פיהרער אָדער פּראָפעט מאַטהעאוס האָבען זיי איינגענומען די שטאָדט מיונסטער און פערטריבען... יאָגט פון דאָרטען דעם קאַטוילישען ביסקופּ. נאָך זיין טויט איז דער פּראָפעט פון די אַנאַבאַפּטיסטען געוואָרען א געוויסער יאָהאַן, וועלכער איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען יאָהאַן פון לעידען, ווייל ער איז געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָדט לעידען. מען ווייס ניט אויף זיכער, אויב ער איז פריהער געוועזן א שענקער אָדער א שניידער; נאָר אין די רייהען פון אַנאַבאַפּטיסטען האָט ער זיך אזוי אויסגעצייכענט, אז ניט נאָר האָבען זיי איהם אנערקענט פאר זייער הויפּט-פּראָפעט, זאָנדערן איהם נאָך ערלויבט צו זאַלבען זיך אלס קעניג. מיט די גרעססטע צערעמאָניעם איז ער געקרוינט געוואָרען אין מיונסטער, וואו ער האָט געהערשט ווי אַן אזיאַטישער דעספּאָט. ער האָט געפּרעדיגט קאָמוניזמוס ניט נאָר

פון אייגענטהום, זאָנדערן אויך פון פרויען. זיינע אנהענגער האָבען זיך צולאָזען איבער אלע שטעדט און דערפער ארום צו פּרעדיגען די רעליגיעזע, פּאָליטישע און קאָמוניסטישע שטרעבונגען פון זייער סעקטע.

דער פעריאָגטער ביסקופּ האָט צוזאמענגעקליבען א מחנה און בעלאַגערט די שטאָדט. יאָהאַן פון לעידען האָט מוטהיג געקעמפּפט און איז איינפאך פערגעטערט געוואָרען פון די אַנאַבאַפּטיסטען און איבערהויפּט פון פּראָסטען פאָלק. ענדליך איז ער פערראַטהען גע־וואָרען פון איינעם פון זיינע אדיוטאַנטען און איז אויסגעגאַנגען נאָך שרעקליכע פּייניגונגען אין 1536טען יאָהר.

די גאַנצע בעוועגונג איז נאכהער אונטערדריקט געוואָרען אין טייכען בלוט. וועגען זיין פּערזאָן ווייס מען גאַנץ ווייניג. זיינע געגנער האָבען איהם זיכער ניט ווייניג פערלוימדעט. זיי האָבען איהם פאָרגעשטעלט אלס אן אויסוואורף און דערצעהלט, אַז ער האָט אין זיין פּאַלאַץ איינגעפיהרט א גרויסען האַרעם אזוי ווי א טערק־שער סולטאַן. עס איז גיכער אָנצונעהמען, אז ער איז געוועזן א פאַ־נאַטישער אַנאַבאַפּטיסט, וואָס האָט געוואָלט פערבעסערען די לאַגע פון די אונגליקליכע בויערן דורך די איינפיהרונג פון רעליגיעז־קאָמו־ניסטישע געמיינדען.

יעדענפאַלס האָט זיך סקריב זעהר פיין בענוצט מיט דיזע מערקווירדיגע היסטאָרישע פּאַסירונגען פאר זיין ליברעטאָ און מע־יערבעער נאָך בעסער פאר זיין מוזיק. צוליעב סצענישע עפעקטען האָט זיך סקריב אָפט אָבגעזאָגט פון היסטאָרישע וואהרהייט און איז פערקראָכען אין פּאַנטאַזיעס. בעזאָנדערס דער לעצטער אַקט, וואו עס ווערט פאָרגעשטעלט, ווי יאָהאַן פון לעידען ווערט געטויטעט אונטער די חורבות פון זיין פּאַלאַץ אין רעכטען מיטען פון א לוסטי־גען פעסט, שטימט גאָר ניט מיט די געשיכטליכע פאַקטען. דער־פאר איז אָבער די סצענע זעהר עפעקטפאָל און „נעהמט דאָס פּובליקום“.

מעיערבעער האָט ווידער ארויסגעצייגט זיין זשעניע אין דראַ־מאַטישע מוזיק; אָבער טראָץ דעם, וואָס פיעלע שטעלען זיינע

בריליאנט און די אריעס זעהר ריהרענד און כאראקטעריסטיש, פיהלט מען דאָך, אז די מוזע האָט אין אלגעמיינען ניט אזוי בע־גייסטערט דעם קאָמפּאָזיטאָר ווי ביי „די הוגענאָטען". די מערק־ווירדיג גלענצענדע סצענישע עפעקטען פערדעקען אָפט שוואכע מוזי־קאלישע טהיילען אין דיזער אָפּערע.

יעדענפאלס האָט דער „פּראָפעט" ניט ווייניגער ערפאָלג גע־האָט ווי „די הוגענאָטען". אין צייטונגען, אין קאפעס, אין סאלאָ־נען האָט מען אזוי פיעל גערעדט וועגען מעיערבעער'ס נייע אָפּערע וואָס וועט נאָך איבערטרעפען אין גלאנץ „די הוגנאָטען", אז דאָס פובליקום האָט געשטורמט דעם טהעאטער צו קריגען בילעטען.

.10

ראָסיני'ס קנאה, „קלאַקערס" און „גענעצערס".

זיין רייכטהום האָט געגעבען מעיערבעער'ן די מעגליכקייט צו שטעלען זיינע אָפּערעס מיט אַזאַ גלאַנץ און לוקסוס, וועלכע זיינען געווען גאַנץ אונגעוועהנליך אין יענער צייט. ער פלעגט זיך לאָזען קאָסטען א סך געלד ניט נאָר צו קריגען די בעסטע ארטיסטען און דעקאָראַציאָנען, זאָנדערן אויך צו האָבען זיינע זשורנאַליסטען, וועלכע פלעגען פערנאַנדערפּויקען בעצייטענס, וואָס ער האָט נור געוואָלט. מיט דער הילפע פון זשורנאַליסטען און מוזיקאַלישע קריטיקער פלעגט ער שטענדיג קענען געווינען דאָס פּובליקום אויף זיין זייט און שאַפען דיא עפענטליכע מיינונג. מען זאָגט, אַז ער האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע קאַנצעלאַריע' צו רעקלאַמירען זיינע אָפּערעס. היינריך היינע, וועלכער האָט איהם פערעהרט פאר זיין טאַלאַנט, מאכט פון דעסטוועגען שפּאַס וועגען דיזע זיינע שוואַכע זייט. „מעיערבעער," שרייבט ער, „איז ניט נאָר דער מוזיקאַלישער דירעקטאָר, זאָנדערן אויך דער קאַפּעלמייסטער פון זיין שם. ער דערלאַנגט נאָר א מאַך מיט'ן קאָפּ, און אַלע טרומייטערס פון די גרויסע צייטונגען בלאָזען זיינע שבחים; ער גיט נאָר א מאַך מיט'ן אויג, און אַלע פידלען שפּיעלען איהם א לויב־געזאַנג; ער דערלאַנגט נאָר א שמייכעל, און אַלע פּויקעלאַך פון די פעליטאָניסטען פערהילבען די וועלט מיט זיין נאָמען."

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס זיינע אָפּערעס האָבען איבעראַל געצויגען מאַסען מענשען און זיינען איבעראַל באַלד געשפּיעלט געוואָרען, וועהרענד אַנדערע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרען האָבען געמוזט אויסשטעהן פיעל צרות און לאַנג ווארטען ביז זייערע אָפּערעס פלעגען דערלעבען צו זעהען דעם שיין פון דער ביהנע. נאַטירליך, זיי האָבען איהם מקנא געווען, און פיעלע פון זיינע פריינד זיינען געוואָרען זיינע ביטערע שונאים, ווען זיין שטערן האָט איבערגעגלאַנצט זייערע. אפילו דער געניאַלער ראָסיני האָט ניט געקענט פערטראָגען, וואָס זיין „שילער" האָט איהם אריבערגעיאָגט, און ביי

יעדער געלעגענהייט פלעגט ער איהם זוכען קליין צו מאכען און זאָ־
גאָר צו זידלען. ראָסיני האָט דערביי געציינט, אז זיין פראָסטען אָב־
שטאַמונג רופט זיך אָב אין איהם. דער גוטהערציגער און אריסטאָ־
קראַטישער מעיערבעער האָט זיך געהיט צו זאָגען א בייז וואָרט וועג־
גען ראָסיני. ער פלעגט איהם שטענדיג אָבגעבען דעם גרעסטען
כבוד. ער פלעגט איהם אין געשפרעכען און בריעף רופען : „געטלי־
כער“ אָדער „אונשטערבליכער מאַעסטראָ“.

נאָר דאָס האָט פון דעסטוועגען איהם ניט אָבגעהאַלטען אונ־
טערצושיקען „גענעצערס“, ווען מען פלעגט שפּיעלען ראָסיני׳ס אָפּע־
רעס. ווי בעוואוסט, איז אין פאַריזער טהעאַטערס איינגעפיהרט
צו האַלטען געדונגענע בראַוואָ־קלאַפּערס, גענאַנט „קלאַקערס“, אום
אויפצומונטערן די ארטיסטען און ארויסהעלפען די פערפאסערס.
מעיערבעער האָט אויפגעהאַלטען א טוך „קלאַקערס“ ניט נאָר, אום
אַרויסצורופען וואָס מעהר אפּלאָדיסמענטען פון פּובליקום, זאָנדערן
אויך צו בעזיעגען די „גענעצערס“, וואָס זיינע געגנער פלעגען דינ־
גען. ארום יענער צייט האָט מען אָנגעפאַנגען צו געברויכען חברה,
וועלכע פלעגען „גענעצען“ ביי פאָרשטעלונגען, פאַר אַ בילעט אָדער אַ
פּאָר פראַנק אַן אבענד, אום דורכצוברענגען א דראַמע, א קאָמעדיע
אָדער אַן אָפּערע. צווישען די „קלאַפּערס“ און „גענעצערס“ פלעגט
אָפט געפיהרט ווערען א לעבהאַפטער קאַמפּף, וועלכער פלעגט זעהר
אַמוזירען דאָס פּובליקום.

מען דערצעהלט, אז איין מאָל, ווען מען האָט אויפגעפיהרט
ראָסיני׳ס אָפּערע „סעמיראַמידא“, איז מעיערבעער אליין געקומען
שפּיעלען די ראָלע פון אַ „גענעצער“. אין דער צייט, ווען די אַר־
טיסטין באָזיאָ האָט געזונגען די בעריהמטע אריע פון „סעמיראַמי־
דא“, האָט ער זיך אומגעקעהרט אין זיין לאָזשע מיט׳ן רוקען צו דער
סצענע און האָט אָנגעפאַנגען צו אַפּלאָדירען, אום צו צייגען, אז ער
מיינט נאָר צו בעהרען די פיינע זינגערין. נאכהער האָט ער זיך
געמאַכט, אזוי ווי ער איז איינגעשלאָפען פון דער מוזיק. איינער
האָט דאַן בעמערקט זיין שפּאַס : „בעטראַכט נאָר ווי מעיערבעער
שפּאָרט זיך איין א „גענעצער“.

ראָסיני איז שליסליך אזוי אין כעס געוואָרען, אז ער האָט מעיערבעער׳ן גערופען יודע. איינמאָל, ווען דער דירעקטאָר פון דער פאריזער אָפּערע האָט געבעטען ראָסיני׳ן אָנצושרייבען א נייע אָפּערע, אום איהם צו טרייסטען נאָך מעיערבעער׳ס אונגעהויערען ערפאָלג, האָט ער אויסגערופען: „ניין, איך וועל בעסער אָבוואַר־טען ביז די אידען וועלען ענדיגען זייער טייוולישע חתונה.“ מען בעהויפּטעט, אז מעיערבעער האָט זיך צו־רוינט, ווען מען האָט איהם איבערגעגעבען ראָסיני׳ס ווערטער. ער איז איבערהויפּט געווען זעהר עמפּפינדליך, און יעדע בעליידיגונג, בעזאָנדערס ווענען זיין אידישע אָבשטאַמונג, פלעגט איהם זעהר קריינקען און מאנכעס מאָל אויך ארויסרופען טרערען אין זיינע אויגען.

נאָר אלע זיינע קריטיקער און געגנער זיינען געווען מאכטלאָז געגען איהם. ווען ער וואָלט ניט געווען אזוי עמפּפינדליך צו יעדען וואָרט געגען איהם, וואָלט ער זיך איינפאך געקענט אויסלאכען פון זייער צאָרן, וועלכער איז מייסטענס ארויסגערופען געוואָרען פון קנאה. דאָס פובליקום האָט פעסט געהאַלטען מיט איהם. מען האָט איהם געטראָגען אויף די הענד, בעשאָטען מיט בלומען, פערגעטערט. וואָס קען דען נאָך מעהר צופריעדענשטעלען אַן ארטיסטישע נשמה? ערפאָלג, א גרויסער נאָמען, פערעהרונג, וועלכע ברענגט אויך רייכ־טהום — דאָס איז די העכסטע, אויב ניט די איינציגע שטרעבונג פון אלע קינסטלער.

קיין קאָמפּאָזיטאָר האָט ניט געהאַט אזוי פיעל עהרע ביים לע־בען, אפילו ניט ראָסיני, ווי מעיערבעער. מען האָט איהם אויך בע־שאָטען מיט אָרדענס פון אלע לענדער. דער אוניווערזיטעט פון יענא האָט איהם נאָך בעעהרט מיט דעם טיטעל דאָקטאָר פילאָזאָפיע פאַר זיינע גרויסע לייסטונגען אין דער מוזיק. מיט דיזען מיטעל האָט ער בעזאָנדערס שטאָלצירט.

.11

זיין מוטער׳ס טויט און זיינע לעצטע ווערק.

די צייט האָט זיך גערוקט און האָט ארויפגעלעגט איהר שווערען און אונפערמיידליכען שטעמפעל ניט נור אויף מעיערבעער׳ס ווערק, זאָנדערן אויך אויף זיין קערפער און געזונד. די אויפרעגונג פאַר און נאָך יעדע אָפּערע, זיין אונערזעטליכע יאָגענעס נאָך וואָס מעהר ערפאָלג און בעריהמטהייט האָט זיך גאָר ניט פרעהליך אָבגערופען אויף זיין שוואכען גוף. ער האָט געמוזט אָפט פאָהרען זיך קורירען אין בעדער און זיך אויסרוהען. זיין ליעבלינגס קור־אָרט איז געווען ספּאַ אין בעלגיען. פון איין אָפּערע ביז צו דער אַנדערער פלעגט אַלץ פאָראיבערגעהן א לענגערע צייט. דאָס איז אָבער ניט געקומען בלויז דורך די נאַטירליכע אָבשוואַכונג פון זיין מוזע מיט די יאָהרען, זאָנדערן אויך דורך פערשיעדענע אומשטענדען. ער האָט אייגענטליך קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו ארבייטען, ער איז אימער געווען בעשעפטיגט. אויב ער האָט ניט קאָמפּאָנירט, האָט ער דיריזשירט זיינע אָפּערעס און אויך געגעבען קאָנצערטען.

נאָך די ערשטע פאָרשטעלונג פון „פּראָפעט“ האָט ער ביסלעכוויז געאַרבייט צו ענדיגען די אָפּערע „אפריקאַנערין“, וועלכע ער האָט מיט לאַנגע יאָהרען צוריק אָנגעפאַנגען און וועלכע איז ערשט אויפגעפיהרט געוואָרען נאָך זיין טויט. עס איז איהם זעהר שווער אָנגעקומען צו קאָמפּאָנירען דיזע גרויסע אָפּערע אין די עלטערע יאָהרען. די מוזע, וועלכע האָט איהם אזוי קרעפטיג בעגייסטערט, ווען ער האָט געשריעבען „די הוגענאָטען“, האָט איהם אַלץ מעהר פערלאָזען. ער האָט געשריעבען מיט די לעצטע קרעפטען „די אַפריקאַנערין“.

אין דער זעלבער צייט האָט ער קאָמפּאָנירט פערשיעדענע מוזיקאַלישע שטיקער, געוועהנליך פאַר קעניגליכע פעסטליכקייטען אין פרייסען. צום ביישפּיעל: צו דער חתונה פון דער פרייסישער פרינצעסין קריסטינע האָט ער אָנגעשריעבען דעם „פאַקעלטאַנץ“; צו דער זילבערנער האָכצייט פון קעניג ווילהעלם דער 4טער — א

קאנטאטאָ; צו דער עפנונג פון פריעדריך דעם גרויסענס מאָנומענט — א געוויסע מוזיקאלישע שטיק, וועלכע איז נאכהער אויפגעפיהרט געוואָרען אין פערשיעדענע שטעדט מיט גרויס ערפאָלג אונטער דעם נאָמען „אָדע צו יופיטער".

דעם 87טען געבורטסטאָג פון זיין מוטער האָט ער בעעהרט מיט מוזיק אויף דעם 31טען קאפיטעל תהלים. דיעזע קאָמפאָזיציאָן איז געשפיעלט געוואָרען אויף א קעניגליכען קאָנצערט אין פאלאץ פון פאָטסדאם. אין 1854 האָט ער פערלאָרען זיין הייסגעליעבטע מו־טער, און דאָס האָט זיך זעהר שמערצליך אָבגערופען אויף זיין גע־מיטה און געזונד. דיזע ערדעלע פרוי איז בעערדיגט געוואָרען מיט גרויסע צערעמאָניעס. קינסטלער, ליטעראטען און אויך שטאָדט־בעאמטע האָבען אנטהייל גענומען אין דער לויה פראָצעסיאָן, וועל־כע איז געשלאָסען געוואָרען פון א מאסע אידען און אָרימע לייט פון אלע נאציאָנען.

אום צו צערשטרויען זיין טרויער, האָט ער זיך גענומען צו רע־ליגיעזע מוזיק. דאָס פלעגט ער געוועהנליך טאָן, ווען ער פלעגט פיהלען שלעכט און טרויעריג. אין רעליגיעזע מוזיק פלעגט ער גע־פינען א טרייסט, אָבוואָהל ער איז דערצו ניט געשאפען געוואָרען און האָט זיך דערמיט גאנץ ווייניג אויסגעצייכענט.

ווען ער האָט זיך בערוהיגט און געפיהלט בעסער אין געזונד, האָט ער זיך גאָר א נעהם געטאָן אָנצושרייבען א לייכטע אָפּערע נאָך א גאנץ אנדער מוסטער. דער רעזולטאט פון דיזער ארבייט איז די אָפּערע „דינאָרא, אָדער דער יום טוב פון פלאָערמעל", וועלכע ווערט נאָך אויך יעצט געשפיעלט, בעזאָנדערס ווען א גרויסע פרי־מאדאָנא וויל צייגען איהר שטימע אין קאָלאָראטור. די שווערע ראָלע פון דינאָרא איז געווען ווי געמאָסטען פאר אדעלינא פאטטי, וועלכע פלעגט איהר ליעב האָבען צו שפיעלען.

דיזע אָפּערע אונטערשיידעט זיך זעהר שטארק פון אלע מעיער־בעער׳ס ווערק. ניט נאָך דער מוזיק און ניט נאָכ׳ן אינהאלט איז זי עהנליך צו זיינע גרויסע היסטאָרישע אָפּערעס. דער סוזשעט איז א פאנטאסטישער, ארויסגענומען פון א דאָרפישע לעגענדע. די

העלדין דינאָרא איז א דאָרף־מיידעל, וועלכע איז ניט נאָר אָרים, נאָר ליידעט אויך פערשיעדענע צרות. איהר הייזעל ווערט פער־ברענט פון א בליץ אין דער צייט, ווען זי געהט אוועק מיט איהר געליעבטען צו א הייליגען קלויסטער. זי ווערט אזוי אָרים, אז איהר געליעבטער ווארפט זי אוועק און טראָגט זיך אָב מיט אן אלטען מאַן, וועלכער פערשפּרעכט איהם אין א יאָהר ארום צו ציי־גען דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך א גרויסער אוצר. פון הארץ־קלעמענעס געהט זי אראָב פון זינען, בלאָנדזשעט מיט א ציגעלע איבער די פעלדער, וועלדער און בערג, טאַנצט מיט איהר שאטען, זינגט משוגענע ליעדער און ווארט אלץ אויף איהר געליעבטען. גראָדע ווען ער קומט אויסגראָבען דעם פערשפּראָכענעם אוצר, ברעכט אויס א שטורם, און דינאָרא לויפט זוכען איהר ציגעלע אי־בער א בריק, וועלכער פאַלט איין. איהר געליעבטער רעטעט איהר אין דער רעכטער מינוט, און די מעשה ענדיגט זיך גליקליך. דינאָרא ווערט קלאָר און האָט חתונה מיט איהר געליעבטען.

די מוזיק ענטשפּרעכט דיזער פאַנטאַסטישער ליברעטאָ. איי־ניגע אריעס זיינען זעהר שעהן און גלענצענד. בעזאָנדערס אנצי־הענד איז די ראָלע פון דינאָרא. מעיערבעער האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצע קונסט צו שאַפען א פּראָבע־ראָלע פאר א פיינע קאָלאָראַ־טור־סאָפּראַנא, און דאָס איז איהם געלונגען. צוליעב דעם האָט דיזע אָפּערע געהאַט א זעהר גרויסען ערפאָלג. דאָס פּובליקום האָט איהר אויפגענומען מיט אזא פריידע ווי אלע אנדערע ווערק פון דעם בעליעבטען קאָמפּאָזיטאָר.

נאָך דיזען נייעם ערפאָלג האָט זיך מעיערבעער וויעדער גענו־מען ענדיגען „די אפריקאנערין“. אין דער זעלבער צייט — דאָס איז געווען אין 1859 — האָט ער אויך פערפאַסט מוזיקאלישע שטי־קער צו עהרע פון די גרעסטע דייטשע פּאָעטען שיללער און געטהע. אין פּאריז האָט מען דאַן אָרגאַניזירט א הערליכע פעסטליכקייט צו שיללער׳ס אנדענקען און מען האָט זיך געווענדעט צו מעיערבעער׳ן אָנצושרייבען די מוזיק צו די ווערטער פון דעם פּאָעט פּ ע י. ער האָט עס אָנגענומען מיט דעם גרעסטען פערגניגען, און האָט קאָמ־

פֿאַנירט א קאַנטאַטאַ און א שיללער־מאַרש, וועלכער איז נאכהער געשפּיעלט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט. נאָך דיזען בעריהמ־טען מאַרש האָט ער זיך מיט גרויס בעגייסטערונג, אַזוי ווי ער וואָלט געווען א יונגערמאַן, גענומען צו קאָמפּאָנירען א רייהע מוזיקאַלישע בילדער אַלס אַן אָוועראַטורע צו דער דראַמאַ „געטהע׳ס יוגענד“, וועלכע איז אָנגעשריעבען געוואָרען פון דעם פראַנצויזישען דראַמאַ־טורג בלאַז־דע־ביורי און וועלכע האָט געהאַט אַן ערפֿאָלג זיין פּאַריז. ער האָט געוואָלט שאַפען א גאַנץ אָריגינעלעס ווערק און אַ מוזיקאַ־לישע פאַנטאַזיע אויף געטהע׳ס פּאָעזיען. ער האָט געוואָלט פאָר־שטעלען, אַזוי ווי פאוסט, מאַרגאַריטע, מיניאָן, דער וואַלד־קעניג א. ז. וו. טראָגען זיך פאַר דעם פּאָעט׳ס אויגען. אָבער ביז יעצט האָט מען נאָך דיזע קאָמפּאָזיציאָנען ניט געשפּיעלט. מעיערבעער האָט זיך ענטזאַגט איהר איבערצוגעבען דעם דירעקטאָר פון אָדעאָן טהע־אַטער, וואו מען האָט אויפגעפיהרט „געטהע׳ס יוגענד“. זי איז פערבליבען צוזאמען מיט דער אָפּערע „יהודית“ און איינינע ניט געענדיגטע קאָמפּאָזיציאָנען צווישען די דאָקומענטען, וואָס מעיער־בעער האָט איבערגעלאָזען.

אין 1863 האָט מעיערבעער ענדליך אָנגעפאַנגען צו מאַכען פּאָרבערייטונגען צו שטעלען „די אפריקאַנערין“, אויף וועלכע ער האָט פיעל מעהר געאַרבייט ווי אויף אירגענד וועלכע פון זיינע גרעסטע ווערק. מיר ווייסען שוין, אז דיזע אָפּערע איז פערצויגען געוואָרען יאָהרען לאַנג. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געוואָלט שאַפען אַן אָפּערע, וואָס זאָל נאָך איבערטרעפען „די הוגענאָטען“; אָבער די קרעפטיגע מוזע מיט דער יוגענדליכער בעגייסטערונג האָט איהם שוין לאַנג פערלאָזען, און ער האָט געמוזט אָפט ענדערן און איבער־ענדערן די אריעס. עס איז בעוואוסט, אז ער האָט געאַרבייט מיט גרויס חשק און פריידע צו שענקען דער וועלט אַן אָפּערע, וואָס זאָל בלייבען זיין קרוינונגס־ווערק; אָבער ער האָט ניט דערלעבט איהר אַליין צו שטעלען. וויסענדיג גאַנץ גוט, אַז נאָך א גרויסע אָפּערע וועט ער שוין ניט זיין אים שטאַנד צו שאַפען אויף דער עלטער, ווען ער איז נאָך דערצו אָפט קראַנק געוואָרען, האָט ער געוואָלט

אויפפיהרען „די אפריקאנערין“ מיט דעם גרעסטען גלאַנץ. כמעט א גאנצען יאָהר האָט ער געזוכט פּאַסענדע ארטיסטען. ווען ער האָט אזעלכע געפונען, און מען האָט שוין אָנגעפאַנגען צו שטודירען און רעפּעטירען די אָפּערע, האָט ער איהר געשאָנקען זיין צווייטען פאטערלאנד צום אנדענקען. „די אפריקאַנערין“ איז אזוי געוואָרען דאָס אייגענטהום פון פראנצויזישען פאָלק.

זיין טויט און גלענצענדע טרויער־פּראָצעסיאָן אין פּאַריז און בערלין.

נאָך אין רעכטען מיטען פון די לעצטע רעפּעטיציעס איז ער אזוי קראַנק געוואָרען, אז די דאָקטוירים האָבען באַלד אויפגעגעבען די האָפנונג אויף זיין ערהאָלונג. ער איז אויסגעגאַנגען ווי א ליכט; אָבער אפילו א פּאָר טעג פאַר'ן טויט האָט ער נאָך דערצעהלט, וואָס פּאַר מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען ער וועט אויספיהרען, ווען ער וועט געזונד ווערען. די דאָקטוירים האָבען איהם אויפגעמונטערט און געטרייסט מיט האָפנונגען, אָבוואָהל זיי האָבען גוט געוואוסט, אז זיינע שטונדען זיינען געצעהלטע. כמעט ביז דער לעצטער מינוט איז ער געבליבען ביי'ן פולען פערשטאַנד. דעם 2טען מאַי, 1864, האָט ער פערלאָזען די וועלט, וועלכע ער האָט בעצויבערט מיט זיין מוזיק. טראָץ זיינע פיזישע שוואַכקייטען, אָפטע קראַנקהייטען און שטענדיגע אויפרעגונג, האָט ער דערלעבט ביז אַן אַלטער פון 73 יאָהר. לעבען זיין טויטענבעט האָט ער איבערגעלאָזען א בריעף, אין וועלכען ער האָט געבעטען, אז זיין קערפּער זאָל בלייבען ליגען פיער טעג ביז די בעערדיגונג, ווייל ער האָט זעהר מורא געהאַט, טאָמער וועט מען איהם גאַר בעגראָבען לעבעדיגערהייט. זיין לעצטען ווילען האָט מען הייליג אויסגעפיהרט, און די איינוואָהנער פון פּאַריז האָבען געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען דעם אויסגעצעהרטען גוף פון דעם אונשטערבליכען קאָמפּאָזיטאָר. מאַסען מענשען זיינען געקומען אָבגעבען דעם לעצטען כבוד זייער געליעבטען אָפּערען־קעניג.

א הערליכע לויה האָט מען געמאַכט אין פּאַריז. דער בּרייטער און פּראַכטפאָלער בולוואַר שאַן־זעליזע (עליסעער פעלדער) איז פערנומען געוואָרען פון דעפּוטאַציאָנען פון קאָנסערוואַטאָריעס, טהעאַטערס, מוזיקאַלישע געזעלשאַפטען, און ריעזיגע מאַסען האָבען פערנומען די טראָטוארען פון אַלע גאַסען, דורך וועלכע די טרויער־פּראָצעסיאָן האָט זיך געצויגען ביז דעם נאָרד־וואָקזאַל, פון וואַנען

מען האָט דעם קערפּער אָבגעפיהרט נאָך בערלין, ווייל מעיערבעער האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל איהם בעערדיגען לעבען דעם קבר פון זיין געליעבטער מוטער. דער טרויער-וואָגען איז געווען בעציערט מיט שטערען און אָרדענס, וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געקראָגען פון אלע מלכים אין דער ציוויליזירטער וועלט. עטליכע קארעטען פול מיט די טהייערסטע בלומען האָבען זיך געצויגען נאָך דעם טרויער-וואָגען.

פאָראויס איז געגאנגען דער גראנד-ראבינער פון פאריז מיט מיטגליעדער פון דער אידישער קאָנסיסטאָריע. נאָך דעם טרויער-וואָגען האָבען געפאָלגט דעפּוטאציאָנען מיט זייערע פלאגען, קינסטלער, שריפטשטעלער, א מאסע פערעהרער און מיליטער מיט אָרקעסטערס, וועלכע האָבען געשפּיעלט די מאַרשען פון מעיערבעער'ס אָפּערעס. אין איין אָרט פון די גרויסע פאריזער בולווארען איז צוגעקומען א דעפּוטאציאָן פון דאמען און האָט ארויפגעלייגט אויף'ן ארון בלומענקראנצען. דער ריעזיגער וואָקזאל איז געווען בעצויגען אין טרויער. אין מיטען פון דעם גרויסען זאאל איז אויפגעשטעלט געוואָרען א מזבח מיט א ברענענדען פאקעל. די ווענד זיינען געווען בעציערט מיט שילדען, אויף וועלכע עס זיינען אָנגעשריעבען געווען די נעמען פון מעיערבעער'ס ווערק. ארום דעם מזבח זיינען אויפגעבויט געוואָרען טריבונען מיט פּלעצער פאר די העכסטע בעאמטע פון שטאָדט, פאר מיניסטערס, סענאטאָרען, דעפּוטאטען און די נעהנטסטע פריינד פון דעם קאָמפּאָזיטאָר, דארונטער אויך זיין פרוי און טעכטער. נאָך תפילות אין העברעאיש און פראנצויזיש האָבען פערטרעטער פון דער רעגיערונג און אקאדעמיעס געהאלטען ריהרענדע רעדעס. דער הויפּטרעדנער איז געווען דער מיניסטער און אקאדעמיקער עמיל אָליוויע.

„די פראנצויזישע נאציאָן בעוויינט דאָ איהר אָנגענומענעם זוהן, מיט וועלכען זי האָט זיך אזוי פיעל יאָהרען געפרעהט," האָט ער געזאָגט. „לאָמיר פון גאנצען הארצען בענשען די בעגייסטערטע מענשען, וועלכע פערטיעפען זיך אין זייער קונסט און טראָגען זיך אוועק אין די העכסטע קרייזען, פון וואנען זיי שיקען אראָב ליעדער

פון פריעדען און טרייסט אין דער צייט, ווען מיר מאַכען דורך אַ ביטערען קאמפף פאר עקזיסטענץ. ניט נאָר בעגיסען זיי אונזער אָבגעמאַטערטען גייסט מיט ערפרישענדע טוי, זאָנדערן דיענען אויך אַלס פערמיטלער צווישען נאַציאָנען. אינטערעסען צוטהיילען פעל־קער, פערעהרונג פון זשעניען פעראייניגט זיי. פּראָפעטישע מעלאָ־דיען זאָגען פאָראויס דעם זיעג פון מענשליכקייט..."

ווען דער קערפּער פון דעם אונשטערבליכען קאָמפּאָזיטאָר איז געבראַכט געוואָרען אין בערלין, האָבען מאַסען מענשען בעלאַגערט דעם וואָקזאַל. בערלין האָט ניט געוואָלט אָבשטיין פון פּאַריז אין אָבגעבען כבוד דעם אָפּערן־קעניג, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין איהר שוים. די בעערדיגונגס־צערעמאָניעס זיינען דארום אויסגע־פיהרט געוואָרען מיט גרויסע פּאַראַדען און לוקסוס. פון גאַנץ דייטשלאַנד זיינען געקומען דעפּוטאַציאָנען פון אַלערליי מוזיקאַלישע געזעלשאַפטען. צווישען די פערעהרער אין דער טרויער־פּראָצעסיאָן זיינען אויך געווען מיטגליעדער פון דער קעניגליכער פאמיליע און געזאַנדטע פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער. ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג האָבען זיינע ביטערסטע דייטשע קריטיקער געמוזט שוויי־גען. יעצט האָבען זיי שוין קיין אינטערעס געהאַט איהם צו בע־קעמפּפען און פיעלע פון זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דעם כאָר פון לויבגעזאַנגען אין אַלע לענדער, וואו זיינע אָפּערעס זיינען נאָר גע־שפּיעלט געוואָרען.

אַ קורצע צייט נאָך דער בעערדיגונג האָט מען צו מעיערבעער׳ס עהרע אראנזשירט אַ גרויסאַרטיגען קאָנצערט מיט לעבעדיגע ביל־דער פון אַלע העלדען און העלדינען פון זיינע אָפּערעס. אין מיטען פון דער סצענע איז געשטאַנען זיין ביוסט מיט קראַנצען פון לאָרי־בער־בלעטער. אין פיעלע שטעדט, אויסער פּאַריז, בערלין און מיי־לאַן, האָט מען געמאַכט עקסטרא פּאָרשטעלונגען צו זיין אנדענקען.

13.

„די אפרעקאַנערין“.

ערשט אַ יאָהר נאָך זיין טויט האָט מען אין פּאריז אויפגעפיהרט „די אפריקאַנערין“. זי האָט געהאַט אזא ריעזיגען ערפאָלג, ווי די „הוגענאָטען“ און „דער פּראָפעט“. ניט נאָר אין פראַנקרייך און איטאַליען האָט זי גענומען דעם עולם, זאָנדערן אויך אין דייטשלאַנד און ענגלאַנד. אין א קורצע צייט האָט זי געמאַכט אַ רייזע איבער דער וועלט מיט א זעלטענעם טריאומף.

מעיערבעער האָט ניט געקענט ערוואַרטען אַ גלענצענדערן ערפאָלג פאר זיין לעצטע אָפּערע, וועלכע ער האָט זיך געקליבען צו ענדיגען אין פערלויף פון אונגעפעהר צוואַנציג יאָהר. ווידער האָט זיך זיין מוזיקאַלישער זשעניע פערבונדען מיט סקריב׳ס האַלב־היסטאָרישע, האַלב־פאַנטאַסטישע, אָבער שטענדיג דראַמאַטישע און לעבהאַפטע ליברעטאָס. דער היסטאָרישער פאַקט פון „דער אפריקאַנערין“ איז די רייזע פון דעם פּאָרטוגעזער ים־פאָהרער וואסקא־דע־גאמא צו ענטדעקען א וועג נאָך אינדיען. ווי בעקאַנט, האָט ער דיזען וועג ענטדעקט ארומפאָהרענדיג גאַנץ אפריקא אין 1598. אָבער אַלע אנדערע איינצעלהייטען אין סקריב׳ס ליברעטאָ האָבען גאָר ניט צו טהאָן מיט דער געשיכטע. עס איז א פאַנטאַסטישער ראָמאַן. סעליקאַ, אַ קעניגין פון אַן אינזעל לעבען אינדיען, שטעלט עס פאָר די אַפריקאַנערין. צוזאמען מיט נעלוסקא, איהרען אַן אונטערטהאַן, וועלכער ליעבט זי מיט א ווילדע ליידענשאַפט, ווערט זי אויף אַן אונבעקאַנטען אופן פערשלעפט נאָך אפריקא, וואו זיי פאַלען אַריין אין וואסקאָ־דע־גאמאס הענד אַלס שקלאַווען. אזוי ווי זיי זיינען גאָר ניט ענליך צו די נעגערן, זאָ דענקט דער פּאָרטוגעזער ים־פאָהרער, אז זיי קומען פון אינדיען. דאָס פערשטאַרקט זיין גלויבען, אז מען קען צוקומען צו אינדיען מיט אַ שיף אויף א גאַנץ אַנדערן וועג ווי קאָלאָמבוס האָט געפּלאַנעוועט, ווען ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער דעם אטלאַנטישען אָקעאַן און האָט אין מיטען וועג זיך אָנגעשטויסען אויף א נייע וועלט — אמעריקא.

וואסקא־דע־גאמא קומט דאן צוריק נאך ליסאבאן מיט זיינע צווייטע זאנדערבארע שקלאווען פון אן אונבעקאנטע לאנד און ווענדעט זיך צו דער רעגיערונג מיט א ביטע מען זאל איהם געבען שיפען פאר זיין געוואגטע רייזע; נאר אנשטאט שיפען קריגט ער א פלאץ אין די פינסטערע קעלערען פון דער אינקוויזיציאן, וועלכע ערקלערט זיין פלאן פאר א גאטלאזען, א טייוועלשען. מען שפארט איהם איין צוזאמען מיט זיין פאאר שקלאווען. דערביי ציינט זיך ארויס, אז די אפריקאנערין סעליקא איז שטערבליך פערליעבט אין איהר הערר, וועלכער ליעבט גאר די שעהנע אינעסע, די טאכטער פון א פארטוגעזער אדעליגען.

אין דער צייט, ווען ער האט געמאכט זיינע רייזען אין אפריקא, האט מען אין פארטוגאל פערשפרייט א קלאנג, אז ער איז אומגעקומען און זיין שיף איז געזונקען. דארום האט אינעסע'ס פאטער ביי איהר גע'פועל'ט, אז זי זאל חתונה האבען מיט א געוויסען דאן פעדרא. אבער זי האט איהם אזוי ליעב, אז זי ווענדעט אן אלע איהרע קרעפטען איהם ארויסצורייסען פון דער אינקוויזיציאן. דאס געלינגט איהר ענדליך און זי געהט אוועק צוזאמען מיט איהר מאן אין דער תפיסה, וואו וואסקא־דע־גאמא שמאכטעט, אום איהם אנצוזאגען די פרעהליכע בשורה. ווען זי דערזעהט די שווארץ־חן'עודיגע סעליקא, ווערט זי אייפערזיכטיג; נאר וואסקא־דע־גאמא שענקט איהר זיין פאאר שקלאווען, אום איהר צו בערוהיגען. אין דער זעלבער צייט דערוויסט ער זיך, צו זיין גרעסטער פערצווייפלונג, אז זיין אינעסע איז שוין א פערהייראטהע פרוי.

איהר מאן בענוצט זיך דערווייל צו קריגען וואסקא־דע־גאמא'ס פלענער און קארטען, און אזוי ווי ער האט א גרויסען איינפלוס אין קעניגליכען הויף, קריגט ער דריי שיפען און אן ערלויבניס צו זוכען א וועג נאך אינדיען. ער נעהמט מיט זיין פרוי און די געשאנקענע פאאר שקלאווען אין וועג. נאר נעלוסקא, וועלכער פיהרט די שיפען, ווייל ער ווייס דעם וועג, זוכט נאר אומצוברענגען די אייראפעער, אום סעליקא זאל פערגעסען אן איהר געליעבטען. ער קירעוועט אזוי די שיפען, אז צוויי פון זיי געהען אונטער ניט

ווייט פון די ברעגעס פון זיין פאטערלאנד. די איבערגעבליבענע דריטע שיף בעשליסט ער צו פיהרען צו זיין היימאטה, אום זי זאָל אונטערגעהן ניט ווייט פון א שטורמדיגען אָרט, וואו עס וועט איהם ניט שווער זיין צו רעטען זיך און זיין געליעבטע סעליקא.

אָבער אין דער מינוט, ווען די שיף נעהנטערט זיך צום גע־פעהרליכען אָרט און נעלוסקא מיינט שוין, אז אַט איז ער בע־פרייט פון די איירא‌פּעער און וועט בלייבען מיט זיין סעליקא, בע־ווייזט זיך פּלוצלונג וואסקאָ־דע־גאמא׳ס שיף. ווי נאָר ער איז בעפרייט געוואָרען פון דער אינקוויזיציאָן, האָט ער אויספערקויפט זיין גאנצען פערמעגען און אויף אייגענע הוצאות איינגעריכטעט א שיף, מיט וועלכער ער איז אָבגעפאָהרען שנעל, אום איבערצויאָגען זיין געמיינעם געגנער. דאָך, ווען ער דערזעהט, אז דאָן פעדראָ׳ס שיף איז אין געפאהר צושלאָגען צו ווערען אָן די שטיינער אונטער׳ן וואסער אין דעם שטורמדיגען אָרט, וואוהין נעלוסקא פיהרט איהר, לאָזט ער זיין שיף שנעלער, אום אָנצוזאָגען זיין געגנער וועגען די געפאהר; אָבער עס געלינגט איהם ניט צוצוקומען אין צייט, און די שיף קריכט ארויף אויף א שטיין. אין דער זעלבער מינוט כאפען זיך ארויף א סך אינדוסען אויף ביידע שיפען און פאנגען אלע איירא‌פּעער.

ווען זיי דערקענען זייער קעניגין סעליקא, ווערען זיי מלא שמחה. אום צו רעטען וואסקאָ־דע־גאמא, ערקלעהרט זי איהם פאַר איהר מאַן. גראדע ווען מען פראוועט אין איהר פּאלאַץ די חתונה צערעמאָניע, דערהערט וואסקאָ־דע־גאמא טרויעריגע טענער. דאָס זינגט אינעסע, וועלכע איז פעראורטהיילט געוואָרען פון די בראַמי־נען פאר א קרבן צו די געטער. ער ווערט פערצווייפעלט, זיין ליעבע צו אינעסען ווערט אויפגעפלאַמט, און סעליקא, וועלכע בע־מערקט עס, ווערט מיט א מאָל אזוי גוטהערציג, אז זי אָפּפערט אויף איהר אייגענע ליעבע און הייסט בעפרייען אינעסען. אַנ־פאנגס וויל זי נעהמען בלוטיגע ראכע פון וואסקאָ־דע־גאמא, אָבער שליסליך הייסט זי איהר טרייען נעלוסקא אוועקפיהרען דעם פאַר־טוגעזער קאפּיטאַן מיט אינעסע׳ן, וועמעס מאַן איז געטויטעט גע־

וואָרען פון די אינדוסען, אויף א שיף, אז זיי זאָלען קענען צוריקפאָהרען נאָך זייער פאטערלאנד. נאַטירליך, נעלוסקא טהוט עס מיט דער גרעסטער פרייד, האָפענדיג, אז יעצט וועט סעליקא געהערען צו איהם; אָבער ער האָט א ביטערען טעות. זי פיהלט זיך אזוי נידערשלאָגען, איז אין אַזאַ פערצווייפלונג, אז זי זעצט זיך אונטער א גיפטיגען בוים אויף א באַרג, פון וועלכען זי קען זעהען די אָפּפאָהרענדע שיף, און אָטהעמט דעם גיפטיגען גערוך פון בוים, ביז זי פאַלט טויט גראדע אין דער מינוט, ווען פון דער שיף הערט זיך א קאַנאָנען־שיסעריי אלס צייכען, דאָס מען איז ארויס פון פאָרט.

אָט דאָס איז דער מעלאָדראמאַטישער אינהאַלט פון מעיערבעער'ס לעצטע אָפּערע. סקריב איז געצוואונגען געווען אזוי פיעל מאָל צו ענדערען די ליברעטאָ, אז פיעלע ערטער קלעפען זיך אפילו ניט. די סצענישע עפעקטען, די גלענצענדע מוזיק און בעזאָנדערס אייניגע מערקווירדיג פיינע און ריהרענדע אריען האָבען פערדעקט און פערדעקען נאָך ביז יעצט פיעלע חסרונות פון „דער אפריקאנערין". דארום האָט דיזע אָפּערע שטענדיג אַן ערפאָלג, ווען און וואו מען שפּיעלט איהר. זי איז אָנפאַנגס געווען אזוי לאַנג, אז מען האָט איהר ניט געקענט ענדיגען שנעלער ווי אין זעקס שטונדען צייט. מען האָט איהר דארום געמוזט פערקירצען און אויפפיהרען אין דער פאָרמע ווי מען קען עס יעצט זעהען אין א גוטען אָפערנטהעאַטער. אָבער צוליעב דעם האָט זי פערלאָרען א סך אין דעם צוזאמענהאַנג פון איהרע טהיילען, וועלכע זיינען אַזוי אויך געווען שוואַך צוזאמענגעפלאָכטען.

דער פאַקט, אז „די אפריקאַנערין" ציהט נאָך יעצט א גרויסען פובליקום, בעווייזט אם בעסטען, וואָס פאר א קראַפט מעיערבעער האָט געהאַט אין דראמאַטישע מוזיק און וואָס פאר א גרויסער מייסטער ער איז געווען אין אָפּערעם.

.14

מעיערבעער אלס מענש און אלס קאמפאזיטאר.

צום שלום וועלען מיר זאגען א פּאאר ווערטער וועגען זיין צואה, ווייל זי צייגט, אז דער געניאלער קאמפּאזיטאר איז אויך געווען אן ערדלער מענש. זיין פערמעגען איז ניט געווען אזוי גרויס, ווי מען האט עס גערעכענט, ווייל זיינע אפּפערעס האבען איהם געקאסט א סך געלד און זיין פאמיליע האט געלעבט זעהר רייך. דאך האט ער איבערגעלאזען 10.000 טהאלער אלס א פאנד פאר יונגע קאמפּאזיטארען צו בעזוכען איטאליען. פאר די ליעבהאבער פון דראמאטישע קונסט אין פּאריז און פאר די פּאריזער מוזיקאלישע געזעלשאפט האט ער אבגעזאגט צו 10.000 טהאלער. פיעלע האספיטאלען און וואהלטהעטיגע אנשטאלטען האט ער געשאנקען צו 1000 און 500 טהאלער. ביי'ן לעבען האט ער ניט איינמאל געהאלפען ארימע ארטיסטען און שרייבערס. אויף זיך זעלבסט האט ער געזשאלעוועט, און פיעלע האבען איהם דארום געהאלטען פאר א קארגען; אבער ער האט זיך קיינמאל ניט אבגעזאגט צו העלפען נויטבעדירפטיגע, בעזאנדערס פּאעטען.

ווען מען פלעגט איהם פרעגען, ווארום ער האלט ניט א קארעטע פאר זיך און קימערט זיך אפילו ניט וואס זיין פּאלטא איז אויסגעטראגען, פלעגט ער ענטפערן: „פריהער פאר אלץ בין איך אן ארטיסט און בין אויף שטאלץ, וואס נאך אלס 7-יעהריגער אינגעל וואלט איך געקענט זיך ערנעהרען מיט מיין קונסט. אין בערלין האב איך א וואהנונג נאך מיין פערמעגען און דא וויל איך ניט איבערגלענצען מיינע ארימע קאלעגען דורך שפּיעלען די ראליע פון א גביר.“

ווי ווייט ער איז אין גאנצען געווען אבגעגעבען צו מוזיק, קען מען זעהן פון פאלגענדע ווערטער פון היינריך היינע:

„די ליעבע צו קונסט איז געווארען אזא ליידענשאפטליכע ביי אונזער גרויסען מאעסטרא, אז זיינע פערעהרער האבען מורא פאר זיין געזונד. צו דיזען קאמפּאזיטאר איז ווירקליך צוגעפּאסט די

אריענטאַלישע מעשה וועגען די וואַקסענע ליכט, וואָס געהט אַליין אויס, ווען זי שיינט פאַר אַנדערע. ער איז אָבער דער ביטערסטער פיינד פון פאַלשע קלאַנגען, געראויש, געוואַלדען. מען דערצעהלט זעהר קאָמישע געשיכטען וועגען זיין האַס צו קעץ און זייערע קאָנצער־טען. ווען א קאַץ וואָלט נור אריינגעקומען אין זיין וואָהנונג, וואָלט ער אַנטלאָפען אָדער געפאַלען אין אונמאַכט. איך בין זיכער, אַז מעיערבעער וואָלט זיך מקריב געווען פאַר א מוזיקאַלישע נאָטע, ווען מען וואָלט עס דאַרפען, גראַדע ווי אַנדערע פאַר זייער רעליגיאָן. איך דענק נאָך, אַז ווען ביי דעם לעצטען געריכט אין הימעל וואָלט א מלאך דערלאַנגט א פאַלשען טרומייטער, וואָלט מעיערבעער גע־בליבען ליגען אין זיין קבר און ניט אויפגעשטאַנען צו תחית המתים.“

וועגען זיין מוזיק קען מען אין אַלגעמיין זאָגען, אַז זי געהערט ניט צו קיין שולע און צו קיין נאַציאָן. זי איז דער פּראָדוקט פון אַן אַלוועלטליכען זשעניע מיט אַלע איהרע מעלות און חסרונות. ער וואָלט פיעלייכט געבליבען א דייטשער קאָמפּאָזיטאָר, ווי ער האָט עס אָנגעפאַנגען, ווען ער וואָלט ניט עטליכע מאָל פעריאָגט געוואָ־רען פון זיין פאַטערלאַנד דורך די ביטערע אטאַקעס פון די קריטי־קער. די פראַנצויזען רעכענען איהם פאַר זייער קאָמפּאָזיטאָר און שטאָלצירען מיט איהם. געוויסער מאָסען האָבען זיי רעכט, דען נאָר אין פראַנקרייך, וואָס איז געוואָרען זיין צווייטעס פאַטערלאַנד, און אונטער דעם איינפלוס פון פראַנצויזישע מוזיק, קונסט און לעבען האָט ער אין פולסטען גלאַנץ ארויסגעוויזען זיין טאַלאַנט; אָבער זיין ערציהונג איז דאָך געווען א דייטשע און ער האָט לאַנג געלעבט און געשטודירט אין איטאַליען, שוין ניט ריידענדיג פון דעם, דאָס אין זיינע אָדערן האָט געפלאָסען אידישע בלוט.

פיעלע פון זיינע געגנער, בעזאָנדערס ריכאַרד וואַגנער, וועלכער איז זיכער געווען א גרויסער קאָמפּאָזיטאָר, אָבער אויך א זעהר מיאוס׳ער כאַראַקטער, האָבען איהם געזוכט אויך צו ערנידריגען דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין זיינע אָפּערעס אידישע מוזיק. ווען דאָס וואָלט געווען אמת, וואָלט זיך מעיערבעער גאָר

ניט גערארפט שעהמען מיט אידישע מוזיק. שעהמען האָט זיך גערארפט דער אנטיסעמיטישער וואגנער, דען אין דער צייט, ווען ער האָט זיך גענויטיגט אין מעיערבעער׳ס אונטערשטיצונג, האָט ער צו איהם געשריעבען: „האָכגעשעצטער מאעסטראָ“ און האָט מיט גרויס דאנקבארקייט גענומען ביי איהם די רעקאָמענדאציאָנען, און נאכהער, ווען ער איז געוואָרען אונאבהענגיג, האָט ער איהם אויף דער נידריגסטער ארט אויסגעזידעלט אין זיין אנטיסעמיטישען בי־כעל: „דאָס יודענטהום אין מוזיק“. ער האָט עס אויך געטהאָן ווי א פייגלינג, דען ער האָט מורא געהאט צו דערמאָנען מעיער־בעער׳ס נאָמען.

מיר ווען ענדיגען מיט די ווערטער פון אנטאָן רובינשטיין, דעם גענויאלען אידישען קאָמפּאָזיטאָר אין רוסלאנד:

„מעיערבעער איז געוואָרען א טיפּ פון דער גרויסער פראנצוי־שער אָפּערע. דיזער קאָמפּאָזיטאָר איז צו פיעל אויפגעהויבען גע־וואָרען ביז׳ן הימעל אין פראנקרייך און צו פיעל ערנידריגט געוואָרען פון ערנסטע קריטיקער אין דייטשלאנד. עס איז אמת, ער איז ניט אָהן פעהלערען אין זיין קונסט; אָבער פיעלע מוזיקאנטען, וואָס טרעטען ארויס געגען איהם, וואָלטען זעהר צופריעדען געווען, ווען ייי וואָלטען אין שטאנד געווען איהם נאָכצומאכען.“

ע נ ד ע.

קאטאלאג

פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

פיליפּ קראַנץ,	קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונ־דען, פּרייז יעדער באַנד	פּרייז. 75 ס.
" "	דיא געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 3 טהיילען אין איין באַנד, שיין געבונ־דען	75 "
" "	יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים	15 "
" "	אַריסטאָטעל, זיין ביאָגראַפיע	10 "
" "	וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?	10 "
י. גארדין,	גאָט, מענש און טייוועל, דראַמע אין 4 אַקטען	25 "
" "	וואָלטער, זיין ביאָגראַפיע	10 "
דר. קאספּע,	מעכאַניקע, נאָך סיר אייזאַק ניוטאָן	10 "
" "	אַסטראָנאָמיע " " "	15 "
" "	אָנפאַנג פון כעמיע	15 "

פרייז.

מ. באראנאוו, דער מענש און דיא נאטור.........10 „

ל. טאלסטאי, פּאַטריאָטיזמוס און רעגירונג, 05 „

„ „ דער איינציגער מיטעל...........05 „

ביידע בראָשורען איבערזעצט פון מ. קאטץ.

מאקסים גארקי, ערציילונגען, איבערזעצט פון

ח. אַלעקסאַנדראָוו........................15 „

ח. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאָגראַפיע 10 „

ב. פייגענבוים, רמב״ם, זיין ביאָגראַפיע.............10 „

מ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראַפיע...10 „

מ. פרומקין, ר׳ ישראל בעל שם טוב,

זיין ביאָגראַפיע............................10 „

מאררים ראזענפעלד, געזאַמעלטע ליעדער

פון מאָררים ראָזענפעלד, 337 זייטען, אילוס-

טרירט, שעהן געבונדען, פרייז.. ....$1.00

פיליפ קראַנץ, אַמעריקאַ פאַר קאָלומבוס,

א קולטורגעשיכטליכע נאכפארשונג,

169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, שיין

געבונדען, פרייז...............50 ס.

פּ. וויערניק, דער ווילנער גאון, זיין ביאָגראַפיע 10 „

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאָהן,

זיין ביאָגראַפיע.. .... 15 „

...יליפ קראַנץ, ברוך ספינאָזאַ, זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע.................15ס.

" " **שבתי צבי, זיין ביאָגראַפיע.....15 "**

" " **יאזעפוס פלאוויוס, זיין ביאָגראַפיע 15 "**

" " **בר־כוכבא, זיין ביאָגראַפיע......15 "**

" " **לעססינג און מענדעלססאָהן,** זייער לעבען, שריפטען און טהעטיג־קייט. 185 זייטען.................25 "

מאררים ראזענפעלד, היינריך היינע, זיין ביאגראפיע, 85 זייטען..........15 "

דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענדער, 546 זייטען, פרייז יעדער באנד....50 "

" " **זרבבל, ערצעהלונג..........05 "**

דר. ש. פעסקין, סטרייקס און זייער ניצ־ליכקייט פיר דיא ארבייטער..05 "

צו אדרעססירען:

The International Library Pub. Co.,
23 Duane St., New York, U. S. A.